This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31-528

סאָוועטיש

4 1983

היימלאנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כּודעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון ססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“

מאָסקווע

4

אַפּריל

1983

אינהאַלט

אלעקסאנדער טשאקאָווסקי. די ליטעראטור און דער גוירל פונעם שאָלעם 3
בוזי מילער. נײַע דערציילונגען 9
צום 40־טן יאָרטאָג פונעם אופשטאנד אין ווארשעווער געטאָ. איציק פעפער. שאָטנס פון ווארשעווער געטאָ 22
הערשל פּאָליאנקער. דער גוירל פון א קינסטלער (ראָמאן. פאָרזעצונג) 30
באָריס סאנדלער. צוועלף כאדאָשים פון א גאנץ יאָר (דערציילונג) 52
הירש רעלעס. צוויי דיכטער 59
מוישע פענס. וויאַזוי הערשעלע האָט געפירט די מאָדע אין באָד ארײַן (דערציילונג) 61
אונדזער קאָסמאָס־ווינקל. יורי דאָקוטשײַעוו. באָריס וואָלינאָוו — דער באצווינגער פון מוסטאנגען . 68
געפינענע מאנוסקריפּטן. מירע כענקין. אין פּעטליורעס קרוינשטאָט (ראָמאן. פאָרזעצונג) 76
לעוו בערינסקי. די וועלט, אין וועלכער עס לעבט מײַן סוועטלאנע (לידער) 93
נאטאן זאבארע. רעפלעקסן פון א רײַזע . . . 98
מאָטל טאלאלאיעווסקי. זײַן בארוף 103
מאָטל גרוביאן. אין דאָנעצק. לאָמיר גיין נאָכן פּאָדעם 106
זיכרוינעס. כאַים טאמארקין. דורך יאָרן און געשעענישן (פאָרזעצונג) 115

ליטעראטור־קריטיק ביבליאָגראפיע. פראגן פון קונסט

מוישע מארגאָלין. „די געשיכטע פון א ליבע" — אן אָנזאָג פון א ראָמאנטישן שטראָם אין נאָטע לוריעס שאפונג 125
וו. טשערנין. די ביבלישע לענדער אין דער שטיין־טקופע 130
אונדזערע מיטיילונגען. ייִסראָעל קאָוועלמאן. די קינסטלערישע אויספאָרמירונג פון ספּעקטאקלען מיט ייִדישע סוזשעטן 132
אפן קינאָ־עקראן. באָריס שיינין, מאריִע סעמענצאָווא. דער זיקאָרן פונעם עקראן 141
צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאגע. ג. פּאָקראָווסקי. די קאָסמאָנאווטיק און די בילדערישע קונסט 147
עטנאָגראפיע. פ. קאליקא, י. יושוואיעוו. בארגיִדן 149
בלעטערנדיק זשורנאלן און צײַטונגען. ס'האָט זיך געטאָן אף טיש און אף בענק 156
עס ווערט פאָרגעזעצט דער שמועס, וואָס „סאָוועטיש הײמלאנד" האָט אָנגעהויבן. לעשעם פינקטלעכקײַט . 160
די פּאָטשט פון „סאָוועטיש היימלאנד". דער זיקאָרן זאָגט אונטער 163
פאר די, וואָס לערנען ייִדיש 171
מאטעריאלן פאר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור 170
כראָניק 140, 162
רעזומע לויט די מאטעריאלן פונעם נומער (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר),
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער,
ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער,
י. שוסטער (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), י. שרייבמאַן

אלעקסאנדער טשאקאָווסקי

די ליטעראַטור און דער גורל פונעם שאָלעם

ניט לאַנג צוריק האָב איך, צוזאַמען מיט אַנדערע סאָוועטישע שרייַבער, באַזוכט די אַלטע מיירעוו-דייַטשישע שטאָט קעלן און אַרויסגעטראָטן מיט אַ פאָרטראַג אויפן צווישנפעלקערלעכן קאָנגרעס „אינטערנאַציאָנאַלע ליטעראַטור—82“, וועלכער האָט דאָרט אָפּגעהאַלטן זייַנע זיצונגען. דער טאָג-סיידער, וואָס איז פאָרגעלייגט געוואָרן מיצאַד די אָנטיילנעמער פונעם קאָנגרעס (און אָנטיילנעמער זייַנען געווען מער פון צוויי הונדערט — פון 48 לענדער פון דער וועלט), איז פאָרמולירט געוואָרן אַזוי: „די הייַנטצייַטיקע שרייַבער און זייער בייַטראָג אינעם שאָלעם; די גרענעצן און די מעגלעכקייַטן פונעם שאָלעם“. שוין אין דער פאָרמולירונג גופא האָט זיך געפילט, קאָן מען זאָגן, אַ געוויסער סקעפּסיס, און צווישן די ליטעראַטן פון פינף קאָנטינענטן, וועלכע זייַנען געקומען אויפן קאָנגרעס, באַזונדערס אויף די ערשטע סטאַדיעס פון דער באַהאַנדלונג, זייַנען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבן טייקעף אַנטדעקט פאַר זיך דעם סקעפּסיס און אונטערגעהאַלטן אים. איך קאָן ניט זאָגן, אַז די צאָל סקעפּטיקער איז געווען זייער גרויס, אָבער סקעפּטיקער זייַנען געווען, און איך מיין אַפילו, אַז ניט דער גאַנג פונעם קאָנגרעס, ניט דער פאַקט, וואָס די אָפּטימיסטישע נאָטעס האָבן געהאַט אַן איבערוואָג, ניט דער לעצטער טאָג פונעם קאָנגרעס, ווען עס איז אָנגענומען געוואָרן דער „קעלנער מאַניפעסט“ — די ווענדונג צו דער עפנטלעכקייַט פון דער וועלט — האָבן ניט געקאָנט איבערצייַגן די סקעפּטיקער ביזן סאָף.

דער שווייצאַרישער געלערנטער זשאַן-זשאַק באַבעל האָט מיט דער הילף פון אַן עלעקטראָנישער צייל-מאַשין אויסגערעכנט, אַז בלויז פאַר די לעצטע 6.000 יאָר האָבן די מענטשן איבערגעלעבט 14.513 מילכאָמעס, אין וועלכע עס זייַנען אומגעקומען 3 מיליאַרד 640 מיליאָן מענטשן. אייניקע הייַנטיקע פּאָליטישע טוער פון אייראָפּע און אַמעריקע האָבן, אַפּאָנעם, פאַרלאָרן די פעיקייַט צו דענקען. וואָרעם אין קעגנפאַל וואָלטן פאַר די גלייַכגילטיקע אויגן פון די „טויט-בוכהאַלטערס“ אויסגעוואַקסן די שאָטנס פון אָט די מיליאַרדן מענטשן, וועלכע זייַנען אומגעקומען פון שווערדן, פון פייַער אָדער פון קוילן. עס קומט זיי אַפילו ניט אויפן זינען, אַז מיר אַלע לעבן אויף די קוואָרים פון אונדזערע ווייַטע אורפאָטערס און אַז יענע, וועלכע זייַנען געפאַלן אין איינער פון די מילכאָמעס, פרעגן אַן וואָרטער, אָבער מיט ווייטעק און פאָרוואורף: „אַד מאָסיי?! ביזוואַנען וועט איר, די הייַנטיקע, דערלויבן די באַרבאַרן, וועלכע לעכצן נאָך מילכאָמעס, ווידער מאָרדן און מיט די סאָלדאַטישע שטיוול טרעטן מענטשן? ביזוואַנען וועט איר דערלויבן, מע זאָל פאַרשלעפּערן אייַער וואַכזאַמקייַט מיטן שעקער וועגן „באַגרענעצטע“ מילכאָמעס? און וועלכע מילכאָמע קאָן בא דער הייַנטיקער מאָרד-טעכניק בלייַבן „באַגרענעצט“ און צי איז דעם מענטשן ניט אַלצייַנס, וויאַזוי עס וועט אָנגערופן ווערן די מילכאָמע, וואָס איך איר איז אים באַשערט אומצוקומען?“

אָט אין דעם באשטייט די פּראָבלעם, וועלכע איז אין דעם טאָג-סיידער פונעם קאָנגרעס „אינטערנאַציאָנאַלע ליטעראַטור—82" אָנגערופן געוואָרן מיטן נאָמען „גרענעצן און מעגלעכקייטן פון דער מילכאָמע" און וואָס זי קלינגט אויף דער געוויינלעכער מענטשלעכער שפּראַך אַזוי: וועלכע מעגלעכקייטן האָבן די קינסטלער, קעדיי מיטהעלפן, עס זאָל ניט דערלאָזט ווערן אַ נייַע מילכאָמע, אַ נוקלעאַרע מילכאָמע, וועלכע איז מעסוגל צו פירן דערצו, אַז די מענטשהייט זאָל מוזן דורכמאַכן אַ נייַע עוואָליוציע, אָנגעהויבן פון דער מאַלפּעס-סטאַדיע, אויב, פאַרשטייט זיך, די מאַלפּעס וועלן בלייַבן לעבן...

סקעפּטיקער האָבן אַ טעווע צו ענטפערן אויף אַ פראַגע מיט אַ פראַגע: צי האָט אין דער פאַרגאַנגענהייט זיך אַמאָל אייַנגעגעבן די שרייַבער, פילאָסאָפן, קינסטלער צו פאַרמייַדן כאָטש איין מילכאָמע? צי דען האָבן די רעגירונגען און אַרמייען זיך צוגעהערט צו די רייד פונעם פראַנצויז פענעלאָן, וואָס האָט נאָך מיט הונדערטער יאָרן צוריק געזאָגט, אַז אַ מילכאָמע איז אַזאַ בייז, וואָס מאַכט צו שאַנד דעם מענטשן-מין? צי האָט געווירקט אויף די רעגירונגען און אַרמייען דער אויסרוף פונעם רוימער טיבול „פונוואַנען נעמט זיך אַזאַ מעשוגאַס, ווי פאַרגיכערן דעם טויט דורך אַ מילכאָמע?" און צי דען איז אויסגעפּילט די צאַוואָע שוין פון אונדזער מיטצייַטלער פראַנקלין רוזוועלט, דעם אוטאָר פון פאָלגנדיקע ווערטער: „מילכאָמע איז אַן אָנשטעקנדיקע קרענק — איזאָלירט די אַגרעסאָרן!"

ווער עס פאַרזיכט, אַז די שרייַבער זייַנען אומבאַהאָלפן קעגן דער געפאַר פון אַ מילכאָמע, אַרגומענטירט עס אַזוי: צי דען זייַנען ערעוו דער צווייטער וועלט-מילכאָמע, וועלכע איז געווען די סאַמע אויסראָטנדיקע פון אַלע פריערדיקע, ניט געגאַנגען, די שרייַבער, די קונסט-טוער צוזאַמען מיט דער פאָלקס-באַוועגונג קעגן דער פאַשיסטישער אַגרעסיע, וואָס האָט זיך געגרייט? צי האָבן זיי ניט גערופן נייַע און נייַע קאָהאָרטעס מענטשן, זיי זאָלן זיך אַרייַנגיסן אינעם אַנטיפאַשיסטישן פראָנט, קעדיי צווינגען דעם אַגרעסאָר, ער זאָל פריער אַ טראַכט טאָן, איידער געבן דאָס וואָרט די האַרמאַטן? צי דען זייַנען אין יענע יאָרן געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט מאַקסים גאָרקי, ראָמען ראָלאַן, אַנרי באַרביוס, טאָמאַס און היינריך מאַן, ליאָן פויכטוואַנגער, מאַרטין אַנדערסען-נעקסע?

נו, פרעגט זיך, האָט זיך אייַנגעגעבן צו פאַרמייַדן די קאַטאַסטראָפע? אָפּשטעלן די היטלערישע אינוואַזיע? ניין, די מילכאָמע האָט אויסגעבראָכן. דערפון מאַכט מען דעם אויספיר: די שרייַבער זייַנען אָנמעכטיק צו לייזן די פּראָבלעמען פון מילכאָמע און פרידן. ניט זיי פירן אָן מיט די מעלוכעס, ניט זיי קאָמאַנדעווען מיט די אַרמייען, ניט זיי פּראָדוצירן באַוואָפענונג. וואָס פאַר אַ ראָליע שפּילן זיי אָבער יאָ? זיי שפּילן די ראָליע פון יענע, וואָס פאַרשילטן די שולדיקע, ווען אַ מילכאָמע ברעכט אויס, די ראָליע פון העספּיידים-זאָגער נאָך אירע קאָרבאָנעס. אָט דאָס זייַנען אונדזערע „גרענעצן", זאָגן אַזעלכע שרייַבער, און די דאָזיקע גרענעצן זייַנען מיר ניט בעקויעך אַריבערצוטרעטן...

יאָ, עמעס, די געשיכטע, אויב מע זאָל אויף איר קוקן אויבן-אויף, לערנט, קלוימערשט, אַז אַפילע געניאַלע ביכער האָבן ניט געקאָנט פאַרמייַדן אַ מילכאָמע. די צווייטע וועלט-מילכאָמע האָט פאַרשניטן צענדליקער מיליאָנען לעבנס. און עס האָט זיי ניט געקאָנט אָפּשטעלן ניט דער ראָמאַן „דאָס פייַער", ניט „אויפן מייַרעוו-פראָנט זייַנען ניטאָ קיין ענדערונגען", ניט „נאָך וועמען קלינגט דער גלאָק". די געשיכטע האָט זיך ניט גערעכנט מיט דער ליטעראַטור...

נאָך אַ קלענערן גרונט פאַר אָפּטימיזם פלאַנצט, קלוימערשט, אין אונדז די אַנטוויקלונג פון די וועלט-געשעענישן, אָנהייבנדיק פון דער צווייטער העלפט פון די 40-ער יאָרן. איך וועל ברענגען בלויז איין בייַשפּיל, גאָר אַ פרישן. אַנערעך מיט אַ יאָר צוריק האָט די „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" געווידמעט קימאַט אַ גאַנצע זייַט דער שאַפונג פונעם אָנגעזעענעם שרייַבער פון מייַרעוו-דייַטשלאַנד גיונטער גראַס. צוזאַמען מיט אַן אַרטיקל וועגן דעם שעפערישן וועג פונעם שרייַבער און אַן אינטערוויו, וועלכן ער האָט געגעבן דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ", האָט די צייַטונג פּובליקירט צוויי אויסצוגן פון זייַן גרעסערער דערציילונג „אַ באַגעגעניש אין טעלגטע". די אַלעגאָריע, וועלכע דער שרייַבער האָט געבראַכט אין דער דאָזיקער דערציילונג, איז קלאָר, וואָס קלאָרער קאָן ניט זייַן: גראַס האָט מיטן קויעך פון זייַן פאַנטאַזיע צונויפגענומען פּונקט אַזאַ קאָנגרעס, ווי דער, וואָס איז פאָרגעקומען אין קעלן, די שרייַבער פונעם צעדרויבלטן, רויִנירטן דייַטשלאַנד פון XVII יה. דער ציל פונעם קאָנגרעס איז געווען — אויסאַרבעטן אַ קאָלעקטיוון מאַניפעסט מיט אַ פאָדערונג וועגן שאָלעם. אָבער ווען דער טעקסט פונעם מאַניפעסט איז נאָך לאַנגע דעבאַטן קאָנטאַקטירט און אָנגענומען געוואָרן, האָט אין דער געבייַדע, ווו די שרייַבער האָבן זיך פאַרזאַמלט, אויסגעבראָכן אַ סרייפע, און דער טעקסט איז פאַרברענט גע-

וואָרן, ניט איבערלאָזנדיק קיין זייכער. דער אווטאָר באַמערקט מעלאַנכאָליש: „אָט אַזוי איז געבליבן ניט אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס מע האָט ניט געוואָלט הערן"...

און דאָך זײַנען מיר, די סאָוועטישע שרײַבער, מאַסקים מיט יענע, וועלכע האַלטן, אַז די מעגלעכקײַטן אונדזערע זײַנען גרויסע, זאָל זײַן, אַז ניט אָן א גרענעץ. מיר ענטפֿערן די פּעסימיסטן: יאָ, אונדז האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צו פֿאַרמײַדן די צווייטע וועלט-מילכאָמע. אָבער מיר, די שרײַבער-אַנטיפֿאַשיסטן, די שרײַבער — אָנהענגער פֿון א שאָלעם האָבן אָפּגעטאָן אַן אַנדער זאַך: געפֿלאַנצט מוט אין די הערצער פֿון די פּאַרטיידיקער פֿון דער ציוויליזאַציע, פֿאַרשטאַרקט דעם גלויבן אין דער גערעכטער זאַך, וואָס לעשעם איר האָבן זיך פֿאַרייניקט די פֿעלקער און די אַרמייען פֿון דער אַנטיהיטלערישער קאָאַליציע. ניט בלויז די לײַדנשאַפֿטלעכע רעדעס, מיט וועלכע עס זײַנען אַרויסגעטראָטן די שרײַבער-אַנטיפֿאַשיסטן, נאָר דעריקער זייערע ביכער, זייערע פּובליציסטישע אַרטיקלען האָבן פֿאַרגרעסערט די שטאַנדהאַפֿטיקײַט, די דרייסטקײַט, וועלכע די קעמפֿער פֿאַר פֿרײַהײַט האָבן אַרויסגעוויזן, סײַ אויף די שלאַכט-פֿעלדער, סײַ אין די פֿאַשיסטישע קאָנצלאַגערן, סײַ אין דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג און בעמיילע דערנעענטערט דעם זיג פֿונעם הומאַניזם איבער די קויכעס פֿון דער פֿינצטערניש.

נו, און ווי האַלט עס הײַנט? קוידעמקאָל וועלן מיר שטעלן די פֿראַגע: צי וויל מען אונדז הײַנט הערן? עס איז אַבסאָליוט קלאָר, אַז דער ענטפֿער פֿון פֿאַרשיידענע שרײַבער אויף דער דאָזיקער פֿראַגע קאָן ניט זײַן איין-און-דער-זעלבער, — דער ענטפֿער איז אָפּהענגיק סײַ פֿון דער פּערזענלעכער דערפֿאַרונג פֿון די שרײַבער, סײַ פֿון דער דערפֿאַרונג פֿון זייערע לענדער. די דערפֿאַרונג פֿון אונדזער לאַנד, פֿונעם ערשטן לאַנד אין דער וועלט, וווּ עס האָט געזיגט דער סאָציאַליזם, איז אין דעם דאָזיקן זין, ווי, אַגעוו, אין פֿיל אַנדערע, קאָן מען זאָגן אָן שום גוזמע, אוניקאַל. מיט טויזנטער בײַשפּילן האָט אונדזער פּאַרטיי דערוויזן איר אויפֿמערקזאַמקײַט צו דער ליטעראַטור, איר זאָרג וועגן דער ליטעראַטור. דערמאָנט זיך די טיפֿע און פֿולע מיט אַכטונג ענטפֿערס פֿונעם כאַווער ל. אי. ברעזשנעוו אויף דער ווענדונג פֿון די יאַפּאַנישע שרײַבער. עס ווילט זיך ניט גיין לערנען דערעכערעך די מעלוכע-טוער פֿון אַנדערע לענדער, נאָר ווי זאָל מען אין אַזאַ פֿאַל ניט דערמאָנען, אַז דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט און אייניקע פֿון זײַנע פֿאַרבינדעטע האָבן ניט געשענקט קיין לעק אויפֿמערקזאַמקײַט אויף אַן אַנאַלאָגישער ווענדונג.

איצט גייט אָבער די רייד אַפֿילע ניט וועגן דעם, צי די פּאָליטיקער ווילן צוהערן זיך צו די שרײַבער, צי עס ווילן הײַנט אונדז הערן יענע, פֿאַר וועמען און צוליב וועמען מיר נעמען זיך צו דער פֿען — די מענטשן פֿון דער פּלאַנעטע ערד? צי איז הײַנט די ליטעראַטור ניט אָרעמער געוואָרן אין דער געזעלשאַפֿטלעכער און מאָראַלישער קראַפֿט, צי האָט זי ניט פֿאַרלאָרן די געוועזענע פֿעיִקײַט צו ווירקן אויפֿן לייענער? אונדזער אָפּטימיזם, דער אָפּטימיזם פֿון די סאָוועטישע שרײַבער איז אין פֿיל הינזיכטן באַגרינדעט אויף אונדזער אויפֿריכטיקן גלויבן, אַז די ליטעראַטור איז ניט אָרעמער געוואָרן, זי האָט ניט פֿאַרלאָרן די פֿעיִקײַט צו ווירקן אויפֿן לייענער.

פֿונקט ווי די שרײַבער-אַנטיפֿאַשיסטן אין די 20-ער און 30-ער יאָרן האָבן געוואָרנט די וועלט וועגן א נײַער מילכאָמע-געפֿאַר, שטיצנדיק זיך אין זייערע ביכער אויף דער ביטערער דערפֿאַרונג פֿון דער ערשטער וועלט-מילכאָמע. אַזוי האַנדלען אויך אונדזערע הײַנטיקע שרײַבער, ווען זיי פֿאַרטראַכטן זיך וועגן דער צוקונפֿט פֿון דער מענטשהײַט און אַנאַליזירן די דערפֿאַרונג פֿון דער ווײַטער און נאָענטער פֿאַרגאַנגענהײַט: די פֿאַרגאַנגענהײַט און די צוקונפֿט לאָזן זיך ניט טיילן. צום גליק, האָט עס א שײַכעס ניט בלויז צו דער סאָוועטישער ליטעראַטור. ווען הערמאַן קאַנט באַשרײַבט אינעם ראָמאַן „אַן אָפּשטעל אין וועג" דעם וועג פֿון א ייִנגל, וואָס פֿאַרשטייט נאָך גאָרנישט, נאָר מע האָט אים אָנגעטאָן אין א פֿאַשיסטישער אוניפֿאָרם, דעם שווערן וועג פֿון בלינדער דיסציפּלין צו באַוווּסטזיניקן קעגנשטעלן זיך דער אידעאָלאָגיע פֿון געוואַלט און שקלאַפֿערײַ, שרײַבט ער פֿאַר יענע, וועלכע שטייען פֿאַר דעם אויסוואַל הײַנט, איצט. ווען ערווע באַזען ווידמעט איינס פֿון זײַנע שענסטע ביכער — „פֿײַער שלינגט אײַן פֿײַער" — די געשעענישן, וועלכע זײַנען פֿאָרגעקומען טויזנט מײַל ווײַט פֿון די פֿראַנצויזישע ברעגן, אין טשילי, וואָס איז געפֿאַלן א קאָרבן פֿונעם פֿאַשיזם סאַכאַקל מיט א צענדליק יאָר צוריק, פֿאָדערט ער דערמיט גופֿע, אַז דאָס זאָל זיך ניט איבערכאַזערן. ווען גאַבריִעל גאַרסיאַ מאַרקעס רײַסט איבער דאָס לאַנגע שווײַגן און דרוקט אָפּ מיטאַמאָל אין פֿיר לענדער, ווו מע רעדט און מע שרײַבט אויף שפּאַניש „די געשיכטע פֿון איינעם א טויט, וועגן וועלכן מע האָט געוווּסט פֿריִער", שטעלט ער זיך אָפּ אויף דערינערונגען פֿון די יוגנט-

יאָרן, קעדיי וואָרענען דעם איצטיקן יונגן דאָר קעגן גלײַכגילטיקײַט צו די גויראָלעס פֿון אנדערע מענטשן.

פאַר וועלכע טעמעס עס זאָל זיך ניט נעמען די איצטיקע ליטעראַטור, האָט זי שטענדיק אין זינען די זאָרגן פֿונעם הײַנטיקן טאָג. ניט לאַנג צוריק האָב איך איבערגעלייענט א קליינעם ראָמאַן, וועלכער האָט געמאַכט אַף מיר זייער א שטאַרקן אײַנדרוק, עס איז זייער גוט, וואָס בא אונדז אין לאַנד איז אָט דער בוך איצט דערשינען אין א רוסישער איבערזעצונג. איך רייד דאָ וועגן דעם לעצטן ראָמאַן פֿון גרעם גרין „דער דאָקטאָר פישער פֿון זשענעווע, אָדער אַן אָוונטברויט מיט א באָמבע". איך וועל דאָ ניט נעמען זיך איבערדערציילן דעם ראָמאַן. איך וועל בלויז דערמאָנען די פֿינאַל-סצענע: דאָקטאָר פישער רופֿט צונויף זײַנע לײַט אַף א געזעגענונגס-וועטשערע און לייגט זיי פֿאָר, זיי זאָלן, לויט דער ריי ציִען פֿון דער קיילע, וואָס שטייט אַף א מעהאַלעך פֿון זיי, שפּיל-פּאַקעטן. אין יעדן פֿון די פֿינף פּאַקעטן ליגט א טשעק אַף צוויי מיליאָן פֿראַנק, אין זעקסטן פּאַקעט ליגט א באָמבע, און דער, וואָס וועט אים ארויסציִען, וועט צעריסן ווערן אַף שטיקער. עמעס, סאָפּקאָלסאָף ווײַזט זיך ארויס, אז קיין שום באָמבע איז דאָ ניטאָ, אָבער ביז דאָס ווערט קלאָר, גייט דורך פֿאַרן לייענער א גאַנצע ריי שאַרפֿע, ביז גאָר מיִסטערהאַפֿטע סצענעס.

פֿאַרוואָס האָב איך זיך דערמאָנט גראָד אין דעם ראָמאַן? דערפֿאַר, ווײַל, לויט מײַן טיפֿסטער איבערצײַגונג, „ארבעט" אזא בוך אויך פֿאַרן שאָלעם. עס איז ביכלאַל ניטאָ קיין עמעס טאַלאַנטפֿולער שרײַבער, וועלכער זאָל אין זײַן שאַפֿונג האַלטן זיך בא אנדערע ווערטן, כוץ הומאַניסטישע, כוץ דער ליבע און דער אכטונג צום מענטשן.

און נאָך איין געדאַנק לאָזט מיך ניט פֿאַרגעסן גרינס ראָמאַן. אויב ריידן בילדעריש, עסן מיר הײַנט אַלע, די גאַנצע מענטשהײַט, אָוונטברויט מיט א באָמבע. אונדז האָט מען געצוווּנגען זיך זעצן צו דעם דאָזיקן אָוונטברויט, געצוווּנגען האָבן די צווישנפֿעלקערלעכע „דאָקטאָר פישערס", און מיר טוען בלויז דאָס, וואָס מיר ציִען פֿון דער קיילע שפּיל-פּאַקעטן מיט אונדזער אַלגעמיינעם גורל, ניט בלינדערהייט טוען מיר עס, פֿאַרמאַכנדיק לעפּיש די אויגן פֿון שרעק, נאָר אָפּגעבנדיק זיך א קלאָרן כעזשבן, אז אויב די באָמבע וועט אופֿרײַסן, וועט ניט בלײַבן, ווער עס זאָל געווינען. די גרויסע שרײַבער פֿון די 20-30-ער יאָרן, וועלכע האָבן געשאַפֿן פּרעכטיקע אַנטימילכאָמע-ביכער, האָבן געהאַט כאָטש איין טרייסט, אז אויב זייערע ביכער האָבן, ווי איך האָב שוין געזאָגט, די מילכאָמע ניט אָפּגעשטעלט, האָבן זיי זיך געשלאָגן, און אַקטיוו זיך געשלאָגן, קעגן דעם פֿאַשיזם, אַף דער זײַט פֿון דער אַנטיהיטלערישער קאָאַליציע. בא אונדז, שרײַבער פֿון די 80-ער יאָרן, וועט אזא טרייסט ניט זײַן: אויב די מענטשהײַט וועט דערלאָזן צו א מילכאָמע, וועט, מיסטאָמע, ניט זײַן, ווער עס זאָל לייענען אונדזערע ביכער. הייסט עס, אז מיר דאַרפֿן זײַן נאָך אַקטיווער הײַנט, סײַ אין אונדזערע ארויסטרעטונגען אַף די געזעלשאַפֿטלעכע טריבונעס, סײַ אין דער שטילקײַט פֿון אונדזערע קאַבינעטן, זיצנדיק באַם שרײַבטיש.

לײדער איז אין א סאַך מײַרעוו-לענדער פֿאַראַן אויך אַן אנדער מין, אַנטשולדיקט פֿאַרן אויסדרוק, ליטעראַטור — אזא ליטעראַטור, וואָס זינגט לויב-געזאַנגען דעם געוואַלט, דעם ציניזם, דערנידעריקט און באַליידיקט דעם מענטשן. די דאָזיקע ליטעראַטור האָט אירע אַנהענגער און פֿאַרטיידיקער, זי האָט א רעקלאַמע און א פּרעסע. ס'אַרא טומל, לעמאַשל, מע האָט געמאַכט ארום פֿרעדעריק פֿאָרסײַטס „די טײַוולאָנישע אַלטערנאַטיוו". מע האָט געקאָנט מיינען, אז אַף גאָטס וועלט האָט זיך באַוויזן מינימום א נײַ געניאַל ווערק, אזא ווי טאָלסטאָיס „קריג און פֿרידן". און וואָס זעען מיר פֿאַקטיש? א דורכשניטלעכן, געקינצלטן סוזשעט, געבויט אַפֿן אַזוי גערופֿענעם „באַריס-פּלאַן", וועלכער האָט באַקומען זײַן נאָמען „לעקאָוועד דעם גרויסן רוסישן קריגספירער באַריס גאָדונאָוו". דער „באַריס-פּלאַן" זעט פֿאָרויס, פֿאַרשטייט זיך, א טאַנקען-דורכרײַס דורך דער עלבאַ, און אין מעשעך פֿון געצײלטע שאָען ווערט אנעקסירט מײַרעוו-אייראָפּע. און אָט דער וויסטער כאָלעם דרוקט זיך אין מאַסן-טיראַזשן און ווערט באַוויזן אַפֿן עקראַן, דערבײַ רופֿט מען דאָס אַלץ אָן „א נײַ וואָרט אין דער קינסטלערישער אַנטוויקלונג פֿון דער מענטשהײַט". איך מיין, אז ס'איז ניט קיין פּאַשעטער צופֿאַל, וואָס אין דער שטאָט קעלן, אין זאַל, ווו עס האָט געאַרבעט דער קאָנגרעס „אינטערנאַציאָנאַלע ליטעראַטור — 82", זײַנען ניט בײַגעווען ניט פֿר. פֿאָרסײַט, ניט די אנדערע צושטעלער פֿון אזא מין ליטעראַטור. איך מיין, אז הײַנט איז דעם קאַמף פֿאַר שאָלעם ניט אָפּצוטיילן פֿונעם קאַמף קעגן דער אַנטי-ליטעראַטור, וועלכע מע האָט אַפֿן מײַרעוו ציניש געקרוינט מיטן נאָמען „מאַסן-ליטעראַטור", פֿונעם קאַמף קעגן די פּרוּוון צו דערנידעריקן דעם לייענער, אָפּנאַרן אים און פֿאַרטומלען.

פארן היינטיקן שרייבער איז אָבער ווייניק בלויז ניט אָנעמען די פּסעוודאָליטעראַטור, בלויז אָפּטיילן די מעל פונעם קלייען. איך נעם אָף זיך די דרייסטקייט צו זאָגן, אַז אויך אין לעצטן פערטל פון דעם XX יאָרהונדערט איז נאָך ניט בייגעקומען געוואָרן די געוויסע אינערץ פונעם דענקען, ס׳איז נאָך ניט באַזיניקט אין דער פולער מאָס דער פאַקט, אַז אין די לעצטע צוויי-דריי יאָרצענדליקער איז די מענטשהייט אַריינגעטראָטן אין אַ פּרינציפּיעל נייער ערע. אַ סאַך מיינע קאָלעגן, באַזונדערס אַפן מײַרעוו, קוקן, ווי פריער, ווי מיט הונדערט, ווי מיט פופציק יאָר צוריק, אָף אַ מילכאָמע, ווי אָף איינעם פון די אַטריבוטן פון דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. אַ טרויעריקער, פאַרשטייט זיך, אַטריבוט, אָבער אַ נאַטירלעכער און אומפאַרמײַדלעכער, אין דער צייט, ווען איצט, אין דער נוקלעאַרער עפּאָכע, איז אַ מילכאָמע שוין ניט פּאָשעט אַ פאָרזעצונג מיט אַנדערע מיטלען פון דער פּאָליטיק — אַ מילכאָמע דאָס איז אַן אומיטלבאַרע און מיט יעדן יאָר אַלץ בוילעטערע דראָונג פון אַ טאָטאַלער זעלבסטפאַרניכטונג פון דער מענטשהייט. דער היינטיקער שרייבער קאָן נישט ניט טראַכטן וועגן דעם, צי די מענטשהייט פונעם XX יה. וועט איבערלאָזן נאָך זיך גרויסאַרטיקע דענקמעלער פון דער ציוויליזאַציע. אָדער בערג מיט ביינער און הויפנס פּאָראָסטעטע שלאַכט-קעפּלעך פון ראַקעטעס. אויב גלייבן די כעזשבוינעס פון די געלערנטע, האָט אָף דער וועלט זיך אָנגעזאַמלט אַזויפיל געווער, אַז אָף יעדן מענטשן קומט איצט אויס אַרום 15 טאָן טריניטראָטאָלואָל. דאָס איז אַזאַ קראַפט. וואָס באַטרעפט אין דריטהאַלבן מיליאָן מער פון דער מעכטיקייט פון אַזאַ באָמבע, וועלכע איז געוואָרפן געוואָרן אָף הירעשימאַ.

די געפאַר פון אַ מילכאָמע... פאַר אונדז סאָוועטישע שרייבער, איז דאָס אַ באַגריף, וואָס האָט באַקומען אַ מאַטעריעלע פאָרם אין די טויזנטער קריגס-באַזעס און אין אַנדערע קריגס-אָביעקטן, מיט וועלכע די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע און די לענדער פונעם צפון-אַטלאַנטישן פּאַקט („נאַטאָ”) האָבן אַרומגערינגלט אונדזער לאַנד. פאַר אונדז איז די דאָזיקע געפאַר אויסגעדריקט אינעם באַשלוס פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע און פון די „נאַטאָ”-לענדער אָנצוהייבן צו באַזאָרגן מײַרעוו-אייראָפּע מיט נייע הונדערטער אַזויגערופענע „אייראָסטראַטעגישע” ראַקעטעס; אין דעם, וואָס די איצטיקע אַמעריקאַנער אַדמיניסטראַציע וויל אַקשאָנעסדיק ניט צוהערן זיך צו דער שטים פון קלאָרן סייכל און ערנסט באַהאַנדלען די פּילצאָליקע און טיף דורכגעטראַכטע פרידנס-פאָרשלאָגן פון אונדזער לאַנד. און אַזעלכע פאָרשלאָגן זיינען דאָך געווען צענדליקער, אויב ניט הונדערטער — אָנגעהויבן פון דער גרייטקייט צו ליקווידירן דעם וואַרשעווער אָפּמאַך באַם באַדינג, אַז גלייכצייטיק זאָל ליקווידירט ווערן דער צאָפן-אַטלאַנטישער פּאַקט, ביז די פאָרשלאָגן וועגן אַ מאָראַטאָריע אָף דער באַוואָפענונג און וועגן דעם, אַז די אַנדערע נוקלעאַרע מעלוכעס זאָלן לויטן ביישפּיל פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד פייערלעך דערקלערן, אַז זיי וועלן ניט זיין צווישן די ערשטע, וואָס וועלן דערלאַנגען דעם נוקלעאַרן קלאַפּ.

איך ווייס, אַז אין די מײַרעוו-לענדער זיינען פאַראַן ניט ווייניק מענטשן, וועלכע פאַרשטייען ניט דאָס רעאַלע בילד פונעם באַוואָפענונגס-געיעג (אָבער צוזאַמען דערמיט פּילן זיי דעם שרעקלעכן טראָט פון די געקאָוועטע מילכאָמע-שטיוול). און זיי זאָגן, אַז אינעם באַוואָפענונגס-געיעג זיינען אָף איין אויפן שולדיק סיי די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, סיי דער ראַטנפאַרבאַנד. „ציפערן, ציפערן! — שרייען אָט די אויסגלייכער”, — ווער קאָן זיך דאָס פאַנאַנדערקלייבן אין די ציפערן?! ווער קאָן גאַראַנטירן, אַז דער סאָוועטנפאַרבאַנד פאַרמינערט ניט די ציפערן פון זיינע באַוואָפענונגען און איז ניט מעגאַזעם די ציפערן פון די באַוואָפענונגען פון אַמעריקע און פון דער „נאַטאָ”, און ווער קאָן גאַראַנטירן, אַז אין דער זעלבער צייט טוען ניט אַמעריקע און די „נאַטאָ” דאָס זעלבע, נאָר פאַרקערט?” אַזעלכע אַרויסזאָגונגען זיינען געווען אויך אין קעלן. נאָר אויב אַ געוויינלעכער מענטש קאָן, אַזוי צו זאָגן, פאַרפּלאָנטערנדיק זיך אינעם לאַבירינט פון ספּעציעלע כעזשבוינעס, אַריינוואַרפן אין כיירעם אַלעמען, אָן אַן איבערקלייב, טאָר ניט דער שרייבער, — אויב ער שטעלט פאַר זיך די אויפגאַבע צו לערנען דעם מענטשן, וויאַזוי צו לעבן, צו וואָס שטרעבן, מיט וואָס מאַסקים זיין, אין וועלכע פאַלן אַרויסטרעטן קעגן, — דער שרייבער האָט ניט קיין רעכט צו איבערפראַזירן דעם באַרימטן אויסדרוק: „דער שוואַרציאַר זאָל נעמען די בײדע הייזער איירעו!” דער שרייבער דאַרף, לויט מיין מיינונג, זוכן אַן אויסוועג פונעם לאַבירינט, ער דאַרף זוכן דעם אַריאַדנע-פאָדעם. אַלס אַזאַ פאָדעם קאָן און דאַרף דינען פאַרן שרייבער די דערפאַרונג פון דער וועלט-געשיכטע.

דער גרויסער דייטש שילער האָט געזאָגט, אַז די וועלט-געשיכטע — דאָס איז דער וועלט-מישפּעט...

דאָס סאָוועטישע פֿאָלק, די סאָוועטן-רעגירונג ווילן ניט קיין מילכאָמע און וועגן דעם ריידן ניט בלויז די פֿאַקטן פֿון דער פּאָליטישער ספֿער. דאָס באַשטעטיקט אונדזער ליטעראַטור. דער גרויסער רוסישער קריטיקער בעלינסקי האָט אַמאָל געזאָגט, אַז „...די ליטעראַטור איז דער באַוווּסטזײַן פֿונעם פֿאָלק, די בליִונג און די פּרוכט פֿון זײַן גײַסטיק לעבן”. ווער קאָן אָפּלייקענען דעם פֿאַקט, אַז די סאָוועטישע ליטעראַטור איז באַגײַסטערט מיט טיף פֿרידלעכע צילן? אויף די פֿיל צענדליקער שפּראַכן פֿון אונדזער היימלאַנד ווערן געשאַפֿן ווערק, וועלכע זײַנען דורכגעדרונגען מיטן געפֿיל פֿון אינטערנאַציאָנאַליזם, מיט דער בריווערק, דערלעכער אײנהײַט פֿון די מענטשן. דער פּאַטאָס פֿון אונדזערע ביכער ליגט אינעם קאַמף פֿאַר שאָלעם, אין דער שטרעבונג צו פֿאַרשטיין דעם מענטשן פֿון גוטן ווילן אין אַנדערע לענדער.

דער קעלנער קאָנגרעס, אויב מע זאָל זיך אַרײַנטראַכטן אין זײַנע סאַכאַקלען, האָט דעמאָנסטרירט, אַז אַזאַ שטרעבונג איז, צום גליק, אייגנטימלעך ניט בלויז דער סאָוועטישער ליטעראַטור, נאָר אויך אַלע ערלעכע שרײַבער פֿון דער וועלט. ניט געקוקט אויף די כלוקעדייעס אין די סאָציאַלע, פּאָליטישע און עסטעטישע אָנשויונגען, ניט געקוקט דערויף, וואָס צוערשט איז דער צוגאַנג צו די פֿאַקטן פֿונעם הײַנטיקן צווישנפֿעלקערלעכן לעבן געווען אַ פֿאַרשיידענער, האָבן די שרײַבער פֿון 48 לענדער — אין דעם שלוס-דאָקומענט — אין דער ווענדונג צו דער וועלט-עפֿנטלעכקײַט איינמוטיק אַרויסגעזאָגט זיך פֿאַר דעם, אַז מע זאָל פֿולשטענדיק פֿאַרניכטן אַלערליי מינים געווער פֿון מאַסן-פֿאַרניכטונג, פֿאַר יוישערדיק באַפֿרידיקן די אינטערעסן פֿון די צדאָדים אָן מילכאָמע, פֿאַר אײַנשטעלן אַ פֿרידלעכע, פֿרײַע אַטמאָספֿער, אַ ווירדיקע פֿאַרן מענטשן אין אַלע טיילן פֿון דער וועלט. און אָט די אײַנמוטיקייט, אָט דער הויפּט-סאַכאַקל פֿונעם קאָנגרעס פֿלאַנצט אײַן אין די הערצער פֿון די שרײַבער און פֿון די לייענער באַפֿרידיקונג און האָפֿענונג.

בוזי מילער

נײַע דערציילונגען

שיינע מענטשן

דער צוג, מיט וועלכן מע קאָן דורך ביראָבידזשאַן טרעפן קיין לענינסק, גייט אָפּ פון כאַבאַראָווסק גאַנצפרי. מיר מיט דער פרוי, מוירע האָבנדיק צו פאַרשפּעטיקן, זײַנען געקומען היפּש פריִער. אין די קאַסעס פאַרקויפט מען בילעטן אין פאַרשיידענע ריכטונגען, און צו אַלע האָבן זיך שוין געשלענגלט לאַנגע רייען. צו איינער פון זיי, וועלכע האָט אויסגעזען צו זײַן עטוואָס קירצער פון די אַנדערע, האָב איך אויך זיך צוגעשטעלט.

די ריי האָט זיך געצויגן לאַנגזאַם. אָף די גליקלעכע, וואָס גייען אָפּ מיט בילעטן אין האַנט, האָבן מיר, די ווײַטער שטייענדיקע, געקוקט מיט קינאה און מוירע — צי וועט פאַר אונדז נאָך קלעקן ערטער?

— אַט איז אָפּגעגאַנגען פונעם קאַסע-פענצטער א וווּקסיקע יונגע פרוי. אין הויכקנאַפּלדיקע רויטע שטיוועלעך, אין א העלער, לויט דער לעצטער מאָדע, דובליאָנקע, אַן אַרומגעזוימטער מיט ווײַסן פוטער, און א הויכן סויבל-הוט, האָט זי אויסגעזען זייער אימפּאָזאַנט. ווי לויט א קאָמאַנדע, האָט די גאַנצע ריי זיך א קער געטאָן אין איר זײַט, פאַרגעסנדיק אָף א ווײַלע די רײַזע-דײַגעס. און זי, ווי געעבנדיק אומיסטן א מעגלעכקײַט זיך אָנקוקן אָף איר, איז א לענגערע ווײַלע געשטאַנען מיט די בילעטן אין דער האַנט, נאָר דער בליק פון אירע גרויסע בלויע אויגן האָט געשוועבט איבער די קעפּ, זוכנדיק עמעצן. געפונען וועמען זי דאַרף, האָט זי גיך זיך א לאָז געטאָן פאָרויס און באַלד פאַרשוווּנדן אינעם טומלדיקן וואָקזאַל-געדראַנג.

מיר האָט אָפּגעגליקט. ווען איך בין אין א מינוט צוואַנציק אַרום צוגעקומען צו דער קאַסע, זײַנען נאָך געווען פרײַע ערטער אין א קופּיינעם וואַגאָן, און די קאַסירשע האָט אָן איבעריקע שיִעס מיר פאַרקויפט צוויי בילעטן ביז ביראָבידזשאַן.

ביז מיר האָבן מיט דער פרוי דורכן לאַנגן טונעל און איבער די הויכע טרעפּ זיך אַרויסגעקליבן אַפן פּעראָן, האָט דער צוג שוין געהאַלטן בא לאָזן זיך אין וועג.

גרויס איז געווען דער כידעש, ווען אַרײַן אין אונדזער קופּע, האָבן מיר אָף דער אַנטקעגנדיקער פּאָליקע געטראָפן — וועמען מיינט איר? טאַקע זי, די יונגע אימפּאָזאַנטע פרוי אין דער דובליאָנקע און צוזאַמען מיט איר א ביז גאָר פײַנעם הויכוווּקסיקן יונגנמאַן און א ייִנגעלע פון א יאָר צוויי. די פרוי איז שוין געווען אָן דער דובליאָנקע און אָן דעם סויבלהוט. אין די בלויִלעכע דזשינסן און אין דעם רויטן געשטריקטן דזשעמפּער, מיט די קופּערגלאַנציקע געדיכטע האָר, וואָס זײַנען איר געפאַלן אָף די אַקסלען, האָט זי אויסגעזען נאָך עלעגאַנטער.

די יונגע שכיינים האָבן געענטפערט העפלעך אָף אונדזער באַגריסונג און פאַרגעזעצט זיך אײַנאָרדענען. דער מאַן, — קלאָר, אַז ס׳איז געווען א מאַן — האָט אַראָפּגענומען פון דער אויבערשטער פּאָליקע א מאַטראַץ, אים אויסגעשפּרייט אונטן און באַלייגט דאָס קינד, וואָס האָט געוואָלט שלאָפן. די פרוי האָט זיך גענומען פאָרען אינעם קויש מיט די קינדערשע זאַכן, און דער מאַן האָט, אָפּגעטאָן וואָס פון אים האָט זיך געפאָדערט, האָט גענומען א צײַטונג.

מיר מיט דער פרוי האָבן אויסגעטאָן אונדזערע מאַנטלען, באַשטאַט דעם טשעמאָדאַן. איך האָב אויך אַרויסגענומען די צײַטונג, וואָס כ׳האָב געקויפט אַפן וואָקזאַל, די פרוי — א גראָבן ראָמאַן, וואָס זי לייענט אים שוין פון ווייס איך ווען און קאָן אים אַלץ ניט פאַרענדיקן. כ׳האָב געפּרוווט אין א שפּאַס עס איר פאָרוואַרפן, האָט זי געענטפערט:

— גלויב מיר, דאָ איז ניטאָ מײַן שולד.

— ווער זשע איז שולדיק?



די רעדאַקציע און די רעדקאָלעגיע
פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן
האַרציק דעם שרײַבער בוזי מילער
מיט זײַן 70־טן געבורטסטאָג און
ווינטשן אים געזונט, אריכאַס־יאָמים
און נײַע שעפערישע דערפּאָלגן.

— דער ראָמאַן.
— אַזוינס טרעפט.
— האַלעווײַ זאָל ניט טרעפן...
מיט א קנאַפּן שמייכל האָט די פרוי א ווונק געטאָן צו מיר אויף די שכײנים:
— האָסטו זיך געריכט?
— אַז עס גליקט, — גליקט! — האָב איך איר שטיל געענטפערט.
דער צוג האָט געיאָגט.
מיר זײַנען פאַרבײַגעפאָרן די סטאַנציע וואָלאָטשײַעווקע. אינדערווײַטנס האָט זיך באַוויזן פון רעכטס א ניט גאָר הויכע פאַרשנייטע סאָפּקע — די באַרימטע, די וואָלאָטשײַעווקער, וואָס אײַנעמען זי האָט אַמאָל אָפּגעקאָסט אַזויפיל בלוט... אָט האָט אויף איר דורכגעשוועבט דער דענקמאָל, די פיגור פונעם רויטאַרמייער מיט דער ביקס, די פאָן... איבערן ווײַס־פאַרשנייטן אַרום האָט די ניט גרויסע פאָן געפלאַטערט פונווײַטנס מיט א באַזונדערס פרײדיקער העלקײט...
דער ווינטער דאָר איז שוין זינט דאַן געקומען אויף דער וועלט, — האָב איך געקלערט, קוקנדיק אויף אונדזערע יונגע שכײנים. מעגלעך, אַז די זיידעס זייערע האָבן אַמאָל זיך געשלאָגן דאָ, באַ וואָלאָטשײַעווקע. ניין, — די עלטער־זיידעס. די זיידעס זײַנען דאַן ערשט געבוירן געוואָרן. אויף זייער גורל זײַנען אויסגעפאַלן אַנדערע שלאַכטן... און אָט איז שוין א פערטער דאָר...
א שיינער דאָר, — האָב איך געקלערט, קוקנדיק אויף דער יונגער פרוי, אויף איר מאַן, א פאַרטיפטן אין דער צײַטונג, אויפן שלאָפנדיקן קינד.

דער צוג האָט געיאָגט.
מיר וואָלטן געקאָנט אַזוי דורכפאָרן די עטלעכע שאָ ביז בירעבידזשאַן און כמעט ווי מיט עטלעכע גאָרניט זאָגנדיקע ווערטער ניט טוישן זיך. דער יונגערמאַן זעט אויס ניט פון די באַרײדעוודיקע, באַזונדערס, אפאַנעם, מיט פרעמדע מענטשן.
אַנדערש אָבער איז עס צוגעגאַנגען באַ די פרויען. אינגיכן איז שוין באַוווּסט געווען וווּהין און פונוואַנען ווער עס פאָרט.
— אַהיים, צי פון דער היים פאָרט איר? — האָט געפרעגט מײַן פרוי.
— אַהיים, אַי פון דער היים, — האָט די יונגע שכײנע געענטפערט מיט א שמייכל, א וואַרף טוענדיק מיט אירע קופּער־גלאַנציקע האָר.
— א מענטש האָט געוויינלעך אײן היים, — האָט באַמערקט מײַן פרוי.
— און מיר האָבן צוויי, — האָט געענטפערט נעלי (אַזוי האָט זי געזאָגט, הייסט זי) און האָט זיך א קער געטאָן צום מאַן: — איאָ, זשאַריק, מיר האָבן מיט דיר צוויי היימען?
— נו, יאָ, יאָ, — האָט ער אומגערן צוגעשטימט, ניט אַרויסווײַזנדיק קיין איבעריקן כײשעק אָפּצורײַסן זיך פון דער צײַטונג. נעלי אָבער האָט גערן זיך צערעדט און, פאַריכטנדיק אַלעמאָל די האָר, וואָס זײַנען איר געפאַלן אויף די אַקסלען, דערציילט: ביידע אַרבעטן זיי אינעם ראַיאָן־צענטער לענינסק — אַהין טאַקע פאָרן זיי איצט. זי איז א לערערן. פון וואָס פאַר א קעגנשטאַנד? ענגליש. זי אונטערריכט ענגליש. זי האָט שוין א דרײַיאָריקן סטאַזש. פאַרענדיקט דעם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אין

סאַראַטאָוו. דער מאַן איז אַ דאָקטער, אַ כירורג. אַרבעט אין ראַיאָנישן שפּיטאָל. ער האָט אויך מיט דרײַ יאָר צוריק פֿאַרענדיקט אין סאַראַטאָוו דעם מעדיצינישן פֿאַקולטעט פֿונעם דאָרטיקן אוניווערסיטעט. ביידן האָט מען געשיקט אַרבעטן אַהער, אויפֿן ווײַטן מיזרעך. שוין אין כאַבאַראָווסק האָט מען זיי פֿאַנאַנדערגעטיילט קיין לענינסק, זי — אין שול, אים — אין שפּיטאָל.

— כאַסענע געהאַט האָט איר נאָך אין סאַראַטאָוו? — איז נײַגעריק געווען צו וויסן מײַן פֿרוי.

— שטעלט זיך פֿאָר, — האָט נעלי זיך צעלאַכט, — דאָרט האָבן מיר אַפֿילו זיך ניט געקענט. געלעבט, געלערנט זיך אין איין שטאָט און איינס פֿונעם אַנדערן ניט געוווּסט. באַקענט זיך שוין דאָ, אין לענינסק, נײַן, אין צוג, טאַקע אין דעם זעלבן צוג, ווו מיר פֿאָרן איצט. זשאָריק, געדענקסט? — האָט זי זיך אַ קער געטאָן צום מאַן.

— נו, יאָ, אין צוג, — האָט ער אומגערן געענטפֿערט. צו זען געווען, אים איז פֿריקרע דער געשפּרעך מיט אומבאַקאַנטע מענטשן, ער האָט אים געהאַלטן פֿאַר לאַכלוטן איבעריק. נעלי, פֿאַרקערט, איז גרייט געווען אַלעמען, ביפֿראַט, פֿאַר ווילע, צו זען, מענטשן, וואָס ווײַזן אַרויס אינטערעס, דערציילן וועגן זייער לעבן.

— אין לענינסק האָבן מיר כאַסענע געהאַט, — האָט זי פֿאָרגעזעצט, — מע האָט אונדז אויסגעטיילט אַ גוטע דירע אין אַ נײַעם הויז, סלאַוויק גייט אין קינדערגאָרטן.

— האָט מען, הייסט עס, געוווּסט, וואָס מע טוט, ווען מע האָט אײַך געשיקט אַהער קיין לענינסק? — האָט באַמערקט אין אַ וויץ מײַן פֿרוי.

— נו, יאָ, האָט נעלי ערנסט אונטערגעכאַפּט דעם וויץ, — „איר האָט ניט געפֿונען איינס דאָס אַנדערע אין אײַער געבורט-שטאָט, טאָ געפֿינט זיך צען טויזנט קילאָמעטער פֿון דאָרט..." — און מיט צוויבערפֿולער קאָקעטישקײַט האָט זי דערבײַ אַ צי געטאָן דעם מאַן באַם אַרבל: — זשאָריק, האָסט ניט קיין כאַראַטע?

— נעלי! — האָט ער אומצופֿרידן זיך אַ קער געטאָן צו איר. מער האָט ער גאָרניט אַרויסגעבראַכט, בלויז אָט דאָס איינציקע וואָרט, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַ סך באַטײַטן: ערשטנס, ווי איז גאָר מעגלעך זיך פֿאָרשטעלן, אַז ער קאָן האָבן כאַראַטע? צווייטנס, ווי ברענגט מען אַזעלכעס אַרויס אַפֿילו צוליב אַ וויץ? דריטנס, צו וואָס ריידן וועגן דעם, ביפֿראַט, פֿאַר אומבאַקאַנטע מענטשן? ער קען עס פּאָשעט ניט באַגרײַפֿן...

— ער איז באַ מיר אַ שעמעוודיקער, — האָט מיט צערטלעכקײַט שטיל אַ זאָג געטאָן די יונגע פֿרוי.

דאַן איז נאָכאַמאָל געקומען:

— נעלי!..

— געשיקט זיך, אַ כירורג, און — אַ שעמעוודיקער? — האָט באַמערקט מײַן פֿרוי.

— אָ, באַ דער אַרבעט איז ער ניט קיין שעמעוודיקער! — האָט אויסגערופֿן נעלי. — מע טרויט אים שוין אָן קאָמפּליצירטע אָפּעראַציעס. נאָר אַזוי... נו, גוט, גוט, — האָט זי זיך אַ קער געטאָן צום מאַן, — לייען די צײַטונג, מער וועל איך דיר ניט שטערן.

— ווו זשע נאָך האָט איר אַ היים? — האָט געפֿרעגט מײַן פֿרוי.

— טאַקע אין סאַראַטאָוו, — האָט געענטפֿערט נעלי, — און אויב איר ווילט, אַפֿילע צוויי היימען. דאָרט לעבן באַ אונדז צוויי זיידעס און צוויי באָבעס — מײַנע און זשאָריקס עלטערן.

— און זיי האָבן אײַך אָפּגעלאָזט אַזוי ווײַט?

— אוי, האָבן זיי ניט געוואָלט אונדז אָפּלאָזן! ניט מײַנע עלטערן, ניט זײַנע. באַזונדערס מײַנע...

— און איר?

— אָט, ווי איר זעט.

— אײַך האָט ניט אָפּגעשראָקן צו זײַן אַזוי ווײַט פֿון דער היים?

— אַ ביסל האָט, פֿאַרשטייט זיך, אָפּגעשראָקן, ווי זשע? ס'איז אָבער אינטערעסאַנט.

— וואָס — אינטערעסאַנט?

— אַלץ: וויסן, אַז דו ביסט נייטיק. נאָך מער: דער באַוווּסטזײַן, אַז ווען ניט דו, וואָלט קיין אַנדערער אויף דעם אָרט ניט געווען... דאָ פֿילט מען באַזונדערס שטאַרק, אַז מע ברענגט נוץ... און עס ווילט זיך אַרבעטן. נו, און ביסט דאָ זעלבשטענדיק, אַליין איבער זיך באַלעבאָס...

דאָ האָב איך אויך זיך אַרײַנגעמישט מיט אַ וואָרט, אָפּלייגנדיק אויף אַ ווײַלע די צײַטונג, געזאָגט:

— און נאָך האָט אײַך מיסטאָמע געצויגן אַהער דאָס, וואָס מע רופֿט — ראָמאַנטיק?

נעלי'ס מאַן האָט אומגעריכט אויך אָפּגעלייגט די צײַטונג און, כמורעדיק די צונויפֿגעוואַקסענע טונקעלע ברעמען, זיך אָנגערופֿן:

— איך האַלט ניט פֿון אָט דעם פֿאַרעלטערטן וואָרט.

— ראָמאַנטיק — אַ פֿאַרעלטערט וואָרט? — האָב איך זיך פֿאַרכידעשט.

— יאָ, עס שמעקט דערפֿון מיט טרוימערישקײַט, מיט נאַיִווע פֿאָרשטעלונגען, וואָס אָפּטער פֿאַר אַלץ באַרעכטיקן זיי זיך ניט. מיר

זײַנען ניט קיין ראָמאַנטיקער, — האָט ער צוגעגעבן.

— ווער זשע, — האָב איך געפרעגט, — זײַט איר?

— ווער? — ער האָט א קלער געטאָן און זיך א קער געגעבן צו זײַן פרוי: — ווער, נעלי, זײַנען מיר מיט דיר? — ניט דערוואַרט זיך אַף איר ענטפער, האָט ער פארביידן א זאָג געטאָן: — רעאַליסטן זײַנען מיר, אָט ווער. רע-א-ליסטן.

— וואָס פאר א באַטײַט לייגט איר ארײַן אין אָט דעם וואָרט?

— א גאנץ פּאָשעטן, — האָט געענטפערט דער יונגערמאן, — מיר האָבן רעאל זיך פאָרגעשטעלט, אז דאָ, אין אָט דעם דערווײַטערטן קאנט, וווּ מע נייטיקט זיך אין מענטשן, אין ספּעציאַליסטן, וועלן מיר ברענגען מער רעאַלע נוץ אי אנדערע, אי זיך אויך.

אָפּגעהאלטן אזא לאנגע רעדע און ווי כידעשנדיק זיך אַף זיך אַליין, האָט דער יונגער דאָקטער ווידער זיך ארײַנגעטאָן אין דער צײַטונג.

און נעלי האָט ווײַטער דערציילט: דאָס פאָרן זיי טאקע איצט פון סאראטאָוו. באם מאן איז געווען אורלויב, און זי האָט אויסגענוצט די ווינטער-קאניקולן און האָט נאָך אויסגעבעטן א וואָך אַף איר כעזשבן, אין שול איז דאָ ווער עס זאָל זי צײַטווײַליק פארבײַטן. די עלטערן, סײַ אירע, סײַ זײַנע — ווידער אין איין קאָל: „פירט זיך אריבער אהער, קיין סאראטאָוו". מע האָט זיך שוין אפילע געקליבן קויפן פאר זיי א קאָאָפּעראטיווע דירע.

— און איר? — האָט געפרעגט מײַן פרוי.

— און מיר, — האָט געענטפערט נעלי, — מיר האָבן זיך שוין דאָ אזוי צונויפגעלעבט מיט אונדזערע קאָלעגן, איך — אין שול, ער — אין שפיטאָל, מיר זײַנען שוין דאָ געוווינט געוואָרן. צום הארצן זײַנען אונדז די היגע נאטור, די היגע מענטשן. דעריקער — די מענטשן. א טײַער פאָלק די ווײַטמיזרעכניקעס — מוטיקע, ערלעכע, קיין שוועריקײַטן שרעקן זיי ניט אָפּ. מיר ווילן אויך זײַן ווײַטמיזרעכניקעס. ריכטיק, זשאָריק? נו, לייג שוין אוועק די צײַטונג...

— ניט ריכטיק, — האָט ער אָפּגעענטפערט.

— פארוואָס?

— דו זאָגסט: „מיר ווילן ווערן"... מיר זײַנען שוין געוואָרן! — ער האָט אָפּגעלייגט די צײַטונג. — מיר זײַנען שוין געוואָרן ווײַטמיזרעכניקעס. דערפאר זײַנען מיר ניט פארבליבן אין סאראטאָוו.

עס האָט זיך אופגעכאפּט סלאוויק.

— ער איז בא אײַך שוין דאָ געבוירן געוואָרן? — האָט געפרעגט מײַן פרוי.

— יאָ, — האָט נעלי געענטפערט, — אין לענינסק.

— ער איז א הונדערטפּראָצענטיקער ווײַטמיזרעכניק, — האָט מיט קענטיקן שטאָלץ זיך אָנגערופן דער פאָטער.

דאָס קינד האָט, דאכט, איבערגענומען דער מאמעס און דעם טאטנס מײַלעס צוזאמען. א לויטער פענעמל, איידעלע געזיכטשטריכן, א ניט קינדעריש פארטיפטער קוק פון די קארע, ווי באם טאטן, און גרויסע, ווי בא דער מאמען, קלוגע אויגן. דער הויכער שטערן, די ריכטיקע פאָרם פונעם קאָפּ מיט די העלע, ווי בא דער מאמע, האָר, — דאָס אלץ האָט ארויסגערופן אנציקונג.

כ'האָב פון לאנג באמערקט: אין די אויגן פון א קינד, מעג עס נאָך אפילע זײַן אין וויג, קאָן מען שוין אנערעך זען, וואָס פון אים וועט אויסוואקסן, האָבן א פאָרשטעלונג וועגן זײַן טעמפּעראמענט, כאראקטער. דאָ איז צו זען געווען — עס וועט אויסוואקסן א ווױלער מענטש.

דערווײַל האָט דער ווױלער מענטש זיך צעפּכימקעט פון שלאָף, דערנאָך אַף א קאָל זיך פאנאנדערגעוויינט. ער וויל א מאראנץ. אזא, ווי די באָבע ניושע האָט אים געגעבן אין סאראטאָוו.

— סלאוויקל, — האָט זיך געבעטן בא אים די מאמע, — די מאראנצן זײַנען פארפּאקעוועט אין טשעמאָדאן. מע האָט זיי באוואָרנט, זיי זאָלן ניט פארפרוירן ווערן. אָט וועלן מיר שוין גיך אהיימקומען, וועלן מיר דיר געבן וויפל דו ווילסט.

— שוין, — האָט סלאוויק געוויינט, — שוין וויל ער.

ס'איז אויסגעקומען עפּענען איינעם פון די טשעמאָדאנען. די מוטער האָט אָפּגעשיילט א גרויסן מאראנץ. באם קינד זײַנען נאָך געשטאנען טרערן אין די אויגן, נאָר ער האָט שוין געשמייכלט, א כאפּ טוענדיק איין גאָלדן ריפל און א צווייטס...

— ער קאפּריזעוועט, — האָט נעלי דערקלערט. — שוין די צווייטע נאכט ווי מיר שלאָפן ניט. דער לײַנער האָט פארשפּעטיקט, קיין כאבאראָווסק זײַנען מיר געקומען באנאכט. ביז מע האָט באקומען דעם באגאזש, ביז מיר האָבן זיך אריבערגעקליבן אפן וואָקזאל, און דאָ נאָך געוואַרט. נאָר ס'מאכט ניט, — האָט זי האסטיק א וואָרף געטאָן מיט אירע געדיכטע קופּערגלאנציקע האָר און שטארק צוגעדריקט צו זיך דאָס קינד, — ס'איז געבליבן ניט קיין סאך. דו ווילסט שוין זײַן גיכער אין דער היים, יאָ?!

דער צוג האָט געיאָגט.

דער הויכער טעלעוויזיע-טורעם אַף דער סאָפּקע און די ערשטע ביניאָנים פון ביראָבידזשאַן האָבן זיך שוין באַוויזן גאָר נאָענט. מיר האָבן זיך געזעגנט. זשאַריק האָט אַראָפּגעטראָגן אונדזער טשעמאָדאַן. אין דער ברייטער ראַם פונעם פאַרשטויבטן וואַגאָן-פענצטער האָבן מיר דערזען אַ פּרעכטיק בילד — נעלי און סלאַוויק האָבן ביידע צו אונדז געמאַכט מיט די הענט...

אַראָפּגייענדיק פון די וואָקזאַל-טרעפּ, האָט מײַן פרוי שטיל זיך אָנגערופן:

— שיינע מענטשן.

— אויסערלעך?

— אַף דורך און דורך.

מיר זײַנען נאָך אַ ביסל געשטאַנען, ביז דער צוג האָט גערירט פון אָרט.

פּיאָנען

די לעצטע צײַט האָט יעפים לאַזאַרעוויטש שאַרף דערפילט זײַן שולד בענעגייע דער פרוי, נאָר דאָס האָט שוין ווייניק וואָס געביטן אין זייערע באַציִונגען. ניין, ער האָט קיינמאָל, כאָלילע, איר ניט פאַראַטן, ניט געהאַט אפילע אין געדאַנק צו פאַרבײַטן זי אַף אַן אַנדערער. ער האָט פּאַשעט זיך ניט פאַרגעשטעלט, ווי וואָלט ער געלעבט מיט עמעצן אַנדערש, ניט מיט זײַן ווילער, איבערגעגעבענער, קלוג-באַדאַכטער זשעניען. און פונדעסטוועגן איז די שולד זײַנע געווען גרויס. אין וואָס איז זי באַשטאַנען? אין קלייניקײַטן. נאָר די קלייניקײַטן האָבן זיך אָנגעהויפּנט איינס אַפן אַנדערן, מיט דער צײַט זײַנען זיי אויסגעוואַקסן אין אַ גאַנצן באַרג, און אַט דער באַרג האָט זיי ווי אָפּגעצוימט איינס פונעם אַנדערן. אויסערלעך איז אַלץ געווען אין אָרדענונג, אָדער ווי מע זאָגט איצט, — נאָרמאַל. מע האָט צוזאַמען געפירט די הויז-ווירטשאַפט, דערצויגן קינדער. צוויי קינדער האָבן זיי געהאַט, אַ זון מיט אַ טאָכטער. מע האָט זיי אויסגעלערנט — ביידע האָבן פאַרענדיקט אינסטיטוטן — כאַסענע געמאַכט, איצט וווינען זיי שוין באַזונדער, — נאָר דער באַרג איז די גאַנצע צײַט געוואַקסן.

און עפּשער איז יעפים לאַזאַרעוויטש, — אַזוי האָט ער איצט געטראַכט, — ניט געווען אַף אַזויפיל שולדיק, שולדיק זײַנען געווען די אומשטענדן, דאָס לעבן, ווי עס האָט זיך צונויפגעלייגט.

ער האָט ניט באַוויזן צו פאַרענדיקן די מיטלשול, האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע. פיר יאָר — אַפן פראָנט. פאַרענדיקט די מילכאָמע האָט ער אין טשעכאָסלאָוואַקיע. טאַקע דאָרט האָבן זיי זיך באַקענט מיט זשעניען. ער איז, אַ פאַרוווּנדעטער, געלעגן אין שפּיטאָל, זי, אַ מעדיצין-שוועסטער, איז אַרום אים געגאַנגען.

און מע איז זיך צונויפגעגאַנגען.

אַהיימגעפאָרן איז מען שוין ווי מאַן-און-ווײַב. דאָ איז געבוירן געוואָרן זייער ערשטלינג.

אָנקומען אין אַ הויכשול, ווי יעפים האָט פריִער פּלאַנירט, האָט זיך ניט אײַנגעגעבן, מע האָט געדאַרפט אויסהאַלטן אַ מישפּאָכע. קיין פּראָפעסיע האָט ער ניט געהאַט — ניט באַוויזן באַקומען ביז דער מילכאָמע — איז ער געוואָרן אַן אָנגעשטעלטער. געטאָן עפּעס-וואָס צוערשט אין איין אַנשטאַלט, דערנאָך אין אַ צווייטן. שפּעטער האָט מען אים איבערגעפירט אַף סאָוועטישער אַרבעט אין אַ ראַיאָנישן אויספירקאָמיטעט, מיט דער צײַט — אין געגנטלעכן. דאָ איז ער געווען אינסטרוקטאָר אין אַן אָפּטייל, שטעלפאַרטרעטער פונעם פאַרוואַלטער, די לעצטע יאָרן — פאַרוואַלטער.

די גאַנצע צײַט — זיצונגען, באַראַטונגען, קאָמאַנדירונגען. נייטיקע און ניט נייטיקע, נאָר ס'האָט זיך אַזוי עפּעס באַקומען, אַז אָן זיי קאָן מען זיך ניט באַגיין. דאָס האָט אופגעגעסן אַ סאַך צײַט. אַהיים — אַף מיטיק, אַפגיך אים אָפּגעכאַפּט, און אַוועק. אַמאָל פרעגט די פרוי אַ פרעג טאָן: „ווי איז דיר געפעלן דאָס מײַכל?” זי האָט — דאָס האָט ער פאַרשטאַנען שפּעטער — אַט דאָס מײַכל ספּעציִעל פאַר אים געגרייט, זיך געסטאַרעט, געוואָלט עס זאָל אים ווויל באַקומען, און ער — פרעגט אים בעכיירעם וואָס האָט ער געגעסן?

אינאָוונט, צומאָל גאַנץ שפּעט, נאָך אַן אָרדנטלעכער זיצונג, צי באַראַטונג, פלעגט ער קומען אַן אויסגעשעפּטער. אַפגיך אָפּגעכאַפּט די וועטשערע, ווידער ניט באַמערקנדיק וואָס און ווען, און ס'האָט אים נאָר געקלעקט קויִעך אַף דורכקוקן אַ צײַטונג און אַ דרעמל טאָן באַם טעלעוויזאָר.

מאָרגן — דאָס זעלבע.

אַזוי זײַנען אַוועק יאָרן.

די ערשטע צײַט האָט זשעניע געפּרוּווט מאָנען צו זיך אויפמערקזאַמקײַט, פּראָטעסטירן, דערנאָך האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, פאַרטײַעט זיך אין אַ פאַרביטערטן שווײַגן.

ביז די קינדער זײַנען געווען קליין, ביז זיי זײַנען געוואַקסן, אויסגעוואַקסן, זיך געלערנט, איז זי געווען גענוג פאַרנומען און, דעם עמעס זאָגן, ניט געהאַט ווען איבעריקנס צו באַמערקן דעם מאַנס ניט-אויפמערקזאַמקײַט צו איר.

נאָר אָט זײַנען די קינדער אויסגעגעבן, זיי, טאַטע-מאַמע, זײַנען שוין ביידע אויף פּענסיע, איצט האָט מען געקאָנט דערוואַרטן, אַז, כאָטש מיט אַ פאַרשפּעטיקונג, וועט דאָך אין זייער לעבן עפּעס-וואָס זיך ענדערן. אָבער ניין, ווי עס האָט פון יאָרנלאַנג זיך אײַנגעשטעלט, אַזוי האָט זיך עס שוין געפירט. אויסערלעך — אָנשטענדיק, לײַטיש, פאַר אַ זײַטיקן אויג גאָרניט צו באַמערקן, נאָר אינדערעמעסן איז דער באַרג, וואָס איז אויסגעוואַקסן צווישן זיי, געשטאַנען ניט גערירט.

זי, זשעניע, האָט געפּרוּווט אַראָפּרירן דעם באַרג. איינמאָל האָט זי צום מאַן אַ זאָג געטאָן:

— דו געדענקסט כאָטש, אַז דו האָסט אַ ווײַב?

— ווי זשע? — האָט ער געענטפערט.

— און וווּ איז אַ סימן, אַז דו געדענקסט? כאָטש עפּעס אַ סימן?

— וואָס זשע, עס זײַנען נייטיק סימאָנים?

— יאָ, — האָט זי געענטפערט, — סימאָנים, אייגנטלעך, זײַנען דאָ גענוג. שטייסט אויף אינדערפרי, איז פאַרטיק דער פרישטיק. דער מיטיק און אָוונטברויט אויך אַקוראַט צו דער צײַט, אין שטוב איז אויפגעראַמט, דאָס וועש — איבערגעפּרעסט.

— וואָס זשע דאַרף מען נאָך? — האָט זיך בײַ אים אַרויסגעכאַפּט ווי אין אַ וויץ. נאָר קיין וויץ האָט זיך ניט באַקומען. ס'האָט זיך באַקומען אַ נאַרישקײַט. ער האָט געוואָלט כאַפּן אויף צוריק, נאָר — פאַרפאַלן.

— אַזוי? — האָט די פרוי זיך אָנגערופן, — מער דאַרף מען גאָרניט? — זי האָט זיך אויפגעהויבן און אַוועק אין צווייטן צימער. — דער ערשטער סימן (דאָס האָט ער שוין גוט געוווּסט), אַז זי איז באַרויגעז.

— זשעניע, — האָט ער איר נאָכגעשריִען, — קום אַהער, האָסט מיך ניט אַזוי פאַרשטאַנען...

— איך האָב דיך גוט פאַרשטאַנען, — האַט זיך דערטראָגן פון צווייטן צימער, און ער וואָלט געמעגט שווערן, אַז אין קאָל אירן ציטערט אַ טרער...

נאָר ער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס זי וויל פון אים. עמעס, אויך איצטער, ווען ער איז שוין אויף פּענסיע, געפינט ער זיך אַרבעט. ער האָט געזעלשאַפטלעכע אויפטראָגן, וועלכע ער פילט אַקוראַט אויס, — נאָר ווי אַנדערש? ער קאָן דאָך ניט זיצן גאַנצע טעג אין שטוב. ווען ער איז פרײַ, לייענט ער דורך עטלעכע צײַטונגען, זיצט אָפּ היפּש באַם טעלעוויזאָר, בפֿראַט, ווען מע טראַנסלירט כאָקיי אָדער פוטבאָל. נאָר וואָס זשע, — ער טאָר זיך שוין גאָר קיין מינדסטן פאַרגעניגן ניט אָנטאָן?

ווען זשעניע האָט אַ צווייט מאָל פאַרפירט אַן ענלעכן געשפּרעך, האָט ער איר געענטפערט:

— איך פאַרשטיי ניט דײַנע טײַנעס.

— פאַרשטייסט ניט?

— ניין. איך שיקער כאָלילע? צי כ'ווער פאַרפאַלן אין די אָפּדערנאַכטן? אָדער כ'גיי צו אַנדערע?..

— נאָר דאָס וואָלט געפעלט! — האָט זיך אָנגערופן די פרוי.

— איך גיי דאָך ניט! — האָט ער געזאָגט.

— קומט דיר טאַקע אַ גרויסער דאַנק! — זי איז ווידער אַוועק אין צווייטן צימער.

אין עטלעכע טעג אַרום, צוריק קומענדיק פון מאַרק און אַרויסלייגנדיק אַ פּאָר היפּטלעך קרויט, רעטעכלעך און ציבעלקעס, האָט זשעניע אַ זאָג געטאָן:

— דו ווייסט, פּימע, מע פאַרקויפט שוין בלומען.

ער האָט פּונקט אַרײַנגעקוקט אין אַ פרישער צײַטונג.

— דו הערסט, וואָס איך זאָג?

— יאָ, כ'הער.

— אַזעלכע שיינע בלומען...

— אוהו, — האָט ער אַ מרוקע געטאָן, איבערלייגנדיק די צײַטונג אויף דער צווייטער זײַט.

— כ'האָב אַזוי ליב, ווען אין שטוב שטייען בלומען...

דערויף האָט ער גאָרניט געזאָגט. נאָר, דאַכט זיך, זי וואַרט אויף אַן ענטפער?

— כײַ וואָלסטו געקויפט, — האָט ער אַ מאַך געטאָן.

דאָס מאָל איז פון איר ניט געקומען קיין ענטפער. מיט אַ זײַטיקן געדאַנק פאַרשטאַנען — עפּעס איז ניט גלאַט, געוואָלט אַ קוק טאָן אויף דער פרוי, נאָר דערזען אויף דער דריטער זײַט אַ פעליעטאָן, האָט ער אין אים זיך פאַרטיפט.

אויף מאָרגן איז יעפים לאַזאַרעוויטש געווען אין מאַרק. אַצינד, ווען ער איז אויף פּענסיע, פלעגט ער ווען-ניט-ווען זיך דאָרט באַווײַזן. ערשטנס, טרעפן זיך מיט באַקענטע, דערוויסן

ניַיס און טאקע עפּעס איַינקויפן אויך. דאָס מאָל האָט אים זשעניע געבעטן ברענגען, אויב עס וועט זיך מאכן, א פּאָר קילאָגראַם גוטע קארטאָפל. האָט ער געקויפט און זיך שוין געלאָזט גיין פון מארק. מיטאמאָל האָט ער באמערקט ניט וויַיט פונעם ארויסגאנג בלומען. א סאך בלומען זיַינען אף א לאנגן טיש געווען אויסגעשטעלט. איז ער צוגעגאנגען. נעכטן איז זשעניע עפּעס מאָדנע אנשוויגן געוואָרן, ווען ער האָט א פרעג געטאָן, פארוואָס זי האָט ניט געקויפט קיין בלומען.

— וויפל קאָסטן אָט די לאנדישן? — האָט ער א פרעג געטאָן בא דער פולבלעכער פרוי, וואָס איז לעבן זיי געשטאנען.

— צוויי בינטעלעך — א רובל.

— א רובל? — האָט ער זיך פארכידעשט. — און אָט דאָס זיַינען וואָס פארא בלומען? — קיין גרויסער באַקי אין אָט די זאכן איז ער ניט געווען.

— פּיאָנען, — האָט געענטפערט די פרוי.

— וויפל קאָסט?

— א רובל א בלום.

— א רובל א בלום? — האָט ער זיך נאָך מער פארכידעשט.

ער און די פרוי האָבן באקומען גוטע פּענסיעס, עס האָט זיי געקלעקט אפן לעבן, נאָר א רובל פאר א בלימל? באַרייַסעריַי! אים איז אָבער אלץ ניט געגאנגען פון זינען דאָס נעכטיקע שוויַיגן זשעניעס. פארוואָס האָט זי טאקע ניט געקויפט קיין בלומען? וויַיל זיי קאָסטן טיַיער? ניין, וויַיזט אויס, עס גייט אין עפּעס אנדערש. ער האָט זיך דערמאָנט אירע טיַינעס, איר נאָכפרעגן אף „סימאָנים". די גאנצע ציַיט האָט ער זיך דערפון אוועקגעמאכט, אָבער זי איז דאָך גערעכט.

— גיט מיר, — האָט ער געזאָגט צו דער פארקויפערן, — אָט די צוויי בינטעלעך לאנדיש.

זי האָט אים דערלאנגט און פאָרגעלייגט:

— קויפט אויך, ווילער מענטש, אָט די פּאָר פּיאָנען.

ער האַט זיך געקווייַנקלט.

— קויפט, — האָט זי אים צוגערעדט, — פאר אזא בוקעט וועט די פרוי איַיך צעקושן.

— איר מיינט אזוי?

— כ'בין זיכער.

זייער שיין האָבן אף די לאנגע שטענגלעך אויסגעזען די קיַילעכדיקע רויטע בעכערלעך, איַינגעפּאסט אין גרינע יאָדלע־צוויַיגלעך.

פון מארק איז ער אוועק — אין איין האנט דאָס קוישל מיט קארטאָפל, אין דער אנדערער — דער בוקעט.

אין גאס האָט ער באמערקט, אז פיל פון די, וואָס קומען אים אנטקעגן, באזונדערס פרויען, קוקן אף אים. ניט באלד האָט ער זיך געכאפּט, אז דאָס קוקט מען אפן בוקעט בא אים אין האנט. יעפים לאזארעוויטש האָט ניט ליב געהאַט, מע זאָל אף אים לייגן צופיל אכט. אין א דערבייַיִקן קיאָסק האָט ער געקויפט א ציַיטונג און איַינגעוויקלט אין איר די בלומען. ערשט, ווען ער האָט זיך אופגעהויבן צו זיך אפן דריטן שטאָק, שוין בא דער טיר שטייענדיק, האָט ער די ציַיטונג אראָפּגענומען און, האלטנדיק די בלומען אין האנט, א קוועטש געטאָן אפן עלעקטרישן גלעקל.

דערזען יעפים לאזארעוויטשן מיטן בוקעט, האָט די פרוי זיך פארויטלט און מיטאמאָל ווי יינגער געוואָרן.

— נא, ס'איז פונדיַינעטוועגן, — איז ער אריבערגעטראָטן די שוועל.

זשעניע האָט דעם מאן האסטיק ארומגענומען און דערלאנגט אים א פלאם־פיַיערדיקן קוש, ווי גאָר אמאָל... דערנאָך א כאפּ געטאָן בא אים די בלומען, איַינגעניורעט זיך אין זיי מיטן פּאָנעם, און ווען זי האָט עס אופגעהויבן, האָבן בא איר, ווי אמאָל, מיידלוויַיז, געלויכטן די אויגן...

— זי האָט טאקע געזאָגט, אז דו וועסט מיך א קוש טאָן, — האָט מיט כידעש זיך אָנגערופן יעפים לאזארעוויטש.

— ווער?

— די פארקויפערן.

זשעניע איז באלד ניט געוואָרן. אוועק נאָך א וואזע אף אריַינשטעלן די בלומען...

אף א שאָ פּריער

עלף אזייגער אין אָוונט דעם 31־טן מארט איז צווישן דעם פּאָרפּאָלק זאמאנסקעס שיר ניט דערגאנגען צו א מאכלויקעס. ערשט־אָ האָט מען דערציילט אין טעלעוויזאָר, אז מאָרגן, דעם 1 אפּרעל, פירט מען אינעם גאנצן לאנד אריבער די ציַיט אף א שאָ פריער. און דאָ טאקע האָט מען רעקאָמענדירט, אז קעדיי עס זאָלן ניט זיַין קיין מיספארשטייענישן, ווי נאָר דער גרויסער וויַיזער וועט קומען צו צוועלף, גלייַך אים אריבערפירן אף א שאָ פאָרויס, אזוי אז מאָרגן, באם אופשטיין, זאָל מען שוין האָבן פאר זיך די נייַע ציַיט.

— אַזוי וועלן מיר טאַקע טאָן, — האָט געזאָגט עלי זאַמאַנסקי, צוליב זיכערקייט אַ צופּ טוענדיק דעם שפּיץ פון דער נידעריק אַראָפּהענגענדיקער רויטלעכער וואָנצע און האָט פעסטער זיך איינגעמאַסטעט אינעם ווייכן פאָטעל באַם זשורנאַל־טישל. — אַ שאָ פריִער, איז אַ שאָ פריִער. וואָס ווערן מיר דאָ אָן?

— פאַרקערט, — האָט זיך אָנגערופן סאָרע זאַמאַנסקע, די פרוי. זי איז געזעסן אין איר פאָטעל פון דער אנדערער זײַט טישל, — מיר וועלן דערפון געווינען.

— וואָס וועלן מיר געווינען? — האָט עלי געפרעגט.

— מיר וועלן געווינען אַ שאָ פרײַע צײַט נאָך דער ארבעט.

— איז דאָך אוואדע גוט, — האָט באַמערקט עלי.

—ווייסטו גאָר וואָס, פּיר שוין אריבער דעם ווײַזער, — האָט זיך אָנגערופן סאָרע, ווײַזנדיק אפן זייגער, וואָס איז געשטאַנען אַף זײַן באַשטענדיק אָרט, אפן סערוואַנט, און האָט נאָך ניט געוווּסט פון עפּעס צו זאָגן.

— שוין? — האָט מיט כידעש איבערגעפרעגט דער מאַן.

— וואָס זשע?

— ס׳איז דאָך ערשט עלף.

— איז וואָס?

— מיר האָבן נאָך אַ גאַנצע שאָ אינעם אַלטן כוידעש, אינעם אַלטן מעסלעס, און אריבערפּירן די צײַט דאַרף מען שוין אינעם נײַעם כוידעש.

עלי זאַמאַנסקי, דאַרף מען דאָ זאָגן, איז געווען אַ שטיקל פּעדאַנט. שטאַרק באַשולדיקן אים דערפאַר איז איבעריק, ווײַל גוירעם געווען דערצו איז זײַן פּראָפעסיע. אַף איין אָרט, אין אַ סאָלידער בוי־אָרגאַניזאַציע, אַרבעט ער שוין באַלד צוואַנציק יאָר אַלס הויפּט־בוכהאַלטער, און עס האָט נאָך ניט געטראָפן, אַז דער דעביט מיטן קרעדיט זאָלן זיך ניט צונויפגיין כאָטשבי אַף אַ גראָשן.

— פּונקט צוועלף, — האָט ער געזאָגט, — וועל איך אריבערפּירן דעם ווײַזער.

— און אויב דו וועסט עס טאָן עלף, — איז באַשטאַנען אַף אירן די פרוי, — וועט זיך איבערקערן די וועלט?

— ניין, די וועלט וועט זיך ניט איבערקערן.

— איז וואָס זשע?

— נאָר אַזוי טוט זיך ניט. יעדער זאַך האָט איר אָרט און איר צײַט.

— אויב אַזוי, — האָט סאָרע מיטאַמאָל זיך אָנגעברוגזט, — גיי איך שלאָפן.

— און דו ווילסט גאָר ניט בײַזײַן באַ אַזאַ פײַערלעכן מאָמענט?

— וואָס פאַר אַ פײַערלעכן מאָמענט?

— באַם אריבערגיין אַף אַ נײַער צײַט־אויסמעסטונג.

סאָרע האָט זיך אופגעהויבן פונעם פאָטעל.

— פאַר מיר, — האָט זי געזאָגט, — וואָלט עס געווען אַ פײַערלעכער מאָמענט, ווען דו טוסט מיר צוליב און...

— און וואָס?

— און פּירסט דורך אָט די אָפּעראַציע באַלד.

— נאָר סאָרעלע, — האָט ער זיך אויך אופגעהויבן, — מע מעג דען זײַן אַזוי עגאָיִסטיש?

— וואָס עפּעס בין איך אַזוי עגאָיִסטיש?

— ווי זשע? דאָס גאַנצע לאַנד וועט אריבערפּירן די ווײַזערס פּונקט צוועלף, און צוליב דיר איינער זאָל איך עס טאָן עלף? ס׳איז דאָך ניט קיין שפּילכל באַ דיר אין קינדערגאָרטן...

יאָ, עלי איז געווען אַ שטיקל פּעדאַנט, ווי עס האָט געפאָדערט זײַן פּראָפעסיע. און סאָרעס פּראָפעסיע, — זי האָט באַ צוואַנציק יאָר געאַרבעט אַלס דערציִערן אין אַ קינדערגאָרטן — האָט ניט געדולדעט קיין מינדסטן סימען פון פּעדאַנטישקײַט.

— אויב אַזוי, — האָט זי געמאָלדן, — גיי איך שלאָפן.

עלי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין פאָטעל און אין פאַרלעגנהייט אַ צופּ געטאָן דעם שפּיץ פון דער נידעריק אַראָפּהענגענדיקער רויטלעכער וואָנצע.

נאָר סאָרע, ווײַזט זיך אַרויס, האָט אויך שלאָפן זיך ניט געלייגט. זי האָט נאָך געפונען אַרבעט אין קיך, דערנאָך לאַנג זיך געפּאָרעט אין וואַנע. אָן פינף מינוט צוועלף, אַ פרישע אויסגעצוואָגענע, אַ שמעקנדיקע, איז זי אַרײַן אין צימער.

— נו, נו, — האָט זי אַ מאַך געטאָן, — איז נאָך אַ סאַך פאַרבליבן צו דײַן פײַערלעכן מאָמענט?

— וואָס עפּעס צו מײַנעם?

— איז וויפל פאַרבליבן?

— ניט קיין סאַך, — האָט עלי געענטפערט, צופרידן פון איר אַרײַנקומען, — אָט באַלד. זעץ זיך צו.

ביידע ווײַזערס האָבן זיך אויסגעגלײַכט אַף דער צוועלף. עלי האָט פּאַמעלעך גענומען פירן דעם גרויסן ווײַזער, אַזוי לאַנג, ביז דער קלענערער האָט אַליין אוועקגעשטעלט זיך אַף דער איינס.

— נו, אָט, — האָט ער אָפּגעעטעמט לײַכט.

— הייבן מיר אָן לעבן, — האָט סאָרע צוגעגעבן, — אַף אַ שאָ פריִער.

1—1858

די צײַט, די צײַט! זי פֿאַרמאָגט אין זיך אַזױפֿיל פֿאַרבאָרגנס, פֿאַרהױלנס, אומבאַװוּסטס... עס װילט זיך גלײבן, אַז זי טראָגט מיט זיך גוטס, בלױז גוטס, און די אײביקע מוירע דערבײַ — טאָמער, כאַליליע, פֿאַרקערט? דערפֿון — דער באַזונדערער מין פּיעטעט צו אַלץ, װאָס האָט צו טאָן מיט צײַט...

דאָס, װאָס איז ביז איצט צװישן דעם פֿאַרפֿאַלק געשמועסט געװאָרן, האָט פֿאַרמאָגט אין זיך צוביסלעך אי װיץ, אי איראָניע... נאָר װען דער װײַזער האָט זיך אָפּגעשטעלט בא דער אײנס, האָבן אי זי, אי ער דערפֿילט מיטאַמאָל, אַז אָט די רעגע איז ניט גאָר קײן געװײנלעכע. קלאָר האָבן זײ עס ניט פֿאָרמולירט אין געדאַנק, נאָר דײַטלעך, מיט אַלע כושים דערשפּירט: נײן, ניט די צײַט איז באַלעבאָס איבערן מענטשן, דער מענטש איז באַלעבאָס איבער דער צײַט. אָט דאַרף ער צוליב זײַן נוץ, אינטערעס, פּירט ער זי אַריבער אַף אַ שאָ פֿאַרױס, און די צײַט, — אַ ברײרע האָט זי? — מוז פֿאָלגן. און ס'איז דאָך ניט קײן קלײניקײַט — דערפֿילן מיטאַמאָל, אַז דו ביסט באַלעבאָס איבער דער צײַט...

סאָרע האָט זיך אופֿגעהױבן פֿונעם פּאַטעל, צוגעגאַנגען צום מאַן. ער — אַזױנס האָט זיך בא זײ שױן לאַנג ניט געפֿירט — האָט זי אַרומגענומען לײַכט און אַ קוש געטאָן אין די פֿײַכטע אױסגעצװאָגענע האָר.

— זאָל זײַן מיט מאַזל, — האָט זי שטיל געזאָגט.

— זאָל זײַן מיט מאַזל...

א שמײכל

אױב אײַך קומט אױס צו זײַן אָפּט אַף דער פּאָטשט, האָט איר געװיס באַמערקט: אין אָט דעם אַנשטאַלט, און באַזונדערס, אין דעם אָפּטײל זײַנעם, װוּ מע נעמט אוף באַנדעראָלן, טעלעגראַמעס און מע גיט אַרױס בריװ צום אופֿאַדערן, אַרבעטן געװײנלעך יונגינקע מײדלעך. און נאָך: די מײדלעך האַלטן אין אײן בײַטן זיך. ניט באַװיזן האָט איר געװױנט װערן צו אײנער, און מיטאַמאָל טרעפֿט איר שױן אַן אַנדערע, נאָך גאָר אַ קנאַפּ דערפֿאַרענע. ביז זי װעגט אָפּ אײַער באַנדעראָל, ביז זי קוקט אַרײַן אין צעטל און באַרעכנט װיפֿל פֿון אײַך קומט, ביז זי שרײַבט אױס די קװיטאַנציע, דױערט עס און דױערט... ס'איז הינטער אײַך, דאַכט זיך, קײנער ניט געװען, נאָר אָט שטײט שױן אַ היפּשע רײ און אַלע קוקן אַף אײַך מיט בײזע אױגן...

דעריבער איז מיר טאַקע געװען אַ חידוש, װאָס אײנע פֿון אָט די יונגע מײדלעך האָט זיך פֿאַרהאַלטן אַף דעם אָרט לענגער פֿון אַנדערע. זי האָט שױן געאַרבעט, קימאַט ניט קוקנדיק. שנעל אָפּגעװױגן, אונטערגערעכנט, אױסגעשריבן אַ קװיטאַנציע, שנעל אָפּגעזוכט בריװ צום אופֿאַדערן. די רײ צו איר פֿענצטער איז געגאַנגען אָן שום מעניעס.

אַזױװי אַף דער פּאָטשט קומט מיר אױס צו זײַן אָפּט, האָט צװישן מיר און אָט דעם מײדל מיט דער צײַט זיך אײַנגעשטעלט אַ געװיסער קאָנטאַקט. װען איך פֿלעג זיך באַװײַזן, האָט זי געקוקט אַף מיר, װי אַף אַן אַלטן באַקאַנטן, כ'האָב זיך מיט איר געגריסט, און זי האָט מיר ליבלעך געענטפֿערט.

אײנמאָל בין איך אַ צײַט ניט געװען אַף דער פּאָטשט, האָט דאָס מײדל עס באַמערקט.

— עפּעס האָט איר שױן לאַנג ניט אָפּגעשיקט אײַערע באַנדעראָלן, — האָט זי געזאָגט.

— ניט געזונט געװען, — האָב איך געענטפֿערט.

זי האָט פֿלינק מיר אױסגעשריבן די קװיטאַנציע און אַ זאָג געטאָן:

— מע דאַרף זײַן געזונט!

ניט אײן מאָל שױן האָט זיך מיר געװאָלט אַ פֿרעג טאָן בא אָט דעם מײדל עפּעס־װאָס װעגן אירע אָנגעלעגנהײַטן, — מיר זײַנען שױן, דאַכט זיך, געװען גענוג הײמיש צוליב דעם, — נאָר אַלעמאָל זײַנען געשטאַנען נאָך מענטשן און האָבן געשטערט.

קוקנדיק װי לײַכט און פֿלינק זי אַרבעט, האָב איך געטראַכט: פֿאַרװאָס אָבער זיצט זי דאָ, אָט דאָס װױלע מײדל? זאָל זי האָבן פֿאַרענדיקט אַ מיטלשול, ניט אָנגענומען די נײטיקע צאָל באַלן אַף אַרײַנטרעטן אין אינסטיטוט, און ביז די קומענדיקע עקזאַמענעס אַרבעט זי דערװײַל דאָ? און נאָך: איז זי בא אירע עלטערן אײנע, אָדער זי האָט שװעסטערלעך, ברידערלעך? מיר האָט זיך געדאַכט, אַז בא די עלטערן אירע דאַרף זײַן אַ היפּשע מישפּאָכע, און זי, די עלטסטע, העלפֿט פֿאַרדינען אַף דער אױסקומעניש. און, עפּשער, פֿאַרקערט, די עלטערע קינדער האָט מען שױן לאַנג אױסגעגעבן, און זי, די מיזינקע, איז געבליבן פֿאַר טאַטע־מאַמע אַ טרײסט אַף דער עלטער. אַף לאַנג? ביז עס װעט זיך באַװײַזן אַ באָכער און װעט זי אױסכאַפּן. און עפּשער

איז ער שוין דאָ, אַט דער באָכער? און ניט אײַך, — אים מיינט זי טאקע מיט איר לײַכטן שמייכל, וואָס זי לאָזט פאלן פון מאָל צו מאָל בא דער ארבעט?

מיר איז שווער צו זאָגן פארוואָס, נאָר דאָס אלץ איז מיר אָנגעגאנגען צו וויסן.

זאָגן, אז דאָס מיידל איז א שיינע, האָט מען ניט געקאָנט. דאָס פּאָנעם לענגלעך, בלאסלעך, מיט קליינינקע קלײַנדלעך. די אויגן גרויע, ניט זייער קיין אויסדריקלעכע אונטער העלע ברעמלעך, איבעראשט האָבן מיט זייער פּראכט אירע האָר — צוויי היפּשע ווייצענע גארבן זײַנען איר געפאלן אַף די אקסל און ווי אײַנגעהילט זי אינגאנצן אין זייער ליכטיקער שײַן. א קליינינקע, אן איידלינקע, וואָלט זי זיך מיט גאָרנישט ניט אויסגעטיילט, ווען ניט אַט די האָר, און נאָך — דער לײַכטער, קוים מערקבארער טמימעסדיקער שמייכל...

ס'איז געווען א שיינער פרילינגדיקער טאָג. איינער פון יענע טעג, ווען די הימלען אָטעמען מיט א באזונדער מין מילדער בלויקײַט און די ערד רופט זיך אָפּ דערויף מיט די איידלסטע רייכעס פון איר אופוואכנדיקער יוירונג... עס ווילט זיך אָן א שיך שפּאנען, אײַנזאפּן אין זיך אַט די בלויקײַט, ארײַנאָטעמען אַט די רייכעס... דערווידער איז דער געדאנק אפילע, אז מע דארף ארײַנגיין ערגעץ אונטער א דאך, צווישן פיר ווענט. נאָר גראָד אין יענעם טאָג האָב איך געהאט וואָס צו טאָן אַף דער פּאָטשט — באנדעראָלן, טעלעגראַמעס, ביז דעם בין איך א לענגערע צײַט אַף דער פּאָטשט ניט געווען, האָב איך געקלערט: וועל איך נאָך טרעפן דאָרט מײַן באקאנט מיידל?

געטראָפן. אַף איר באשטענדיקן אָרט האָט זי געשײַנט מיט אירע ווייצענע גארבן (הײַנט זײַנען זיי נאָך דורכגעלויכטן געווען פון דער זון אין פענצטער), און כ'האָב זיך דערפרייט. כאָטש, וואָס, אייגנטלעך, דארף מיר אָנגיין, צי זי אָדער אן אנדערע זיצט אַף דעם אָרט. אָבער — דערפרייט. און באלד א צווייט געפיל — ראכמאָנעס. אזא טאָג (זי וואָלט אזוי געפּאסט זיך צום פרילינגדיקן דרויסן!) מוז אַט דאָס ווילע מיידל אָפּזיצן דאָ, אינעם ענגן צימער און אויסשרײַבן נודנע קוויטאנציעס.

טאקע וועגן דעם האָב איך נאָכן באגריסן זיך איר געזאָגט:

— אײַך מוז הײַנט זײַן ניט לײַכט צו ארבעטן?

— פארוואָס? — האָט זי א וואָרף געטאָן מיט די ליכטיקע האָר און אָנגעשטעלט אַף מיר איר בליק. דערבײַ האָב איך באמערקט, אז די אויגן אירע זײַנען הײַנט ניט גרוי, ווי געוויינלעך, נאָר דורכגענומען אַף דורך און דורך מיט א מין איידעלער בלויקײַט. — פארוואָס מיינט איר אזוי?

— אין אזא טאָג ווילט זיך שפּאצירן, זײַן אין דרויסן, אָטעמען מיט פרילינג...

— מע דארף אָבער ארבעטן אויך, — און זי האָט א נעם געטאָן מײַנע באנדעראָלן.

— איך וועל אײַך הײַנט פארמאטערן, — האָב איך א ווונק געטאָן אפן היפּשן פּעקל.

— איר מיינט מיך איז גרינג צו פארמאַטערן? — האָט זי זיך אָנגערופן און מיר איז געוואָרן קלאָר: זי מוז ניט גיין אָטעמען מיטן פרילינג אין דרויסן. דער פרילינג איז מיט איר, ער אָטעמט אין יעדן קער און ווענד אירן... כ'האָב זיך פארקוקט, ווי געשיקט זי טוט איר זאך, און געזאָגט:

— ניט איר ארבעט, איר גיט הײַנט אַפּ קאָנצערט!

— נאָר הײַנט?

— הײַנט — באזונדערס.

— און איר האָט געמיינט, איר וועט מיך פארמאטערן...

געזעגענענדיק זיך, האָט זי מיך באשאָנקען מיט איר ליבלעכן שמייכל.

וואָס טראָגט מען מיט זיך אוועק פון פּאָטשט? א פּעקל, א געלט-איבערווײַזונג, א בריוו. דאָס מאָל האָב איך אוועקגעטראָגן מער — א שמייכל. דער דאָזיקער מיידלשער שמייכל איז אדרעסירט געווען מעגלעך גאָר ניט צו מיר, גיכער פאר אלץ — צו אַט דעם פרילינגדיקן טאָג, צו דער אייגענער יונגקײַט, צו אירע מיידלשע טרוימען און דערוואַרטונגען... נאָר אַט דער שמייכל איז מיר שוין נאָכגעגאנגען יענעם גאנצן פרילינגדיקן טאָג, ווי א ליכטיקער סימען זײַנער, אזא סימען, וואָס ווען ניט ער, וואָלט גאָר דער פרילינג קיין פרילינג ניט געווען...

נאָרמאַל

כ'ווייס ניט, ווי אײַך, מיר געפעלט ער, דער יונגער דאָר, וואָס וואַקסט איצט אונטער, — א טײַערער דאָר, סײַ די ייִנגלעך, סײַ די מיידלעך. וווּקסיקע (אקסעלעראַציע!) שיינע, געבילדעטע, קלוגע. און ווייסן ווייסט מען אזוי פיל, וואָס מיר, די זיידעס, האָבן אין זייער עלטער אפילע טרוימען וועגן אזוינס ניט געקאָנט. און וואָס איז דער כידעש — מע לעבט

דאָך עפּעס אין דער עפּאָכע פֿון דער וויסנשאַפֿטלעך-טעכנישער רעוואָלוציע. גאַנצע קאַסקאַדן אינפֿאָרמאַציע פֿלייצן דורך ראַדיאָ, דורך דער טעלעוויזיע, ביכער, צײַטונגען, לעקציעס. אַפֿילו זאָלסט ניט וועלן, ווײסטו, אַ פּאַשעטער באַסער וועדאָם, מוזן וויסן אַזוי פֿיל, וואָס אַמאָל האָט עס אַ פּראָפֿעסאָר ניט געוווּסט. מיט איין וואָרט, קולאָם כאַכאָמים, אַלע קלוג, אַלע געבילדעט.

איין כיסאָרן איז באַ אָט דעם יונגן דאָר אונדזערן פֿונדעסטוועגן פֿאַראַן. אין וואָס באַשטייט ער, דער כיסאָרן? מיר דאַכט, ער באַשטייט אין דעם, וואָס זיי האָבן ניט ליב אַ סאַך צו ריידן. וועט איר דאָך זאָגן, אַז, פֿאַרקערט, ס'איז אַ מײַלע, ווײַל ווער דאַרף האָבן פּלוידערזעק? קיין פּלוידערזעק, פֿאַרשטייט זיך, דאַרף מען ניט. נאָר שווײַגן מוז אויך האָבן אַ מאָס. אָט וועל איך אײַך עפּעס דערציילן. מײַן עלטער אייניקל איז אַלט געוואָרן זעכצן יאָר און האָט באַקומען אַ פּאַספּאָרט, האָט מען עס באַשלאָסן אָפּמערקן. מע האָט צונויפֿגערופֿן נאָענטע קרויווים, פֿרײַנט. באַם טיש זײַנען אויך געזעסן יונגע כעווריע, דעם אייניקלס פֿרײַנט פֿון זײַן קלאַס, אַלע, ווי ער אַליין, מיט לאַנגע האָר און שוין מיט אָנזיכטיקע סימאָנים פֿון וואָנצעלעך. טאַקע דערמיט, מיט זייער אויסערלעכן אויסזען, האָבן זיי זיך אויסגעטיילט באַם טיש, און מיט נאָך אַ זאַך — מיט זייער שווײַגן. די עלטערע לײַט האָבן באַגריסט דעם באַלסימכע, געווונטשן אים אויסוואַקסן אַ ווױלער מענטש, אַ טרײַער בירגער. זיי, די יונגע, האָבן נאָך יעדן טאָסט פֿלײַסיק צוגעטראָגן צום מויל די גלעזלעך מיט לײַכטן ווײַן, וואָס מע האָט זיי אַוועקגעשטעלט, פֿאַרביסן און... געשוויגן. מע זאָל עס אַרויסברענגען אַ וואָרט... אַזוי האָבן זיי אָפּגעשוויגן דעם גאַנצן אָוונט, און צום סאָף האָט איגאָר, דאָס אייניקל, אַ זאָג געטאָן, אַז זיי וועלן גיין זיך דורכשפּאַצירן, און פּונקט אַזוי שווײַגנדיק, ווי מע איז אָפּגעזעסן באַם טיש, אַזוי איז מען שטיל, אָן אַ „זײַ-געזונט" אַוועק.

מיך האָט עס פֿאַרכידעשט, און אויב איר ווילט וויסן דעם עמעס, פֿאַרדראָסן אויך. סטײַטש, האָב איך געטראַכט, יונגאַטשעס, וואָס איר זײַט! וואָס הייסט איר זיצט אָפּ אַן אָוונט צווישן מענטשן און שווײַגט? וואָס איז, מע דאַרף אײַך, כאָלילע, פּיקן די צונג? ווייס איך דאָך, אַז צינגעלעך האָט איר אַף שרײַפֿעלעך... ווי זשע דאַרף מען עס פֿאַרשטיין? זאָלן מיר טראַכטן, אַז געשוויגן האָט איר מאַכמעס דערעכערעץ — פֿאַר אונדז, עלטערע לײַט? ניט געוואַגט, הייסט עס, אין אונדזער אָנוועזנהײַט עפֿענען דאָס מויל? אַזוינס וואָלט נאָך עפּשער געווען צו דערלײַדן. האָב איך אָבער מוירע, אַז די סיבע איז דאָ געווען אַן אַנדערע. ניט מאַכמעס דערעכערעץ צו אונדז, עלטערע לײַט, האָט איר אָנגענומען אַ פֿול מויל מיט וואַסער, נאָר פֿאַרקערט, מאַכמעס יונגער גרויסהאַלטערײַ, ווי איינער רעדט, וואָס וועלן מיר גיין האַלטן דראָשעס פֿאַר אָט דעם אַלטוואַרג, וואָס פֿאַרשטייען זיי?

אַוואַדע וואָלט איך געוואָלט זײַן אומגערעכט.

אַזוי, צי אַזוי, וועגן דער עמעסער סיבע בין איך אַרויס ניט וויסנדיק, נאָר אַזוינס איז געשען.

נו, און ווי איז, מיינט איר, אַז די יונגע לײַט גייען זיך צונויף צווישן זיך? האָב איך באַמערקט, אַז אויך אין דעם פֿאַל מאַטערט מען ניט צופֿיל די צונג. עס גייען אין גאַנג אַנדערע אייוורים. ווי נאָר מע קומט זיך צונויף, שליסט מען באַלד אײַן די ראַדיאָלע מיט אונדזערע און אויסלענדישע זינגער, וואָס דונערן בעקאָל-קוילעס, און מע נעמט זיך טאַנצן די הײַנטיקע טענץ מיט די נייגענישן, בייגענישן און קרימענישן, פֿון וועלכע מע קאָן, דאַכט זיך, בלײַבן אָן הענט און אָן פֿיס... די צונג מעג מען שוין דערבײַ האַלטן צווישן די ציין, ווער דאַרף זי?

און אויב מע רעדט שוין יאָ, — האָט איר באַמערקט? — סטאַרעט מען זיך אָפּקומען מיט וואָס ווייניקער ווערטער, און אַמאָל אַפֿילו מיט האַלבע און מיט פֿערטל-ווערטער... פּאַ... מאַ... טאַקע בעעמעס, צוליב וואָס אויסריידן „פּאַפּע", „מאַמע", „באָבע", אַז מע קאָן זיך באַגיין מיט פּאַ... מאַ... באַ... צוליב וואָס פּײַניקן דעם צונג אַף אַרויסריידן אַזאַ שווער וואָרט, ווי „רובל", אַז מע קאָן זיך באַגיין מיטן ערשטן אָס. אַשטייגער: „וויפֿל קאָסטן דײַנע נײַע דזשינסן?" „הונדערט פֿופֿציק רע"... פּאָשעט, פּראָסט און, דעריקער, פֿאַרשטענדלעך.

און רעדט מען שוין אַרויס אַ גאַנץ וואָרט, סטאַרעט מען זיך אין אים אַרײַנשפּאָרן וואָס מער באַטײַטן. פֿאַר יעדן באַטײַט אַ באַזונדער וואָרט? צו וואָס אַזאַ לוקסוס? שפּאָרזאַם דאַרף מען זײַן, שפּאָרזאַם אין אַלץ און הויפּטזאַכלעך אין עמאָציעס, קיינער זאָל ניט מיינען, כאָלילע, אַז מע איז כאָטשבי אַ טראָפּן סענטימענטאַל. כוישעד זײַן אין אַזוינס איז ערגער ווי אין טאַטן אַרײַן געשאָלטן. סענטימענטאַל זײַנען געווען די פֿאָטערס, די זיידעס, מיט איין וואָרט, די אָוועס. זיי, די יונגע, וועט מען אַף דער ווענטקע ניט כאַפּן. זיי האַלטן ניט פֿון קיין לאַנגע דראָשעס, פֿון ליבע-דערקלערונגען. זיי וועלן ניט גיין פֿאַר עמעצן אויפֿדעקן, וואָס באַ זיי אין האַרצן טוט זיך... מע וועט בעסער צוקלײַבן איין וואָרט, וואָס, אַז מע וויל,

דערקלערט עס עפּעס יאָ, און, אז מע וויל, דערקלערט עס גאָרניט, איין וואָרט אַף אַלע פאַלן פון לעבן.

אָט וועל איך אײַך דערציילן וועגן מײַן צווייטן אייניקל. לענע לערנט זיך אין דער פּעדאַגאָגישער שול, אַפן צווייטן קורס. עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אז דעם פאָטער אירן האָט מען דאָ ניט לאַנג אריבערגעפירט אַף ארבעט אין אן אנדער שטאָט. איז די מישפּאָ-כע מיטן עלטערן אייניקל, מיט איגאָרן, ארי-בערגעפאָרן, און לענע איז געבליבן בא אונדז, באם זיידן מיט דער באָבע, ביזן פאַרענדיקן די שול.

ווען לענע קומט פון די לימודים און מע זעצט זיך צום טיש, — מיר וואַרטן אַף איר מיטן מיטיק — טוט מען א פרעג:

— ווי איז עס דיר הײַנט געגאַנגען אין שול, לענע?

— נאָרמאַל.

— מע האָט דיך ארויסגערופן?

— יאָ.

— וויאַזוי האָסטו געענטפערט?

— נאָרמאַל.

— וואָס הייסט „נאָרמאַל"?

— א „פינף".

אַפן אנדערן טאָג:

— הײַנט האָט מען דיך אויך ארויסגע-רופן? (ווען מע פרעגט ניט, וואָלט זי ביכלאַל גאָרניט דערציילט). לענע טוט א שאָקל מיטן קאָפּ.

— מע פרעגט דאָך בא דיר...

— זאָג איך דאָך...

— וואָס זאָגסטו?

— יאָ.

— אַף וואָס פאַר א קעגנשטאַנד האָט מען דיך ארויסגערופן?

— אַף ליטעראַטור.

— ווי האָסטו געענטפערט.

— נאָרמאַל.

— וואָס הייסט „נאָרמאַל"?

— א „פיר".

די באָבע:

— נעכטן איז בא דיר א „פינף" געווען „נאָרמאַל", הײַנט א „פיר"...

— נאָרמאַל.

נאָך די לימודים פאַרגייט אַמאָל לענע אַף פאַטשט און קלינגט אָן פון אווטאָמאַט דעם טאַטן אָדער דער מאַמען אַף דער ארבעט.

בא מיטיק:

— האָסט הײַנט געקלונגען אהיים?

— יאָ.

— וואָס הערט זיך דאָרט?

— נאָרמאַל.

— איגאָר גיט אָפּ די עקזאַמענעס אין אינסטיטוט?

— יאָ.

— ווי גיט ער אָפּ?

— נאָרמאַל.

נאָך מיטיק גייט לענע אוועק אַף צוגאָב-לעכע לימודים.

באם אָוונט-ברויט האָט זי געמאָלדן:

— איגאָרן האָט מען נעכטן אוועקגעלייגט אין שפּיטאָל.

— אין שפּיטאָל?

— מע האָט אים אָפּערירט.

— אָפּערירט?!

— אַן אפּענדיציט.

— באטאָג האָסטו דאָך געזאָגט: „נאָר-מאַל"?

— וואָס זשע האָב איך אײַך געזאָלט זאָגן?

— און ווי פילט ער זיך נאָך דער אָפּע-ראַציע?

— נאָרמאַל.

הײַנט גייט רעדט, גייט ווייסט, וואָס אונ-טער אָט דעם איינציקן, אוניווערסאַלן וואָרט קאָן זײַן באהאַלטן...

אָט די קאַרגשאַפט אַפן וואָרט וואָלט מיך עפשער ניט געאַרט. מיילע, ווייניקער מיט א וואָרט איז בעסער, איידער מער מיט א וואָרט. איינס אַרט מיך — צי איז אָט די קאַרגשאַפט אַפן וואָרט ניט קיין אויסדרוק פון אן אנדער קאַרגשאַפט... יאָ, איר האָט געטראָפן מײַן מיין, — צי איז עס ניט אן אויסדרוק פון קאַרגשאַפט פון געפיל, קאַרגשאַפט פון גײַסט... ניטאָ, זאָגט איר, וואָס פאַר דעם זיך צו שרעקן? ס'וועט איבערגיין, זאָגט איר? איך וויל אויך אַזוי מיינען. עס וואַקסט דאָך בא אונדז א טײַערער יונגער דאָר! אײַ, וואָס פאַר צוואַנציק באטײַטן האָט מען איין-איינציק וואָרט... כ'וויס, נײַע צײַטן — נײַע לידער. עפשער איז דאָס אויך — נאָרמאַל.

צום 40־טן יאָרטאָג

פונעם אופשטאנד אין ווארשעווער געטאָ

אין צוזאמענהאנג מיטן רומפולן יובילײ דערמאָנען מיר אונדזערע לייענער אין דער פּאָעמע „שאָטנס פון ווארשעווער געטאָ", וועלכע דער גרויסער סאָוועטישער ייִדי־שער דיכטער איציק פעפער האָט אָנגעשריבן אף די פרישע שפורן פון די געשעע־נישן.

שאָטנס

פון

װאַרשעװער געטאָ

(פראַגמענטן)

עס שיסן די העלדן פון װאַרשעװער געטאָ,
װאָס שטייען ביז קני אין דעם בלוט פון די קדושים.

עס פאַלן די דעכער, װי לײדיקע קוישן,
און כורװעס אַף כורװעס, צעדרױבט און צעשמעטערט,
אין װאַלגער זיך לייגן אַף בערגיקע װעגן,
און ס׳שטורעמט פון שטויב און פון שטיינער א רעגן.

און הויך איבער כורװעס און הויך איבער דעכער
די פאָן פון דער געטאָ אין פײַערן פלאַטערט,
א פײַנטלעכע קויל האָט זי דרײַ מאָל געלעכערט,
נאָר זי האָט איר מוט און איר כיין ניט צעפּאַטערט
אין טעג פון ניסיױנעס. זי פלאַמט אין די הייכן,
דער װיי האָט איר נעכטיקן שטאָלץ ניט געבראָכן,
זי היט אירע װונדן, װי אײביקע צייכנס.
װי צייכנס פון אומקום, פון צאַר און ניצאָכן,
זי פלאַטערט מיט רום פון די זיידעס און טאַטעס,
מיט גװורע פון זין און מיט זױבער פון טעכטער.

דרײַ װונדן שוין בריִען דאָס לײַב פונעם װעכטער,
װאָס נעמט ניט אראָפּ פון דער פאָן זײַנע אויגן,
אים האָבן דרײַ װונדן צו דר׳ערד שוין געבויגן,
נאָר ער שטייט װי פריִער א שטאָלצער, א שלאַנקער,
ער שטייט װי א פעסטונג, װאָס װייסט פון קיין װאַקל,
ער שטייט װי א שיף אַף א מעכטיקן אנקער.
ער שטייט װי א שלאַכטמאַן — די פאָן איז זײַן פאַקל,
ער ציילט ניט דעם טראָט פון די לאַנגע מעסלעסן,
ער האָט שוין דעם טאַם פון א דרעמל פאַרגעסן,
צװיי טעג זײַנען שיקער פון דעמלט אנטלאָפן,
װען ס׳האָט אים די מאַמע געבראַכט עפּעס עסן...
האָט עפּשער א קויל שוין די מאַמע געטראָפן?
צװיי טעג, אז ער זעט ניט דעם טאַטן אין געסל,
עס קומט ניט דער טאַטע, עס קומט ניט די מאַמע,
דער אומגליק האָט ביידע געפּאַקט שוין מיסטאַמע...

איצט שטייט ער אַליין אויפֿן הויכן באַלקאָן דאָ,
ער שטייט, ווײַל עס האָט אים די אידעע געהייסן,
עס קומען שוין מער ניט די שוועסטער די בלאָנדע,
די ברידערלעך קומען שוין מער ניט. זיי ווייסן,
זיי ווייסן אוואַדע, וווּ ער געפֿינט זיך.

איצט שטייט ער אַליין דאָ פֿאַרגרויט און פֿאַרפֿינצטערט.

דאָס וואַרשעווער ייִנגל איז ניט צו דערקענען,
עס זײַנען שוין גרוי זײַנע ייִנגלשע לאָקן,
צעאַקערט זײַן שטערן איז, ווי בײַ אַ זאָקן,
און נאָר זײַנע אויגן אין פֿינצטערניש ברענען,
די אויערן הערן דאָס פֿײַפֿן פֿון קוילן,
דעם יאָמער, וואָס טראָגט זיך אַרום איבער פּוילן,
די אויערן הערן נאָר קרעכצן, וואָס רייצן
און בריִען, און פֿאַלן אויף כוואַליעס דערוואָרגן.
די אויערן הערן נאָר שאָסן, וואָס קרייצן
דעם טונקל פֿון אָוונט, די בלוי פֿון פֿרימאָרגן.
מע רײַסט ניט קיין קריִע, מע זעט ניט קיין טרערן,
אין טרוקענע אויגן דער אָפּשײַן פֿון שטערן,
מע זיצט ניט קיין שיווע. מע מאַכט ניט קיין מאַלעס,
דאָס קאָל פֿון די ביקסן דאָס איינציקע קאָל איז
אין וואַרשעווער געטאָ. נאָר וואָלקנס אין הימל
און רויכן אויף ערדן זיך לאָזן אין גאַלעס.
אויס גאַלעס! אויס געטאָ! אויס שאַנד און אויס שימל!

עס שיסן די געסלעך, די גערטענער שיסן,
עס שיסן די טישן, די בענק און די דילן,
און ריקעס פֿון גאַסן צו גאַסן שוין פֿליסן,
און ס'מאָלן דאָס ברויט פֿון מילכאָמע די מילן...

אַמאָליקע צײַטן אין שלאַכט מיטן סוינע
פֿלעגט עמעצער פּרוּוון זײַן לעבן נאָך שוינען,
אַמאָל פֿלעגט אין הערצער נאָך קומען די מוירע,
אַמאָל פֿלעגט דער פּאַכעד זיך שפּיגלען אין אויגן,
דער טויט פֿלעגט די שרעק אין די הערצער געבוירן.
און ס'פֿלעגט די האַכנאָע די מוטיקײַט בייגן...

ניטאָ אַזאַ שרעק, וואָס זאָל שלאַבעריק מאַכן
דאָס האַרץ און די האַנט פֿונעם וואַרשעווער ייִנגל,
ווען ס'פֿליִען אין אָפּגרונט אַפֿילע די שליאַכן,
וואָלט ער דאָ געבליבן. ס'קאָן קיינער אים צווינגען
אַט דאָ מיטן אויצער דעם גרעסטן זיך שיידן,
ער שטייט, ווי אַ דענקמאָל, פֿון שטיין אַ געטאָקטער,
דעם שטאָלץ און דעם ווייַ פֿון אַ דאָר איצטער טראָגט ער,
דער יונג מיטן זילבערנעם קאָפּ פֿון אַ זיידן.
ער שטייט, ווי אַ דענקמאָל, און קוקט אין דעם מאָרגן,
וואָס ליגט נאָך אין כאַשכעס פֿון צוקונפֿט פֿאַרבאָרגן.

ער שטייט, ווי אַ דענקמאָל, און קוקט אין דעם מאָרגן,
וואָס ליגט נאָך אין כאַשכעס פֿון צוקונפֿט פֿאַרבאָרגן.

מע שיסט פֿון דער געטאָ. און ס'טראָגן זיך פֿלאַמען
ווי בסורעס פֿון אומקום, פֿון טויט און פֿון וווּנדער,

עס טראָגן זיך פֿלאמען דורך דוירעס באַוווּנדער,
ווי שטאָלצע שעלוכים אין בלוט-רויטן סאמעט
צום יאָמטעוו פֿון פֿרײַהײַט, מע שפּאנט ניט באַזונדער —
אין גליק און אין אומגליק קאָן קיינער ניט שיידן
די העלדן: דעם איניק, דעם זון און דעם זיידן...
עס טראָגן זיך העלדן, באַקרוינטע מיט פֿלאמען,
איז ווער קאָן זיי איצט שוין די וועגן פֿאַרצאַמען?

עס טראָגן זיך העלדן, באַקרוינטע מיט פֿלאמען,
איז ווער קאָן זיי איצט שוין די וועגן פֿאַרצאַמען?

וווּהין איז דער וועג איצט? צום טויער פֿון פֿרײַהײַט?
צום שמאָלן און פֿינצטערן טירל פֿון קיוועור?
מע שפּאנט און מע פֿרעגט ניט. מ'איז שטיל און פֿאַרטײַעט,
אמאָל נאָר אין גאנג טוט א שטילן געשריי ווער.
מע שפּאנט און מע רעדט ניט. אין נאכט שעמערירן
די קנעפּ אף די דײַטשישע נײַע מונדירן,
און ס'קלאפּן די דײַטשישע שווערע אָפּצאַסן
אין טויבע פֿאַרוווּנדעטע וואַרשעווער גאַסן.

די נאכט אף די דעכער און טרעפּ א צעפּליקטע,
און יעטווידער שאָס טוט א שניט ווי א מעסער.
וווּהין איז דער וועג איצט? א פֿינצטערער ליגט ער
און פֿירט צו דער טפּיסע מיט ריזיקע שלעסער.

דער „פּאוויאַק" שטייט אין דער נאכט א פֿאַרקלערטער,
ער שטייט ווי א ספֿינקס, א פֿאַרטרוימטער, א שטומער,
די ווענט זײַנע היטן פֿאַרלאָרענע ווערטער,
ווי לעצטע סימאָנים פֿון מענטשלעכן זומער,
פֿון זומער, פֿון הארבסט און פֿון פֿרילינגן פֿריִע,
פֿון מוטיקן „זײַ געזונט!" ערעוו דער טליִע...

א שאָס האָט די לופֿט די פֿאַרסאַמטע צעריסן.
א צווייטער... א דריטער... עס קרייצן זיך קוילן,
און רויכן מיט רויכן לעם טפּיסע זיך קנוילן,
אָט האָט שוין צעפּראַלט זיך דער טויער פֿון טפּיסע...

מונדירן, מונדירן, מונדירן, מונדירן,
עס גרילצן די שטײַגן, עס קלאפּן די טירן...
די שלוכים פֿון געטאָ אין דײַטשע מונדירן,
די וועכטער — זיי פּלאַצן, די וועכטער קראַפּירן.
מונדירן, מונדירן, מונדירן, מונדירן.
די געסט פֿון דער געטאָ אין דײַטשע מונדירן,
און אלע „פֿאַרברעכער" אין דײַטשע מונדירן.
דעריקער איז שיסן! קיין צײַט ניט פֿאַרלירן!
ס'איז גוט, וואָס עס לעבט נאָך א נאכט אף דער וועלט דאָ.
עס דוכט, אז די נאכט האָט אליין זיך פֿאַרשטעלט דאָ.
און שלעפּט א מונדיר איבער שליאַכן א נײַעם
אף העלפֿן די העלדן פֿון טפּיסע באַפֿרײַען!
עס גייט א געראַנגל. פֿון וועמען מיט וועמען?
מע קלינגט אין די שטאָבן, עס רוישט ווי אין געגעם
מיט שמאָלינקע סטעזשקעס. מע יאָגט זיך פּונדאַנען.
מע יאָגט זיך אהערצו מיט שליאַכן מיט ברייטע.
א גאַס ניט קיין גאַס איז — א פֿעלד מיט קורגאַנען.

עס טראָגן זיך שאָטנס מיט קאַמערס צעשיידטע.
דער וועג פירט אין געטאָ. באַפרײַטע פּאָליאַקן
און ייִדן באַפרײַטע. מע טראָגט זיך אינײנעם,
די טירן די לעצטע די העק שוין צעהאַקן,
און פּוסט ווערט די טפיסע. אויף בלוטיקע שטיינער
עס ליגן די וועכטער. די אויגן פאַרשלאָסן.
און רײַך ווערט די געטאָ מיט נײַע סאָלדאַטן,
עס וואַקלט זיך וואַרשע פון גוואַלדן און שאָסן,
פון טאַנקען, וואָס ברענען פון דולע האַרמאַטן,
פון סריייפעס, וואָס הודען און בײַטשן און קנאַלן,
פון גוורע, וואָס רײַסט אין די געטאָ-קוואַרטאַלן.

און הויך, אויפן דאַך פון דער טפיסע, באַנאַכט דאָ
די פאָן פון דער געטאָ וואַקסט אויס אַ דערוואַכטע.
זי פלאַקערט און וויגט אין דער פינצטערער נאַכט זיך,
און ס׳דוכט, אַז דאָס וואַרשעווער ייִנגל באַוואַכט זי...

— נעקאַמע! איין וווּנטש גליט אין אונדזערע שאַרבנס,
איין טרוים נאָר — די פאָן פון דעם פאָלק זאָל ניט שטאַרבן!

— נעקאַמע! איין וווּנטש נאָר אין אונדזערע שאַרבנס,
איין טרוים נאָר — די פאָן פון דעם פאָלק זאָל ניט שטאַרבן!
און ווי איך פאַרלאָז נאָר די געטאָ די טויטע,
קומט ווידער דאָס וואַרשעווער ייִנגל צו לויפן —
אַ שאָטן — אויף שליאַכן פאַרלאָזטע, פאַרגרויטע,
ער שלעפּט מיך צוריק צו די וואַרשעווער הויפן,
און קום איך צוריק אין דער געטאָ, אַנטשטייט ער
פון חורבֿות און אַש פון צעריסענעם פּוילן,
אַ פּולער מיט לעבן, צו שלאַכטן אַ גרייטער,
אויף דעכער אויף הויכע אַ מונטערער שטייט ער,
ווי מ׳האָט אים אין אָנהייב פון אויפשטאַנד באַפוילן.

וואָס שווײַגסטו, וואָס רעדסטו ניט, וואַרשעווער ייִנגל,
איך זוך דײַנע אויגן, וואָס קוועלן ווי גינגאָלד,

וואָס ציט דיך צוריק צו דעם בערגל דעם קאַלטן,
וועך ליגט דאָרט אין קיווער אין פײַכטן באַהאַלטן?
דו ביסט נאָך באַפליגלט מיט פליגל מיט גרינגע,

אָט דאָס איז דער קיווער. דאָ ליגן זיי אַלע:
דער טאַטע, די מאַמע, דער כאָסן, די קאַלע.

די ערד האָט פאַרגלײַכט זיי, מע ליגט דאָ אַלציינע:
דאָס קינד פון דעם וויגל, די גרײַז-גרויע זקנה,
דער נאַר און דער כאַכעם, דער דאָקטער, דער כוילע —
זיי ליגן דאָ אַלע געלעסטערט, געקוילעט.
דאָס בלוט זייערס קאָכט איבער גאַסן געפּלעטע,
דער מאַרך ליגט צעטראָטן אויף חורבֿות פון געטאָ.

דער מענטשלעכער מויער מיט ערד אַ פאַרמישטער,
די פרוכט זײַנע פלעגן די אויצרעס פאַרמערן,
ער ליגט דאָ אַ טויטער — דאָס ווילדגראָז דערפרישט ער,
באַשערט איז אים טרוקענע זאַנגען דערנערן,
ווי מיסט, וואָס מע האָט אויף די פעלדער פאַרלאָרן,

ווי הנוי, וואָס מע ברענגט אַף צו שפּײַזן דאָס קאָרן...
ער שפּרייט זיך אַף כאָרעווע ווענט א צעשפּריצטער,
אַף גאנקעס — די שפּורן, אַף טרעפּ זײַנע טראָפּנס,
אין נעכט אַף די שטערן די זילבערנע בליצט ער
און שטומט אַף די קישנס בא מערדער צוקאָפּנס...
דער מארך פון די מענטשן — אַף שוימיקע פלאמען,
אַף פלעצער פון רוים און אַף גאסן מאדרידער,
אַף ברעגן פון ריין און אין רויך אמסטערדאמער,
עס הייבט זיך זײַן גײַסט מיט די פלאמען געברידערט...
עס האָבן אים ראָצכים אַף שפּיזן געטראָגן,
זײַן קראפט האָבן ראָצכים אַף טליִעס געוואָרגן,
און ער האָט געבראָדיעט פון וואָגל צו וואָגל,
פון וויגל צו וויגל, פון מאָרגן צו מאָרגן...

. . . .

. . . .

די שאָטנס די שטאָלצע פון ווארשעווער געטאָ —
זיי לעבן אין אונדז מיטן בראָך, מיטן ווייטעק,
און ניט ווי קיין נעפּלען אין רויִקע שניי-טעג,
און ניט ווי קיין בליצן אַף הארבסטיקע בלעטער,
און ניט ווי קיין ספינקסן פון שטיינער געטעסעט —
זיי לעבן, ווי שפּורן פון גנאָד און פון כעסעד,
ווי פונקען, וואָס וועלן פארלאָשן ניט ווערן,
ווי פּאנצערס געוועבטע פון מוט און פון טרערן.
פון שײַטערס דער רויך זייער אייביקער דאך איז,
נעקאָמע פאר פּײַן — זייער פינצטערער נאכעס...

פון שײַטערס דער רויך זייער אייביקער דאך איז,
נעקאָמע פאר פּײַן — זייער פינצטערער נאכעס.

עס שפּרייט זיך די נאכט, ווי א ריזיקע מיטע,
נאָר ס׳בלענדן אַף גאסן נאָך בליצן צעגליטע,
און ס׳הילכן נאָך שאָסן אין געסלעך געשמידטע,
און ס׳ענטפערן שאָסן אין געטאָ פון ליטע.
און ס׳ענטפערן שאָסן פון וועלדער פּאָלעסיער,
פון בערג יוגאָסלאווער, פון גריכישע ערדן,
די גאסן פון ריגע — ווי בליציקע מעסערס,
די ראָגן פון פּראָג — ווי די שפּיצן פון שווערדן,
און ס׳לויכט איבער אלע דער רום און די גוווּרע
פון שלאכט אַף דער וואָלגע, פון רוסלאנדס באגנעטן,
פון יענעם געבענטשטן און שלאקסיקן שטורעם,
וואָס קומט נאָכן שניטער אין זומער אין שפּעטן...

און דאָ אַף די כורוועס פון ווארשעווער געטאָ
לעם העלדן געטייטע, בא קוואָרים בא פרישע,
בא הײַזער פארברענטע, בא פענצטער צעזעצטע
לעבט איינער — דאָס ווארשעווער ייִנגל דאָס לעצטע.

וואָס רופט אים פונדאנען? וואָס ציט ווי מיט צוואנגען?
דעם זיידנס געבאָטן? דאָס קאָל פון דער מאמען?
זי האָט אים באגלייט ביז דעם הילצערנעם טויער
און האָט אים געבעטן מיט מאמישן טרויער,
ער זאָל זיך צו לאנג אינעם וועג ניט פארזאמען,
זי וועט אַף אים ווארטן... זי ווארט דאָרט מיסטאמע...
דרײַ טעג איז א שטיין אַף זײַן הארצן געלעגן,

און שטיל האָט זײַן מויל זיך געגומען באַוועגן,
פון הייך האָט א פאַל געטאָן ציטעריק: מאַמע...
אזוי הייבט זיך אָן דאָ די נײַע האגאָדע:
געוועזן איז א וועלט דאָ, געלעבט האָט א שטאָט דאָ...
אזוי הייבט זיך אָן דאָ די נײַע האגאָדע:
געוועזן איז א וועלט דאָ, געלעבט האָט א שטאָט דאָ...

מיט לײדיקע הענט און מיט טרויער באַשאָנקען,
די שאָטנס פון ווארשעווער געטאָ נאָר בלאָנקען,

פון גאַס און צו גאַס און פון געסל צו געסל
זיי האָבן דעם וועג צו דעם זיג ניט פארגעסן...

עס טראָגט זיי שוין איצט ניט קיין טרונק און קיין עסן
דער פוילישער שאָכן, ער קומט ניט ווי נעכטן...
עס ברענגט שוין קיין ביקס ניט פון וועלדער פאַטלאַטע
דער פוילישער פויער צום קאמף צום געראַכטן.
עס רײַסט זיך ניט מער שוין דורך פינצטערע גראַטעס
מיט פּאַנען און שפּיזן די העלע יעשוע,
אף ליפּן אף טויטע דער לעצטער געשריי ליגט,
און ס'רוען אין שווונג אינעם לעצטן געהייליקט
די קדושים פון געטאָ, זיי ליגן און רוען,
און ס'הייבן זיך קוילן פון זייערע טרערן,
און ס'הייבן זיך פלאַמען פון זייערע קלאַלעס...

עס שוועבן די ווארשעווער שאָטנס אין גאַלעס,
זיי שוועבן און שטײַגן, זיי שוועבן און הערן,
ווי ס'טראָגט זיך דורך פלאַמען, דורך ווייטעק, דורך בראָכן,
דורך וועלדער פארברענטע, דורך ראַוועס, דורך יאָרן,
דורך סטעפּעס, דורך שטורעמס, דורך אַלע געפאַרן
פון רוסישער גרענעץ דער גרוס פון ניצאָכן.

וואָס טוט מען? קיין אייצע קאָן קיינער ניט געבן,
דאָס ייִנגל האָט קיינמאָל געוואָלט אזוי לעבן
ווי איצטער, נאָר ס'קומען די לעצטע מינוטן,
געוויס וועט אים קיינער ניט נעמען מיט גוטן.
נאָר אָט האָט דער טויט זיך צו אים דורכגעריסן,
דער יונג האָט די טרוקענע ליפּן פארביסן:

פון רײַכטימער אַלע, וואָס ער האָט געיאַרשנט,
פארמאָגט ער די פאָן און דעם כורבן פון ווארשע.

וואָס טוט ער? ער ווישט זיך דעם שוויס מיטן ארבל,
ער קאָן מער ניט לעבן, נאָר ווי קאָן ער שטאַרבן?

א קוק אף דער פאָן און א קוק אפן אונט,
די פאָן איז נאָך קיינמאָל געוועזן אזוי נאָענט!
א מענטש איז א מענטש, איז געלעבט און געשטאָרבן —
א פאָן טאָר ניט פאַלן אף דר'ערד, ווי א קאָרבן!

א נעם טוט דאָס ייִנגל די פאָן די צעווייטע
און וויקלט צונויף אירע פאַלדן די ברייטע
און וואַרפט זי ארוף, ווי א מאַנטל א גרינגן,
אף פּלייצעס אף זײַנע, דאָס ווארשעווער ייִנגל,

ער קוטעט זיך אײַן אין איר רום, אין איר ווײַטעק
און טוט זיך א וואָרף פון צעשײַטערטן גאָרן...

אזוי איז די פאָן ניט געלעסטערט געוואָרן!
ס'באַגלייטן אים קוילן ווי האָגלס, ווי שלאָקסן,
ס'באַגלייט אים א טױבער געווױ פון שאָקאלן,
און ס'טראָגט זיך דאָס ייִנגל, די פאָן אָף די אקסל,
די הענט, ווי די פליגל, די אויגן, ווי שטראַלן.
און ס'טראָגט זיך דאָס ייִנגל, די פאָן אָף די אקסל,
די הענט, ווי די פליגל, די אויגן, ווי שטראַלן.

די דונערס און בליצן אַלץ וואקסן און וואקסן,
און ס'ווארטן די רױבער, דאָס ייִנגל זאָל פאלן,
נאָר ס'פאלט ניט. עס טראָגט זיך אַלץ ווײַטער און ווײַטער,
און אונטן די ערד ליגט אין ווונדן, אין שײַטערס,
פארזייט מיט געקוילעטע יידעס און קינדער...

ס'פאַרײַסן די קעפּ די געשווירענע שינדער
און זוכן און זוכן די פאָן און דעם היטער.
פון שאָסן און גוואלדן דער ערד-נאָפּל ציטערט,
פון שאָסן און גוואלדן די סעדער זיך שאָקלען,
מע נישטערט דעם הימל מיט לאַנגע בינאָקלען,
אָט ווײַזט ער זיך ווידער, דער יונג מיטן מאנטל,
אָט בלענדן אין הימל די פלאַמיקע קאנטן
און ווערן, ווי בליצן, צעפלאַמט, און פארשווינדן,
אָט ווערט ער א וואָלקן אָף קעפּ פון די שינדער,
אָט ווערט ער א שטערן א בלאסער, א בלינדער,
אָט ווערט ער א סרײפע, די פינצטערניש צינדט ער,
אָט ווײַזט ער זיך ווידער, און אָט-אָ פארשווינדט ער...
ער טראָגט זיך און פאלט ניט. ווער האָט אים באפליגלט,
דאָס ייִנגל פון געטאָ? די ווײגליד אין ווײגל?
ווער האָט אים באפליגלט, דאָס ייִנגל פון געטאָ,
די טויב נאָכן מאבל? אָן אָנזאָג אָף שפּעטער,
דער גלייבן, אז ס'גרינען שוין צווײַגן און בלעטער
אין טוהו-וואָבוהו? דער רום פון די אָוועס,
וואָס איז ניט געפאלן געשענדט אין די ראָוועס?
וואָס ווייסט ניט פון שרעק און פון שאנד און פון בושע.
ווער האָט אים באפליגלט? די שטאָלצע יערושע
פון זיידן דעם שוסטער, דעם ווארשעווער ייִדן,
וואָס האָט זײַן כאריפעס אין שטרײַקן געשליפן?
די מומעס די שטילע? די פעטערס די שמידן?
די פויגלען, וואָס האָבן אָף לופטיקע שיפן
געבראכט אים דעם שווונג און דעם רײַעך פון פליגל?
צי עפשער דער טאַטע — דער מילנער דער פרײַער,
וואָס מ'האָט אָף די פליגל פון מיל דער געטרײַער
געהאנגען — ער זאָל ווי א פליגל זיך וויגן...

וואָס זײַנען די פליגל? דער אומרו פון מילן?
די שטענדיקע גרייטקײַט? די קראפט און דער ווילן?
צי זײַנען די פליגל אין איינער א נאכט גאָר
פון רוסישע שנייען דעם ייִנגל געבראכט גאָר
און זײַנען געשליפן פון טײַערסטע שטאָפן,
פון שטאָפן, וואָס ווערן געבוירן אָף צאָפן?
און עפשער גאָר זײַנען די פליגל בלויז פארבן,

וואָס שווינדלען באַם זון-פאַרגאַנג ערגעץ אין הייכן,
און עפשער גאָר זײַנען זיי פּאָשעט א צייכן
פון קיינמאָל ניט לעבן און קיינמאָל ניט שטאַרבן,
א צייכן, וואָס קישעפט און בלענדט נאָר און רינגלט...

וואָס זײַנען די פליגל? דאָס וואַרשעווער ייִנגל,
דאָס ייִנגל פון געטאָ איז יונג נאָך און ווייסט ניט,
דאָס ווייסן ניט יענע, וואָס האָבן קיין טרייסט ניט
און האָבן קיין האָפענונג מער אין דעם קיִעם,
דאָס ווייסן די אַלטע און נײַע נעוויִים,
די דווירעס די פריִע, די דווירעס די שפּעטע,
דאָס ווייסן די העלדן, וואָס קומען באַגריסן
די פאָן פון דער געטאָ, דאָס ווייסט דער געוויסן,
דאָס ווייסן די שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ,
דאָס ווייסן די פּאָשעטע מענטשלעכע ריזן,
וואָס טראָגן די גרויסע געוּלע אף שפּיזן!



הערשל פּאָליאַנקער

דער גורל פֿון אַ קינסטלער

ראָמאַן

צווייטער טייל

דער זון

דאָס ערשטע קאַפּיטל

קימאַט צוויי יאָר זײַנען דורך. צוויי שווערע, ביטערע יאָר.

פּאַר אייניקע זײַנען זיי געפֿלויגן, ווי אַ ווינטער, פּאַר אַנדערע — אײַנגאַנצן אומבאַמערקט. באַ סימאָנס מוטער האָבן זיי אָפּגענומען אַ שטיק לעבן.

זי האָט זעלטן באַקומען פֿון איר זון אַ בריוו, אָנגעשריבן בעכיפּאָזנדיק, ערגעץ אויף אַ פּריוואַל, אַלעמאָל פֿון אַן אַנדער פֿראָנט.

דער מאַמעס האַרץ האָט גוט געפֿילט, וויפֿל געפֿאַרן עס באַגלייטן אים אין זײַן שווערן וועג, ווי ביטער עס איז אים אויף דער מילכאָמע.

זינט זי לעבט, האָט זעלדע ניט געפֿילט דעם כעסעד פֿונעם אייבערשטן, און שוין לאַנג

דעם ערשטן טייל זע „סאָוועטיש היימלאַנד“, 1982, נומ. 3 — 5.

אופגעהערט זיך ווענדן צו אים מיט אירע טפֿילעס. איצט האָט זי געוואָלט אויסבעטן בא אים איין זאַך: ער זאָל זיך דערבאַרעמען איבער איר, ראַכמאָנעס האָבן אויף איר זון און אים אומקערן אַהיים. ער מעג אַפּילע קומען אַ קאַליקע, נאָר אַ לעבעדיקער. ער איז דאָך בא איר אַן איין-און-איינציקער, איר בכאָר און איר מיזיניק!

סימאָן... סימאָן...

סאַראַ מאַזיק געווען פֿון קליינווײַז אָן! ער האָט קיינמאָל ניט געזוכט קיין גרינג לעבן, זיך ניט אויסבאַהאַלטן פֿון סאַקאָנעס. קיינמאָל ניט פֿאַרשטעלט זיך הינטער יענעמס פּלייצעס.

ווען זי האָט שוין אינגאַנצן געהאַט פֿאַרלוירן די האָפֿענונג, ווען זי האָט שוין אופֿגעהערט אַרויסגיין אויפֿן קרייצוועג אַרויסקוקן אויף איר זון, האָט ער זיך אומגעריכט געיאַוועט. אַ לעבעדיקער!

פֿון אומדערוואַרטקייַט איז זי שיר ניט געפֿאַלן כאַלאָשעס. זי האָט זיך אופֿגעהאַנגען אויף זײַן האַלדז און אָנגעהויבן גוואַלדעווען. טויט-דערשראָקענע זײַנען צו איר אַרויסגעלאָפֿן וואַנדע און דאָוויד. ווען מע איז געקומען צו-זיך, האָט מען אָנגעהויבן אַרומנעמען זיך, קושן זיך און פֿעסט דריקן איינער דעם אַנדערן.

וואַנדע האָט אויך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן די טרערן. דער טאַטע האָט קלוימערשט רויִק באַטראַכט דעם זון פֿון אַלע זײַטן, אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט איבער דער פּלייצע און מיט זײַן עטוואָס הייזעריקלעכער שטים אַרויסגערעדט:

— נו, דאַנקען גאָט!... — און נאָך אַ לאַנגער פּאַוזע צוגעגעבן: — איצט, טאַכשיט מײַנער, האָסטו שוין אויף שטענדיק אָפּגעוואָיעוועט, צי ביסט געקומען בלויז אויף אַ פּאָר טעג?...

— אינגאַנצן, טאַטע... אויף שטענדיק. אויב, פֿאַרשטייט זיך, עס וועלן צו אונדז ניט קומען קיין נײַע שלעק...

ער האָט אַ שלײַדער געטאָן אין ווינקל דאָס סאָלדאַטישע זעקל, דעם שינעל און דאָס היטל און צוגעגעבן:

— גענוג... וויפֿל איז דער שיר!...

דער טאַטע האָט געקוקט אויף סימאָנס פֿאַרוואַקסן פּאָנעם, אין זײַנע גרויסע פֿאַרדײַגעטע אויגן, וואָס האָבן אין זיך פֿאַרטײַעט דעם צאַר און ווייטעק פֿון אַ גאַנצער וועלט.

— נו, באַלטאַכלעס מײַנער, האָסטו זיך כאָטש אָנגענומען מיט כאָכמע פֿאַר די יאָרן? וועסט שוין ניט זײַן אַזאַ אַקשן, ווי פֿריִער?

— עס איז געווענדט אין וואָס... אַז מע וועט דאַרפֿן, קאָן איך נאָך זײַן אַ גרעסערער אַקשן...

— יאָ, ריִכטיק... נאָר ניט דאָס, סימאָן, מײַן איך...

— טשעפּע זיך אָפּ פֿון אים! — האָט זעלדע זיך צעבייזערט אויף דאָווידן. — ער האָט נאָך רעכט זיך ניט אַרומגעקוקט. עפּשער וועט שוין צווישן אײַך אויך אַמאָל ווערן שאָלעם?

די מאַמע האָט ניט געוווּסט, פֿאַרוואָס זיך פֿריִער נעמען. אַלץ איז בא איר געפֿאַלן פֿון די הענט. אַלעמאָל איז זי צוגעלאָפֿן צום זון, אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און געוויינט. זי האָט אַלץ ניט געגלייבט, צי איז דאָס טאַקע ער, איר לאַנגדערוואַרטער זון, איבער וועלכן זי האָט זיך אויסגעוויינט אירע אויגן?

זעלדע האָט אײַנגעהייצט אין אויוון, צעבלאָזן אַ פֿײַער, אַרײַנגערוקט די טעפּ, אָנגעשאַרט קוילן און געשטעלט דעם סאַמאָוואַר. וואַנדע איז אַוועקגעלאָפֿן צו זיך און געבראַכט צום טיש איר אייגן ביסל געבעקס.

— גאַזלען, פֿאַרוואָס זשע האָסטו אַזאַ צײַט ניט געשריבן? — האָט זיך אָנגערופֿן די מאַמע. — וואָלסט כאָטש געגעבן צו וויסן, אַז דו קומסט, וואָלטן מיר זיך צוגעגרייט... גאָטעניו ליבער, אַזאַ גאַסט! אַזאַ יאָמטעוו בא מיר!

דאָוויד איז געשטאַנען אַ שוויַיגנדיקער און געביסן אַ שטרויעלע. עפּעס האָט זיך סימאָן שטאַרק געענדערט. אין דער טונקעלער טשופּרינע האָבן זיך געיאַוועט גראָווע האָר. זעט אויס, זײַן בענאַק האָט זיך גוט אָנגעבידעוועט אויף דער מילכאָמע, פֿאַרזוכט קאַלטס און וואַרעמס. נאָר דאַנקען גאָט דערפֿאַר, אַבי מע לעבט, וועט מען קומען צו-זיך. דאָס איז שוין, דאַכט זיך, ניט יענער פֿאַרשײַט ייִנגל, וואָס האָט אים, דעם טאַטן, ניט געוואָלט הערן. ער איז עלטער און קליגער געוואָרן. איצט וועט ער זיך ניט פֿאַרנעמען מיט די שפּילעכלעך זײַנע. איצט וועט ער דאַרפֿן זיך נעמען פֿאַר עפּעס רעכטס. דער טאַטע וועט אים נעמען צו זיך אויפֿן זאַוואָד און אים אויסלערנען זײַן, דאָווידס, מעלאָכע. קיין גאָלדענע געשעפֿטן וועט ער ניט מאַכן, נאָר הונגעריק וועט ער ניט זײַן.

זעלדע האָט אַרײַנגעטראָגן אין שטוב אַ שיסל וואַרעמע וואַסער, דערלאַנגט איר גאַסט אַ שטיקל זייף מיט אַ פֿרישן האַנטעך און זיך אָנגערופֿן:

— נעם, זונו, וואַש זיך אָרום. וואַרף אַראָפּ פֿון זיך דעם סאָלדאַט. און זאָל גאָט העלפֿן, זאָלסט מער ניט דאַרפֿן אָנטאָן אָט די בגדים דײַנע...

סימאָן האָט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די אָפּגעבליאַקעוועטע גימנאַסטיאָרקע, אַראָפּגעשלעפּט פֿון די פֿיס די שווערע פֿאַרשטויבטע שטיוול, אָנגעטאָן די שטעקשיך, וואָס זײַנען געשטאַנען אין ווינקל און גענומען אַרומוואַשן זיך.

זיך צוגעזעצט צום שפּיגעלע, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט, האָט ער זיך אָפּגעגאָלט און מיטאַמאָל ווי יינגער געוואָרן אויף עטלעכע יאָר.

— איצט זעט מען, אַז דאָס איז דער זעלבער סימאָן!.. — האָט וואַנדע אַרויסגערעדט, פֿאַרענדיק זיך באַם טיש. עמעס, שטאַרק אויסגעצערט. נאָר נישקאָשע, ווי זאָגט דאָס ווערטל: אַבי ביינער, פֿלייש וועט זײַן! בא דער מאַמען וועט ער זיך גיך פֿאַריכטן...

— נאָך וויאַזוי! — האָט זעלדע אויסגעשריגן. — ערשטנס, וועל איך אים פֿון שטוב ניט אַרויסלאָזן, ביז ער וועט אויף זיך ניט נעמען קיין ביסל וואָג און זיך גוט אויסשלאָפֿן. צווייטנס, וועל איך אים שוין פֿון זיך קיינמאָל ניט אָפּלאָזן. מע דאַרף אַ ביסל לעבן פֿאַר זיך אויך... וואָס זאָגסטו, זונו?

סימאָן האָט זיך אויסגעקערעוועט מיטן פּאָנעם צו דער מאַמען, און מאַמזעריש אַ שמייכל געטאָן:

— נו, יאָ. איך וועל שוין שטענדיק זײַן לעבן דיר, זיך האַלטן לעבן דײַן קליידל, ווי אין די קינדער־יאָרן!.. מאָרגן דאַרף איך גיין אין קלוב צו דער אַרבעט... מע דאַרף אַ קוק טאָן, וואָס איז דאָרטן געבליבן?

— וואָס? — האָט דער טאַטע געפֿרעגט אַ דערשטוינטער. — וואָס פֿאַר אַן אַרבעט האָסטו דאָרטן אין קלוב? וועסט ווידער שמירן מיט די פּענדזלען איבער די ווענט? און אָט דאָס וועט זײַן אַ טאַכלעס פֿאַר דיר?

סימאָן האָט געקוקט אויפֿן אויפֿגעבראַכטן פֿאָטער און אַ טראַכט געטאָן, אַז ער האָט זיך פֿאַר דער צײַט אויף קיין האָר ניט געענדערט און מיט אים וועט זײַן ניט גאָר גרינג צו לעבן אונטער איין דאַך.

ער איז צוגעגאַנגען צום פֿאַרומערטן טאַטן, לאַנג געקוקט אויף אים מיט זײַן גוטמוטיק שמייכעלע און געזאָגט:

— איך בעט דיך, טאַטע, פֿאַר מיר זאָלסטו זיך ניט זאָרגן. איך וועל זיך מײַן שטעטל אַליין באַשטיין...

— דײַן שטעטל! וואָס זשע, דו מיינסט, אַז מיר האָבן דאָ געלעקט האָניק? ווען דו ווייסט, וויפֿל מיר האָבן זיך דאָ אָנגעמוטשעט! אַ סך מאָל זיך שוין געזעגנט מיטן לעבן. און נאָך ביז איצט ליגט מען נײַן איילן אין דער ערד. מע פֿאַרדינט אויפֿן זאַוואָד גראָשנס. ברויט קריגט מען אויף די קאַרטעטשקעס. עסן איז אויפֿן שפּיץ מעסער... ווייסט דען ניט, וואָס עס טוט זיך? צוויי יאָר ניט געווען קיין גערעטעניש... וואָלסט אויך געדאַרפֿט זיך שטעלן צו דער אַרבעט, אָנהייבן פֿאַרדינען...

— אַלץ פֿאַרשטיי איך, טאַטע... — האָט ער אים איבערגעשלאָגן, — אַז מע איז דורכגעגאַנגען אַזויפֿיל פֿראָנטן, אויסגעשטאַנען אַזויפֿיל צאָרעס און אומגליקן, וועט מען זיך שוין יאַקאָס געבן אַן אייצע... דעריקער, וואָס די מילכאָמע האָט זיך שוין געענדיקט...

— דאַוויד, מע דאַרף ניט זינדיקן! — האָט זיך אַרײַנגעמישט זעלדע, אַרויסגענומען פֿונעם אויוון אַ טעפּל קאַרטאָפֿליעס און זיי אויסגעשאָטן אויף אַ טעלער. — אַז מיר האָבן געקאָנט אָפּשטופּן די שווערע יאָרן, וועלן מיר שוין ניט פֿאַרפֿאַלן ווערן. אונדזער נאַכעס האָט זיך אומגעקערט, איז דאַנקען גאָט דערפֿאַר. מיר דאַרפֿן זיך פֿרייען, טאַנצן אין די גאַסן. וואָס זאָגסטו, וואַנדע?

— אוי, אוודאי! געוויס! — האָט די שכיינע זיך אָנגערופֿן. אַ פֿאַרפֿאַליעטע, אַ גליקלעכע, האָט זי די גאַנצע צײַט געוואָרפֿן פֿאַרליבטע בליקן אויפֿן גאַסט.

מע האָט זיך צוגעזעצט צום טיש. קיינער האָט ניט פֿאַרשטאַנען, וויאַזוי עס האָבן זיך דערוווּסט די נאָענטע שכיינים, אַז די מאַרקוסעס האָבן אַזאַ טײַערן גאַסט. מע איז זיך צונויפֿגעלאָפֿן פֿון אַלע שטיבלעך, זיך אַרומגענומען מיט סימאָנען, ווײַבער האָבן געוויינט, קינדערלעך האָבן ניט אויפֿגעהערט שרײַען, מעסטן זײַן היטל מיטן רויטן שטערן און זיך נאָכפֿרעגן, פֿאַרוואָס האָט ער ניט געבראַכט מיט זיך זײַן האַרמאַט. מע האָט געהערט זאָגן, אַז דער פֿעטער סימאָן האָט זייער גוט פֿון אים געשאָסן און אויסגעהאַרגעט אַלע באַנדיטן, אַלע דעניקינצעס, וורענגעלעווצעס מיט די באַטקעס...

סימאָן האָט באַרויִקט די כעוורעניקעס, געזאָגט, אַז ער וועט זיי דעם האַרמאַט זײַנעם מיט דער צײַט אויסמאָלן און שענקען יעדן איינעם אַ בילד. דעם עמעסן האַרמאַט האָט מען

צוזאמען מיטן גאנצן געווער פארשפארט אין סקלאַד, קעדיי מע זאָל זיך שוין קיינמאָל ניט דאַרפן שלאָגן...

דעם גאנצן טאָג האָט מען ניט אופגעהערט גיין אהער זיך זען מיטן גאַסט, אים באַגריסן, א פרעג טאָן, צי האָט ער ניט באַגעגנט אַף דער מילכאָמע זײַן זון, צי זײַן ברודער, צי וועט שוין זײַן שטיל אַף דער וועלט און צי וועט די אנטאַנטע ניט אָנטאָן קיין נײַע צאָרעס, צי וועט זיך גיך ענדיקן דער וויסטער הונגער און צי מע וועט שוין לאָזן רויק לעבן...

די מאַמע איז צופרידן געווען, וואָס אזויפיל מענטשן שעצן איר זון, נאָר זי האָט זיך געבייזערט, וואָס זי קאָן דעם גאנצן טאָג זיך ניט דורכריידן מיט אים. איר האָט זיך אַלץ געדוכט, אז זי האָט נאָך ניט באַוויזן רעכט אים אָנקוקן.

ניט ווייניקער איז געווען בארויגעז וואַנדע. זי האָט מיט אים געהאַט אזויפיל צו ריידן! א וועלט מיט פראַגן איז בא איר אופגעקומען.

דעריקער האָט זי געוואָלט וויסן, צי איז דאַרטן, אַף דער מילכאָמע, בא אים ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן די ליבע צו דער קונסט? און עפּשער האָט ער אין איר אינגאַנצן פארגעסן? און סאַראַ פרייד האָט זי ארומגעכאַפּט, ווען סימאָן איז ארײַנגעקומען אין איר צימער און ווי פארשטיינערט געבליבן שטיין לעבן זײַנע בילדער, וועלכע זײַנען געהאַנגען אַף די ווענט, ניט געררירטע, אקוראַט צעהאַנגענע, אָנגעגלעזטע. מיט וואָס פאַר אן אויגן האָט ער באַטראַכט די געמעלן! נאָר אין זײַן בליק האָט זיך פּלוצעם באַוויזן א שמייכעלע. זעט אויס, אז ניט אַלץ איז אים איצט אין זײַנע געמעלן געווען צום הארצן, און אין דעם האָט זי אײַנגעזען אזוינס, וואָס קויפּט אונטער — די ניט צופרידנקײַט מיט זײַן ארבעט. דאָס איז אייגנטימלעך פאַר א מענטשן, וואָס איז אין זײַן ארבעט פארליבט, וויל זיך מיט איר ניט צעשיידן און טראַכט, אז מע קאָן עס מאַכן בעסער, שטאַרקער, וואָגיקער.

גליקלעך איז וואַנדע געווען, ווען סימאָן האָט שפּעטער ארײַנגעטראָגן אהער זײַן סאָלדאַטיש זעקל און ארויסגענומען פון דאָרטן א פּאַק מיט פּאַפּירן. ווען זי האָט זיי צעעפנט, איז זי דערשטוינט געוואָרן. זי האָט דערזען אָן א שיר עסקיזן, ניט פארענדיקטע צייכענונגען, בילדלעך, פּייזאזשן — דאָ איז געווען ס׳מאָנס גאנצער וועג אַף דער מילכאָמע.

וואַנדע האָט אופמערקזאַם באַטראַכט זײַנע עסקיזן, בילדער און געפילט, ווי דאָס הארץ אירס ווערט איבערפולט מיט פרייד. איר איז אָנגענעם געווען טראַכטן, אז זי האָט אין דעם יינגל קיין טאָעס ניט געהאַט, זי האָט פון זײַנע ערשטע טריט דערזען אין אים א טאַלאַנט און זי האָט אין אים אויך א שטיקל כיילעק.

וואַנדע איז געווען אפן זיבעטן הימל, וואָס די גרויזאַמע מילכאָמע האָט נישט וואָס ניט ארויסגעשלאָגן פון אים די ליבע צו קונסט, נאָר, פארקערט, ער האָט דאָרטן דערבאַבערט עפּעס גאָר וויכטיקס, וואָס וועט אים, האָט זי געגלייבט, אויסטיילן פון א סאַך קינסטלער.

איצט האָט זי אין אים ניט געצווייפלט. און געזאָגט, אז ער זאָל בעשום-אויפן זיך ניט צוהערן צום טאַטנס אייצעס, אז ער דאַרף, סימאָן, אוועקוואַרפן זײַנע נארישקײַטן. דער טאַטע שטעלט זיך ניט פאַר, סאַראַ צוקונפט עס וואַרט אַף סימאָנען, אויב ער וועט ארבעטן מיט דער זעלבער אקשאָנעס.

וואַנדע האָט געטראַכט, אז אויב פאַר זײַן לעבן וועט סימאָן באַוויזן ברענגען צו א טאָלק בלויז די עסקיזן, די צייכענונגען, וועלכע ער האָט געבראַכט פון דער מילכאָמע אין זײַן סאָלדאַטישן זעקל, וועט ער אופטאָן א מוירעדיק-גרויסע זאַך אין דער קונסט.

און זי האָט אים געבענטשט, זײַן גוטע לערערן און ערשטע וועגווײַזערן. סימאָן האָט ניט באַוויזן רעכט אויסרוען זיך, האָט ער זיך אוועקגעלאָזט אין קלוב א קוק טאָן אַף זײַנע אַלטע געמעלן. דער זאַל איז געווען פּוסט, פארלאָזט. זעט אויס, זעלטן זײַנען אהער געקומען מענטשן. זײַנע פּאַנאָ אַף די ווענט זײַנען געווען פארשטויבט און עטוואָס אָפּגעבליאַקעוועט.

ער איז לאַנג געשטאַנען אין צווייטן עק זאַל און באַטראַכט די ווענט. צי דען, האָט ער געטראַכט, האָט וואָלאָדיע שאַמאַנסקי, זינע ליובימאָוואַ, טאָליק קראַווטשוק און אנדערע אָנפירער פונעם קאָמיוג, וועלכע זײַנען געפאַלן אין טריפּאָליע, אמאָל געליבט זײַן ארבעט? איצט זײַנען אים זײַנע אמאָליקע בילדער אינגאַנצן ניט געפעלן. ער וועט דאָס אַלץ פארגרונטעווען, פארשמירן און אויסמאָלן גאָר עפּעס אנדערש, ער וועט מאָלן זײַנע געפאַלענע פרײַנט, די שרעקלעכע טראַגעדיע אַף די דניעפּער-קרוטשעס.

ער איז אויסגעווען, ווו עס האָט זיך געעפנט א טיר, און געקראָגן פּאַרב, מאַטעריאַל, זיך איבערגעקליבן אין קלוב און גאַנצע טעג און נעכט געמאָלט דאָס, וואָס ער האָט מיט זײַנע אויגן געזען: די העלדישע יאָטן, וואָס האָבן מאַקריוו געווען מיט זייער לעבן פאַר דער פרײַהײַט פונעם פאָלק.

ער האָט אין אַלץ פארגעסן — אין דעם, אז ער וואָלט געקאָנט קריגן א שיינע, גע-
ראמע דירע, אז אָרדער אף א פּאָר הויזן, קארטלעך אף באקומען ברויט און אויך א ביסל
גרויפן. ער האָט געוווּסט איינס — ארבעטן. אין קלוב, אף די רישטעוואניעס, האָט ער גע-
טאָגט און גענעכטיקט. ווען וואנדע האָט געקאָנט א ביסל פריִער זיך באפרייַען פון דער שול,
האָט זי אים עפּעס געבראַכט עסן.

ווען וואנדע האָט ניט געקאָנט אויסקלייַבן קיין פרייַע שאָ אראָפּקומען צו איר שילער,
האָט עס געטאָן די מאמע. זי איז ניט געווען באגייַסטערט פון דעם, וואָס דער זון דראַפּעט
זיך, ווי זי האָט געזאָגט, אף די גלייַכע ווענט און שמירט מיט דער בארשט. ווען ער פארבט
געוויינלעכע דירעס, האָט זי געטייַנעט, וואָלט ער איצט פארדינט א מאיאָנטעק.

נאָר ווי די מוטער איז ניט געווען בייז אפן זון, האָט זי אים דאָך אוועקגעגעבן דאָס
לעצטע, וואָס עס איז געווען אין שטוב. דער טאטע האָט אינגאנצן א מאַך געטאָן אף סימאָ-
נען מיט דער האנט און באשטימט, אז דאָס איז ביכלאל א פארלוירענער אקשן, און ווייסט
מיט אים גאָרנישט ניט מאכן. זאָל ער זיך טאָן, וואָס ער וויל! מיטן קאָפּ אין דער וואנט!
וויפל וואנדע האָט דאווידן ניט געבעטן, ער זאָל כאָטש איין מאָל צופאָרן אין קלוב א קוק
טאָן, וואָס עס טוט זייַן זון, האָט ער וועגן דעם אפילע ניט געוואָלט הערן. ער האָט נאָר ניט
געקאָנט פארשטיין, גייט ער ניט, ווי אנדערע, אין אויספּירקאָם, צי ערגעץ אנדערש, מע
זאָל אים געבן א דירע, ער זאָל זיך ניט וואלגערן אף די בענק אין קלוב, מע זאָל אים געבן
עפּעס א שטיקל פּאיאָק, ער זאָל קאָנען אונטערהאלטן דאָס ביסל געזונט. ער איז דאָך גע-
ווען א סאָלדאט, ניט געזשאַלעוועט דאָס לעבן, ניט, כאָלילע, ווי אנדערע, וואָס גייען טאָג-
איין, טאָג-אויס איבער אלע אנשטאלטן און טייַנען, אז עס קומט זיי דעם טאטנס ירושע.

ניין, דאָס וועט זייַן אן אומגליקלעכער מענטש, — האָט דער טאטע ניט אופגעהערט
ערגערן זיך. — א באָכער, וואָס איז אזויפיל אויסגעשטאנען, זאָל ניט טראכטן, ווי איינאָר-
דענען זייַן לעבן! דער טאטע, די מאמע וועלן קריכן פון דער הויט, קעדיי אים א ביסל
אונטערהאלטן, כאָטש זיי זייַנען אויך גוט אף צאָרעס. מישטיינסגעזאָגט, וויפל פארדינען
זיי? נאָר מע טיילט זיך מיטן זון מיט דעם לעצטן ביסן. וואנדע גיט אים אויך אָפּ דאָס לעצטע
שטיקל ברויט, וואָס זי באקומט אף די קארטעטשקעס. נאָר זי האלט זיך שוין אויך קוים-
קוים אף די פיס.

— וואָס טראכט ער זיך, דער אקשן? — האָט דער טאטע ניט אופגעהערט בייזערן
זיך.

אים, דאווידן, האָט מען אמאָל גערופן „דער שלימאזל". אין דעם איז פאראן א שטיקל
עמעס. זיך גוט אָפּגעמוטשעט א לעבן. נאָר דער זון, דאכט זיך, וואקסט נאָך א גרעסערער
שלימאזל. דער טאטע האָט כאָטש א מעלאָכע אין די הענט און דאָס בידנע שטיקל ברויט
פארדינט ער זיך, נאָר ער, סימאָן, מיט וואָס פארנעמט ער זיך?!

דאוויד גייט אמאָל ארויס אין מארק עפּעס איינהאנדלען פאר דער שטוב. דאָרטן דרייען
זיך ארום כעווּרע — שמירערס. זיי מאָלן און פארקויפן גרויסע קארטאָנעס, אף וועלכע עס
זייַנען אויסגעמאָלט שווימענדיקע פּאוועס, לייבן, טיגערס, און פאר דעם מין סכוירע נעמט
מען גרויסע געלטער. און פארוואָס זאָל דאָס ניט טאָן סימאָן? ער וואָלט געלעבט א שיינעם
טאָג און פון קיין צאָרעס ניט געוווּסט...

נאָר גיי רעד מיט דעם אקשן! אז ער וויל גאָר וועגן דעם ניט הערן!

עטלעכע כאדאָשים אָנגעשטרענגטע ארבעט, שלאָפלאָזע נעכט, און די ארבעט איז גע-
ווען געענדיקט.

עמעס, סימאָנען איז זי נאָך ניט אינגאנצן געפעלן. ער האָט געטראכט, אז אים וועט
אויסקומען זיך מיִען נאָך א פּאָר כאדאָשים, ביז ער וועט פולשטענדיק זייַן מיט איר באפרי-
דיקט, נאָר די נייַע באלעבאטים האָבן שוין צונויפגערופן אוילעם, קעדיי עפענען די טירן
פונעם יוגנט-קלוב.

הונדערטער נייַגעריקע אויגן זייַנען צוגעשמידט געוואָרן צו די ווענט, ווו עס זייַנען
געווען אָנגעמאָלט ליבע און נאָענטע פּנעמער. דער שרעקלעכער וועג קיין טריפּאָליע, די
דניעפּער-קרוטשעס, דער גיבורישער שלאכט פון די יונגע העלדן און זייער העלדישער
טויט.

יונגע כעווּרע, ייִנגלעך און מיידלעך, האָבן בישטיקע געווישט די טרערן, געשטאנען
מיט פארנייגטע קעפּ, געשוויגן, פארטאָן אין זייערע טרויעריקע מאכשאָוועס.

און אלע האָבן באוווּנדערט דעם יונגן קינסטלער, געווען באגייַסטערט פון זייַן הויכער
איינדרוקספולער קונסט. דער יונגער קינסטלער, אן אויסגעשמירטער אין פארב, א פאר-

וואקסענער, ווי א בער, א מידער פון א סאך שלאָפלאָזע נעכט, איז געשטאַנען פונדער-ווײַטנס, און דאָס הארץ האָט שטארק געקלאַפּט פון אומרו, פון שרעק. ער האָט פון דער זײַט געקוקט אַפן אוילעם, וואָס איז אַלץ געגאַנגען און געגאַנגען אהער, און לויט זייערע אויגן, זייער שוויַיגן האָט סימאָן געמישפּעט, ווי עס ווערט אָפּגעשאַצט זײַן אופּטו.

דאָס אַנגעווייטיקטע הארץ זײַנס האָט זיך געפרייט, געוווּן איבערפולט מיט שטאָלץ, וואָס זײַן ארבעט האָט גערירט דעם יונגן אוילעם און דערגאַנגען צו זייערע מויכעס, צו זייערע נעשאָמעס.

און דאָס איז געווען זײַן בעסטע באַלוינונג. עס האָט אים אַפילע ניט געאַרט און ניט פארדראָסן דאָס, וואָס קיינער האָט נ׳ט געפרעגט, ווער עס האָט געמאָלט און קיינער האָט אים ניט פאַרגעשטעלט פארן אוילעם, וואָס איז געגאַנגען אהער אָן א סאָף.

טעג זײַנען געגאַנגען, וואָכן, און ער האָט נאָך אַלץ ניט אופגעהערט קומען אהער, אין קלוב, ווו ער האָט איבערגעלאָזט א טייל פון זײַן נעשאָמע. און געקומען איז ער, ווען קיינער איז דאָ ניט געווען. דאָ האָט ער עפּעס פאַריכט, דאָרטן צוגעגעבן אייניקע נײַע שטריכן. און וואָס מער ער איז געשטאַנען אַפן געהאַוועט, אַלץ מער האָט ער געטראַכט, אַז ער האָט נאָך דאָ א סאַך וואָס צו טאָן.

עס האָט זיך דערנעענטערט דער ווינטער מיט זײַנע פרעסט און זאַווייען, און דער באָ-כער איז געווען אַנגעטאָן אין א פּאָר צעריסענע שיך, אין אַלטע געלאַטעטע הויזן, אויסגע-שמירטע מיט פארב, און קיינער האָט ניט געלייגט אַף אים קיין אכט. ניט אַלע האָבן גע-ווּסט, אַז דאָס גייט א נײַער קינסטלער, וועלכער האָט אויסגעביטן אַלע רייצן און פרעכטי-קײַטן פון לעבן אַף א פּענדזל.

דאָס צווייטע קאַפּיטל

אין איינעם פון די פּראַסטיקע פארטאָגן, ווען די שטאָט איז געלעגן א פאַרוואָלגערטע מיט שניי, אָן קוילן, אָן האָלץ און אָן ברויט, איז סימאָן מארקוס געקומען אהיים זיך גע-זעגענען מיט די עלטערן און מיט זײַן לערערן. ער האָט זיך געקליבן קיין מאָסקווע, זיך לערנען.

די מאַמע האָט געוויינט, געטײַנעט, אַז איר שלימאַזל וועט דאָרטן אינגאַנצן פאַרפאַלן ווערן. אז אין אזא גרויסער שטאָט, ווו ער האָט ניט קיין ווינקל, קיין קרוווים, באַקאַנטע, וועט ער אומקומען.

סימאָן האָט זי געפּרווּט באַרוּיקן: ער איז שוין ניט קיין יינגעלע, וואָס מע דאַרף איבער אים ציטערן. ער וועט זיך שוין יאָקאָס זײַן שטעטל קאָנען באַשטיין.

דער טאַטע האָט דערהערט די נײַס און א מאַך געטאָן מיט דער האַנט. ווען סימאָן איז געווען א קלייניקער, האָט ער, דער טאַטע, נאָך געקאָנט אראָפּנעמען צו אים דעם סאָל-דאַטישן רימען און גוט אָנשמײַסן, אַרויסשלאָגן בא אים דאָס מעשוגאַס פונעם קאָפּ, נאָר וואָס האָט ער איצט געקאָנט מאכן? זאָל ער פאָרן צו אַלדי רוכעס! ער וועט זיך אויסהונ-גערן, וועט ער זיך אומקערן אהיים.

ווען סימאָן איז ארײַנגעקומען צו דער מומע וואַנדע זיך געזעגענען, האָט זי זיך גע-כאַפּט פארן קאָפּ. אין אָט די בגאָדים זײַנע וועט ער פאָרן קיין מאָסקווע? ער וועט דאָך איבערגעפרוירן ווערן!

און וואַנדע, אַן איידעלע און זייער דעליקאַטע פרוי, וואָס איז קיינמאָל ניט אָנגעקומען צו עמעצן, האָט ניט אויסגעהאַלטן און אוועקגעלאָפן צו די שטאָט-באַלעבאַטים און געקראָגן פאַר איר שילער אַן אַלטן, עטוואָס געלאַטעטן שינעל, א פּאָר אָפּגעריבענע שטיוול מיט אי-בערגעקערטע אָפּצאַסן און א פּאָר לעבלעך ברויט מיט א פּעקל מאַכאָרקע.

זי האָט פאַרפוצט דעם קינסטלער, ווי א כאָסן-באָכער, און דעם זעלבן טאָג אים בא-גלייט צום פאַרקאָוועטן, פּאַרשנייטן וואַקזאַל, אים ארײַנגעזעצט אין א טעפּלושקע און גע-ווּנטשן א גליקלעכן שליטוועגס.

דאָ האָט ער זיך דערפילט, ווי אין א גאַניידן. די טעפּלושקע איז געווען איבערגעפולט מיט הונגעריקע, אויסגעצערטע רויטאַרמייער, קאַליקעס, וואָס האָבן זיך אומגעקערט אהיים פון די פראָנטן. די פּאָר לעבלעך ברויט, וועלכע האָבן אים געדאַרפט דינען די ערשטע עט-לעכע טעג אין דער הויפּטשטאָט, זײַנען גלײַך פאַנאַנדערגעטיילט געוואָרן צווישן די הונ-געריקע מענטשן, וועלכע זײַנען געזעסן און געלעגן ארום דער אָפּגעקילטער „בורזשויקע״,

וואָס איז גאַדלעסדיק געשטאַנען אינמיטן דער טעפּלושקע. און ביז מע איז צוגעפאָרן צו דער ערשטער סטאַנציע, האָט מען בײַ אים אויסגערייכערט די גאַנצע מאַכאָרקע...

צו הונגער און קעלט איז אונדזער קינסטלער שוין פונלאַנג געווען צוגעוווינט. איצט האָט ער זיך געפילט, ווי אַ מענטש מיט מענטשן גלײַך אין זײַן אָפּגעריבענעם שינעלכל, אינעם אַלטן באַראַשקענעם הוט און אין די שווערע שטיוול.

ער איז געווען גליקלעך, וואָס ער האָט דערפירט מיט זיך דאָס אַלטע סאָלדאַטישע זעקל זײַנס, וווּ עס זײַנען געלעגן די עסקיזן, אַלבאָמען, בילדער, פאָטאָגראַפיעס פון זײַנע אַרבעטן, בלײַערס, פענדזלען. אָן זיי וועט מען אים אויף קיין ליײַטישער שוועל ניט אַרופלאָזן. אין אַזעלכע בגדים, ווי בײַ אים, איז, אַפּאָנעם, ניט געווען אָנגעטאָן קיין איין קינסטלער אויף דער גאַנצער וועלט, וועט מען אים, מעגלעך, אויפנעמען ניט לויט דעם אָנטאָן, נאָר לויט די אַרבעטן.

און נאָך האָט ער געוווּסט: מאָסקווע גלייבט ניט קיין טרערן... עס וועט זײַן ניט גרינג זיך דאָ דורכשלאָגן אַ וועג.

ער האָט זיך גלײַך געלאָזט אינעם ערשטן געפעכט, ווי דעמלט, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון טריפּאָליע און אוועקגעגאַנגען אין אַרמיי...

דער אַלטיטשקער פּראָפעסאָר פון דער קונסט-שול, וולאַס פּאָקראָווסקי, צו וועמען סימאָן איז אין אַ פּאָר טעג אַרום געקומען און זיך פאָרגעשטעלט און וועלכער איז געווען קימאַט אַזוי אָפּגעריסן און הונגעריק, ווי דער באַכער, האָט דורך זײַנע אַלטמאָדישע ברילן באַטראַכט דעם קומענדיקן טאַלמיד זײַנעם, און האָט אים גלײַך געגעבן אָנצוהערן, אַז קיין איין שול, קיין איין אינסטיטוט אין דער וועלט האָט נאָך ניט אויסגעלערנט עמעצן ווערן אַן עכטער קינסטלער. דאָס איז אַ גאָט-זאַך! פאַרמאָגסטו אין דײַן נעשאָמע גאָטס פונק, קענסטו האָרעווען ביזן זיבעטן שווייס, וועט פון דיר זײַן אַ טאָלק. אויב ניט, איז גלײַכער גיין אויף דער אײַזנבאַן-סטאַנציע און אויסלאָדן וואַגאָנען, דאָרטן קאָן מען גוט פאַרדינען...

ווער ווייסט, פאַרוואָס איז דער פּראָפעסאָר און קינסטלער פּאָקראָווסקי גלײַך צוגעזאָגט צו דעם ייִנגל? ער האָט אים אוועקגעפירט צו זיך אין אַטעליע, וואָס האָט זיך געפונען ערגעץ הינטער אַ דאַך אויף פּאָקראָווקע, אָנגעוויזן אויף אַ ווינקל, וווּ עס איז געשטאַנען אַן אַלטע צעפאָרענע קושעטקע, אַ גרויסער מאָלבערט, און געזאָגט, אַז ביז ער, סימאָן, וועט זיך געפינען אַ ווינקל אַ שענערס, מעג ער דאָ וווינען און אַרבעטן. און אַזוי ווי דער פּראָפעסאָר האָט געפונען, אַז דער באַשיידענער און האַרציקער יונגער מענטש פאַרמאָגט אומשטרײַטבאַרע פייִקייטן צו דער קונסט, האָט ער זיך געווענדט צו די געהעריקע אָרגאַנען, מע זאָל אַרויסגעבן דעם באַכער אַ ברויט-קאַרטל...

סימאָן האָט זיך דערפילט פאַר דעם גליקלעכסטן מענטשן אויף דער ערד. איין גאָט האָט אים געבראַכט צו דעם אַלטן פּאָקראָווסקין!

אין שול האָט מען ניט געלערנט. אין די אַודיטאָריעס און וואַרשטאַטן איז געווען קאַלט, כאָטש הינט פאַרטרײַבן. באַטראַכטנדיק אַלע טאָג די געמעלן, וואָס סימאָן האָט אים אונטערגעטראָגן, האָט דער פּראָפעסאָר זיך געקרימט און זיי אָפּגעוואָרפן אין אַ זײַט.

אַ שטאַלטנער באַיאָרטער מענטש מיט אַ שטרענגלעך פּאָנעם, לאַנגע באַזילבערטע האָר, מיט אַן אַקוראַט אונטערגעשוירן בערדל און וואָנצעס, מיט טיפע בלאָוולעכע אויגן, באַשיידן, אַפילע אָרעם אָנגעטאָן, האָט ער זיך באַציִיגן צו זײַן שילער צו שטרענג, און אָפטלעך, ווען דעם שילערס געמעל האָט אים אַ קאָראַבע געטאָן, האָט ער עס פּאַשעט אַרײַנגעוואָרפן אין אײַוועלע און שטיל אַרויסגערעדט:

— וואַרעמט בעסער אָן די הענט. איך זע, די פינגער באַוועגן זיך שוואַך. אַזעלכע געמעלן בעט איך אויף ווײַטער מיר ניט ווײַזן... די שטימונג ווערט בײַ מיר קאַליע.

און, שפּירנדיק, ווי זײַן שילער רעאַגירט אויף זײַנע ווערטער, האָט ער גלײַך צוגעגעבן:

— איר קאָנט, מײַן יונגער פרײַנט, זיך בייזערן אויף מיר, דאָס איז אײַער זאַך. איר קאָנט האַלטן, אַז איך בין אַ דעספּאָט, אַ גאַזלען — דאָס רירט מיך ניט... פון אײַך וועל איך פאָדערן בלויז עכטע אַרבעט. פאַרוואָס האָב איך אַרײַנגעוואָרפן אײַערע צייכענונגען אין אויוון, האָב איך אײַך בעקיוון ניט דערקלערט. איר פאַרשטייט אַליין, וואָס איז עכט און וואָס אַזוי זיך, אָפּקומען אַ לימעד... מיט אײַך רייד איך זיך צונויף אַזוי: אויב אַרבעטן — איז מיט דער גאַנצער נעשאָמע. ביזן זיבעטן שווייס. מיט לײַב און לעבן, ווי מײַן לערער וואַסילי איוואַנאָוויטש סוריקאָוו האָט מיך געלערנט...

גאנצפרי האָט זיך פּאָקראָווסקי אופגעהויבן פון זײַן געלעגער, אופגעזאָטן א טשײַניק אָקרעפּ, אים פארשאָטן מיט טרוקענע מערן — טיי, צעשניטן זײַן פּאָרציע ברויט אף צווי גלײַכע כאַלאָקים — איין כײַלעק דעם שילער, דעם צווייטן — זיך. פּונקט אזוי האָט ער צעטײלט דאָס שטיקל צוקער, אָנגעגאָסן אין ביידע גרויסע אַלטמאָדישע טשאשקעס די, מיש-טיינסגעזאָגט, טיי און א ווונק געטאָן צו סימאָנען:

— נו, מײַן טײַערער, מיר וועלן זיך נעמען צו אונדזער קיניגלעכן פרישטיק... איך וועל אײַך אָבער דערמאָנען, אז ווען איר וועט ווערן אן עכטער קינסטלער, און רוסלאנד וועט ווערן א ביסעלע רײַכער און אָנהייבן קויפן אײַערע בילדער, זאָלט איר ניט פארגעסן מיך מעכאבעד זײַן מיט א גלעזל עמעסער וויסאָצקי-טיי... און, פארשטענדלעך, פרישע בול-קעלעך מיט מאָן.

סימאָן האָט געלאכט, קוקנדיק מיט פארליבטע אויגן אף זײַן שטרענגן לערער און אײנצײַטיק זיך געמאטערט, וואָס ער עסט אוף העלפט פון יענעמס טאָגיקן פּאַיאָק...

זופנדיק די טיי, קוקנדיק מיט אינטערעס אף זײַן שילער, האָט פּאָקראָווסקי געזאָגט:

— אין אזא שווערער צײַט, סימאָן, זיך שטעלן אפן וועג פון קונסט דארף מען זײַן אָדער א מעשוגענער, אָדער אן עכטער פאנאטיקער... קונסט איז איצט — די פינפטע ראָד אין וואָגן. פאר קונסט וועט נאָך קומען די צײַט. אומבאדינגט וועט זי קומען!.. איר ווייסט, אין דעם אויסגעריבענעם שינעלכל, אין די צעריסענע שטיוול, אין אָט די בגאָדים זײַט איר מיר פון די ערשטע רעגעס געפעלן געוואָרן. אזוי, דאכט מיר, זײַנען געקומען אין דער קונסט די גרעסטע קינסטלער... ווי צו יענע, וואָס קומען צו דער קונסט זוכן בלויז רום, ווילטיק, פארמעגנס, געלט... אזעלכע פאלן גיך ארויס פון דער קאַרעטע... ווי זאָגט דאָרטן דער פעלדמארשאל סוּוואָראָוו: וואָס שווערער אין דער לערע, אלץ לײַכטער אין שלאכט?.. דאָס האָט א דירעקטע שײַכעס צו אלע מינים קונסט...

זיך אופגעהויבן, צונויפגעשארט די ברעקלעך ברויט, זיי ארײַנגעכאפּט אין מויל, האָט דער אופגערעגטער פּראָפעסאָר פאריכט דעם שניפּס, גענומען אף זיך דעם אלטן לאנגן ביז די פּיאטעס שווארצן מאנטל, אָנגעטאָן דעם צעקנייטשטן קאפעליוש און גענומען סימאָנען אונטער דער האנט, זיך אוועקגעלאָזט מיט אים צופוס איבער האלב מאָסקווע צו דער טרעטיאקאָווער גאלערייע. מע האָט ארומגעבלאָנקעט דעם גאנצן טאָג פון איין זאל אין צווייטן, פון איין בילד צום אנדערן.

סימאָן איז געגאנגען באנאנד מיט זײַן לערער, ווי א פארקישעפטער. ער האָט אין אלץ פארגעסן און געשוועבט אין דער וווּנדערלעכער וועלט פון גרויסער, עכטער קונסט, און

וואָס מער ער האָט געזען, אַלץ שווערער איז אים געוואָרן אַפּן האַרצן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ערשט איצט וועט ער דאַרפן אָנהייבן פון סאַמע אָנהייב.

אין די טונקעלע ווינטער-פאַרנאַכטן, ווען דער פראָסט האָט געברענט, איז וואָס פּאָקראָווסקי מיט זײַן פאַרגאַפּטן שילער געגאַנגען אַהיים פון דער בילדער-גאַלעריי. מע האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין אַ פאַרלאָזט הויפל, עפשער וועט מען ערגעץ געפינען אַ שײַטל האָלץ, אַ צעבראָכן קעסטל, אַ פאַרבליבן שטיקל פּלויט. מע האָט געמוזט זיך אומקערן אין אַטעליע מיט אַ ביסעלע הייצונג. דאָרטן איז געווען מוירעדיק קאַלט, און מע האָט געדאַרפט דערוואַרעמען די נעשאָמע. עס וועט נאָך אויסקומען ביז טיפער נאַכט זיצן בײַ די מאָלבערטן און אַרבעטן. ווי זשע וועט מען קענען אײַנזיצן אַפּן אָרט, אויב ניט אונטערהאַלטן ווי-ניט-איז דאָס פײַערל, די פינגער זאָלן ניט פאַרקאָטשעניִעט ווערן, די פאַרב זאָל ניט פאַרפרוירן ווערן?..

אַלץ זעלטענער און זעלטענער האָט סימאָן געהאַט די מעגלעכקײַט צופאָרן אַהיים, צו די עלטערן, זיך זען מיט זיי און מיט וואַנדען. ער איז שטענדיק געקומען אַהיים אין דעם זעלבן אָפּגעריבענעם שינעל, אין די צעפּאָרענע שטיוול, אין וועלכע ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין דער גרויסער וועלט. און דער טאַטע, באַקוקנדיק דאָס געמיינע אַנטאָן פון זײַן טאַכשיט, האָט פאַרדײַגעט געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— נו, יאָ, איך זע, אַז דו מאַכסט דאָרטן גאָלדענע געשעפטן... ווי זאָגט עס אונדזער אַלט ווערטל: „אַ פערד פאָרט אַרום די גאַנצע וועלט און קערט זיך אום אַ פערד“... אַזוי, זונו, איז שטענדיק, ווען מע הערט ניט דעם טאַטן. איצט פאַרשטייסטו שוין, אַז איך בין געווען גערעכט, ווען איך האָב מיט דיר אײַנגעטײַנעט. אַז דו דאַרפסט האָבן אַ מעלאָכע אין די הענט.

סימאָן האָט מיט אַ ליבלעך שמייכעלע געקוקט אַפּן פאָטער. וואָס ווילסטו אים זאָגן? ער שטעלט זיך דען פאָר, ווי גליקלעך ער איז דאָרטן, אין דער גרויסער וועלט!

מעגלעך, דערפאַר האָט סימאָן ניט ליב געהאַט זיך לענגער פאַרהאַלטן אין שטוב. ניט באַוויזן זיך דאָ אָנוואַרעמען, זיך אַרומקוקן, האָט ער שוין געאײַלט קיין מאָסקווע, צו זײַן לערער, צו זײַן שול, צו זײַן מאָלבערט.

די ערשטע אויסשטעלונגען פון סימאָנס בילדער האָבן צוגעצויגן פיל פאַרערער און שעצער פון קונסט. אין אייניקע צײַטונגען האָבן זיך באַוויזן אַרטיקלען, אָפּרופן, ווו מע האָט געלויבט אין טאָג אַרײַן דעם יונגן קינסטלער, דעריקער יענע בילדער, ווו ער האָט געמאָלט די יונגע קעמפער פאַר פרײַהײַט, די פעלדער פון בירגערקריג און באַזונדערס די בילדער, ווו ער האָט באַוויזן אַ יונגע שוואַרצכיינעוודיקע קאָמסאָמאָלקע מיט אַ רויט קאָפּטיכל און פלאַמיקע טונקעלע אויגן, וואָס איז אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון הענקער...

מע האָט זיך געפרוווט דערפרעגן בײַ אים, ווער איז דאָס מיידל, וואָס ער האָט אויסגעמאָלט מיט אַזויפיל ליבע, נאָר ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, קוים אײַנגעהאַלטן די טרערן און אָפּגעגאַנגען אַ שווײַגנדיקער אין אַ זײַט.

אין שול האָט ער זיך דעראָבערט אַלץ מער פרײַנט, פאַרערער, כאַווײרים, אָבער ניט ווייניקער ניט-פאַרגינער, וועלכע האָבן שטילערהייט אויסגעלאַכט און געטריבן קאַטאָוועס איבער זײַן הוילער און צעשטרייטקײַט. זיי איז ניט געפעלן געוואָרן, וואָס ער גייט אָן אַ קאַפּעליוש, אָן אַ שניפּס, אין די זעלבע סאָלדאַטישע שטיוול, אין וועלכע ער איז צוריק מיט אַ צײַט געקומען אין שול. מע איז אויך געווען אָנגעדראָלן אַף דעם פּראָפעסאָר פּאָקראָווסקי, וואָס האָט זיך אַזוי באַפרײַנדעט מיט אָט דעם פּראָווינציִעלן באָכער, אים אַרײַנגענומען צו זיך אין שטוב, שלעפּט זיך אַרום מיט אים איבער די מוזייען און אויסשטעלונגען און האַלט אים אין איין לויבן.

די סינע פון אייניקע סטודענטן און לערער האָט סימאָנען זייער געמוטשעט, און ער האָט שוין אָנגעהויבן טראַכטן זיך אומקערן אַהיים. ער וועט פּאָשעט ניט קענען שאַפן אין אַזאַ אַרומרינגלונג. דער לערער זײַנער האָט אים אָפּט באַרויִקט:

— נעם זיך ניט צום האַרצן, מײַן טײַערער סימאָן. אַזוי איז שטענדיק צווישן שרײַבער, קינסטלער, אַקטיאָרן און זינגער... וואָס מער דו וועסט האָבן דערפאָלג, אַלץ מער סאָנים וועסטו דעראָבערן... נאָר מע דאַרף זיך ניט שרעקן.

דאָס האָט סימאָנען טיילווײַז באַרויִקט.

די באַגײַסטערטע אָפּרופן, די וואַרעמע אויפשריפטן פון פילצאָליקע באַזוכער פון די ווערניסאַזשן אַף די זײַטלעך פון די אַלבאָמען, וואָס זײַנען געלעגן אַף די טישלעך, האָבן

געפרייט פּאַקראַווסקין. ער האָט זיך געגרויסט דערמיט, וואָס ער האָט דער ערשטער דער-זען אין דעם שטילן, באַשיידענעם און אָרעמען באַכער גאָטס פונק.

פּאַקראַווסקי האָט אים אָבער געוואָרנט, ער זאָל זיך ניט איבערנעמען. ער האָט אים ניט איין מאָל געזאָגט: אויב דער קינסטלער האַלט, אַז ער האָט שוין אַלץ דערגרייכט און ער קאָן זיך באַרויקן, איז עס פאַר אים די גרעסטע געפאַר, און ס'איז קעדײַ זיך צוהערן צו די מיינונגען אויך פון זײַנע ניט-פאַרגינער.

שוין א לענגערע צײַט האָט צו סימאָנען זיך אָנגעהויבן צוקוקן מארק שילמאַן. א ברייטפּלייציקער מענטש מיט א ברייטלעך פּאָנעם און קאַרע, שטענדיק פאַרזאָרגטע אויגן, האָט ער דאָ אין שול אַמאָל געשעמט מיט זײַנע בילדער און אויך ווי אַן ערנסטער לע-רער, ווען די יונגע קינסטלער האָבן שטארק ליב געהאַט און זיך גרופּירט ארום אים.

ער האָט נאָך פאַר דעם בירגערקריג אָנטיילגענומען אין אייניקע אויסשטעלונגען און שטארק אויסגענומען, א ריי בילדער האָט מען געקויפט בא אים פאַר די אויסלענדישע מוזייען. ער איז געווען באַפרײַנדעט מיט מארק שאַגאַלן, בא וועמען ער האָט א ביסל גע-נאַשט און זיך דערמיט געגרויסט. זײַנע ארבעטן האָבן געזען און געליבט רעפּין און וואסנע-צאָוו און, מען האָט, דערפאַר האָבן זיך די מיטאַרבעטער און צוהערער פון דער שול בא-צויגן צו אים מיט אזא אכטונג.

דאַרף אָבער טרעפן... ער איז א פרײַוויליקער אַרײַנגעטראָטן אין דער רויטער אַרמיי, דורכגעשפּאַנט איבער פּיל מיליטערישע וועגן, און אין איינער א גרויזאַמער שלאַכט מיט קאַלטשאַקס כאַיאָלעס אין סיביר שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן און פאַרלוירן די רעכטע האַנט. א שפּליטער האָט צעמאַזיקט דעם האַלדז, און ער האָט אף א לענגערער צײַט אינגאַנצן פאַרלוירן די שטים. אין האָספּיטאַל האָט מען אפילע געמיינט, אז ער וועט זײַן אינגאַנצן א שטומער, נאָר אין עטלעכע כאַדאָשים ארום האָט די שטים זיך צו אים אומגעקערט, עמעס, ער האָט זייער שלעכט גערעדט און אים איז שווער געווען פאַרשטיין.

אומקערן זיך צום מאָלבערט האָט ער שוין ניט געקאָנט, און לייענען לעקציעס פאַר זײַנע שילער אויך ניט. דאָס האָט אים אינגאַנצן דערשלאָגן.

ער איז אָבער געווען פאַרליבט אין דער שול, און ווען ער האָט זיך א ביסעלע גע-שטעלט אף די פיס, האָט מען אים פאַרבעטן אף ארבעט. ער האָט איצט געהאַט צו טאָן מיט דער ווירטשאַפט פון דער שול, געשפּירט נאָך דער אָרדענונג אין די קלאַסן, און אז מע האָט געדאַרפט, איז ער געווען אויך א וועכטער. אָבער דאָס האָט אים ניט געשטערט וויסן אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין שול. צו אים איז מען געגאַנגען זיך האַלטן אַן אייצע, בעטן הילף און שטיצע. די ליבע און אכטונג צו אים האָט אים שטארק געמונטערט און ניט געלאָזט פאַלן בא זיך.

קיינער האָט אין סטודיע זיך ניט פאַרגעשטעלט, ווי וואָלט מען געקאָנט לעבן אָן אים. גיכער וואָלט מען זיך דאָ געקאָנט באַגיין אָן א פּראָפעסאָר, אָן א לערער, אָבער בעשום-אויפן ניט אָן מארק שילמאַנען.

ניט געקוקט אף זײַן שווערער לאַגע, האָט ער אף קיין האָר ניט אָנגעווירן זײַן שטאַלץ, און אויב ער האָט געזען, אז עמעצער באַדויערט, פּרוווט אים מיטפילן, האָט ער זיך געבייזערט.

ער האָט זיך געהאַלטן בא דעם קלאַל, אז יעדער איינציקער מענטש האָט זיך זײַן גורל, פון וועלכן דו וועסט זיך ניט אויסדרייען, זאָלסט אפילע זײַן מיט אכצן קעפּ. א סאַך זײַנע פרײַנט זײַנען אומגעקומען, און ער איז אַלפּי-נעס געבליבן לעבן. דער מויעך ארבעט נאָך, און ער איז ווי אַמאָל פאַרליבט אין דער קונסט...

מארק שילמאַן האָט געהאַלטן, אז פאַטערן צײַט אף פּלאַפּלען איז א פאַרברעכן. ווײַ-ניק צײַט איז אויסגעטיילט דעם מענטשן. און וואָס מער דער מענטש איז פעיִק, קאָן ער מער נוצן ברענגען דער וועלט, טראָגן איר פרייד, נאַכעס. דערפאַר, האָט ער געהאַלטן, איז גלײַכער אַרײַנקוקן אין א ביכל, פאַרברענגען עטלעכע שאָ בא א קינסטלער אין א אַטעליע, אין א מוזיי, אף אַן אויסשטעלונג, ווי זיך פאַרנעמען מיט פוסטער פּלוידערײַ.

ער איז געווען אַן עכטער שעצער פון קונסט און ליב געהאַט יענעם זאָגן דעם עמעס, ניט כאַנפענען, עס מעג זײַן א באַרימטער קינסטלער, אָדער אַן אָנפאַנגער. אָט פאַרוואָס אין שול האָבן ניט אַלע געוואָלט, ער זאָל וועגן זיי זאָגן זײַן מיינונג, ניט אַלע האָבן אים גערן באַוויזן זייערע ארבעטן...

קאָן מען פאַרשטיין, מיט וואָס פאַר א האַרץ-צאַפּל עס האָט אים באַגעגנט סימאָן, ווען ער איז אומדערוואַרט אַרײַנגעקומען צו אים אין אַטעליע און געזאָגט, אַז ער וויל א קוק טאָן אויף זײַנע בילדער.

סימאָן האָט זיך א ביסל פאַרלוירן. דאָס איז געווען פאַר אים א שווערער אויספּרוּוו. ער האָט אים אָנגעהויבן באַווײַזן אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. אַפילו יענע בילדער, וועלכע ער האָט קיינעם ניט באַוויזן.

דער אומדערוואַרטער גאַסט איז לאַנג געזעסן אויף דער טאַבורעטקע און באַטראַכט די אַרבעטן, גערייכערט איין ציגאַר נאָכן צווייטן. דאָס עטוואָס פּאַרוואַקסענע פּאָנעם האָט אַלץ מער געשײַנט. ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן פונעם אָרט, האָט ער, קוים אײַנהאַלטנדיק דעם אומרו, אַרומגענומען מיט דער איינציקער האַנט דעם באַכער, צוגעדריקט צו זיך און מיט אַן אויפגערעגטער שטים געזאָגט:

— איך קוק זיך שוין לאַנג צו צו דיר און צו דײַן אַרבעט, און דאַרף דיר זאָגן, אַז איך האָב זיך אַזויפיל ניט פאַרגעשטעלט. הײַנט, ווען איך האָב זיך גוט צוגעקוקט צו דיר און דײַנע אַרבעטן, האָב איך זיך דערפרייט, גלײַך צו מיר אומגעקערט די האַנט, די שטים, דאָס ביסל געזונט... יאָ, ניט אומזיסט איז וולאַס מיכײַלאָוויטש אַזוי פאַרליבט אין דיר און אין דײַן טאַלאַנט. דו האָסט וואָס צו זאָגן דער וועלט, און איך גלייב, אַז דאָס וויכטיקסטע וועסטו נאָך זאָגן... און אויב דער קאָפּ וועט זיך באַ דיר ניט פאַרדרייען, וועסטו זײַן אַן עכטער קינסטלער. איך בין גליקלעך, וואָס איך האָב זיך באַקאַנט מיט א נײַעם קינסטלער... דו ווייסט דאָך גוט, אַז איך פאַרשטיי, וואָס הייסט א קינסטלער און וואָס הייסט א באַלמעלאָכע, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט שמירן מיט א פּענדזל, קעדיי פאַרדינען דאָס ביסל מינץ אויף אויסקומעניש. איך זע, אַז דו טראַכטסט ניט וועגן קאַריערע, וועגן לעבן א שיינעם טאָג, אַזאַ, ווי דו ביסט צו אונדז געקומען, אַזאַ ביסטו אויך איצט דאָס רעקל מיט די געלאַטעטע פּלודערן, וואָס דו האָסט געטראָגן, ווען איך האָב דיך געזען דאָס ערשטע מאָל, טראָגסטו ביז איצט... אונדזער לעווּיטאַן און אַנטאָקאָלסקי האָבן זיך, דאַכט, זיך, אויך געפירט אַזוי. דעריקער איז באַ זיי געווען קונסט און ניט דאָס מאָדנע פּידזשאַקל מיטן שניפּס...

מאַרק שילמאַן איז איצט געווען אין א געהויבענער שטימונג, וואָס איז באַ אים געווען ניט אַזאַ אָפטע זאַך, און ער האָט געוואָלט אויסריידן פאַר דעם באַכער דאָס האַרץ. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, ווי פאַר די אויגן האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט א טייל פון דער אַלטער מאָסקווע מיט אירע הילצערנע שטיבלעך, מיט צעקרימטע פּלויטן, מיט קליינינקע קלויסטערלעך. ער האָט זיך צוגעשפּאַרט צום פענצטער, און, קוקנדיק ערגעץ אין דער ווײַט, פאַרגעזעצט:

— יאָ, בראָדערקע, דיך האָט אָפּגעגליקט ניט בלויז מיט דעם, וואָס גאָט האָט אין דיר אַרײַנגעהויכט א פונק פון עכטן טאַלאַנט, וואָס דו ביסט אין דײַנע יונגע יאָרן דורכגעגאַנגען א שווער שטיקל וועג, פאַרזוכט קאַלטס און וואַרעמס, געקוקט דעם טויט אין די אויגן, דיך האָט נאָך אָפּגעגליקט, וואָס אויף דיר האָט געוואָרפן אַן אויג דער אַלטער פּאָקראָווסקי... ער האָט א סאַך וועלטבאַרימטע שילער... און אויב ער איז צו דיר אַזוי צוגעקאַכט געוואָרן און דיך אַפילו אַרײַנגענומען אין זײַן שטוב, געגעבן באַ זיך אין אַטעליע א ווינקל, — דאָס אַליין איז שוין עכטע אָנערקענונג. אַבי וועמען וועט ער נאָענט צו זיך ניט צולאָזן. און דאָס פייגעלע, וואָס פליט אַרויס פון זײַן נעסטעלע, וועט דאָס גאַנצע לעבן שיין זינגען... נאָך דעם, ווי דו ביסט דורכגעגאַנגען זײַן שול, נאָך דעם, ווי ער האָט מיט דיר געאַרבעט, האָב איך שוין ניט וואָס צוגעבן, נאָר דאָך האָב איך א פּאָר געדאַנקען וואָס איך וויל דיר דאָ אַרויסזאָגן און דו — ווי דו ווילסט. ווילסטו, הער זיך צו, ווילסטו — לאָך זיך אויס און זאָג, אַז מאַרק שילמאַן איז א מעשוגענער און ווייסט ניט וואָס ער רעדט...

דער אַלטער סאָלדאַט און קינסטלער האָט זיך אויף א רעגע פאַרטראַכט, אַרויסגענומען מיט דער איין-און-איינציקער האַנט א ציגאַר און מיט דער זעלבער האַנט געניט אויפגעריבן א שוועבעלע, פאַרייכערט, דערנאָך אוועקגעלייגט די האַנט אויף סימאָנס אַקסל און, קוקנדיק אים גלײַך אין די אויגן, פאַרגעזעצט:

— דו פאַרשטייסט. מײַן טײַערער סימאָן, א מענטש אַז ער פאַרגעסט טאַטע-מאַמע, דאָס נעסטעלע, פונוואַנען ער איז אַרויסגעפלויגן, האָט אויף דער עלטער שטאַרק כאַראָטע. איך מיין ניט דאָס, צי האָסטו דער מאַמען צו דער צײַט געשיקט א בריוול, געקויפט א מאַטאָנע אויף יאָמטעוו. דאָס איז אויך זייער וויכטיק, נאָר איך מיין עפּעס אַנדערש. אויב דו ביסט א קינסטלער, טאָרסטו ניט פאַרגעסן, ווער דו ביסט און פון וועלכע ווינדעלעך

דו קומסט ארויס... ווידעראַמאָל וועל איך דערמאָנען אונדזער מאָרדוכיי אַנטאָקאָלסקי... דער גרויסער רוסישער סקולפּטאָר, וואָס האָט אָפּגעגעבן דעם רוסישן פאָלק זײַן האַרץ מיט דער נעשאָמע. ער האָט געגעבן דער וועלט יעזוסעס געשטאַלט, און אַזוי ווי, דאַכט זיך, קיין איין סקולפּטאָר האָט ניט באַוויזן, נאָר מאָרדוכיי האָט ניט פאַרגעסן זײַן מאַמען און זײַן מאַמעלאַשן... ער האָט געגעבן דער וועלט אויך „דאָס שנײַדערל" און דערפאַר האָט די וועלט אים נאָך מער געשעצט... נו, און מאַרק שאַגאַל... ער איז געוואָרן אַ וועלט-מײַסטער... נאָר ער האָט ניט פאַרגעסן זײַן מאַמע, דאָס הייסט, זײַן פאָלק.

אייניקע קינסטלער, ווען זיי ווערן שטאַרק באַרימט, פאַרגעסן זיי די נעזער. רײַסן זיך אָפּ פון דער ערד, וואָס האָט זיי דערנערט, פאַרקריכן אין די הויכע פענצטער און פאַרלירן אָפּטמאָל זיך אַליין...

מאַרק שילמאַן האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און, אַ צופרידענער דערפון, וואָס אַט דער באַכער הערט אים אַזוי אויפמערקזאַם, האָט ער אַ שמייכל געטאָן:

— דו ווייסט, וואָס איך וועל דיר, ברודערקע, זאָגן? איך האָב זיך דערמאָנט אַ מײַסע, וואָס איז אַמאָל פאַרלאָפן בײַ אונדז אין זשיטאָמיר, פונוואַנען איך קום ארויס. געוווינט האָט בײַ אונדז איינער אַ נאַרישער אַפּטייקער, וואָס האָט זיך שטאַרק געגרויסט דערמיט, וואָס ער שטייט בײַ דער סטויקע אין אַ ווײַסן כאַלאַט מיט אַ ווײַסן קאָלפּאַק אויפן נאַרישן קאָפּ און פאַרקויפט פּראַשקעס. איז אים געקומען אין קאָפּ אַ מעשוגענער געדאַנק, אַז ער דאַרף זיך שמאַדן. אוועק אין קלויסטער, מע האָט דאָרטן אים איבערגעצײלעמט, דער באַכערעץ איז ארויס פון דאָרטן און נאָך שטאַרקער פאַריסן די נאָז — ער איז שוין, הייסט עס, אַ פּראַוואָסלאַוונער!

ווען ער איז ארויס פונעם קלויסטער, זײַנען אים אַנגעקומען אַנטקעגן זײַנע גוטע-ברידער, מיט וועלכע ער איז אַמאָל אין כיידער געגאַנגען, און געפרעגט בײַ אים:

— היי, מוישע, פונוואַנען גייסטו און וואָס האָסטו דאָרטן, אין קלויסטער, געטאָן? טוט דער אַפּטייקער אָף זיי אַ קוק, ווי ריאַבטשיק אָפּן טאַטן, און רופט זיך אָן:

— ערשטנס בין איך אײַך ניט מוישע, נאָר מאָיסיי, צווייטנס, פאַרוואָס האָט איר, זשידעס נימעסע, אונדזער קריסטוסן געקרייצט?!

דו, סימאָן, פאַרשטייסט שוין אַליין, וואָס איך מיין. איך וואָלט עס דיר, ברודערקע, קיינמאָל ניט געזאָגט, ווען איך גלייב ניט אין דיר און אין דײַן צוקונפט, ווי אַ קינסטלער. סאַראַ גלענצנדע אַרבעט דײַן סעריע „טריפּאָליע", דײַנע בילדער „העלדן פון דער רויטער אַרמיי", פּייזאַזשן פון דער רוסישער נאַטור, און אַ סאַך אַנדערע זאַכן. נאָר פון דיר וואַרט מען אָף נאָך עפּעס... דו קומסט, דאַכט זיך, ניט ארויס פון די קייזערלעכע פּאַלאַצן און דײַנע אַרומיקע זײַנען קיין פּירשטן ניט געווען... וואָלט ניט געוועזן קיין אוולע, ווען דו גיסט אָפּ אַ שטיקעלע פון דײַן נעשאָמע, פון דײַן טאַלאַנט אויך דעם שטעטעלע, זײַנע מענטשן, זייערע ליידן און פריידן... דאָס איז דאָך פּאַר אַ מענטשן, וואָס קומט ארויס פון דאָרטן, אַ ניט אויפגעאַקערט פעלד... איך, סימאָן, האָב געטרוימט דאָס גאַנצע לעבן אָנ-שרײַבן עפּעס עכטס וועגן יענע, צווישן וועמען איך האָב אין דער יוגנט געלעבט, ווו איך בין אויסגעוואַקסן... נאָר וואָס קאָן איך איצט מאַכן, אַז איך בין אַזוי געשטראָפט?!.. — האָט ער טרויעריק אַ ווונק געטאָן אָף זײַן פּוסטן אַרבל און אַנשוויגן געוואָרן. דערנאָך זיך אויפ-געהויבן און זיך געלאָזט צום ארויסגאַנג פון דער אַטעליע.

אָף דער שוועל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און צוגעגעבן:

— זאָלסט אָף מיר ניט האָבן קיין פאַריבל, סימאָן טײַערער, אויב דו האָלטסט, אַז איך האָב דיר דאָ אָנגערעדט נאַרישקײַטן, טאָ פאַרגעס עס גלײַך און טו זיך, ווי דו פאַר-שטייסט. נאָר דאָס האָב איך דיר ארויסגעזאָגט פון טיפן האַרצן.

עס האָט שוין אָנגעהויבן צופאַלן די נאַכט, ווען עס האָט זיך אומגעקערט פון דער שטאָט דער פּראָפעסאָר פּאַקראָווסקי. געטראָפן זײַן שילער אין אַ געדריקטער שטימונג, האָט ער זיך צוגעזעצט לעבן אים, אַרײַנגעקוקט טיף אין די אויגן, וועלנדיק זיך דערוויסן, וואָס איז מיט סימאָנען געשען.

יענער האָט לאַנג געצווייפלט, צי זאָל ער דערציילן דעם לערער וועגן מאַרק שיל-מאַנס באַזוך און וועגן דעם, וואָס יענער האָט אים געזאָגט. צום סאָף באַשטימט בײַ זיך ניט אויסבאַהאַלטן פון אים יענעמס אייצעס.

דער אַלטער האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט סימאָנען. ער האָט גאָרנישט ניט געענט-פערט. אוועק אין קיך און אויפגעזאָטן אַ טשײַניק טיי, אָנגעגאָסן זיך און זײַן שילער, דער-נאָך פונקט אַזאַ שווײַגנדיקער אוועקגעגאַנגען צו זיך אין צימער.

דער אַלטער פּראָפעסאָר האָט אָבער לאַנג ניט געקאָנט אײַנשלאָפן ווערן. באַגינען איז ער אויפגעשטאַנען, אויפגעוועקט סימאָנען צום בידנעם פרישטיק און, זופנדיק פון דער גלאָז די הייסע קאַווע, זיך אָנגערופן:

— דו ווייסט, סימאָן, וואָס איך האָב געטראַכט די גאַנצע נאַכט? איך האָב געטראַכט, אַז אין מאַרק שילמאַנס ווערטער איז פאַראַן אַ גרויסער עמעס... איך האָב שוין עטלעכע מאָל זיך געקליבן דיר זאָגן, נאָר אַלץ אָפּגעלייגט אויף שפּעטער, ווען דו וועסט ענדיקן די נײַע סעריע בילדער... בכלל גערעדט, איז דאָס עמעס. און צו דעם געדאַנק וואָלסטו אַמאָל אַליין געקומען...

אין אַ האַלבער שאָ אַרום האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ.

דער הימל האָט זיי באַגעגנט מיט אַ בײַסנדיק־האַרבסטיק רעגנדל. זיי האָבן אויפגעשטעלט די קאַלנער פון די אָפּגעריבענע מאַנטלען און זיך געלאָזט גיין מיט די שטילע געסלעך צום צענטער פון דער שטאָט, אַהין, צו זייער שול, וואָס איז פאַר ביידן שוין לאַנג געוואָרן די צווייטע היים.

דער דירעקטאָר פון דער שול איז גלײַך מסכּים געווען מיט דעם פאָרשלאָג פונעם פּראָפעסאָר פּאָקראָווסקי. סימאָן מאַרקוס דאַרף מאַכן אַ לענגערע רײַזע איבער יענע מקומות, וווּ ער האָט געוווינט, וווּ ער האָט געמאַכט די ערשטע טריט. ער האָט אָבער געהאַט אַ באַרג מיט אַרבעט, אויף אַרויסענדיקן דאָס, וואָס ער האָט שוין לאַנג אָנגעהויבן. אַזוי איז בײַ אים אַוועק דער האַרבסט און דער ווינטער.

ווען עס האָט אַ גלאַנץ געטאָן דער פרילינג, האָט סימאָן צונויפגענומען זײַנע קליינע זאַכן און זיך געלאָזט אין אַ ווײַטן וועג.

דעם פּראָפעסאָר איז שווער געווען זיך שיידן מיט זײַן ליבלינג. נאָר מע האָט געדאַרפט אויף אַ צײַט זיך צעשיידן.

דאָס דריטע קאַפּיטל

ווו ווערט ער פאַרפאַלן, סימאָן, און וואָס איז מיט אים, האָט זעלדע זיך געקאָנט דערוויסן דעריקער פון דער שכיינע, פון וואַנדע קאַזימיראָוונען. כּוץ דעם, וואָס ער האָט איר פון מאָל צו מאָל געשריבן בריוו, האָט זי זיך וועגן אים דערוווּסט פון די בלעטער, ווו מע האָט אַלץ אָפטער און אָפטער אָנגעהויבן דערמאָנען זײַן נאָמען צווישן בעקאַוועדיקע קינסטלער. זײַנע אַרבעטן האָבן אויך אָנגעהויבן דרוקן זיך אין אייניקע זשורנאַלן.

אַז וואַנדע האָט דערטאַפּט אַ זשורנאַל, ווו מע האָט געשריבן וועגן סימאָנען, האָט זי שיִער ניט געטאַנצט פון פרייד, און גלײַך געלאָפן צו זעלדען איר באַווײַזן און זיך פרייען מיט איר צוזאַמען.

עס איז ניט געווען אין דער הויפּטשטאָט קיין איין אויסשטעלונג, ווו עס זאָלן ניט זײַן אויך סימאָנס בילדער, און ווידער האָט מען געלויבט אין טאָג אַרײַן פּאָקראָווסקיס טאַלאַנטפולן שילער.

נאָך דעמלט, ווען ער איז אַוועקגעפאָרן זיך לערנען אין דער צענטראַלער סטודיע, ווו עס האָבן געאַרבעט דער פּראָפעסאָר פּאָקראָווסקי און דער קינסטלער מאַרק שילמאַן, וועלכע וואַנדע האָט גוט געקענט לויט זייערע אַרבעטן, איז זי געווען אויפן זיבעטן הימל. דערנאָך, ווען סימאָן האָט איר אָנגעשריבן וועגן דעם, אַז דער פּראָפעסאָר האָט אים אײַנגעלאַדן צו זיך און זיי זײַנען שטאַרק באַפרײַנדעט, האָט זי זיך נאָך מער דערפרייט: זי האָט געוווּסט, סאַראַ שטרענגער לערער יענער איז און ער וועט ניט נעמען אַבי וועמען.

וואַנדען האָט עס געטאָן האַנאָע, זי איז מאַמעש גליקלעך געווען. זי, וואַנדע קאַזימיראָוונאַ, האָט דאָך די ערשטע געזאָגט, אַז דאָס ייִנגל פאַרמאָגט טאַלאַנט און עס וואַרט אויף אים אַ גרויסע צוקונפט. און דאָס האָט דאָך זי אים געהאָלפן שטעלן די ערשטע טריט, זי האָט אים אונטערגעהאַלטן אין יענער שווערער צײַט. ווען עס האָט זיך געלייזט זײַן גורל, האָט זי זיך געטרייסט דערמיט: אויב איר איז ניט באַשערט געווען ווערן אַ באַרימטע קינסטלערין, טאָ זאָל איר שילער געניסן פון דעם גליק.

און יעדעס מאָל, ווען זי האָט געלייענט וועגן סימאָנען אין דער פּרעסע, זיך עפּעס דערוווּסט, איז זי גלײַך געלאָפן צו זײַן מוטער און מע האָט ניט זעלטן געוויינט פאַר פרייד.

סימאָן אַליין האָט אין די בריוולעך צו וואַנדען און דער מאַמען קימאַט קיינמאָל ניט דערציילט וועגן זײַנע דערפאָלגן און וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אַרום אים. האָט מען

געוואָרט, אַרויסגעקוקט. זאָל ער זיך אומקערן אַהיים, וועט מען זיך פֿון אים דערוויסן. נאָר ווען קאָן דאָס זײַן?

אין איינעם אַ טאָג האָט וואַנדע איבערגעלייענט אין אַ צײַטונג אַ מיטיילונג וועגן דעם, אַז אַ גרופּע יונגע קינסטלער, צווישן זיי אויך סימאָן, זײַנען אַרויסגעפֿאָרן אין די שטעט־לעך און דערפֿער פֿון ווײַסרוסלאַנד און אוקראַיִנע, קעדיי שאַפֿן בילדער און צייכענונגען אָף באַווײַזן דאָס אַלטע און אויך דאָס נײַע, וואָס ווערט געבוירן.

וואַנדע האָט ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס סימאָן האָט זיך פּלוצעם גענומען פֿאַר אַ נײַער סעריע בילדער. בײַ אים האָבן זיך אַזוי גוט באַקומען די אַרבעטן וועגן טריפּאָליע, וועגן די יונגע קאָמונאַרן, די רוסישע פּייזאַזשן, דער וווּנדערלעכער דניעפּער.

וואָס זשע נאָך דאַרף ער?

זי האָט זיך געוווּנדערט און אַ סאַך איבערגעטראַכט, נאָר עס האָט זי באַרויִקט דאָס, וואָס מיט סימאָנס אַרבעט פֿירט אָן אַזאַ גרויסער מײַסטער, ווי פּאַקראָווסקי, און יענער ווייסט, וואָס ער טוט. און ער וועט ניט דערלאָזן, אַז זײַן שילער זאָל אומזיסט פֿאַטערן צײַט און ענערגיע.

עס האָט זי געפֿרייט, וואָס אין דער רײַזע איז אויך אײַנגעשלאָסן קיִעוו, טריפּאָליע און די אַרומיקע שטעטלעך. וויבאַלד אַזוי, וועט ער אינגיכן קומען אַהיים.

עטלעכע כאַדאָשים האָט מען דאָ אָף אים געוואַרט, און ערשט סאָף זומער איז ער אַראָפּגעקומען, זיך געיאָוועט אין דער צײַט, ווען אַלע האָבן שוין אַפֿילע אָנגעוווירן די האָפֿענונג, אַז זיי וועלן אים דאָ זען.

ער איז געקומען אָף אַ גרויסן פֿײַעטאָן, וואָס איז געווען איבערגעלאָדן מיט אומגע־וויינלעכע קעסטלעך, גרויסע געפּלאַכטענע קוישן, לאַנגע קאַרטאָנעס און נאָך דער רוען ווייסט וואָס. סימאָן מיט דעם געזונטן ברייטפּלייציקן פֿורמאַן האָבן קוים אַראָפּגעטראָגן דאָס גוטס.

דאָס גאַנצע געסל איז זיך צונויפֿגעלאָפֿן אַ קוק טאָן, ווער איז עס געקומען. מיט נײַגער האָט מען באַטראַכט די פּעק און געשאָקלט מיט די קעפּ: „אַ גאַנצן מאַיאָנטעק האָט ער אַראָפּגעבראַכט אַהער. עפּשער וועט שוין זעלדע זיך ניט דאַרפֿן אַזוי מוטשען.

מע איז אָבער גלײַך אַנטוישט געוואָרן, ווי נאָר דער גאַסט האָט אָנגעהויבן צעפּאַקע־ווען דאָס ביסל גוטס זײַנס. ער האָט אָנגעהויבן צונויפֿשטעלן בײַ די ווענט הילצערנע רעמלעך מיט ריינע לײַוונטן און מיט געמעלן. קעסטעלעך פֿאַרב, גרויסע בויגנס פּאַפּיר...

מע האָט געקוקט און געקנייטשט מיט די אַקסלען. קיינער האָט ניט געזען, דער גאַסט זאָל פּאַנאַנדערבינדן עפּעס רעכטס. מע האָט אויך ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַרוואָס איז ער אַזוי געמיין אָנגעטאָן. אַבי זיי האָבן געהערט, אַז ער איז אין מאָסקווע אַ גאַנצער קנאַקער, מאָלט בילדלעך און לעבט אַ מעשוגענעם טאָג...

די שכיינים האָבן אים באַקוקט מיט מיטלײַד און שטילערהייט זיך פּאַנאַנדערגעגאַנגען.

די מאַמע איז אָבער געווען אָפֿן זיבעטן הימל. זי האָט גאָרנישט ניט געדאַרפֿט, נאָר זען דעם איינציקן זון אירן אַ געזונטן, אַ שײַנענדיקן.

פֿאַר די יאָרן האָט ער זיך געענדערט, ניט צו דערקענען. געוואָרן אַ שלאַנקער, אַרום די אויגן אַ סאַך קנייטשעלעך, די טונקעלע טשופּרינע איז שוין געווען מיט אַ היפּש ביסל גראָוע האָר, נאָר דאָס האָט אים געמאַכט סאָלידער, ערנסטער, שענער.

איין זאַך האָט די מאַמע געקימערט, וואָס דאָס אָנטאָן איז אָף אים געווען ניט ווי אָף אַ גרויסשטאָטישן מענטשן. אַן אַלט מאַנטל, די הויזן — אַ ביסל צעטריפּעטע, דאָס רעקל — אויסגעשמירט מיט פֿאַרב, צעקנייטשט, דאָס שניפּסל — ענלעך אָף אַ בענדל און די שיך — היפּש איבערגעקרימט.

זי האָט געמיינט, די מאַמע, אַז אַזוי איז ער אָנגעטאָן בלויז אונטערוועגנס, נאָר ווען ער האָט צעעפֿנט דעם לעצטן קלומעק און פֿון דאָרטן אַרויסגענומען עטלעכע דיקע אַלבאָ־מען מיט געמעלן, האָט זי פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס גאַנצע אָנטאָן זײַנס איז אָף אים, און קיין אַנדערס איז בײַ אים נישטאָ, האָט זי דערפֿילט, ווי עס האָט בײַ איר אַ קלעם געטאָן דאָס האַרץ.

סימאָן האָט לאַנג זיך געפּאָרעט בײַ זײַנע בילדער, פּאַנאַנדערגעשטעלט בײַ די ווענט, זיי זאָלן ניט פֿאַרנעמען דעם גאַנצן דורכגאַנג, און דער מאַמען האָט אַ ביסל פֿאַרדראָסן, וואָס נאָך דרײַ יאָר צעשיידונג איז ער מער פֿאַרטאָן מיט אָט די רעמלעך, ווי אויספֿרעגן, וואָס טוט טאַטע-מאַמע...

ערשט צום סאָף האָט ער איבערגעגעבן דער מאַמען די מאַטאַנע, וואָס ער האָט מיט זיך געפירט דעם גאַנצן וועג — אַ נײַ קלייד מיט אַ געקווייטלט קאַפּטיכל, און פאַרן טאַטן — אַ נײַ העמדל, זיך צוגעזעצט צום טיש און אַנגעהויבן באַקוקן די שטוב.

דער צימער איז געבליבן דער זעלבער, וואָס סימאָן האָט פאַרלאָזט צוריק מיט עט-לעכע יאָר, נאָר דער דאַלעס, זעט אויס, איז געוואָרן גרעסער. די ווענט פאַרשוואַרצט, לאַנג ניט געקאַלכטע. די מאַמע איז געוואָרן אַ סאַך עלטער און אָפּגעצערטער.

זעלדע האָט גקוקט אויף אים מיט טרויעריקע אויגן, געשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך ניט געקאָנט פאַרשטעלן, ווי לעבט ער דאָרטן אין דער פרעמד, ווער קאָכט אים אָפּ אַ טעפּל געקעכץ און ווער וואַשט אים אויס אַ העמדל. וואָלט אים דען ניט געווען בעסער לעבן דאָ, בײַ דער מאַמען? וויאַזוי באַווײַזט ער זיך דאָרטן אויף די אויסשטעלונגען אין אַזאַ גע-מיין אָנטאָן?

זי האָט געקוקט אַפּן זון, און אין מוידער האָבן זיך בײַ איר געדרייט טויזנט פראַגן, נאָר זי האָט ניט געוואָלט אײַצט אים ערגערן. ער איז אַזוי אויך פאַרמאַטערט, הונגעריק און שלעפעריק, מע דאַרף וואַרטן, ביז ער וועט אַ ביסל קומען צו-זיך.

ווי שטענדיק, ווען ער יאָוועט זיך אַהיים, האָט זי אָנגעװאָרעמט אַ קרוג הייסע וואַסער און אָנגעגאָסן אין דער שיסל, אַרויסגענומען פונעם שאַפּקעלע און דערלאַנגט אים אַ ריי-נעם האַנטעך און אָנגעהויבן פאַרען זיך באַם אויוון, עפּעס צוגרייטן צום טיש. וואָס זאָל זי טאָן, אַז שטענדיק יאָוועט ער זיך אומדערוואַרט. עמעס, קיין געהויבענעם פרישטיק האָט זי ניט, נאָך דעם, ווי איר בעהיימע איז אומגעקומען, זײַנען די געשעפטן אין שטוב אַוועק גאַנץ פאַסקודנע, נאָר דאָך וואָלט זי עפּעס צוגעטראַכט. איז איר געווען אַ ווייטעק מיט אַ ביזאַיען, וואָס זי וועט אים ניט קענען אָנהאָדעווען אַזוי געשמאַק, ווי פריִער.

בײַ זעלדען איז אַלץ געפאַלן פון די הענט. זי האָט ניט געוווסט, פאַר וואָס זיך פריִער נעמען.

— פאַרוואָס האָסטו באַצײַטנס ניט געגעבן צו וויסן, אַז דו פאָרסט? — האָט די מאַמע געטײַנעט צו אים. — מיר וואָלטן דיך באַגעגנט אויף דער סטאַנציע. דער טאַטע ווייסט אַפילע ניט, אַז דו ביסט געקומען. ער איז נאָך אויף דער אַרבעט, און אונדזער וואַנדע איז אין שול... ווען זי ווייסט, וואָלט זי אַלץ געוואָרפן און געקומען צו לויפן. סאַראַ טײַערער מענטש זי איז, ווען ניט זי, ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט שוין מיט אונדז געווען.

— איך ווייס, מאַמע... וואַנדע איז אַ טײַערער מענטש. ווען די וועלט באַשטייט פון אַזעלכע מענטשן, ווי זי, ווי פּראָפעסאָר פּאָקראָווסקי, ווי מאַרק שילמאַן, וואָלט גרינגער גע-ווען צו לעבן, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, אַרומווישנדיק זיך מיטן האַנטעך, — און פאַרוואָס האָב איך דיר פריִער ניט געגעבן צו וויסן, אַז איך קום צו פאָרן? ערשטנס, האָב איך אַליין ניט געוווסט... די לעצטע עטלעכע כאַדאָשים שלעפּ איך זיך אַרום איבער דער וועלט, ווי אַ ציגײַנער.

ער האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, אַנגעטאָן דאָס העמדל, צוגעקעמט די האָר און, באַקוקנדיק דער מאַמעס פאַרברוינט פּאָנעם מיט די טיפע קנייטשן, אירע אויסגעהאָרע-וועטע הענט, געטראַכט בייסמײַסע, וויאַזוי דערקלערן דער מאַמען דאָס סאַמע איקער-דיקסטע.

— איך בין געווען אַ גאַנצע וואָך אין גלושעוו, ווו דער טאַטע איז געבוירן געוואָרן און געאַרבעט...

— אוי, אין גלושעוו?! — האָט זעלדע ברייט צעעפנט די אויגן. וואָס האָסטו דאָרטן געטאָן?

— איך האָב געמאָלט דעם טאַטנס נאַכלע... זי שטייט נאָך אַן אײַנגעבויגענע מיט אַן אײַנגעפאַלענעם דאַך... און דאָס געסל האָב איך געמאָלט, דעם גרינעם באַרג, איבער וועלכן עס דראַפּען זיך ציגן... אויב דאָס וועט זיך בײַ מיר באַקומען, וועל איך זײַן גליקלעך... און ווייסט וואָס איך האָב דאָרטן נאָך געמאָלט? איך האָב זיך דאָרטן באַקאַנט מיטן טאַטנס אַמאָליקע שכיינים... שוין זייער אַלטיטשקע מענטשן... איינער איז אַ שטריקלדרייער... רעב זעליק, רופט מען אים... ער האָט מיר אַזויפיל דערציילט וועגן טאַטן! איך האָב דעם זע-ליקן געמאָלט בײַ דער אַרבעט, ווי ער דרייט שטריק... דאָס גאַנצע געסל איז זיך צונויפ-געלאָפן, ווען איך בין געשטאַנען און געמאָלט דעם אַלטן... און נאָך איין שכיינע האָב איך דאָרטן געמאָלט — מאַריסיען. זי האָט מיר אָנגערעדט אַ פולן זאַק... זי האָט אַ סאַך גע-האָלפן, האָט זי געזאָגט, דעם טאַטן, ווען ער האָט זיך אומגעקערט אַ פאַרווונדעטער פון דער מילכאָמע... און נאָך איין אַלטיטשקע, מאַלקע... עפּשער געדענקט זיי נאָך דער טאַטע?

— נו, און אין ביליעוויטשי ביסטו אויך געווען? דו ביסט דאָך דאָרטן געבוירן גע-וואָרן... און דאָרטן האָב איך זיך באַקאַנט מיט דײַן טאַטן...

בא די ווערטער זײַנען אירע אויגן עטוואָס פֿײַכט געוואָרן, גלײַך עס וואָלט איצט פֿאַר זיי דורכגעגאַנגען איר יוגנט, איר ערשטע און לעצטע ליבע...

— געוויס, מאַמע!.. ווי זשע אַנדערש? — האָט ער זיך אָנגערופֿן. — דאָרטן בין איך געזעסן לענגער... אויך דאָרטן האָב איך א סאַך געמאָלט... די הײַזלעך, דעם טײַך, די שטיי-נער אַפּן ברעג...

„די שטיינער אַפּן ברעג“... — האָבן אירע ליפּן געשעפּטשעט, און איבער אירע באַקן האָבן זיך א קײַקל געטאָן טרערן. ווער ווייסט, וואָס זי האָט זיך אין דער מינוט דערמאָנט? עפּשער דאָס, וואָס אין יענעם ווײַטן באַגינען, ווען זי האָט געשווענקט גרעט און עס איז צו איר צוגעגאַנגען א סאָלדאַט אַף קוליעס, זיך צוגעזעצט לעבן איר, און ער איז גע-וואָרן איר גורל אַפּן גאַנצן לעבן, מיט וועמען זי האָט פֿאַרזוכט ניט ווייניק פֿריידן, נאָר פֿול מערער לײַדן...

— נו, און אונדזער שטיבל, סימאָן, האָסטו געזען? עס שטייט נאָך אַף יענעם זעלבן אָרט?.. — האָט זי אים איבערגעשלאָגן.

— געוויס... צוריק מיט עטלעכע יאָר, ווען די באָבע איז געשטאָרבן, האָט זיך דאָרטן באַזעצט אַן אָנגעפֿאָרן פֿאַרפֿאַלק. און אַזוי ווי עס איז געשטאַנען, אַזוי שטייט עס... עמעס, אָן א פּלויט. די קליאַנען און דער בארנבוים זײַנען שוין נישטאָ... ווען עס איז געווען דער שרעקלעכער הונגער, האָבן די שכיינים אָפּגעשניטן די ביימער אַף הייצונג... די באָבע האָט שוין דעמלט ניט געלעבט און קיינער האָט אין שטיבל ניט געוווינט...

זעלדע האָט געווישט די טרערן:

— דו ווייסט, זונו, איך טרוים נאָך באַם לעבן צופֿאָרן אַהין, א קוק טאָן אַף יענעם ווינקל... — האָט זי אַרויסגעבראַכט מיט א געפּלענטער שטים.

— איך קלײַב זיך אויך נאָכאַמאָל דאָרטן זײַן. און אויב דו ווילסט, קאָנסטו עס זען, דאָס שטיבל, עמעס, דאָס איז נאָך ניט געענדיקט, איך דאַרף נאָך אַף דעם אַרבעטן...

און סימאָן איז צוגעשפּרונגען צו דער וואַנט, ווו עס זײַנען געשטאַנען די ראַמען, אַרויסגעשלעפּט איינע און זי אוועקגעשטעלט אַף צוויי בענקלעך.

בא זעלדען האָט פֿאַרכאַפּט דער אָטעם. זי האָט ניט געקאָנט אָפּרײַסן דעם בליק. זי האָט געקוקט און ניט געגלייבט די אויגן אירע.

— אָט דאָס האָסטו אָנגעמאָלט? עס קאָן ניט זײַן!.. ווי א לעבעדיקע... אָט דאָ האָב איך ליב געהאַט שטיין און קוקן אַפּן טײַך, ווי די זון פֿאַרגייט... און דאָרטן, זעסט, האָבן זיך געפּאַשעט אונדזערע ציגן? פֿאַרוואָס האָסטו זיי ניט אָנגעמאָלט?

סימאָן איז צוגעלאָפֿן צו דער פֿאַרוויינטער מאַמען, שטאַרק אַרומגענומען און געקושט, געקושט אירע אויגן, פֿילנדיק, ווי אים אַליין הייבן אָן שטיקן די טרערן. און דאָך אַרויסגע-רעדט שמייכלענדיק:

— א צווייט מאָל, אַז איך וועל אַהין קומען, מאַמעניו, וועל איך שוין אומבאַדינגט אָנמאָלן פֿאַר דיר די ציגן...

— אוי, גאָטעניו, מיר האָבן זיך אַזוי פֿאַרעדט! דו ביסט דאָך הונגעריק! — האָט זי זיך געכאַפּט און אוועקגעלאָפֿן צום אויוון און אָנגעשאָטן די קאַרטאָפֿליעס אין דער ליימע-נער שיסל. זי האָט אָנגעשניטן ברויט און זיך צוגעזעצט באַנאַנד מיט אים.

— איז וואָס, זונו, — האָט זי א ווונק געטאָן אַף די ראַמלעך, — איז דאָס געוואָרן דײַן מלאָכע!

— יאָ, מאַמע... דאָס איז געוואָרן מער פֿון מײַן מלאָכע... דאָס איז געוואָרן מײַן לעבן... — האָט ער געענטפֿערט.

— אַזוי גאָר? — האָט זי פֿאַרוווּנדערט געשאָקלט מיטן קאָפּ. — נו, און דאָס גיט דיר אַפּן שטיקל ברויט? וועדליק איך זע, ביסטו צו בראָדסקין און צו וויסאָצקין נאָך זייער ווײַט.

— איך שטרעב ניט צו זייערע רײַכקײַטן, מאַמע... מיר איז בעסער פֿון זיי! איך פֿיל זיך גליקלעכער...

— איך פֿאַרשטיי... — האָט זי א זאָג געטאָן, ניט אַראָפּנעמענדיק פֿון אים דעם פֿאַר-גאַפֿטן בליק. — נאָר איך זע אין דײַן אָנטאָן, אַז דיר לעבט זיך ניט גאָר פֿריילעך אין מאָסקווע בא דײַן פּראָפֿעסאָר...

סימאָן האָט א קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען:

— מײַן פּראָפעסאָר לעבט פּונקט אַזוי, ווי איך... אַלע לעבן דערוווײַל אַזוי. נאָר ניט אין דעם רעקל באַשטייט דאָס גליק.

אַ טראַכט געטאָן, האָט ער שמייכלענדיק צוגעגעבן:

— דאָס צווייטע מאָל וועל איך צו דיר קומען אין אַ צילינדער און אין אַ פֿראַק. דאָס וועט דיר געפֿעלן?

— וואָס רעדסטו? — האָט זי זיך דערשראָקן. — דו ווייסט דאָך די גאַס ניט קאָנען דורכגיין, מע וועט דיך אויסלאַכן...

— זעסטו דאָך אַליין, אַז דאָס אָנטאָן איז ניט דער איקער!

זעלדע האָט צעפֿירט מיט די הענט:

— ווייסט איך דער גוטער יאָר!.. דאָס זעלבע רעדט מיך אײַן די גאַנצע צײַט אונדזער וואנדע. נאָר ווער קאָן זיך אין דעם פֿאַנאַנדערקלײַבן? מיר זײַנען די גאַנצע צײַט פֿאַרנומען מיט איין זאַך: ווי שטופּט מען אָפּ דעם טאָג, מע זאָל ניט אומקומען פֿון נויט...

זי האָט אים אָנגעגאָסן אַ קוועדל טיי און געבעטן ניט האָבן קיין פֿאַריבל, וואָס זי האָט גאָרנישט באַוויזן אָפּבאַקן. ער קלײַבט זיך דאָך נאָך ניט אוועקפֿאָרן אַזוי גיך, וועט זי אים נאָך אָפּבאַקן אַ שטרודל און קנישעס מיט פֿאַסאָליעס, יענע, וואָס ער האָט פֿון שטענדיק ליב.

געוויס פֿאָרט סימאָן נאָך ניט אוועק, נאָר אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען ער וועט זיך אַ ביסל אָפּרוען, וועט ער זיך אוועקלאָזן קיין טריפּאָליע... ער האָט נאָך אַ סך פּלענער...

מיטאַמאָל איז ער שטיל געבליבן, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט. זיך אײַנגעקוקט, ווי די מאַמע האָרעוועט, נעמט צו דאָס געפֿעס פֿונעם טיש, געכאַפּט דעם אַלבאָם, אַ בלײַער און אָנגעהויבן מאָלן. ער האָט פֿון מאָל צו מאָל געוואָרפֿן אַ בליק אויף דער מאַמען און זיך ווידער פֿאַרטיפֿט אינעם געמעל.

— וואָס טוסטו, זונו? וואָס קוקסטו אַזוי אויף מיר, ווי דו וואָלסט מיך ניט געזען אַ יאָר מיט יאָרן? דו ווילסט מיך אויך אָנמאָלן?

ער האָט שווײַגנדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— צוליב וואָס? האָסט שוין ניט וואָס צו טאָן? עס איז דאָ ייִנגערס און שענערס פֿון מיר...

— ניין, מאַמע, באַ מיר ביסטו שענער און ייִנגער פֿון אַלעמען אויף דער וועלט...

— איז ווארט אויס א רעגע, וועל איך אָנטאָן א נײַע בונדע, צוקעמען די האָר... איך בין דאָך איצט ענלעך אף א רועך...

— ניין, מאמע, מע דארף גאָרניט... — האָט ער שטיל געזאָגט, — דו דארפסט זיך ניט איבערטאָן. און, דעריקער, לייג ניט אף מיר קיין אכט און טראכט ניט, אז מע מאָלט דיך... טו דיר דײַן ארבעט...

זעלדע האָט א דריי געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— ווער ווייסט אײַך... עפּעס גאָרניט קיין מענטשן. קישעפמאכער... גיי פארשטיי אײַך.

אָנגעצייכנט אף א גרויסן בויגן עטלעכע שטריכן, האָט ער אים אָפּגעלייגט אין א זײַט און א פרעג געטאָן, ווען דארף זיך אומקערן דער טאטע פון זאוואָד. ער האָט אף אים ארויסגעקוקט מיט אומגעדולד. סימאָן האָט זיך געפילט שטארק שולדיק פאר אים און פארשטאנען, אז ער איז זיך מיט אים אמאָל באגאנגען ניט זייער לײַטיש. נאָך דעם, ווי ער איז געווען אינעם טאטנס געבורטשטאָט אין גלושעוו און געזען, ווו ער איז געבוירן געוואָרן און וויאַזוי ער האָט איבערגעלעבט די קינדער- און יוגנט-יאָרן, איז סימאָנען געוואָרן ביז גאָר ווייטעקלעך. דער טאטע האָט דאָך קיין זאטן טאָג ניט געהאט!

סימאָן האָט זיך ארומגעדרייט איבער דער שטוב ווי גאָר ניט קיין היגער. פרעמד. אים האָט זיך געדוכט, אז א גאנצע אייביקײַט איז שוין אוועק פון יענער צײַט, זינט ער איז אוועק פונדאנען. אפילע די שטאָט האָט אים אויך אויסגעזען קלענער, ווי זי איז געווען. און אים האָט שוין געצויגן צוריק אהין, צו זײַנע כאווירים, צו זײַן שול, צום פראָפעסאָר און צו דעם שטילן ווינקעלע, וואָס יענער האָט אים געגעבן אין זײַן אטעליע, און ווו עס ווארטן אף אים עטלעכע ניטפארענדיקטע לײַוונטן.

דער דאלעס, וואָס ער האָט דאָ געטראָפן, האָט אים געמוטשעט, נאָר דערווײַל האָט ער נאָך גאָרנישט ניט געקאָנט צוטראכטן, וויאַזוי ער זאָל העלפן די עלטערן און וואנדען. אנדערע סטודענטן האָבן זיך געגעבן אן אייצע: מע האָט בישטיקע געמאָלט שילדן, פאָרטרעטלעך פון פאָטאָגראפיעס, עטיקעטלעך פאר באקאלייע. נאָר סימאָן האָט אף דעם ניט געקאָנט פאטערן זײַן טײַערע צײַט. פראָפעסאָר פאָקראָווסקי האָט דאָס ניט געקאָנט דולדן. און סימאָן האָט באשטימט: דעם דריטן טאָג עסן א שטיקל ברויט, גיין אין זײַן אלטן אויסגעטריפּעטן שינעל, נאָר ניט פארקויפן זײַן פענדזל דעם טײַוול. ער וועט מאָלן בלויז דאָס, וואָס איז אים צום הארצן.

פארטאָן אין זײַנע טרויעריקע מאכשאָווס, האָט ער אָנגעטאָן דאָס אָפּגעריבענע מאנטעלע, דאָס צעקנייטשטע, אָפּגעבליאקעוועטע היטל און געזאָגט דער מאמען, אז ער וועט זיך אינגיכן אומקערן, זיך אוועקגעלאָזט מיט די זײַטיקע געסלעך אף קורעניאָווקע, צו דער שול, ווו עס ארבעט וואנדע.

ער האָט געשפּאנט פּאמעלעך, ניט געײַלט, באטראכטנדיק די נידעריקע שטיבלעך. יעדעס שטיינדעלע איז אים דאָ געווען נאָענט און באקאנט, יעדער בוים, יעדעס בערגל האָט אופגעוועקט אין זײַן זיקאָרן א שלאל מיט רעגעוודיקע זיכרוינעס.

פון רעכטס האָט זיך געפילט דער קאלטער אָטעם פונעם דניעפּער. ניט ווײַט האָט זיך געשפרייט דער זאמדיקער ברעג, עס האָבן זיך געטרייסלט אונטערן קאלטן ווינט די צעפּאטלטע ווערבעס. ערגעץ דאָרטן איז ער מיט יאָרן צוריק, ווען ער האָט געארבעט אפן שיפבוי-זאוואָד און עס האָט זיך אָנגעהויבן אן אָבלאווע פון די העטמאנישע זשאנדארמען, האָט ער אָפּגעראטעוועט זינען. אף א שיפל האָט ער זי ארויסגעפירט פונעם אינדזל און צוגעשווומען מיט איר טאקע אָט אהין, צום ברעג, ווו עס הוידען זיך די ווערבעס.

זי שטייט אים נאָך ביז איצט פאר די אויגן, די שרעקלאָזע אונטערערדלערן מיטן רויטן קאָפּטיכל אף די בונטע האָר, איר כיינעוודיקער בליק, איר פּאָשעט קלייד פון אן ארבעטערמיידל. פון דער ערשטער באגעגעניש זייערער האָט ער דערפילט א מוירעדיקן הארץ-צאפּל און אפן גאנצן לעבן איז אין די טיפענישן פון זײַן נעשאָמע פארבליבן איר ליכטיק געשטאלט.

זינע ליובימאָווא...

שוין אזויפיל צײַט דורך נאָך דער טריפּאָליער טראגעדיע. זי איז שוין לאנג ניטאָ צווישן די לעבעדיקע, נאָר אין זײַן הארצן לעבט זי. און ווען ער מאָלט א בילד פון א העלדיש, הארציק און שרעקלאָז מיידל, שטייט זי שטענדיק פאר זײַנע אויגן.

איצט האָט ער געטראכט, אז ער מוז זיך אומקערן צו יענער אומפארגעסלעכער צײַט און דערציילן וועגן איר אין זײַנע בילדער.

סימאָן האָט פאַרקערעוועט צום עק פון דער פאַרשטאָט. אָט דאַרט ניט ווײַט, אינעם געדיכטן סאָד, שטייט זײַן ערשטע שול, און דאָרטן אַרבעט זײַן האַרציקע און געטרײַע לערערן. זײַן ערשטע לערערן!

ער איז שטילערהייט צוגעגאַנגען צו דער אַלטער, צווייגאָרנדיקער געבײַדע פון שול, אַריבערגעקראָכן איבערן נידעריקן, פאַרקרימטן פּלויטל, זיך אונטערגעגאַנגעט צום עקסטן פענצטער און דערזען אין קלאַס דאָס באַגײַסטערטע פּאָנעם פון זײַן גראָוו-געוואָרענער לע-רערן. זי איז פּאַמעלעך אַרומגעגאַנגען איבערן קלאַס, זיך אָפּגעשטעלט בא איין פּאַרטע, בא א צווייטער. דאָ האָט זי זיך אָנגעבויגן, עפּעס פאַריכט, דאָרטן — עפּעס אײַנגערוימט א שילער אפן אויער, דאָ א שמייכל געטאָן, דאָרט זיך פאַרקרימט.

איר ענערגיש ערנסט פּאָנעם, וואָס האָט פאַרהיט סימאָנים פון עכטער שיינקײַט, האָט געשײַנט פון באַגײַסטערונג, מיט צאַרטער כיינוודיקײַט. שטענדיק, ווען זי איז געווען מיט אירע שילער אין איר קלאַס, האָט זי פאַרגעסן, אז די עלטער רוקט זיך אָן, אז זי איז ניט גאָר געזונט.

סימאָן האָט פאַרזיכטיק אַרײַנגעקוקט אין פענצטער און געשפּירט נאָך יעדער באַווע-גונג פון זײַן לערערן. אים האָט זיך געדאַכט, אז זי זעט אויך איצט אויס אזוי ווי דעמאָלט, ווען זי האָט אים געלערנט, און וועט, זעט אויס, שטענדיק זײַן אזא...

אים איז אויפגעקומען א געדאַנק, אז אָט אזא, ווי ער זעט זי איצט, וועט ער זי אויס-מאָלן, זײַן לערערן און וועגווײַזערן... אף דעם בילד וועט ער זיך באַמיִען ווײַזן, ווי זי איז געגאַנגען מיט איר מאַן קיין סיביר, א געקאָוועטע אין קייטן. זי איז געגאַנגען מיט א הויכפאַרהויבענעם קאָפּ און געזען פאַר זיך די קומענדיקע פרײַהייט.

סימאָן מאַרקוס איז געשטאַנען הינטערן פענצטער, פאַרטאָן אין זײַן פאַרטראַכט. ער האָט מיט האַרץ-צאַפּל געוואַרט אף דער נײַער באַגעגעניש מיט זײַן לערערן נאָך אזא לאַנ-גער צעשיידונג. טאָמיד איז די באַגעגעניש מיט וואַנדען געווען פאַר אים א מין יאָמטעוו, טאָמיד האָט ער פאַר איר געדאַרפט זיך אָפּרעכענען פאַר זײַנע דערגרייכונגען און אויפ-טועך. ער האָט איר אַלעמאָל געדאַרפט אָפּגעבן א נײַעם עקזאַמען.

טראַכטנדיק וועגן דעם, וויאַזוי ער זאָל מאָלן וואַנדען, האָט ער פּלוצעם דערהערט א קינדערשן געפּילדער, א געקלאַנג פונעם שול-גלעקל. א כוואַליע אויפגערודערטע, צעשוי-בערטע קינדער האָט זיך אַרויסגעריסן. די קינדער זײַנען געלאָפן פריילעכע, לאַכנדיקע, טומלדיקע, ווער צו דעם ספּאָרטיוון פּלאַץ, און ווער צו זײַנע געסעלעך. סימאָנען האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ. ער פּלעגט פונקט אזוי לױפן פון דער שול, ווי אָט די פאַרשײַטע יינגעלעך און מיידעלעך...

צווישן דער טומלדיקער כעווראַ האָט סימאָן דערזען וואַנדען אין איר אָרעמען אָנ-טאָן, מיט א שווער קוישל קינדערשע העפטן און אַלבאָמען, און זיך א לאָז געטאָן צו איר. זי האָט אויסגעזען שטאַרק פאַרמאַטערט און איז דער ערשטער רעגע אים ניט דערקענט. דער-נאָך איז זי געבליבן שטיין, ווי געפּלעפּט און קוים אַרויסגעבראַכט:

— מײַן גאָט, סימאָן? פונוואַנען האָסטו זיך גענומען? איך האָב נאַרוואָס א טראַכט געטאָן וועגן דיר...

זי האָט אים האַרציק אַרומגענומען און געדריקט זײַן האַנט.

— אף לאַנג ביסטו צו אונדז געקומען? און עפּשער שוין אף שטענדיק? אָן דיר איז אונדז דאָ שווער...

— איך ווייס, נאָר דערווײַל בין איך געקומען אף א קורצער צײַט. דערנאָך וועלן מיר זען.

סימאָן האָט איבערגענומען בא דער לערערן איר קוישל, די העפטן און קינדערשע אַלבאָמען, פאַרקערעוועט מיט איר אין א זײַטיק געסל, קיינער זאָל זיי ניט שטערן. עס איז געווען אזויפיל וואָס צו ריידן! אזא צײַט זיך ניט געזען!

אזוי, שמועסנדיק און דערמאָנענדיק, זײַנען זיי אַרײַנגעקומען אין שטוב. מע האָט ניט באַוויזן איבערכאַפּן דעם אָטעם, ווי וואַנדע האָט גענומען באַטראַכטן די לײַוונטן, וואָס סי-מאָן האָט איר באַוויזן. זי האָט זיי באַטראַכט לאַנג, אויפמערקזאַם, אָפּגעגאַנגען ווײַטער פון די בילדער און ווידעראַמאָל באַטראַכט, ניט געפינענדיק קיין ווערטער אף אויסדריקן פאַרן גאַסט איר באַגײַסטערונג.

זי האָט ניט דערקענט איר שילער. זי האָט פאַר זיך געזען א גלענצנדן מײַסטער מיט אָן אייגענעם קסאַוו, מיט א נײַעם באַנעמען דאָס אַרומיקע לעבן און פאַרשטאַנען, פאַרוואָס שרײַבט מען וועגן אים אין די בלעטער מיט אזא ליבע.

די מאמע האָט זיך אין דער צײַט געפּאָרעט לעבן אויוון, געשיילט קאַרטאָפליעס, אַרויסקוקנדיק אָפט מאָן, וואָס האָט זיך פאַרהאַלטן אַף דער אַרבעט.

סימאָן האָט נערווירט. די מערהײַט אַרבעטן, וואָס וואַנדע האָט איצט דורכגעקוקט, זײַנען נאָך ניט געווען פאַרענדיקט, און ער האָט מוירע געהאַט פאַר זײַן ערשטער לערערן. נאָר זי האָט אים באַרויקט:

— וואָס זשע, סימאָן, דו ווייסט דען ניט, אַז קיין נאַר טאָר מען קיין האַלבע אַרבעט ניט באַווײַזן? נאָר איך, דאַכט מיר, געהער ניט צו זיי...

פון יענער זײַט טיר האָבן זיך דערהערט גיכע טריט, און זעלדע האָט א ווונק געטאָן:

— דאַכט זיך, דער טאַטע גייט...

סימאָן האָט דערפילט, ווי דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן. די טיר האָט א שטאַרקן סקריפּע געטאָן, און דאָוויד איז מיט זײַן שווערן גאַנג, אונטערהינקענדיק, ווי געווײנלעך, אַריבערגעטראָטן די שוועל און דערזען דעם זון.

— אָ, אָ, אַזאַ גאַסט! און איך האָב געמיינט, אַז דו האָסט אונדז שוין אינגאַנצן פאַרגעסן...

ער האָט אַרומגענומען דעם זון, צוגעדריקט צו זײַן ברוסט, א רעגע אַזוי געשטאַנען און אָפּגעגאַנגען אין א זײַט, קעדיי בעסער אים באַטראַכטן.

יענער איז געשטאַנען א ביסל פאַרלוירן אונטערן טאַטנס דורכדרינגעוודיק-שווערן בליק.

דאָוויד האָט אַראָפּגענומען פון זיך דאָס רעקל, דעם קאַרטוז, נאָר אַלץ ניט אָפּגעפירט דעם בליק פונעם זון.

וואַנדע און זעלדע זײַנען אויך געשטאַנען, ניט אַרויסברענגענדיק קיין וואָרט, געוואוסט, וואָס דאָוויד וועט זאָגן. און ער האָט, ווי אָפּצולאָכעס, גאָרנישט ניט געזאָגט, אָקשאָנעסדיק געשוויגן און אַלץ באַטראַכט דעם באָכער, פאַרהאַלטנדיק לענגער דעם בליק אויף יענעמס איבערגעקרימטע שיך און אַף זײַן אָפּגעבליאַקעוועט רעקל. ענדלעך, שוין צווענדיק זיך צום טיש, האָט ער זיך אָנגערופן:

— נו, מײַן זון, ביסטו שוין געקומען אינגאַנצן אַהיים, צי דו וועסט זיך נאָך אַרומשלעפּן איבער דער וועלט, ווי א ציגײַנער?..

— דערווײַל אַף א פּאָר טעג, טאַטע, דערנאָך וועט מען זען.

— נאָך ניט צײַט זיך נעמען פאַרן סייכל? איך האָב געהערט זאָגן, אַז גרויסע פּראָפּעסאָרן לויבן דיך. איז וואָס זשע, האָבן יענע גרויסע פּראָפּעסאָרן ניט געקאָנט דיר קריגן קיין פּאָר לײַטישע שיך?

סימאָן האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און אָפּגעגאַנגען אין א זײַט. וואַנדע האָט ניט אויסגעהאַלטן:

— ווי שעמט איר זיך ניט אַזוי ריידן? א סאַך מענטשן וואָלטן זיך געוווּנטשן אַזאַ גורל, ווי באַ אײַער זון... אַף זײַן רעקל קוקט איר, אַף די שיך? אָט דאָס, מיינט איר, איז דאָס וויכטיקסטע אין לעבן?

זי איז צוגעגאַנגען צו דער וואַנט, אויסגעקערעוועט מיטן פּאָנעם צו דאָווידן אײן לײַוונט, א צווייטן, א דריטן.

— זעט, סאַראַ ווונדער! און איר קוקט אַף סימאָנס שיך...

— דאָס איז אײַער זאַך, פּאַני וואַנדע... — האָט דאָוויד זיך אָנגערופן און א מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — איך האָב געמיינט, אַז ער וועט עפּעס דערגרייכן, זיך צושלאָגן צו א ברעג, אָנהייבן לעבן, ווי אַנדערע... און איצט וואָס?.. מענטשן וועלן אַף אים א קוק טאָן און זיך גלײַך א צי טאָן צו די בײַטעלעך, קעדיי אים געבן א נעדאָווע... איך פרעג אײַך: שיין אַזוי?

— זייער שיין!.. מיר איז ער געפעלן!.. — האָט זי איבערגעשלאָגן.

— אײַך איז געפעלן, און מיך קאַראַבעט עס. שוין אַזויפיל יאָרן אַוועק, און ער איז געבליבן באַם בײַטשל, ניט קיין אייגן ווינקל, ניט קיין דאַך איבערן קאָפּ, ניט קיין שטיקל מעלאָכע אין די הענט... אַנדערע כעווערע אין זײַנע יאָרן, מיט אַזעלכע פאַרדינסטן פאַר דער רעוואָליוציע, ווייסט איר, ווי זיי לעבן און ווער זיי זײַנען געוואָרן? און ער וואָס?

וואַנדע האָט זיך צערעדט אָן אופגערעגטע:

— זאָגט מיר נאָר, איר האָט געזען אָפט בילד לענינען? וואָס זשע, ער גייט פאַרפּוצט אין א פראַק? נו, און איר האָט געזען אַף די בילדער טימיריאַזעוון, דעם גרויסן געלערנטן?.. יענער גייט שטענדיק אין א פּאָר אַלטע סאַנדאַלן, אין א צעריסענעם רעקל...

וועט איר וועגן אים עפּשער אויך זאָגן, אַז ער איז אומגליקלעך? איר האָט אַזאַ טאַלאַנט-פולן זון! גרויסן דאַרפט איר זיך מיט אים!

— יאָ, אַוואַדע גרויס איך זיך מיט אים. נאָר פאַרוואָס פאַרגלײַכט איר אים מיט אַזעלכע גערינים...

— איך פאַרגלײַך מיט קיינעם ניט, איך האָב בכלל ניט ליב קיין פאַרגלײַכן! איך האָב אײַך בלויז געוואָלט ווײַזן אַ בײַשפּיל... מענטשן, וואָס שטרעבן צו עפּעס גרויס׳, גיבן זיך ביזן סאָף אָפּ זייער אידיי, זייער טרוים, זייער זאַך, זייער טראַכטן וויי׳קער פון אַלץ וועגן זיך... איר האָט, מעגלעך, געהערט די געשיכטע פונעם גאָניאַלן געלערנטן, וועלכער האָט אָפּן זאַמד אָנגעצייכנט זײַן גרויסע דערפינדונג. ער איז געווען אַזוי פאַרטאָן אין זײַן געמעל, אַז ווען די פײַנט האָבן זיך אַרײַנגעריסן אַף זייערע פערד אין דער מעדינע, דערזען דעם אַלטן עפּעס צייכענען אָפּן זאַמד, פאַרהויבן איבער אים זייערע שווערדן, האָט ער בלויז אויסגעשריגן:

— פּאָרזיכטיק! טשעפּעט ניט מײַנע געמעלן...

— איך בין אַ פּראָסטער מענטש, פאַני וואַנדע, און פאַרשטיי ניט אין אײַערע איניאַנים. איך זאָג אײַך נאָכאַמאָל: מײַן סימאָן וואָלט שוין לאַנג געדאַרפט שטיין לעבן מיר אין צעך און אַרבעטן, ניט טראַכטן פון קיין נאַרישקײַטן.

סימאָן און וואַנדע האָבן אונטערגעשמייכלט, זעלדע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, גערופן צום טיש עסן.

דאָס פערטע קאַפּיטל

ביז שפּעט אין האַרבסט האָט סימאָן אַרומגעוואַנדערט איבער די אַרומיקע שטעטלעך. פון מאָל צו מאָל איז ער פאַרפאָרן אַהיים מיט אַ פּאָר נײַע בילדער. זיי איז שוין ניט געווען ווו צו שטעלן.

פון מאָסקווע איז פּלוצעם אָנגעקומען אַן אומרויִקע ידיעה: דער פּראָפעסאָר פּאָקראָווסקי איז קראַנק געוואָרן. סימאָן האָט זיך אָנגעהויבן קלײַבן אין וועג אַרײַן.

אין איינעם פון די סאָף-האַרבסטיקע פאַרנאַכטן, ווען סימאָן איז צוגעפאָרן צו זײַן לערערס הויז, האָט ער געטראָפן בײַ דער טיר צוויי קאַרעטעס פון דער „גיכער הילף". מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם איז ער אַרופגעלאָפן אָפן דריטן שטאָק. עטלעכע דאָקטוירים האָבן געהאָוועט אַרום דעם פּראָפעסאָר, באַמיִענדיק זיך אים אָפּראַטעווען.

סימאָן איז געבליבן שטיין בײַ דער שוועל, געוואַרט, עפּשער וועלן די דאָקטוירים עפּעס הייסן טאָן. ער וואָלט איצט אין עק וועלט געלאָפן, אַבי מיט וואָס-ניט-איז העלפן זײַן לערער. ער דאַרף אים איצט אַזויפיל דערציילן! ווען ער קאָן אים מיט עפּעס-וואָס באַהילפיק זײַן!

סימאָן האָט מיט שרעק געקוקט אַף דעם אַלטיטשקן מיט דעם גרײַז-גראָוון קאָפּ, מיטן קורצן בערדל, מיטן פאַרגעלט, אָפּגעצערט פּאָנעם, וועלכער איז געלעגן און שווער געאָטעמט. ער האָט געקוקט אַף די פאַרדײַגעטע דאָקטוירים און מעדיצין-שוועסטער, וועלכע זײַנען געשטאַנען און געזעסן לעבן דעם שווערן כוילע.

די דאָקטוירים האָבן זיך שטילערהייט געשושקעט. מע האָט געדאַרפט אײַנריידן דעם פּראָפעסאָר, אַז ער מוז פאָרן מיט זיי אין... שפּיטאָל. דאָרטן וועט אים זײַן פיל בעסער. יענער האָט דערפון ניט געוואָלט הערן.

אין אַ פערטל שאָ אַרום, ווען דער כוילע האָט זיך דערפילט עטוואָס בעסער, האָט ער זיך אַרומגעקוקט און, דערזען סימאָנען, אופגעלעבט געוואָרן, די אויגן האָבן זיך צעשײַנט פון גליק און ער האָט מיט זײַן אָפּגעשוואַכטער שטים אַרויסגעבראַכט:

— דו, סימאָן? גוט, וואָס דו ביסט געקומען... און איך האָב שוין געמיינט, אַז מיר וועלן זיך מיט דיר ניט זען...

איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט דער פּראָפעסאָר זיך אָנגערופן צו די מעדיקער:

— איך האָב געוווּסט, אַז סימאָן וועט קומען... איצט דאַרף איך שוין קיינעם ניט...

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו די דאָקטוירים, אַז זיי מעגן שוין גיין. אים איז גרינגער...

סימאָן איז אַף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צום פּראָפעסאָרס בעט, זיך צוגעזעצט בײַ דער זײַט, אַף אַ בענקל, און די דאָקטוירים, באַמערקט ווי דער כוילע האָט זיך מיטאַמאָל געענדערט, ווי דאָס לעבן האָט זיך צו אים אומגעקערט, האָבן פּאָרזיכטיק אַ פרעג געטאָן:

— ווער איז דאָס, פּראָפעסאָר, אײַער זון?

— ער איז מיר מער ווי א זון... — האָט יענער געענטפערט.

די דאָקטוירים האָבן פּילדײַטיק זיך איבערגעקוקט, נאָך א ביסל געזעסן איבערן כוילע און איינער א דיקלעכער דאָקטער האָט געזאָגט:

— מיר דאכט זיך, אז מיט זײַן קומען האָט דער יונגערמאן געהאָלפן אונדזער פּאַציִענט מער, ווי אַלע אונדזערע רעפּועס...

אין א האלבער שאָ ארום זײַנען זיי געבליבן זאלבעצווייט — דער פּראָפעסאָר און זײַן שילער. סימאָן האָט געעפנט א ביסל דאָס פענצטער, שנעל געבראכט אין אָרדענונג דעם גערוימען צימער און זיך ווידער צוגעזעצט לעבן קראנקן. יענער האָט געקוקט אױף אים מיט דאנקבארע אויגן, באטראכט, גלײַך ער האָט אים ניט געזען ווער ווייסט וויפל יאָרן, און שטילערהייט געפרעגט:

— נו, גאָלובטשיק, דערציילַ, ביסט צופרידן מיט דער רײַזע? און איך האָב זיך שוין פארבענקט נאָך דיר...

א פריילעך שמייכעלע האָט באשײַנט דעם פּראָפעסאָרס בלאס, געלבלעך, פארוואקסן פּאָנעם. ער האָט אוועקגעלייגט זײַן טרוקענע אָנמעכטיקע האנט אױף יענעמס קני און צוגעגעבן:

— נו, דערצייל, ווו ביסטו געווען אזא צײַט און וואָס האָסטו דאָרטן געזען?

— עפשער א צווייט מאָל, ווען אײַך וועט ווערן גרינגער?..

— מיר איז שוין גרינגער... דערצייל... אַלץ דערצייל פון סאמע אָנהייב... און... וואָס האָסטו געבראכט פון וועג?

סימאָן האָט זיך געפילט ניט באקוועם. ווי האָט ער איצט געקאָנט דערציילן וועגן זײַן אומפארגעסלעכער רײַזע, וועגן אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, שפּאנענדיק איבער דער ערד, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, ווו ער האָט געשטעלט די ערשטע טריט, ווו עס איז דורך א גרויסער טייל פון זײַן לעבן? און ווי באווײַזן אים זײַנע ארבעטן, ווען ער געפינט זיך איצט אין אזא צושטאנד?

סימאָנען האָט זיך טאקע אײַנגעגעבן דאָס אָפּלייגן אױף אן אנדער טאָג, ווען פּאָקראָווסקי וועט זיך פילן בעסער און עס וועט זײַן א גוטע שײַן.

דאָך איז סימאָנען אויסגעקומען זיצן נעבן דעם קראנקן לערער ביז שפּעט אין דער נאכט און דערציילן וועגן דער רײַזע, וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אין יענע מעקוימעס, ווו דער פּראָפעסאָר פּאָקראָווסקי איז געווען מיט פיל יאָרן צוריק און וווּהין ער האָט געטרוימט נאָכאמאָל קומען.

(פאָרזעצונג קומט)

פונעם אווטאָר:

עס טרעפט, אַז אַן עמעסע לעבנס־געשיכטע הערט מען זייער גוט אויס, און אַליין טראַכט מען זיך: „יאָ, ס'איז שיין פאַר אַ מײַסע!“.

און ניסים וועניפלאָעס, ניט גע־שטויגן, ניט געפלויגן, אַ מײַסע פון אַ געקוילעטער פליג נעמט מען אויף מיט אַן אָפענעם מויל, מיט צעעפנ־טע אויערן, מ'האָט אַפילע מוירע אַ פּיפּס טאָן, און דערצו נאָך, צום סאָף, ברענגט מען מיט אַ זיפץ אַרויס: „האַ! וואָס דאָס לעבן באַווײַזט!...“

באָריס סאַנדלער

צווועלף כאַדאָשים פון אַ גאַנץ יאָר

יעכיעל שרײַבמאַנען

1

מאַרט. קאַרנאַוואַל

פאַרשיידנפאַרביק און פּרעכטיק, מיט וויל־דע טענץ און ניגונים, מיט רויש און ראַש האָט זיך געשלענגלט איבער די גאַסן דער קאַרנאַוואַל...

די טאַצן האָבן געדזשימדזשעט, די פּויקן — געדונערט און די טרומייטן האָבן פון זיך אַרויסגעבלאָזן צעשמעלצטן קופּער. אַלץ אַרום איז געווען פאַרטויבט פון קלאַנגען און פאַרבלענדט פון איליומינאַציע.

אויף אַ הויך אָרט, אינמיטן שטאָט, איז אויף אַ בוטאַפּאָרישן טראָן געזעסן, פול מיט שטאָלץ און מיט מאַכט, פאַרשטעלט ווי אַכאַשווייראָש, דער קיניג פונעם קאַרנאַוואַל און האָט מיט אים געפּראַוועט.

די וואָכעדיקע זאָרגן און לײַדן האָבן איצט געברענט אין דעם יאָמטעוודיקן שײַטער, וועל־כער איז געווען אַזוי גרויס און אַזוי הויך, אַז

מ׳האָט געקאָנט אים זען פון אַלע ווינקעלעך פון דער נאַכט.

און ארום אָט דעם שײַטער, באהאַלטנדיק די פּנעמער אונטער די „מיט אַלעמען צופרידן"-מאַסקעס און די גופים אונטער די רײַכע מאַלבושים, האָבן די אײַנוווינער פון דער שטאָט געהוליעט, עלעהיי פּוסטעפּאַסניקעס...

און ווען צווישן די פאַרשטעלטע האָט זיך מיט אַן אָפן פּאָנעם און מיט אַ טאַרבעלע איבערן אַקסל באַוויזן דער אומבאַקאַנטער וואַנדרער, האָבן זיי אַף אים אָנגעהויבן ווארפן מאָדנע בליקן, זיך איבערשושקען און סאַפּקאַלסאַף אויסגעזעצט מיט אַ געלעכטער.

דער ריזיקער, צעבלאָזענער בויך פון דעם האַמוין האָט זיך געטרייסלט, זיך געוואָרפן אַפּ-און-אוף, און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אָט-אָט וועט ער צעזעצט ווערן. טויזנטער הענט זײַנען זיך מיטאַמאָל צונויפגעוואַקסן אין איין לאַנג-גראָבן פינגער, וועלכער האָט געטײַט אין דעם וואַנדרערס זײַט:

— ווער איז ער?..

— פאַרוואָס אָן אַ מאַסקע?..

— צום קיניג אים פּ׳רן!..

— מישפּטן!..

ווי אַ ווילדע כוואַליע האָט דער האַמוין דעם געפּלעפטן וואַנדרער אונטערגעכאַפּט און צוגעוואָרפן אים צום הילצערנעם טראָן.

— נו, זאָג מיר, — האָט שטרענג אַ פרעג געטאָן דער קיניג, — זאָג דעם עמעס: מיט וואָס ביסטו צו אונדז געקומען?

דער וואַנדרער איז געשטאַנען אַ צעמישטער און מיט טמימעסדיקע אויגן פון אַ קינד געקוקט דעם קיניג גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן.

— מיט וואָס? מיט שאָלעם...

דער פאַרשטעלטער אַף אַ צײַט האַמוין האָט ווידעראַמאָל אויסגעשאָסן אַ געלעכטער. דער, וואָס איז געזעסן אַפן טראָן, האָט אופגעהויבן די האַנט (ס׳האָט געדאַרפט הייסן: שאַט!) און געשטעלט זײַן צווייטע פראַגע:

— ווער ביסטו?

דער וואַנדרער האָט דורכגעפירט איבער די פאַרשטעלטע, וועלכע האָבן אים אַרומגערינגלט, אַן אומעטיקן בליק און, אָנשטויסנדיק זיך בלויז אין די צעפאַרבטע, גלײַכגילטיקע מאַסקעס, שטיל געזאָגט:

— יעדער מענטש האָט אַפן הימל זײַן שטערנדל, און ווען דאָס שטערנדל פאַלט פּונעם הימל אַראָפּ, פאַרלעשט זיך דעם מענטשנס לעבן...

— גענוג אַלטע מײַסעס!

— מע פרעגט בא אים קוידי, זאָגט ער — מוידי!

— ווער ביסטו!

— איך? — האָט דער וואַנדרער צוגעלייגט זײַן האַנט צום האַרצן. — איך בין דער פאַסטעך פון אָט די געפאַלענע שטערנדלעך...

אַ ווײַלע איז געשטאַנען אַ פאַרציטערטע שטילקייט, און פלוצעם האָט דער שטאַלצער מאַכטהאָבערישער „אַכאַשווייראָש" הילכיק אַ ניס געטאָן. אויסשנײַצנדיק די נאָז, האָט ער אַרויסגעבראַכט זײַן אורטייל:

— ער איז אַ לעץ!

און דער האַמוין האָט טייקעף אונטערגעכאַפּט זײַנע ווערטער:

— טאַקע יאָ אַ לעץ!

— אַ פריטשמעליעטער!

— אַ צעדולטער!

נאָך העכער, איידער פריִער, האָבן געדזשימדזשעט די טאַצן, געדונערט די פּויקן, זיך צעשפּילט די טרומייטן, און נאָך ווילדער זײַנען געוואָרן די טענץ און ניגונים — די אַרגיִע האָט זיך אוועקגעטראָגן ווײַטער...

אויס קאַרנאַוואַל.

פון מיזרעך, ווי אַ דינער, גאָלדענער פּאַדעם, ציט זיך איבער די פּוסטע, מידע גאַסן דער שטילער, נײַגעבוירענער קאַיאָר.

ס׳איז געקומען די צײַט צונויפצונעמען די צעוואָרפענע שטיינער.

...שורך... שורך... שורך... קערט מיט אַ בעזעם דער וואַנדרער... שורך... שורך... שורך... שאַרט ער צונויף אין אַ גרויסער קופּע די צעקנייטשטע „מיט אַלעמען צופרידן"-מאַסקעס, די צעפליקטע בערד און פּאַריקן, די אָפּגעריסענע פון די רײַכע מאַלבושים קנעפּ. ער צענעמט אַף שטיקלעך דעם הילצערנעם, בוטאַפאַרישן טראָן, און צינדט די גאַנצע קופּע אונטער.

2

אַפּרעל. פּיאַלקעס

דעם טאָג האָט מען אויסגעשוואָענקט אין פרילינג-זאַפּטן און אים אופגעהאַנגען זיך טריקענען איבער דער שטאָט. אין אַזאַ טאָג דאַרף אומבאַדינגט פּאַרקומען אַ נעס. אין די ניסים איז מאָדנע דאָס, וואָס זיי קומען פאָר.

אַפן ראָג פון גאָרקי-גאַס און טווערסקאָי בולוואַר שטייט אַ מענטש מיט אַ רויטער בולבעוואַטער נאָז און האַנדלט מיט קווייטן.

— קויפט לעבעדיקע פּיאַלקעס! — שרײַט ער אויס. — פופצן קאָפּעקעס אַ גאַנץ בינטל... קימאַט אומזיסט!

אָבער די דורכגייער לויפן זייער וועג, אײַלן זיך.

— ...קויפט פּיאַלקעס... פּופּציק קאָפּעקעס... קימאַט אומזיסט...

די קוויטן שטופּן אַרויס פונעם געפלאָכטענעם קויש זייערע פּיאָלעטעווע, מילדע פּענעמלעך, און מיט די געלע, כיינעוודיקע אייגעלעך באַקוקן זיי די גרויסע, נײַע וועלט, הערן זיך צו צו די אומבאַקאַנטע, רוישיקע שטאָט-קלאַנגען.

— ... קויפט... קויפט...

און פּלוצעם, ווי פון אונטער דער ערד, וואַקסט אויס לעבן דעם מענטשן אַ יונג און ווענדט זיך צו אים:

— וואָס טוסטו, מענטש? קוויטן מעג מען דען פאַרקויפן?

אַ פּאָר איבערגעשראָקענע, קײַלעכדיקע אייגעלעך שרויפן זיך אײַן אין דעם יונג מיט אַ פראַגע:

— און די ביסט ווער, אַ דרוזשיניק?

— ניין, מענטש, דו האָסט מיך ניט פאַרשטאַנען. איך פרעג בא דיר, צי ס'איז שוין פאַרקויפן דאָס, וואָס געהערט ניט דיר?

דער הענדלער פון קוויטן שטייט אַ רעגע פאַרלוירן.

— איך פאַרשטיי דיך טאַקע ניט, — קומט ער פּאַמעלעך צו-זיך, — וואָס זשע ווילסטו, איך זאָל די פּיאַלקעס צעטיילן אומזיסט?

— נו יאָ, און ניט פּאָשעט צעטיילן, נאָר שענקען זיי פונעם גאַנצן האַרצן.

די נאָז בא דעם מענטשן ווערט מיטאַמאָל פון רויט — בלוי.

— הער מיך אויס, ברודערל, — האַלט ער זיך קוים אײַן, — אַזעלכע כאַכאָמים, ווי דו, גייען אַרום דאָ אַ סאַך, — און ער גיט אַ וווּנק אין אַ זײַט: אויף די דורכגייער, אויף די גאַסן, אויף דער גאַנצער שטאָט. — און אויב דו ביסט שוין יאָ אַזאַ גוטער, טאָ גיי אין וואַלד, קלײַב דאָרטן אַליין צונויף די קווײַטן און צעשענק זיי געזונטערהייט!

— ע, מענטש, און וואָס זשע וועט זײַן מיט אָט די-אָ פּיאַלקעס? — און דער יונג הייבט אויף פונעם אַספאַלט דעם געפלאָכטענעם קויש. — הער זיך צו, הערסט? זיי בעטן זיך אַליין, מע זאָל זיי שענקען...

דער יונג גראַבט זיך מיטן פּאָנעם אײַן אין די קוויטן.

— דו גיב נאָר אַ שמעק, מענטש! — זעצט ער פאָר שוין מיט די פאַרמאַכטע פון האַנאָע אויגן. — זיי האָבן אײַנגעזויגן אַלע זאַפטן פון דער ערד, עס האָבן זיי די ערשטע וואַרעמע זון-שטראַלן געצערטלט, די שטערן האָבן זיי פאַרטרויט זייערע סודעס... און בא דיר האָט דאָס אַלץ אַ פעסטע פרײַז! ווי קאָן מען דען אַזעלכע אוצרעס אָפּשאַצן מיט געלט?!

דער הענדלער שטייט, ווי אַ פּריטשמעליעטער, און דאָס אויסגעצויגענע פּאָנעם זײַנס פאַרקנעטש זיך אין אַ כידעש. אויף אַ רעגע ווײַזט זיך אים אפילע אויס, אַז אָט דעם יונג קען ער שוין פונלאַנג, עפּשער נאָך פון זײַן אייגענער יוגנט. און אויפן האַרצן ווערט אים ליכטיקער און פרײלעכער. ער פאַרוואַרפט דעם קאָפּ אַרויף צום דורכזיכטיקן, קלאָרן הימל און זאָגט אַהינצו, גלײַך ווי עמעצער שטייט דאָרטן, העט-אויבן, און הערט זיך צו צו אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אויף דער וועלט:

— איאָ, טאַקע אַ שיינער פרילינג-טאָג איז הײַנט? — ער גיט אַ קראַץ דעם האַלדז-און-נאַקן און זעצט פאָר שוין מיט אַ שמייכעלע: — און פונדעסטוועגן, ווער ביסטו?

אָבער אויף דעם אָרט, וווּ ס'איז ערשט-אָ געשטאַנען דער מאָדנער יונג, איז שוין קיינער ניטאָ, בלויז אַ וואַרעם ווינטל האָט דעם הענדלער איבער זײַן צעקנייטשטן פּאָנעם אַ גלעט געטאָן...

— ער איז דאָך פאָרט געשטאַנען, — קוקט זיך אַרום דער מענטש, — גערעדט... און עפּשער האָב איך געכאַפּט אַ דרעמל און געזען אַ כאָלעם? ווי ס'זאָל ניט זײַן, איז דאָס לעצטע גלעזל פאָרטווײַן געווען איבעריק...

זײַן בליק שטויסט זיך אָן אין דעם קויש מיט קוויטן.

— ע-ע-עך! — רײַסט זיך בא אים אַרויס פון דער ברוסט אַ העפקער-געשריי, גלײַך ווי ער זאָל זיך באַלד לאָזן טאַנצן „קאַמאַרינסקי". — פּיאַלקעס! לעבעדיקע! פּיאַלקעס! נעמט, מענטשן, נעמט, איך שענק זיי אײַך... שענק געזונטערהייט!

3

מײַ. דערקענטעניש

באַנאַכט האָט די צײַט פאַרלאָרן איר געווײנלעכן באַטײַט: מיט די באָרוועסע פיס אַרומגעבלאָנדזשעט איבער דער שלעפעריקער וועלט און געוועקט די פאַרליבטע נעשאָמעס.

ער האָט דערפילט די היץ פון איר צוריר, דעם עפּל-רייעך פון אירע האָר און ס'האָט אים פּלוצעם ווי פאַרשלעפּט און פאַרדרייט אין אַ וואַסער-ווירבל...

ער האָט געפּרוּווט אויפמאַכן די אויגן, אָבער די לעפּלעך זײַנען געווען, ווי מיט בלײַ אָנגעגאָסן. אין די אויערן האָט געקלונגען. די ביינער זײַנען געוואָרן ווייך. און דאָס לײַב האָט זיך אָנגעהויבן גיך צונויפדריקן, צונויפּפּרעסן, ביז וואַנען ער איז אינגאַנצן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קליין נעפּעשל...

ער האָט זיך דערזען אַזעלכן, ווי ער איז געווען אין די ערשטע שאָען פונעם לעבן: אָט האַלט אים די מוטער זײַנע, אַן אומבאַהאָלפע-נעם, אויף די הענט, און מיט דער האַנט שטופּט זי אונטער איר ברוסט צו זײַן מײַלעכל... ער פילט שוין, ווי אַ רײַפע פּירע קײַקלט זיך אַרום זײַן צינגל, און אַ וואַרעמע זיסקײַט נעמט זיך צעגיסן איבערן לײַב. דער מוטערס גרינ-גער אָטעם גלעט צערטלעך זײַן פּאָנעם, וויגט דעם פּוך אויפן קאָפּ... ס'הערט זיך אַפילע, ווי אָפּט עס קלאַפּט דער מאַמעס האַרץ.

זי איז געזעסן לעבן אים און בײַ זיך אָפּ-שטערן געפילט זײַן הייסע, וויכע דלאָניע. מיטן דין-לאַנגן פינגער האָט זי גרינג דורכ-געפירט איבער זײַנע זינדיקע ליפּן, אָפּווישנדיק פון זיי די לעצטע טראָפּנס פון זאַפט — אַלץ, וואָס ס'איז פאַרבליבן פונעם גאַניידן-עפּל...

...און די צײַט האָט געבלאָנדזשעט ווײַ-טער און צעוואָרפן איבער דער גליקלעכער וועלט די אייביקע פּירעס פון ליבע.

4

יון. אייביקײַט

א שמאָל, שלענגלדיק סטעזשקעלע שפּרייט זיך אונטער דעם וואַנדערערס פיס. די פרי-מאָרגנדיקע שטילקײַט קוקט אַרויס פון הינ-טער יעדן בוים, בלויז ווען-ניט-ווען גיט עפּעס אין די צעשיבערטע קרוינען אַ שאָרך, גלײַך ווי די לעצטע כאַלימעס וואָלטן זיך אומגע-קערט צו זייערע נעסטן...

— קוקאַווקע, קוקאַווקע, וויפל יאָר איז מיר נאָך געבליבן צו לעבן?

און די אופגעוועקטע קוקאַווקע הייבט אָן ציילן:

— קו-קו, קו-קו...

די סטעזשקע צעוויקלט זיך, ווי אַ קנײַ-לעכל, פאַרנאַרט אין וואַלד אַרײַן.

— ...דרײַ... פינף... זיבן... — ציילט דער וואַנדערער זײַנע נאָך ניט אויסגעלעבטע יאָרן. די לאַנגע שטראַלן פון דער זון זעען אויס ווי דינע נאָדלען, אין וועלכע ס'איז דורכגעסי-ליעט דער דורכזיכטיקער פאָדעם פונעם קאַ-יאָר.

— ...קו-קו, קו-קו... זעצט פאָר די קוקאַוו-קע.

און מיט איר יעדן אויסגעשריי ווערן בײַ דעם וואַנדערער ברייטער די שוואַרצאַפּלען, און שוין דאָס האַרץ אַליין ציילט אָפּ ווײַטער:

— אכט... צען... צוועלף...

די שאָטנס זײַנען אַראָפּ פון די ביימער און האָבן זיך צעלייגט אויפן טויִיקן גראָז. קאַ-לערלײַ קלאַנגען און פויגלשע קוילעס טראָגן זיך אין דער לופט, גיסן זיך צונויף אין אַ פײַערלעך געזאַנג.

— ...קו-קו, קו...

דער קוקאַוועקעס קאָל רײַסט זיך פּלוצעם איבער, און דער וואַנדערער בלײַבט שטיין מיט דער ניט אַרויסגעזאָגטער צאָל אויף דער צונג...

א פאַרלאָזטע, פון אַלע זײַטן פאַרוואַקסענע מיט ווילדגראָז, אײַנגעפאַלענע מאַצייווע איז ווי אויסגעוואַקסן אויף זײַן וועג. דער וואַנדע-רער האָט זיך אַרומגעקוקט און אויף אַ רגע האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַמאָל איז ער שוין אין אָט די ערטער געווען: געאָטעמט מיט אָט דער לופט, צוגעהערט זיך צו אָט דער שטילקײַט, געציילט די נאָך ניט אויסגעלעבטע יאָרן, וועלכע ס'האָט אים אָנגעקוקאַוועט אַ קוקאַוועקע.

און דערנעענטערנדיק זיך צו דער פאַרגע-סענער מאַצייווע, האָט ער אויף איר פאַנאַנדער-געקליבן זײַן אייגענעם נאָמען.

5

יול. אַנטדעקונג

דער אַלטער פּראָפעסאָר איז געשטאַנען באַם צעפּראַלטן פענצטער.

די פרייד פון דער אַנטדעקונג, וואָס ער האָט איצט געמאַכט, האָט איבערגעפּולט זײַן האַרץ: ס'האָט זיך געוואָלט שפּרינגען און שרײַען — אַזוי שרײַען, ווי אַמאָל האָט גע-שריִען זײַן קאָלעגע אַרכימעד: „עווריקאַ-אַ-אַ-אַ!"

די וועלט האָט זיך פאַר אים געעפנט אָפּס-נײַ. זי האָט אויסגעזען ניט אַזוי אומבאַגרײַפּ-לעך, ווי מיט אַ רגע צוריק.

— מײַן אַנטדעקונג, — האָט זיך אים איצט געטראַכט, — וועט העלפן דעם מענטשן זיך פילן פעסטער אויף דער ערד...

און אין דרויסן האָט דער פאַרנאַכט מיט אַ ברייטער דלאָניע אַראָפּגעדריקט צום האָריזאָנט די זון, וועלכע האָט זיך צעגאָסן מיט ריינעם צעשמעלצטן גינגאָלד. און די פעכקע וואָלקנס האָבן אויף ביידע באַקן דעם געשמעלץ געגאַשט און געקוויקט זיך. די לופט איז געוואָרן פרי-שער, און האָט שוין געאָטעמט מיט שקיע.

— אַ מין אומבאַגרײַפלעכע שיינקײַט, — האָט אַ שעפּטשע געטאָן דער פּראָפעסאָר.

און אין דער זעלבער צייַט איז געקומען
אפן זינען אן אנדער געדאנק:
אויב מייַן אנטדעקונג וועט דערקלערן דעם מענטשן נייַע דערשייַנונגען, וועלן זיי פאר אים פארלירן זייער פריערדיקן כיין... זיי וועלן ווערן געוויינלעך און וואכעדיק...

די פרייד איז ביסלעכווייַז אויסגעלאָשן געוואָרן, אזוי ווי דער פארגאנגענער טאָג.

— יאָ, דער מענטש וועט זיך טאקע פילן פעסטער אף דער ערד, אָבער פונדעסטוועגן, וועט ער שוין ווינציקער זייַן באגייַסטערט... און ווער ווייסט, וואָס עס איז פארן מענטשן וויכטיקער...

דער אלטער פראָפעסאָר איז געזעסן באם שרייַבטיש און גלייַכגילטיק געבלעטערט די זייַטלעך פון זייַן קסאוויאד. ער איז געוועזן ענלעך אף א קינד, בא וועלכן ס'האָט זיך מיט א ווייַלע צוריק צעבראָכן דאָס באליבטע שפּילעכל.

6
אווגוסט. ווען דער טאטע וואָלט האָבן הערנער

ער, זי און זייער פיריאָריקער זון גייען פונעם זאָאָפּארק.

אין די קינדערשע אויגן זעט איצט אַלץ אויס אנדערש: לעמאָשל, די זון איז געוואָרן ענלעך אף א גרויסער טשערעפּאכע, וועלכע פויזעט קוים איבערן הימל, די בוי-קראנען — אף שטאָלצע, מיט אויסגעצויגענע העלדזער זשיראַפעס, און די גרינע וואגאָנען פון דער מעטרא, וואָס האָבן זיך באוויזן אפן האָריזאָנט, ווי א קעמל, בריק, זעען אויס פונקט ווי א יאשטשערקע, וועלכע איז ערשט ארויס פון דער נאָרע...

אָבער אינגיכן ווערט דאָס ייִנגעלע מיד, און מיט א ראכמאָנעסדיק קעלעכל גיט עס א זאָג:

— דעם קינד פון דער קענגורו איז גוט: דעם גאנצן טאָג זיצט עס בא זייַן מאמען אין דער פעל, ווי אין א קעשענע, און אינייעם מיט איר שפרינגט עס ארום...

— יאָ, — רופט זיך אָן די מאמע, — אָבער איך האָב דאָך ניט אזא מין קעשענע.

— דערפאר האָט דער טאטע שטארקע הענט!

— אוי, ביסטו בא מיר א כיטרע, — צעלאכט זיך דער טאטע.

ער כאפּט אונטער דעם זון און זעצט אים אנידער צו זיך אף די אקסלען.

— האַלט זיך גוט!

דאָ מיט די פינגערלעך גראַבט זיך דאָס יאַטל אייַן אין דעם טאטנס האָר אפן קאָפּ.

— ס'טוט וויי!

כאפּט ער זיך אָן פאר דער נאָז.

— איצט, — פּאָנפעט דער טאטע, — קאָן איך ניט אָטעמען...

די הענטעלעך גליטשן זיך איבערן פּאָנעם אראָפּ און ארויף, און ווו זיי זאָלן זיך ניט אָפּשטעלן, שטערן זיי דעם טאטן.

— כ'זע גאָרניט!.. כ'הער גאָרניט!.. כ'קאָן קייַן וואָרט ניט ארויסזאָגן!...

— אָך, — גיט שווער א זיפץ דאָס ייִנגעלע, — ווען דו, טאטע, האָסט אפן קאָפּ אזוינע הערנער, ווי בא א הירש, וואָלט איך זיך פאר זיי געהאַלטן, און דיר וואָלט ניט וויי געטאָן...

7
סאָף סענטיאבער. נאָך האלב־טאָג

דער וואנדערער איז א באצויבערטער געשטאנען אף א הויכן בארג און מיט פייַכטלעך־היספּייַלעסדיקע אויגן געקוקט אף דער וועלט:

די זאטע ערד האָט זיך פאר אים צעלייגט, ווי א בריִע נאָך א רייַכן מיטיק, און א צופרידענע געקוקט ארויף, אף דער זון, וואָס האָט זיך געבאקן אין הייסן רוים, עלעהיי א שאבעסדיקער קוגל אין אויוון. און די געקרייַזלטע שטראַלן האָבן זיך געבאָדן אין די סאזשלקעס, ווי א פיש-ווייך.

מיט אומגעדולד האָבן געוואַרט די מעובערעסע גערטנער אף דער געבענטשטער שאָ, ווען די מענטשן וועלן זיי באפרייַען פון די אויבסטן.

די דרעמלענדיקע ווייַנטרויבן האָבן געזעצן אין כאַלעם קילע קעלערן מיט גרויסע קיילעס, אין וועלכע ס'וועט אינגיכן שפּילן זייער יונג בלוט. און בלויז פון אָט די כאלומעס האָט שוין אין דער לופט געשוועבט א בעגילופנדיק רויכל.

פונעם האָריזאָנט זייַנען אָנגעשוומען אייַנציקע וואָלקנס, ענלעכע אף פול-אָנגעשטאָפּטע מיט ווייַן זעקלעך.

און איבער דער שלעפעריקער צעמאַרעטער ערד, אופרעגנדיק צייַטנווייַז די שטילקייַט, טראָגן זיך די ערשטע ליבע-ניגונים פון הירשן, ווי אן אייביקער רוף צום לעבן...

— וועלט מייַנע, וועלט מייַנע! — האָט זיך דערהערט דעם וואנדערערס קאָל. — האַלוויי זאָלסטו טאָמיד, אין אלע צייַטן, האָבן אין מייַנע אויגן דעם איצטיקן אויסזען!

8

אָקטיאָבער. די פאַרב פונעם פאַרגאַנגענעם זומער

אין פּאַרק, דאָ און דאָרט, טליִען אָנגעצונדענע קופּעס בלעטער.

די בלויע רויכלעך ציִען זיך אַרויף, צעמישן זיך מיט דער לופט, און צעטראָגן איבער דער שטאָט אַ זיס-טרויעריקע בסורע: „דער זומער ווערט פאַרברענט!..״

ניַי-אַראָפּגעפאַלענע בלעטער וואַלגערן זיך אויף די אַספאַלט-סטעזשקעלעך, און אַ מיידעלע פון אַ יאָר פינף קלײַבט זיי צונויף.

ניט ווײַט פון דעם מיידעלע, אויף אַ לאַנגער באַנק, זיצט איר זיידע. די אויגן האַלט ער פאַרמאַכט, און עס דוכט זיך, אַז ער דרעמלט.

— דו האָסט ליב געהאַט אָט די צײַט פונעם יאָר, — טראַכט ער, — דו געדענקסט? טאַקע אין אַזאַ האַרבסטיקן טאָג האָבן מיר זיך מיט דיר באַגעגנט...

די פולע מיט צאַר ביימער שטייען אַרום די קופּעס, ווי קרויווים אַרום אַ גויסעס.

— ווען-ניט-ווען ווײַזט זיך מיר אויס, אַז דו ביסט פּאַשעט אַוועקגעגאַנגען פון מיר, אַוועקגעפאָרן פון דער היים... אַ נאַרישקייַט. יאָ? פאַר פינף און צוואַנציק יאָר, וואָס מיר האָבן אינײנעם געלעבט, פלעגט בײַ מיר אַפילע קיין געדאַנקעלע אַזעלכס ניט דורכבליצן, אָבער איצט... איצט דערלויב מיר אויף דיר אויסטראַכטן אַזאַ קלייניקייַט...

די שטילקייַט האָט אַראָפּגעוואָרפן אויפן פּאַרק אַ גרויע, געדיכט-געפלאָכטענע נעץ, און בלויז די קראָען מיט זייער קאַר-ר-ר צערײַסן זי אין אייניקע ערטער.

— ..אין די שלאָפלאָזע נעכט בין איך אַ גליקלעכער מענטש. מיט אַלע מײַנע כּוחים פיל איך די פאַרבינדונג צווישן דיר און מיר, כ׳פיל אַפילע דײַן וואַרעמען קוש אויף מײַן פּאָנעם...

דאָס מיידעלע דריקט שוין צו זיך צו אַ גרויסן בוקעט געלע בלעטער. זייער פאַרב שפּיגלט זיך אָפּ אין אירע שטראַלנדיקע אייגעלעך.

— ...און אַ קלאָרער געדאַנק באַהערשט מיך: ווי שטאַרק איז דער קנופּ, וואָס פאַרבינדט דעם מענטשן מיט דער וועלט, אַז אַפילע דער טויט קאָן אים ניט צעבינדן...

— זיידע! זיידע! — צערײַסט אויף שטיקלעך די גרויע נעץ פון שטילקייַט אַ קלינגעוודיק, לעבעדיק קעלעכל. — גיב נאָר אַ קוק אויף די בלעטער... — און דו ווייסט פאַרוואָס זיי זײַנען אַזעלכע שיינע? די ווערטער פּיקן זיך אויס פון דעם מיידעלעס מײַלעכל, ווי פּיצינקע הינדעלעך פון אַן איי. — ווײַל דעם גאַנצן זומער האָבן זיי זיך געקושט מיט דער זון.

9

נאָיאַבער. געבורט

ס׳איז געקומען די געבענטשטע שאָ.

אין דער מוטער-טראַכט פון דער כוואַליע האָט זיך דאָס ערעוו-געבוירענע פּלוצעם געגעבן מעשונע-ווילד אַ וואָרף, אַרויסגערופן גרויסע ווייען...

און אויפן אויבערפלאַך פון דעם יאַם האָט זיך דאָס וואַסער גענומען איבערקײַקלען, ווי די הויט אויפן בויך פון אַ מעוברעסער פרוי, וועלכע ליגט שוין אויף דעם בראָך-שטול.

די גרויע כמאַרע מיט אירע פאַרנעפּלטע, בלינדעוואַטע אויגן האָט קורצזיכטיק געקוקט אויף דעם, וואָס עס קומט אונטן פאָר, פּונקט ווי אַ באָבע, וועלכע האָט פאַר איר לאַנג לעבן ניט איין נעפעשל גענומען.

און די כוואַליע איז אַלץ געוואַקסן, זיך געריסן אַרויף צו אָט דער כמאַרע, און די איינציקע קרעכצן אירע האָבן זיך שוין צונויפגעגאָסן אין אַ הייזעריקן אומבאַהאָלפן געשריי. אָבער די אַלטע כמאַרע האָט געשוויגן און קאַלטבלוטיק געוואַרט אויף איר שאָ.

די כוואַליע האָט ניט אויסגעהאַלטן: זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן ברעג און... באַפרײַט זיך. מיט איין ריר האָט די כמאַרע, ווי מיט אַ שאַרפן בליק, איבערגעשניטן דעם נאָפּל.

און אויפן ווייכן זאַמד איז געבליבן ליגן, ווי אין אַ וויגעלע, דער ניַי-געבוירענער בורשטיין. מיט אַ לויכטנדיקן בליק האָט ער געקוקט אַרויף, אויף די נײַגעריקע, האַווענדיקע מעוועס...

און איבערן גאַנצן הימל האָט שוין דער דונער צעפּויקט די גליקלעכע בסורע.

10

דעקאַבער. אויגן

די אַכציקיאָריקע פּאָר אויגן הערן ניט אויף צו פרייען זיך.

וויפל אַנטדעקונגען איז זיי שוין אויסגעקומען צו זען: עלעקטרע, ראַדיאָ, טעלעוויזיע, קאָסמאָס-פּלי... דאַכט זיך, אַז ס׳איז ניטאָ קיין זאַך, וועלכע וואָלט געקאָנט די אַלטע אויגן איבעראַשן, און דאָך... זײַנען זיי טאָמיד, ווי בײַ אַ קינד, נײַגעריק, פול מיט היספּײַלעס און פאַרווונדערונג:

— האַ! קוק נאָר, וואָס אַ מענטש טראַכט צו!..

און די אכצניאָריקע פֿאַר אויגן, האָבן אַף אַלע פֿראַגעס א גרייטן ענטפֿער:

— וואָס וווּנדערט עס אײַך אזוי? ס'איז הײַנט אזא צײַט: פּראָגרעס, ציוויליזאַציע, קי־בערנעטיקע...

און זיי פֿאַרצײַען זיך מיט א רויכל פֿון גלײַכגילט.

אָבער ווען די זעלבע אכצניאָריקע אויגן דערזעען עפּעס אַן אויסגעריבענעם סאַמאָוואַר, צי א פֿאַרשטומטן גראַמאָפֿאָן, צי א פֿאַר־שטויבטן לײַכטער, הייבן זיי מיטאָמאָל אַן צו גלאַנצן:

— אײַ, אַלטקײַט!

ס'בײַ די אכציקיאָריקע און סײַ די אכצניאָ־ריקע אויגן קוקן אַף איין וועלט, נאָר פֿון פֿאַר־שיידענע צײַטן.

11

יאַנוואַר. פֿאַרפֿרוירענע הערצעלעך

זיי זײַנען געפֿאָרן אין איין טראָלייבוס, אַף איין זיץ־פּלאַץ, איינער לעבן אנדערן.

זי איז געווען א יונג מיידל, ער — א מענטש שוין אין די יאָרן. זי איז געזעסן באַם פֿענצטער מיט א מאַרעשכוירעדיק פּאָנעם און געקריצט מיטן פֿינגער אַף דער פֿאַרפֿרוירע־נער שויב. הערצעלעך: גרויסע און קליינע, קליינע און גרויסע...

ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט דעם טראָלייבוס־בילעט און א ווײַלע אים באַקוקט. פּלוצעם האָט זיך אַף זײַן פּאָנעם צעגאָסן א וואַרעמער שמייכל. טוט ער זיך א דריי אויס צו דער פֿאַרומערטער שכיינע זײַנער, באַטראַכט זי, דערנאָך איר מאַלערײַ אַף דער שויב און פֿרעגט שטילערהייט:

— איר גלייבט אין מאַזלדיקע בילעטן?

א רעגע האָט זי אין פֿאַרלעגנהײַט געקוקט אַף אים. אָבער די קורצע רעגע איז געווען גענוג, זי זאָל זיך איבערטראָגן פֿון אירע גע־דאַנקען צו זײַן פֿראַגע.

— איך ווייס ניט... ס'זײַנען דען דאָ מאַזלדיקע בילעטן?

— אוודאי! אָט זעט איר מיך הײַנט א גליקלעכן. מע דאַרף נאָר גלייבן!

מיט נײַגעריק־גלאַנצנדיקע אויגן האָט זי שוין געקוקט אַפֿן פּירעקיקן שטיקל פּאַפּיר.

— ...ווייסט איר וואָס, — זאָגט ער, — איך גיי איצט סײַוויסײַ אַרויס, נעמט אים פֿאַר זיך, דעם מאַזלדיקן בילעט...

זי האָט נאָך גאָרנישט ניט פֿאַרשטאַנען, און דער אומבאַקאַנטער מענטש איז שוין נעלעם געוואָרן, איבערלאָזנדיק אַף איר דלאָניע א געווינלעכן בילעט, פּונקט אזא, ווי זי אַליין האָט געהאַט.

— א מאָדנער מענטש, — טראַכט זי, און צופֿעליק טוט זי א קוק אין פֿענצטער. פֿון די אויסגעקריצטע אַף דער פֿאַרפֿרוירענער שויב הערצעלעך האָבן זיך אראָפּגעצויגן דינינקע, שמאָלע ריטשקעלעך. דאָס איז האָט אָנגעהויבן צעגיין...

זי איז איצט געזעסן מיט א צאַפּלדיק האַרץ, אַפֿן פּאָנעם האָט זיך באַוויזן א האָפֿע־נונג, און בלויז צו זיך אַליין האָט זי ווי א טפּילע געשעפּטשעט:

— יאָ, מע דאַרף נאָר גלייבן... גלייבן... גלייבן...

12

פֿעוורואַל. העמשעך

אין מיטן פֿונעם פֿאַרשנייטן פֿעלד, פֿון אַלע זײַטן אָפֿן פֿאַר הונגער, לייד און נויט, איז געשטאַנען דאָס שטעטעלע.

דער מידער וואַנדערער מיט זײַן טאָרבעלע אַפֿן אַקסל האָט געבלאָנדזשעט איבער די פֿאַר־פֿרוירענע געסלעך, און נאָך אים, קוים האַלטנ־דיק זיך אַף די פֿיס, האָט זיך געשלעפּט א הונט.

די האַרבאַטע, אײַנגעקאָרטשעטע שטיבלעך האָבן זיך געטוליעט, געקלעפּט זיך מיט די ווענט איינס צום אַנדערן, קעדיי דערוואַרעמען זיך, און מיט די אויסגעלאָשענע פֿענצטער גע־נישטערט איבער די שמאָלע, קרומע ליק־לעך — געזוכט דעם נעכטיקן טאָג.

און דער ווינט האָט פֿון די פֿאַרגליווערטע קרימענס געווײַנט אַף קאַלערלײַ קולעס.

אַף א בערגל, אײַנגעהילט אין שניי, עלע־היי אַן אַלטער, פֿרומער ייד אין א טאַלעס, איז געשטאַנען א קלויז, און די טיר האָט זיך גע־הוידעט אַף די פֿאַרזשאַווערטע פּעטליעס, אַרויסברענגענדיק שווערע קרעכצן.

אונטער א פֿאַרפֿוילטן פּלויט האָט דער וואַנדערער אויסגעגראָבן פֿונעם שניי א צע־בראָכן וויגעלע, אַרויסגענומען פֿון דער טאָר־בעלע די דודע זײַנע, און אין א ווײַלע אַרום האָט זיך אין יעדן ווינקעלע פֿונעם אָפּגע־שטאָרבענעם שטעטעלע געהערט זײַן טרויערי־קער ניגן:

— דו־דו־דו־דו־ו־ו־ו... דו־דו־דו־ו־ו־ו...

● ● ●

צווי דיקטער

נאָכן קריג פלעג איך ארומגיין
פון גרויסע פארלוסטן צעמישט.
און דאָ האָט מיך גראדע צום רומל
א כאוואר געפונען פון מינסק.

א דיכטער מיט הייסע געפילן,
דערצו נאָך מיט אָנגריף א יונג.
כ'האָב פארלאָזט דאָס שטעטל, דאָס שטיבל
און אוועק אָף זײַן ערשטן ווונק.

בא אים איז דער גורל דער זעלבער:
פארלאָרן דאָס ווײַב און דאָס קינד,
פון דער שטוב איז געבליבן א שוועל נאָר,
די לידער צעוויט מיטן ווינט.

ער האָט ווידער געשטרעבט צו די שטאָפ-
לען,
מיט מער נאָך קוראזש און אזארט,
מיט פארנעפלטן גלאַנץ אין שווארצאָפ-
לען —
צו רום האָט אים זייער גענארט.

איך האָב זיך מיט אים ניט פארמאָסטן,
ניט געשטעלט פאר זיך אזא ציל,
אָפן הארצן געווען איז מלאָסנע,
און ווייטיקלעך דער געפיל.

סײַווי וועט מיך קיינער ניט וויסן,
קיין האָפנונג פוסטע ניט לייג...
אזא שטעמפל אָף מײַן געוויסן
האָט דער טרויער ארופגעלייגט.

געזוכט כ'האָב די לעבנס-וועגן,
אָף וועלכע מע שפּאַנט און מע פאַרט —
זיי זײַנען געראם און אומברעגיק,
און יעדערן סטײַעט דאָרט אָרט.

און וואָס שײַך שוועבן אין הויכן,
זײַנען פילאָטן פאראן אָף דעם.
ווען די לעוואָנע פון דאָרטן שמייכלט,
ווערט אָפן הארצן אײַנגענעם...

כ'האָב זיך גענומען מיט לײַב און לעבן
צו מײַן פאך, צו לערערײַ.
און די מוזע? זי וועט מיר פארגעבן —
אזא צופאל פאר איר איז ניט נײַ.

דאָך דער וועג איז צו איר ניט פארוואָקסן,
און ווײַס כ'בין פון איר ניט אוועק,
כ'האָב כאריקן און מאיאקאָווסקין
געלייענט, ווי אייגענע ווערק.

גלײַך געשאַפן איך וואָלט אַליין עס
און ארויס וואָלט פון אייגענעם הארץ
דאָס ווערק מיט טיפע ראַיוינעס,
דער קלאַנג פון די ווערטער — נו, אַלץ.

געווען איז מיר לײַבלעך און טײַער,
אזוי צארט האָט דער פערז מיך גערירט, —
כ'האָב דערפילט, ווי דאָס הייליקע פײַער
איז צו מײַנע שילער אריבער דורך מיר.

נו, הייסט עס, אז ווידער די מוזע
איז פארלאָפן צו מיר ניט אָף לאַנג —
מיט א מער נאָך באַרײַכערטן אויסזען,
מיט א מער נאָך ברייטערן גאַנג.

און אין די אָוונטן דורכזיכטיק-קלאָרע
ווען ס'פלעגט איבערנעמען אָף זיך דער
סירען
דעם הימלשן צארט-בלויען קאָליר,
פלעג איך קומען אין סקווער ווען-ניט-ווען.

אין בענקעניש נאָך פעלדער מיט קאָרן,
נאָך בושלען נעבן גרינעם טשערעט,
נאָך טיפע פארדרימלטע באַרן —
כ'פלעג כאַלעמען דאָרט ביז שפּעט.

ס'פלעגט טרעפן אָט דאָ, בא די וואזעס,
ניט אָפט, אין א זעלטענעם פאַל, —
מײַן פרײַנט גייט ארום אזוי וואזשנע,
ווי אָקאָרשט פון פּיעדעסטאַל.

כ'האָב פארשטאַנען: א שפּילכל איז ער
בא דער זעלבסטליבע, וועלכע שפּאַנט
מיט דער הימלשער מוזע קאַפּריזער
האַנט בא האַנט.

ווען מײַן פרײַנט שוין ארײַן אין קאָן איז
און נאָך מערער דערגרייכט און שטאָלצירט,
האָט דער שיקזאַל אָן שום ראכמאָנעס
מ׳עס אים אונטערגעפירט.

ווי געזאָגט, אנערקענט האָב איך וועגן,
אָף וועלכע מע שפּאַנט און מע פאָרט,
זיי זײַנען געראם און אָנברעגיק
און יעדערן סטײַעט דאָרט אָרט.

די רעדאַקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן האַרציק דעם שרײַבער הירש רעלעס מיט זײַן 70־טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט, אריכות־יאָמים און נײַע שעפֿערישע דערפֿאָלגן.

און וואָס שײַעך שוועבן אין הויכן,
זײַנען פּילאָטן פאַראַן אַף דעם,
ווען די לעוואָנע פון דאָרטן שמייכלט,
ווערט אפן האַרצן אײַנגענעם.

און אַזוי זיך געטוישט האָבן יאָרן
אין געמיש פון שאָטן און שײַן.
מיר זײַנען סאָלידער געוואָרן,
אין א נײַעם עלטער אַרײַן.

מײַן פרײַנט האָט די וועלט ניט
פאַרכידעשט,
ניט באַוווּנדערט און ניט באַרוישט,
נאָר זײַנע ביכער, ניט נאָר אין ייִדיש,
אויך אין רוסיש גייען אַרויס.

געצוימט מײַן ייִנגלשע שטרעבונג,
פון פאַרנאַס זיך דערווײַטערט, דאָך פאָרט
כ'האָב די שילער איבערגעגעבן
די ליבע צום עמעסן וואָרט.

און עפּעס געשאַפן אַליין כ'האָב,
דאָס לעבן מיך לאָזט ניט צורו,
פון צײַט צו צײַט — א באַלוינונג —
נײַע סטראָפעס קומען מיר צו.

אונדזערע וווינונגען זײַנען ניט נאָענט,
און אָפט דערקוטדיקן זיך איז שוין שווער,
נאָר אַמאָל אין א וואַרעמען אָוונט
מיר טרעפן זיך ווידער אין סקוועך.

צווישן די קלומבעס מיר גייען אַרום דאָ
צוויי דיכטער, וואָס וויניק־ווער ווייסט:
איך — שווייגנדיק און פאַרומערט,
ער — אַלץ נאָך פאַרטראָגן און הייס:

וויניק גיט מען אַרויס זײַנע ביכער,
וויניק קאָוועד און וויניק אַכט.
נײַע מײַסעס און נײַע געשיכטעס,
און ער דרייט מיר א קאָפּ ביז נאַכט.

ער היצט זיך און קוואָרים רײַסט ער
און איז שפּעריש אַלץ נאָך געשטימט,
ווי א מאָדנער פאַרקישעפטער גײַסט וואָלט
פון שטענדיק געוועלטיקט אין אים.

עפשער די זאַך איז אײַנפאַך:
די גײַווע האַלט אים אין קלעם,
נאָר סײַוויסײַ בין איך אים מויכל —
איצט קוק איך שוין אַנדערש אַף דעם.

ער איז פול נאָך מיט האָפנונג און גלויבן
און מיט פּלענער — איז וואָס דאַרף מען
מער?
איך וואָלט זיך געפילט ווי א רויבער,
ווען כ'וואָלט אים, כאָלילע, געשטערט.

זײַן שטרעבונג איז איצטער וויכטיק,
און שעצן מע דאַרף עס צו גוטס...
ווו זײַנען די ייִדישע דיכטער,
וואָס וועלן פאַרבײַטן אונדז?

ווער ווייסט, וואָס וועט זײַן נאָכדעם?
נאָר אויב באַטראַכטן די הײַנטיקע שאָ,
טאָ זאָל זיך ציִען דער פאָדעם
קאָלזמאַן אַזוינע, ווי מיר, זײַנען דאָ.

■ ■ ■

מ ו י ש ע   פ ע נ ס

וויאַזוי הערשעלע האָט געפירט די מאָרע אין באָד אַרײַן

פונעם ציקל „הערשעלעס געשיכטעס"

די קוואַרטיר הערשעלעס, ניט ערגער, דאַנקען גאָט, ווי בײַ לײַטן (אַזוי זאָגט ריוועלע, דאָס ווײַב זײַנס), איז אויסגעשטאַט מיט מאָדערנע מעבל. און נאָר איין זאַך גייט ניט צו צום רעמל — די אַלטמאָדישע קושעטקע, אָדער, ווי הערשל רופט זי מיט אַ מין מילדקייט — דאָס קאַנאַפּקעלע. אַרום דעם קאַנאַפּקעלע גייט אַן אייביקע קריג: די גאַנצע מישפּאָכע איז קעגן, און נאָר ער איינער שטייט פאַר דעם מיט לײַב און לעבן. הערשעלע ווערט מאָלע רעציכע, ווען מע זאָגט, אַז זײַן קאַנאַפּקעלע מאַכט צונישט די „האַרמאָניע". וואָס עס שטעקט אין דעם קאַנאַפּקעלע, ווייסט נאָר ער אַליין, — דאָס איז זײַן סאָד. עס מאַכט זיך, אַז ער טוט אַפּילע אַמאָל אַ בורטשע: „אויך מיר צוגעטראַכט — מאָדעס, שמאָדעס. מע קאָן פון זיי מאַמעש פון זינען אַראָפּ. אין דער אייגענער דירע קאָן איך שוין אויך ניט פון אָט דער אַנשיקעניש זיך ראַטעווען... קאַלזמאַן איך האַלט זיך נאָך אָף די פיס, האָט מען נאָך אַ ביסל רעספּעקט, אָבער מאַך איך נאָר צו אַן אויג — וועט מען שוין ווײַזן דעם קאַנאַפּקעלע דעם וועג, איר מעגט מיר גלייבן. איך שטעל זיך שוין פאָר פאַרפרי׳ער דאָס אויסקומעניש: ס'גייט אַ פּראָצעסיע, מע טראָגט מיט גרויס פאַרגעניגן דאָס קאַנאַפּקעלע פון מײַן צימער אין הויף, דאָרט פלאַקערט עס מיט העלן פײַער, גיט נעבעך אָפּ גאָט די נעשאָמע, און מײַן ריוועלע מיט די קינדער און אייניקלעך — מע נעמט זיך פאַר די הענט און מע גייט אַ פריילעכס"...

הערשל זיצט אָף דעם קאַנאַפּקעלע, גלעט עס מאַמעש ווי אַ לעבעדיקע און טײַערע נעפאַשע, און איך שטיי דערבײַ און קלער: „ניט אַנדערש, אַז דאָס קאַנאַפּקעלע איז אַ יערושע פון דעם זיידן. וואָס נאָך קאָן אים צווינגען זיך אַזוי האַלטן אין אָט דעם אָפּגעריבענעם שטיקל מעבל?"

דערווײַל שווימט הערשעלע אַרויס פון די מאַכשאָוועס און טוט זיך אַ כאַפּ:

— זעט נאָר, איך, דער באַלעבאָס, האָב זיך צעזעצט, ווי אָף דעם העסעבעט, און מײַן גאַסט...

אָבער ווי נאָר איך טו זיך אַ זעץ צו בײַשכיינעס מיט הערשעלען אָף דעם קאַנאַפּקעלע, פאַלט אָף מיר אָן אַ געלעכטער.

— וואָס האָט איר זיך אַזוי צעגעצקעט? — שמייכלט הערשעלע.

— איצט ווייס איך שוין דעם סאָד. אָט דאָס שטיקל אַלטוואַרג, — ווײַז איך אָף דעם קאַנאַפּקעלע, — איז טאַקע פאַרקישעפט. זעץ איך זיך נאָר אָף דעם אוועק, קומט מיר באַלד אָפּן זיקאָרן עפּעס אַזעלכס... נאָר אָף געלעכטער!

— אויב אַזוי — דערקוויקט אויך מײַן נעשאָמע!

— ווי נאָר מיר האָבן אָופגעכאַפּט די מאָדע אָף דער צונג, — זאָג איך, — האָט זיך פאַר מײַנע אויגן טייקעף געיאַוועט די מומע כאַנציע. איר האַלט, אַז נאָר אײַערע זײַנען שטאַרק פאַרקאָכט אין דער מאָדע? וואָס זשע וואָלט איר געזאָגט, ווען איר באַקאַנט זיך מיט מײַן מומען און מיט איר זון?... וועגן דעם טאַכשיט אירן האָט מיר דאָ ניט לאַנג דערציילט זי אַליין טאַקע, די מומע כאַנציע. דער זון אירער, שוין אַ באָכער אין די יאָרן, האָט געקראָגן ערגעץ דזשינסענע פּלודערן. מע האָט אים געזאָגט, אַז דאָס זײַנע עכטע קאָווּבויסקע הויזן, האָט ער זיך ניט געקאָרגט און אַרויסגעלייגט פאַר זיי אַ מאַטמען מיט געלט. אַלע באָכערים, זאָגט ער, גייען אויס נאָך אַזוינע הויזן... מיינט איר, אַז דאָס איז אַלץ? ניין, דער רעכטער צימעס איז נאָך פאַרויס. ברענגט ער, דאָס שוועסטערקינד מײַנס, די הויזן אַהיים און זאָגט דער מאַמען זײַנער: „נעם, וויקל זיי אָן אָף דער שוואַבערע און וואַש מיט זיי דעם דיל. און טאַקע ניט אָף קאַטאָוועס! — „גאָט איז מיט דיר! — זאָגט די מומע. — דו ביסט דול! צי מעשוגע, מײַנע סאָנים! אָפּוואַלגערן אַזאַ פּויטעקע פאַר אַ זאַך — און פּאַטערן זי? אויב זיי

געפעלן דיר ניט, וועל איך אַף זיי געפינען אַ באַלן". „ניין, — זאָגט ער, — די הויזן זײַנען מיר ווי אָנגעמאָסטן, נאָר מע דאַרף, אַז זיי זאָלן אויסזען, ווי אַלטע, אָפּגעריבענע. און אויב ס'וועט זיך מאַכן אַ לאָך, טאָ לייג אַ לאַטע, און איך וועל צו דיר קיין טײַנע ניט האָבן: נאָך מער מאָדערן". אַזוי דערציילט מיר די מומע און קוועלט... און בעשאַס זי קוועלט, טראַכט איך מיר: „און דו אַליין, מומע מײַנע, ביסט אַף אַ סאַך קליגער פון דײַן זון? אויב שוין לאַכן, איז לאַך פון זיך אַליין". זי, די מומע, גייט דאָך מאַמעש אויס נאָך דער מאָדע. דער צימער איז פאַרפּלייצט מיט מאָדע-זשורנאַלן. און אַז זי הייבט אָן דורכקוקן די זשורנאַלן, פאַרגעסט זי, אַז זי איז שוין אויך, קיין אײַנהאָרע, אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן, ווי איר צימער — מיט זשורנאַלן... הערט אַ מײַסע. איך קום מיט איר איינמאָל אַפן פּליאַזש, וואַרפט זי שנעל אַראָפּ פון זיך די בגאָדים, כ'טו אַ קוק: גאָטעניו מײַנער — אַ דין ליפטשיקל און פּונקט אַזעלכע טרוסיקלעך, מער גאָרניט, פּונקט ווי זי איז ערשט אַכצן יאָר אַלט. און דאָס לײַב, קיין אײַנהאָרע, ווי די ראָשטשינע אין דער דייזשקע: טאַקע גוט טייג, נאָר שוין איבערגעשטאַנען, ס'גייט אַריבער דעם ראַנד... און די מומע שטייט, קוקט אַף מיר מיט קלאָרע אומשולדיקע אויגן און קלײַבט פון זיך אַליין נאַכעס:

— ווי געפעלט עס דיר? כ'האָב דאָ ניט לאַנג אויסגעלייענט אין אַ זאַגראַניטשנע זשורנאַל, אַז ס'איז איצט דער סאַמע מאָדנער „קופּאַלניק".

אָט דאָס האָב איך דערציילט הערשעלען. כ'פיל אָבער, אַז קיין גרויסע האַנאָע פון מײַן געשיכטע האָט ער ניט באַקומען. קוים זיך דערוואַרט די ענדע, זאָגט ער:

— ע, אויך מיר געפונען אַ כידעש. גייט אַרויס יעדן טאָג אַפן פּליאַזש — וועט איר אַזעלכע מומע כאַנציעס זען קייפּל-קיפּלאָים. אַ פּרוי בלײַבט אַ פּרוי, זי וויל האָבן כיין אין אונדזערע אויגן, זי וויל פּאַטראַפּען טאַקע אונדז, די מאַנצבלען. און צוליב דעם פאַרגעסט זי אַמאָל אין די יאָרן, טאָ לאָמיר זי דערפאַר שטרענג ניט מישפּעטן...

הערשל פאַרטראַכט זיך אַף אַ ווײַלע און זעצט פאָר:

— אײַער מומע כאַנציע מיט איר זון — דאָס איז טאַקע אויך אַ מעציע, מע קאָן ניט זאָגן, נאָר אין פאַרגלײַך מיט דעם, וואָס איך וועל זאָגן, וועט עס זײַן, לעמאָשל, ווי אַ בלאָזערל קעגן אַ דעמב, אַ זעמדעלע קעגן אַ פעלדז, אַ דריבנע רויגעלע אין פאַרגלײַך מיט אַ וואַלפיש. איז הערט, כ'בעט אײַך, וואָס עס האָט ניט לאַנג צוריק געטראָפן מיט איינעם מײַנעם אַ באַקאַנטן... ווי מע רופט אים? אַ נאַפקעמינע, ווי ער הייסט... ער פעלט אײַך, מינאַסטאַם, ווי מײַן זיידן די האַגאָדע...

קאָן זײַן, אַז מיט דעם האָט מיר הערשעלע געגעבן אָנצוהערן, אַז דער נאָמען פון מײַן מומע כאַנציע איז אים אויך אָנגעגאַנגען, ווי דעם וועלאָסיפּער אַ קוימען. נאָר וואַרט, וואַרט: הערשעלעס פאַרגלײַך איז ניט סטאַם אַזוי, ווײַל פונוואַנען ווייס איך, צי הערשעלעס זיידן האָט געפעלט די „האַגאָדע" צי ניין?..

מיט הערשעלען קומט אַזעלכס פאָר ניט זעלטן, איך בין שוין געוווינט: ער הייבט אָן אַ מײַסע, גייט, דוכט זיך, מיטן גלײַכן וועג, און פּלוצעם שטויסט ער זיך אָן אַף אַ זײַטיק געסעלע, קאָן עס שוין רויִק ניט פאַרבײַגיין, ער מוז אַהין פאַרקערעווען און טאַקע בעסויכעם אויך מיך, דעם צוהערער, פאַרפירן אַהין.

— ס'האָט זיך געמאַכט, — דערציילט ער, — אַז דער זיידע מײַנער, הערשעלע אָסטראָפּאָליער, האָט געהאַט אָן איניען אין דער שטאָט, ניט ווײַט פון זײַן שטעטל. ס'איז געווען גראָד ערעוו פּייסעך. אין די יִדישע הײַזער שטעלט מען אַרויס, ווער וואָס עס איז אימשטאַנד, אַפן יאָמטעוודיקן טיש. ס'איז שוין אָוונט, נאָר ער איז נאָך ניכטער פון נעכטן... פּלוצעם דערזעט ער אַ באַקאַנטן, אַ שטיקל נאָגיד, געלעבט אַמאָל אין אַ שטעטעלע, איצט — אַ שטאָטישער דייעזאָגער. הערשעלע געדענקט גוט אָט דעם דאָוויד-בערן — ס'איז אַ רעכטער קאַרגעניוק. נאָר וואָס דען? ער האָט ליב אַרויסשטעלן אַף מענטשנס אויגן זײַן פרומקײַט און גאָטספאָרכטיקײַט, באַווײַזן, אַז ער איז אַ צדאָקע-געבער, ווייסט דעם ווערט פון אַ גמילעסכעסעד. „וואָס טוט מען? — מאַטערט זיך הערשעלע. — דער הונגער איז ניט קיין גוטערברודער... מע מוז אים אַמאָל נאָכגעבן". און באַ די געדאַנקען רײַסט ער אַראָפּ די אַלטע פאַטשיילע, מיט וועלכער דאָס ווײַב האָט אים אַרומגעבונדן דעם האַלדז, ער זאָל זיך, כאָלילע, ניט צוקילן... ביז דאָוויד-בער האָט אים באַמערקט, האָט ער שוין באַוויזן צעשפּרייטן די פאַטשיילע גלײַך אינמיטן גאַס און זיך צוגעזעצט אַף איר, די פיס אונטער זיך, פּונקט ווי אַ מין כאַליף. דאָוויד-בער האָט, געוויינלעך, זיך אָפּגעשטעלט:

— שאָלעם-אַלייכעם, הערשעלע! האָסט שוין קיין שענער און קיין בעסער אָרט ניט געפונען?

הערשעלע האָט זיך אומגעקוקט, פּונקט ווי ער וואָלט עס נאָר איצט, אין דער רעגע, דערזען אַ היגן מענטשן.

— אַ, דאָס זײַנט איר, דאָוויד-בער? האָט איר טאַקע פון מיר אַ שאָלעם-אַלייכעם מיט גוטן ערעוו-פּייסעך אײַך... פאַרוואָס איך זיץ גראָד דאָ, אינמיטן גאַס? באַלד וועל איך אײַך געבן צו פאַרשטיין. כ'האָב געפּרוּווט זיך זעצן הינטער דער וואַנט באַ יענעם הויז. דאָרט איז טאַקע געמיטלעכער, דער ווינט נעמט ניט אַזוי דורך די ביינער. וואָס זשע טוט גאָט? ער נעמט און טוט מיר אַ שעפּטשע: „נאַרעלע, וועסט דען דערזען פונדאַנען די לעוואָנע מיט די שטערן? זעץ זיך אינמיטן גאַס, וועט פאַר דיר זײַן דער גאַנצער הימל אָפן".

— און וואָס פאַר אַ שייַכעס האָסטו צו
דער לעוואָנע מיט די שטערן? — קאָן דער נאָ-
גיד נאָך אַלץ ניט קומען צום סייכל.

— ע, דאָוויד-בער, — מאַכט הערשע-
לע, — אַן איבערגעשפּיצטער ייִד — און איר
קענט אַזאַ פּאָשעטע זאַך ניט פאַרשטיין... אָט
האָט איר פאַרמאַכט אייַער קלייט און גייט זיך
אַהיים, צו ווייַב און קינדער, פּראַווען די סודע
און זאָגן די האַגאָדע. און איך בין דאָך דאָ
אַליין, רעב דאָוויד-בער. נאָר דער באַרעמהאַר-
ציקער פּאָטער אונדזערער פאַרגעסט קיינעם
ניט פון זייַנע נעפּאָשעס, האָט ער אין מיר
אַרייַנגעלייגט אַזאַ זין: „זעץ זיך, הערשל, אייַנ-
מיטן גאַס, וועסטו דערזען די לעוואָנע, און
שטעל זיך פאָר, אַז דאָס איז דייַן ווייַבעלע,
און די שטערן וועסטו דערזען — מיין, אַז דאָס
זייַנען דייַנע קינדערלעך... מיט וואָס נאָך קאָן
איך דיך טרייסטן אין דער פרעמד? האָסטו שוין
אויך טאַקע וועמען צו פרעגן „מאַנישטאַנע"
און וועמען זאָגן „אַוואָדים האַיִנו".

— אוי, הערשעלע, — רופט זיך אָפּ דאָ-
וויד-בער, — און איך האָב געמיינט, אַז דו
ביסט נאָר אַ לֵץ, אַן אַפּיקורעס. לאָזט זיך
אויס, אַז אַפילע אונטער אַזעלכע נישטיקע
בגאָדים האָט גאָט באַהאַלטן אויך אַ שטיקל
פרומע, קאָשערע נעשאָמע. אָט האָסטו, דאָוויד-
בער, נאָך איינעם פון גאָטס ניסים! שטיי זשע
טאַקע אויף, הערשעלע, און דו וועסט זייַן הייַנט
בא מיר אַ געהויבענער גאַסט פון אונדזער
שטעטל, און זאָלן מענטשן וויסן — דו הערסט,
הערשעלע, פאַרגעדענק: זאָלן טאַקע מענטשן
וויסן, ווי־אַזוי דאָוויד-בער נעמט אויף בא זיך
אין דער נאַכט פון אונדזער הייליקן פּייסעך אַ
בען-איר, אַ קאָשערע ייִדישע נעשאָמע... אַגעוו,
דו האָסט שוין די קעשענעס אויסגעטרייסלט?

— ע, דאָוויד-בער, פאַר וועמען נעמט איר
מיך אויף? ס'איז מיר אַ פאַרדראָס אַזוינס צו
הערן פון אייַך. איך האָב עס דאָך געטאָן
באַצייַטנס: שוין דער דריטער טאָג, אַז מייַנע
קעשענעס זייַנען קאָשער-ווּעקאָשער. שרעקט
זיך ניט, איך וועל אין אייַער הויז קיין ברעקל
כאָמעץ ניט אַרייַנטראָגן...

ווען הערשעלע האָט אַריבערגעטראָטן די
שוועל פונעם עסצימער און דערזען דעם פּיי-
סעכדיקן קוגל און דערפילט דעם גערוך פון די
פּייסעכדיקע קניידלעך, האָט ער זיך גלייַך
אויפגעזעצט און גענומען אַן אָטעם שלינגען,
פאַרגעסנדיק, אַז עמעצער נאָך זיצט באַם טיש.
דאָוויד-בערס פלוינעסטע, וועלכע איז געווען
נאָך מער קאַרג און זשעדנע, איידער איר מאַן,
האָט אָפּגערופן אין אַ זייַט דעם מאַן און אים
אָנגעהויבן אויסריידן:

— וואָס פאַר אַן אוירעך האָסטו מיר
אַראָפּגעבראַכט אין שטוב אַרייַן? ער מיינט דען
די „האַגאָדע"? ער מיינט דאָך די קניידלעך!

אַקלאַל, ס'האָט זיך באַקומען דער עמע-
סער סקאַנדאַל!

אַרויס פונעם נאָגידס הויז אין דער פינצ-
טערער נאַכט, האָט הערשעלע זיך אַליין גענו-
מען זידלען:

— דו ביסט ווערט, אייזל, נאָך אַ שענערן
באַרעכהאַבע! ווו איז דאָס געהערט געוואָרן —
גייַן צו אַ גוויר נאָך אַ גמילעסכעסעד? פון
הונגער זיך אויסציִען — נאָר ניט אַריבער-
טרעטן מער די שוועל פון אָט די דאָוויד-בערן...
פּרוּוו בא דעם גוויר עפּעס נאַשן, וועסטו זיך
דערנאָך ניט דערוואַשן...

אָט וואָס עס האָט פּאַסירט מיט מייַן זיידן
הערשעלע אָסטראָפּאָליער. דאָס האָב איך גע-
הערט נאָך ייִנגלווייַז פון מייַן טאַטן, און אים
האָט עס דערציילט דער זיידע אַליין... וועט
איר מיך פרעגן, וואָס זשע איז דער פּשאַט פון
דער געשיכטע און וואָס פאַר אַ שייַכעס האָט
זי צו דעם איניען פון אונדזער שמועס? ענט-
פערן אָף דער קאַשע איז מיר טאַקע ניט אַזוי
פּאָשעט. איר געדענקט, וואָס איך האָב אייַך
געזאָגט מיקויעך דעם נאָמען פון מייַן באַקאַנטן,
וועגן וועלכן איך קלייַב זיך צו דערציילן?
כ'האָב געזאָגט, אַז זייַן נאָמען פעלט אייַך, ווי
מייַן זיידן די „האַגאָדע". אַוודע דאַרפט איר
ניט די „האַגאָדע", — איר דאַרפט די „קנייד-
לעך", דאָס הייסט, דעם טאָך, דעם קערן פון
דעם, וואָס ס'האָט זיך מיט אים פאַרלאָפן. דעם
עמעסן נאָמען פון מייַן באַקאַנטן וועל איך
אייַך ניט אָנרופן, ווייַל די געשיכטע אַליין
שמעקט ניט זייער איידל, לאָז ער בא אונדז
הייסן פּרויקע, און אַז ס'וועט קומען די צייַט,
וועט איר זיך שוין דערוויסן, וואָס פאַר אַ שייַ-
כעס האָט פּרויקע צו דעם זיידנס מייַסע.

אַזוי זאָגט מייַן פרייַנט הערשעלע און צע-
לאַכט זיך:

— ווייַזט אויס, אַז מע דאַרף זיך גוט אונ-
טערגאַרטלען צוליב אויסהערן ביזן סאָף מייַנע
מייַסעס, נאָר האָט אָף מיר קיין פאַריבל ניט.
בא אונדז איז הייַנט אַ פרייַער טאָג, און ביז
מייַן ריווקעלע וועט אונדז עפּעס צוגרייטן,
וועלן מיר מינאַסטאַם באַווייַזן קומען צום פּי-
ניש. בעקיצער, ניט לאַנג צוריק שיקט מען מיך
אין קאָמאַנדירונג קיין מאָסקווע. כ'זיץ אין
שטוב, דאָס ווייַב קלייַבט מיר עפּעס צו אין
וועג אַרייַן. כ'טו אַ קוק — עס יאָוועט זיך מייַן
פּרויקע, דער גוטער-יאָר האָט אים אָנגעטראָגן.

— פּרויקע, — זאָג איך, — דו ווילסט מיך
צו דעם צוג באַגלייטן? זייער פייַן פון דייַן
זייַט. טוט ער זיך אַ דריי אָף איין פוס, אַ צופּ
די וואָנצעלעך. אַ שמאַרע מיט דער נאָז:

— כ'וויל, הערשל, דיך דערפרייען: כ'פאָר
מיט דיר איינעם.

— איינעם? איז דאָך ביכלאַל גאַנץ גוט.
האָסטו מיך שוין דערפרייט. ווי־אַזוי זשע האָט
זיך עס בא דיר באַקומען? מע האָט דיך אויך
קאָמאַנדירט?

— יאָ, דאָס הייסט, ניין. איך האָב גענומען
אָף עטלעכע טעג אורלויב אָף מייַן אייגענעם
כעזשבן, — טוט ער אַ קוועטש אַרויס פון זיך,
און כאַפּט בעשאַסמייַסע אַ גנייווישן קוק אָף

מײַן ריוקעלען, וואָס דרייט זיך ניט ווײַט פון אונדז. זי באמערקט עס, נאָר מאכט זיך קילעיאָדע.

— אייגנטלעך, פאָר איך אף א קאָנסולטאציע אין אויגן-קליניק. די לעצטע צײַט פירן מיך עפעס אונטער די אויגן...

— וואָס זשע, ס׳איז בא אונדז אין שטאָט קיין דאָקטוירים ניטאָ? — האלט ניט אויס מײַן ריוקעלע און מישט זיך ארײַן אין געשפרעך.

— פאראן איז, פארשטייט זיך, פאראן, נאָר ניט דאָס...

פאָרן מיר, הייסט עס, אינײנעם מיט פרויקען קיין מאָסקווע. ס׳איז אוואדע אָנגענעם האָבן אין וועג א גוטנפרײַנט, פאָשעט א באקאנטן. עמעס, מיט פרויקען זײַנען מיר ניט אזעלכע נאָענטע פרײַנט, נאָר גאָרנישט, מיר זײַנען איינער דעם אנדערן ניט פריקרע, און דאָס איז שוין אויך א סאך... ס׳האָט אונדז געלונגען: מיר האָבן געקראָגן בילעטן אין איין קופע...

איך בין ניט פון די גרויסע ליבהאָבער פון מאשקע, נאָר ווען פרויקע האָט ארויסגעשטעלט אפן טישל א פלעשל גוטן קאָניאק, האָב איך זיך פון קיין קעלישעקל ניט אָפגעזאָגט. און מיט וואָס צו פארבײַסן — האָבן שוין די ווײַבער אונדז באוואָרנט.

אקלאל, די קעלישעקלעך זײַנען אָנגעפילט, אײַלן זיך איז ניטאָ וווּהין, קיין ארבעט ווארט אף אונדז ניט, פונעם הימל קאפעט ניט... נעמט מען פאמעלעך נאָך א קעלישעקל, ביפראט אז מײַן כאווער באווײַזט א באזונדער פלײַסיקײַט אין אָט דעם איניען. פרעג איך אים: „ס׳וועט דײַנע אויגן ניט שאטן?״ לאכט ער און זאָגט, אז פון א גוט ביסל ווײַן ווערט בא אים די ריִע נאָך שארפער. א וואָרט פאר א וואָרט, א קאפעלע און נאָך א קאפעלע, הייבט זיך צוביסלעכווײַז אוף די שטימונג, ס׳ווערט אלץ ווארעמער און גראמער אף דער נעשאָמע און אלץ ענגער דער צונג אין מויל. כ׳זע, מײַן גוטערברודער איז שוין בעגילופן. ער איז שוין, ווי מע זאָגט, „פארטיק״, דאָס הייסט, אין דעם גראד, ווען ס׳איז גרינגער צו האלטן גליִענדיקע קוילן אין מויל, ווי דאָס, וואָס אונטער דער צונג. נו, און וואָס שײַעך מיך, בין איך טאָמיד א באלן א כאפ טאָן עפעס א נײַס, א פריש-צאפלדיקס פון יענעמס מויל, ווײַל די מאשקע, זאָג איך אײַך, איז ווערט א שפײַ, אויב מע האלט עס ניט אונטער מיט א גוטן, הארציקן שמועס.

בעקיצער — מע האָט זיך צערעדט, פינקטלעכער געזאָגט, גערעדט האָט פרויקע, און איך האָב געכאפט יעדעס וואָרט זײַנס, ווײַל הארכן האָב איך ליב ניט ווייניקער, ווי האקן א מײַסע... נאָר צו וואָס איבעריקע רייד? כ׳מיין, אז איר וועט אף מיר קיין פאריבל ניט האָבן, אויב איך וועל אײַך איבערגעבן פרויקעס דיבורים אזוי, ווי איך האָב זיי פון אים געהערט. אָנגעהויבן האָט ער פון גאנץ ווײַט, פון א פראגע צו מיר. ער וויל וויסן, צי האָט א מענטש דאָס רעכט צו געניסן פונעם לעבן וואָס-ניט-איז, אכוץ צאָרעס און מאקעס, צי ניין. ענטפער איך אים, אז יאָ, ער האָט די פולע רעכט. „אויב אזוי, — זאָגט פרויקע, — וועט איר מיך פארשטיין. וואָס האָבן מיר מיט אײַך אין אונדזער לעבן געשמעקט? האָרעוואניע, ראנגלעניש, שמערצן מיט ווייטעקן, און ווידער טאקע האָרעוואניע. און מע איז פאָרט א לעבעדיקע נעפאשע, און לעבן לעבט מען איין מאָל, און די אנדערע וועלט מיטן גאניידן, זאָגן די געלערנטע, איז אן אויסגעטראכטע מײַסע. צוליב וואָס זאָג איך עס? אנטקעגן דעם, וואָס אף דער וועלט האָבן זיך געיאווועט קאָלערליי מאָדעס. נו, אשטייגער, אין אויסלאנד, זאָגט מען, האָט מען אײַנגעפירט א מאָדע זיך בײַטן מיט די ווײַבער. מע קומט, הייסט עס, מיט די ווײַבער אין דער רעסטאָראציע ארײַן, מע פארברענגט א שיינעם טאָג, מע טרינקט און מע טאנצט, און דערנאָך, אז ס׳קומט שוין די נאכט צו, בײַט מען זיך מיט די ווײַבער. וואָס הייסט, מע בײַט זיך מיט די ווײַבער? גאנץ פאָשעט. אָט וויל איך דיר געבן א פרימער. לעמאָשל, איך און דו. מיר האָבן אָפגעהוליעט א פריילעכן טאָג, נאָר דאָס האָט זיך אונדז אויסגעוויזן ווייניק, מיר ווילן נאָך פארלענגערן דעם טײַנעג. נעם איך דײַן ריוקעלען אונטערן אָרעם, דו כאפסט אונטער מײַן יענטע און מע זאָגט איינער דעם אנדערן „א גוטע נאכט״. ווערסטו דאָך פרעגן, וויִאזוי די ווײַבער וועלן זיך צו אזא בײַטעניש באציִען? נישקאָשע, זיי וועלן, מיין איך, ניט דערווידערן... ס׳געפעלט דיר ניט, זאָגסטו, אזא מאָדע? איז אדעראבע, צוליב וואָס עקזיסטירן קאָמאנדיראָווקעס? וויפל אלמאָנעס, וויפל צעפירטע ווײַבעלעך גייען מאמעש אויס נאָך א מאנצבל!

אזוי מאכט פרויקע און קוקט אף מיר מיט א שיקער און פרעך שמייכעלע.

מיר ווערט א ביסל ניט גוט אפן הארצן. דעם עמעס געזאָגט — טאקע רעכט פריקרע... גלייבט מיר, איך בין ניט קיין קאָל-יאָמאָוו, ס׳איז מיר ניט אלציינס, מיט וועמען צו זשליאָקען און וואָס צו הערן: מיט א טויגעניכץ באגיי איך זיך, ווי ער פארדינט עס. נאָר איך וועל זיך אײַך מוידע זײַן: ס׳איז טאקע שטארק מײַן יעיצערהאָרע, מײַן טײַווע — אין יעדן איניען דערגיין ביזן גרונט, דערקיבערן זיך ביזן קערן. כ׳האָב געפילט, אז פרויקעס דיבורים ביז איצט — דאָס זײַנען דערווײַל נאָר די בלימעלעך, די יאגעדקעס זײַנען נאָך פונפאָרנט... מײַן פרויקע איז שוין רעכט אף דער סטרונע — ער מאכט א לעכאיִם, און נאָך איינעם, און דער לעכאיִם מאכט מיט אים אויך די קונץ... ניט אומזיסט זאָגט די וועלט, אז דער רועך האָט צוגעטראכט די מאשקע, קעדיי זיך דערוויסן גאָטס סוידעס... און אויב מע וויל, איז טאקע פונקט פארקערט אויך: גאָט טוט אָפ מיט דעם ניטגוטן דאָס אייגענע שפיצל... ווי מע זאָגט: איך — דיר און דו — מיר... טראכט

איך: אויב דיר איז גוט, איז מיר ניכע. און אזוי
טאַקע דרייט זיך עס אויס: פרויקע קרימט זיך,
קווענקלט זיך נאָך א ביסל, נאָר דער כאַכעם
קאָניאַק זאָגט אים אונטער „דריסטער, ברו-
דערל. און אויב עס פעלט דיר נאָך לאַשן, טאָ
נעם אין דער פלאַש, זי וועט אַף דיר קיין פאַ-
ריבל ניט האָבן". כ'טו א קוק אַף דעם „ברו-
דערל", וואָס מאַיאטשעט אנטקעגן מיר: א
מענטש האָט שוין צעביטן דעם זעקסטן יאָר-
צענדליק, נאָר ער האָט עס צום טײַוול. ער
טוט ווויליונגעריש א דריי די וואָנצעלעך, וועל-
כע זײַנען שוין מער ווײַס, ווי שוואַרץ. וואָס
זאָגט איר אַף דעם בען „מאַלאַדאַי טשעלאַ-
וועק"? ער טוט א שטעל אַרויס די ברוסט, ווי
איינער זאָגט: „טוט א קוק, וואָס פאַר א דאַברי
מאָלאָדיעץ איך בין נאָך!" און זעצט פאָר:
— רעב הערשל, אויב די ערשטע צוויי
מאָדעס גייען דיר ניט צו — איז נאָך ניט פאַר-
פאַלן די קו מיטן שטריקל. ס'איז דאָ א דריטע.
הער מיך נאָר אויס וונימאַטעלנע — דאָס וועט
זײַן פאַר דיר ווי אַנגעמאַסטן... געדענקסט א
לידל: „כ'בין געפאָרן קיין אַדעס לייטשען די
מאָזאָליעס"?.. כע-כע, ס'איז ניט אַביאַזאַטעלנע
קיין אַדעס... דאַנקען גאָט, פּוטיאָווקעס גיט
איצטער דער פּראָפּסאָיוז — וויפל דײַן נעשאָמע
גאַרט. און וואָס צו לייטשען און וואָס פאַר א
מאָזאָליעס קוועטשן דיר — כע-כע, ווען גייט
עס אָן? יעדער האָט זיך זײַנע. גלאַוונאָיע —
דו זאָלסט זײַן בא זיך גרויס און זיך ניט פאַר-
לירן... און דאַן וועט דיך שוין א „באַרעמהאַר-
ציקע" און „צערטלעכע" נעשאָמע אַליין געפי-
נען... וואָדען מיינסטו? זי האָט, כע-כע-כע,
אירע מאָזאָליעס. לייטשעט מען איינס דעם
אַנדערן די מאָזאָליעס, און מע איז מאַצלי'עך.
אַפן קוראָרט רופט מען עס „קוסטאָטעראַפּי'ע".
האָסט ניט געהערט? וואָס האָסטו יאָ געהערט?
ס'איז אזא היילונג, אז ס'איז זי אמבעסטן אָנע-
מען וואָס ווײַטער פון א גוט-אויג... וואָס קוק-
סטו עפּעס אַף מיר מיט כשאַד? דו מיינסט,
הערשל, ס'איז גלאַט אַזוי מײַסעס, פּוסטע
מילן? ניין, טײַערינקער מײַנער. ווי דו קוקסט
מיך אָן, בין איך ניט קיין אבי-ווער, קיין פּלאַפּ-
לער. כ'וויס, מיט וועמען און וואָס צו דאַ-
בערן. פאַר דיר לייג איך אויס מײַן נעשאָמע,
ווײַל דו ביסט בא מיר אין האַרצן, אין האַרצן!
כ'זע, פרויקע לאָזט זיך צו מיר. דאַכט זיך,
ער איז שוין דעם גראַד, ווען מע וואַרפט זיך
האַלדזן און קושן. נאָך דאָס גייט מיר אָן! זעץ
איך אים קוים אוועק, און ער מאַכט לאַכנדיק:
— הערשל, עפּשער מיינסטו, אז איך האָב
א ליגן געזאָגט וועגן די אויגן מײַנע? פאַר
וועמען מע דאַרף — איז עס טאַקע א ליגן. דיר
אָבער — דעם ריינעם עמעס. זאָלסטו דאַפקע
וויסן, אז איך פאָר בעפּייערש היילן די אויגן:
כ'וועל נאָר א קוק טאָן אַף איר — וועט עס
שוין זײַן פאַר מײַנע אויגן די בעסטע סגולע...
מעזשדו פּראָטשים, וועל איך דיר עפּענען דעם
סאָד: זי איז טאַקע א דאָקטער, און טאַקע אָן
אויגן-דאָקטער. און ווו האָבן מיר זיך באַקאַנט?
אַף א קוראָרט! כע-כע, ס'איז א מעכײַעדיקע
זאַך, זאָג איך דיר, איינס דעם אַנדערן לייע-
טשען די מאָזאָליעס... שאַ, הערשל, הער נאָר,
וואָס מיר איז געקומען אַפן געדאַנק. מיר זײַ-
נען מיט דיר פרײַנט? פרײַנט! דו מוזט מיר ניע-
פּרעמענע צונויפשטעלן א קאָמפּאַניע... מיט
איין וואָרט — מיר גייען ביידע צו איר! וועסט
שוין אַליין זען, אז פרויקע איז ניט אבי-ווער,
אז פרויקע האָט א כוש...
בעקיצער, איך זע, אז פרויקע מײַנער
האַלט שוין בא דער מאַדרייגע, ווען ס'קאָן
העלפן נאָר איין זאַך: מאַכן ביי-ביי. א גליק,
וואָס מיר זײַנען געווען מיט אים אין קופּע נאָר
זאַלבעצווייט, אַניט וואָלט געווען א ביזע-ביזאַ-
יען פאַר מענטשן...
אַפן אַנדערן טאָג, ווען ער האָט געגומען א
ביסל „נאַ פּאַכמעליע" און דאָס נעכטיקע איז
ווידער געקומען צו רייד, האָב איך געזאָגט צו
זיך אַליין: „איצט, הערשל, פאַרשטייסטו שוין
גוט, וווהין דעם פּיפּערנאָטער האָט א צי גע-
טאָן, ער איז גרייט (עמעס, שיקערערהייט)
דיך אויך נעמען אין שוטפעס אַרײַן. דאַרף מען
זיך טאַקע אַרײַנמישן, נאָר אַזוי, אז ער זאָל
שוין פאַרזאָגן א צווייטן".
— נו, — זאָג איך אים, — און אז דײַן
יענטע וועט נעמען און אָפּטאָן מיט דיר דאָס
אייגענע שפּיצל, וואָס דו מיט איר?
פרויקע טוט אזש א שפּרונג אונטער:
— וואָס הייסט, יענטע וועט טאָן אזא זאַך?
א פרוי בלײַבט א פרוי, און א מאַנצבל איז א
מאַנצבל. דאָס, וואָס דער פרוי איז פאַרבאָטן,
קאָן דעם מאַנצבל, כע-כע, ניט שאַטן. ס'איז
א זינד פאַר גאָט דורכלאָזן דאָס, וואָס גייט דיר
מאַמעש אַליין אין די הענט אַרײַן... און וואָ-
אַבשטשע: מע האָט טאַקע, דאַנקען גאָט, א ווײַב
ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר, און מע איז
איר געטרײַ, נאָר מע דאַרף זײַן פרײַ, כ'וויל
זאָגן — מע איז טרײַ דעם ווײַב, נאָר ניט איר
לײַב... וואָס קוקסטו אַזוי אַף מיר, פּונקט ווי
איך קוילע דיר אַף די קאַפּאָטע? עס גלוסט
זיך דיר א מאַשל? כ'וויס, דו האָסט ליב אַזוי-
נע זאַכן, וועל איך דיר ברענגען א מאַשל אויך.
אַשטייגער, מײַן ווײַב קאָכט אַפּ א באָרשטש.
איז ווען ער איז פריש, נאַרוואָס פון דער פּלי-
טע, האָט ער אַלע טאַמען, מע קאָן זיך פון אים
ניט אָפּרײַסן. זאָג איך מײַנער: „זײַ זיך מאַט-
רי'עד, יענטע-סערצע, גיב מיר א דאַבאַווקע"...
נאָר אַט שטעלט מען דעם באָרשטש אין כאַ-
לאַדילניק אַרײַן, ס'גייט דורך א טאָג, צוויי,
דרײַ, מע וואַרעמט אָן דעם באָרשטש, מע עסט.
ס'איז שוין אייסעך-ווייסעך, מע עסט און מע
וואַרגט זיך.
— כ'זע, — זאָג איך, — פרויקע, אז דו
האָסט זיך צעכאָכמעט. ניט אַנדערש, אז דו
ביסט א געניטער פּראָפעסאָר געוואָרן אין
די טרייפע זאַכן. מאַמעש א קונדעס! אז דו
האָסט פאַר דײַן ווײַב קיין שום אַפּשײַ און דע-
רעכערעץ, דאָס איז שוין פאַר מיר קלאָר. פאַר-
שטייט זיך, אז גלעטן דיך איבערן קאָפּ פאַר
דעם קאָן איך ניט. נאָר זאָל עס זײַן אַף דײַ
געוויסן... אָבער ווי זעסטו אויס אין די אויגן

פון מענטשן בכלל? צוליב דייַן ביסל דערקוויקעניש האָסטו דאָך אָנגעשפּיגן אף מענטשן, וואָס געטרויען דיר. זיי האָבן דאָך דיך אָפּגעלאָזט פון דער ארבעט, זאָלסט היילן די אויגן, נאָר ניט צוליב טרייסטן זיך מיט דער דאָקטערשע דייַנער. דו פירסט דאָך אין באָד אריַין א גאנצן קאָלעקטיוו ארבעטער! זיי גלייבן דיר, פרויקע, זיי גלייבן דאָך!..

— הערשעלע, — ענטפערט מיר פרויקע מיטן זעלבן פרעכן שמייכעלע,—צי דו מאכסט זיך, צי דו ביסט? דאכט זיך, אז פאר קיין נאַיוון פארשוין האָב איך דיך ניט געהאלטן. ווייַזט אויס, ניט אומזיסט זאָגט מען: „א ייִד א לאמדן איז ערגער פון א גאנעוו". איך פארשטיי ניט, וואָס קימערט עס דיך אזוי, וואָס דו גייסט מאמעש ארויס פון די קיילים? דאכט זיך, דיר האָב איך קיין שלעכטס ניט געטאָן? צי עפשער פארגינסטו מיר ניט מייַן שטיקל דערקוויקעניש? ווער מענטשן, וואָס מענטשן? מענטשן זייַנען מאלאָכים? זיי ווילן דאָס זעלבע און טוען דאָס זעלבע, אבי נאָר גאָט גיט זיי. הייַנט פאָר איך, מאָרגן וועט פליִען אן אנדערער. דאָס לעבן איז דאָך ניט מער ווי א שפיל.

— אוי, פרויקע, — מאך איך צו אים, — דו שפילסט מיט פייַער.

דו ביסט גערעכט, צעלאכט ער זיך, — ס'איז א פייַערדיק ווייַבל, א ברען, א סרייפע!

בעקיצער, כ'האָב דערפילט ענדגילטיק, אז מייַנע רייד זייַנען ווי ארבעס אין דער וואנט. איך אים — א כאָצי קו, ער מיר — א ווינטמיל; איך אים — פידרעך, ער מיר — בוידעם; איך אים — ציבעלע, ער מיר — לאָקשן! און עס האָט מיך טאקע גענומען א פארדראָס, מאמעש פארציפעט באם הארצן: א מענטש זאָל ניט פארשטיין, אז ס'איז פע, אז ער שנייַצט די נאָז און שמירט דאָס פאָנעם. „אויב אזוי, ברודערל, — טראכט איך מיר, — וועל איך שוין מיט דיר קנעלן אף אן אנדער אויפן. א קעלבל, זאָגט מען, דארף מען פירן אף א שטריקל. און אז עס שפּארט זיך איַין, גיט מען דעם מיט א פרוטקעלע אויך"...

אפן אנדערן טאָג גייען מיר מיט אים אייַנעם איבער מאָסקווער גאסן. ארום איז א קאָכעניש, א הו-הא. אלץ פאר די אויגן איז גרויסארטיק, מעכטיק, ווונדערלעך. וויפל מאָל כ'זאָל ניט קומען קיין מאָסקווע, בין איך פון איר איבעראשט. נאָר איצט, בא דער גאנצער דערהויבנקייַט פון מייַן נעשאָמע, פארגעס איך ניט פון צייַט צו צייַט כאפן א קוק אף מייַן דאָן-זשואן. כ'זע, אז זייַן שטימונג איז, פארקערט, אן אונטערדריקטע. א סוואָרע, אז די ארומיקע שיינקייַט און גרויסארטיקייַט גייט אים אָן, ווי דער פאראיאָריקער שניי. כ'פיל, אז עס טוט אים שוין באנק, וואָס ער האָט מיך געמאכט פאר אן איידעס פון זייַנע געשעפטן, נאָר וויַאזוי זיך אויסדרייען פון מיר מיט גוטן, ווייסט ער ניט... מיר האָבן זיך מיט אים באזעצט אין איין האָטעל, אפילע אין איין נומער, און איך האָב אים שוין פון זיך ניט אָפּגעלאָזט.

גאנצפרי האָט ער זיך אופגעהויבן א שווייַגנדיקער, אן אויסגעוועפטער, נאָר כ'האָב זיך געמאכט ניט וויסנדיק און אים דערמאָנט: „נו, פרויקע, האָסט דאָך צוגעזאָגט מיך פירן הייַנט צו דייַן אנטיקל. נישקאָשע, מייַנע איניאָנים וועלן א ביסל צוווארטן". אהין-אהער — איך שטיי פעסט אף מייַנעם. גייען מיר, הייסט עס, צו דער דאָקטערשע... אָט שטייען מיר ענדלעך בא דער טיר. כ'זע, פרויקע כאפט זיך ניט אָנקוועטשן אפן קנעפל, און איך קום אים צוהילף:

— דו ווייסט, וואָס מיר איז נאָרוואָס געקומען אפן געדאנק? מיר זייַנען דאָך מיט דיר פונעם וועג. און וויַאזוי האָבן מיר עס אין האָטעל פארגעסן נעמען א וואנע? נאָר אויב ס'האָט זיך שוין אזוי געטראָפן — גייען מיר באלד אין באָד אריַין.

— וואָסי? דו מיינסט, אז בא איר איז קיין וואנע ניטאָ? — מאכט פרויקע. נאָר איך זע באשייַמפערלעך, אז מייַן פאָרשלאָג איז אים אריַין אין דער נאָז.

— צי ס'איז דאָ, צי ס'איז ניטאָ — דאָס איז ניט אונדזער אייסעק, — ענטפער איך, — און אז מיר וועלן זיך יאָוועען ריין און שיין, וועלן מיר טאקע זייַן אָנגעלייגטע געסט.

אזוי מאך איך און לאָז זיך גלייַך צו די טרעפ. כ'הער — ער טאָפּעט הינטער מייַן פלייצע און רעדט:

— אין באָד אריַין — איז אין באָד אריַין. אויך ניט קיין שלעכטע זאך.

כ'פיל אין זייַן קאָל אן אופגעלעבטקייַט. עפשער האָפט ער אנטרונען ווערן פון מיר? זאָל ער נאָר פרווון!..

געקומען אין באָד אריַין, הייב איך אָן זוכן קוידעמקאָל א בערעזעווע בעזעמל. ס'האָט מיר אָפּגעגליקט: איך האלט עס שוין אין די הענט. די שטימונג הייבט זיך, גלייַך איך וואָלט געפונען דעם גרעסטן אויצער אין דער וועלט.

— דער איקער, — זאָג איך און ווינק אים אונטער, — שטעקט טאקע אין דעם בעזעמל. האָב א ביסעלע געדולד — וועסטו זיך אליין אין דעם איבערצייַגן.

פרויקע איז מיט מיר מאסקים. ווען ער ווייסט פארפריַער, אין וואָס איז דער איקער, וואָלט ער אוואדע געמאכט א וואַיווראך; נאָר דאָס, וואָס גאָט ווייסט פארפריַער, זאָגט מען, דערוויסן מיר זיך שוין נאָך אלעמען. איצט בין איך פאר פרויקען געוועזן דאָס זעלבע, וואָס גאָט: זייַן גוירל איז געווען אין מייַנע הענט...

בעקיצער, מיר זייַנען שוין פון יענער זייַט שוועל פון דער שוויצבאָד. א כוישעך, א געפילדער, א פליעסקערייַ. ווער עס קוויקט זיך, ווער עס קרעכצט — א גדולע! קוים זיך דערקויבערט צו אן אָרט. „שעם זיך ניט, — זאָג איך, — פרויקע, און צי זיך אויס אף דער באנק אין דער גאנצער לענג דייַנער מיטן בייַלעק ארוף". דאָ, אין באָד, איז ער געהאָרכזאם, ווי א לעמעלע. איך קלייַב זיך ארוף ניט געייַלט

רײַטנדיק אױף זײַן רוקן, נאָר מיטן פּאָנעם ניט צו זײַן קאָפּ: איר האָט זיך שױן אַלײן איבערצײַגט, אַז אױף זײַן קאָפּ האָב איך פֿאַרלאָרן אַלע האָפֿענונגען, װײַזט אױס, ניט אין מױעך איז זײַן קױעך. זיץ איך מיטן פּאָנעם צו דעם טײל זײַנעם, װאָס איז דער הײפּעך פֿון דעם קאָפּ. דאָס בעזעמל האָב איך גוט־גוט אָנגעװײקט אין װאַסער. דערבײַ האָב איך געטראַכט: „אַ שאָד, װאָס איך האָב מיט זיך קײן זאַלץ ניט פֿאַרכאַפּט". כ'האָב פּאַװאָלינקע אָנגעהױבן באַאַרבעטן דאָס, װאָס עס איז פֿאַר מײַנע אױגן, מיט אַ צושפּריך: „זײַ קליגער פֿונעם קאָפּ, זײַ קליגער פֿונעם קאָפּ". כ'טו אַ שמיץ, און נאָך אַ שמיץ, און נאָך, און נאָך... מײַן קליענט הײבט שױן אָן פֿאַרלירן דעם געדולד. ס'נעמט אים שױן עפּעס אַ כּשאַד. ער הײבט אָן צוביסלעכװײַז קרעכצן: „װאָסי, הערשל, װאָס האָסטו זיך אַזױ צוגעכאַפּט צו מײַן איך בעט אײַך איבער? צי שױן זשע איז ער דיר אַזױ שטאַרק געפֿעלן?" — און װיל זיך אױפֿהײבן. ע, נײן! איך קװעטש אױף אים ניט נאָר מיט דער שװערקײַט פֿון מײַן לײַב, נאָר מיטן גאַנצן כּעס פֿון דער נעשאָמע... כאָטש מע זאָגט, אַז די צונג צום האַרץ איז װײַט, און צו דער האַנט — נאָך װײַטער, נאָר דאָ האָב איך גאַנץ גיך זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט אַלע מעהאַלעכן און טאַקע זיך טײקעף צו דער האַנט דערקליבן. און איך, אַז איך דערקלײַב זיך שױן צו דער האַנט, איז הימל עפֿן זיך! אַזױ טראַכט איך זיך און גיב זיך אונטער הײך: „נישקאָשע, הענטעלע, די גאַנצע האָפֿענונג איז איצט אױף דיר, איז זײַ זשע זיך מאַטריעך, װי מע זאָגט: גיב מיר נאָר די בײַטש אין די הענט — די פֿערדלעך װעל איך שױן אַלײן אָנװיאָקען".

פּרױקע האַלט, נעבעך, ניט אױס, ער טוט אַזאַ געשרײ, אַז אַפֿילע אינעם הו־האַ האָט מען זיך אױף אונדז אומגעקוקט.

— פּע, פּרױקע, — מאַך איך זיך װידער טאַמעװאַטע, — דו זאָגסט דאָך אַלײן, אַז אַ מאַנצבל איז ניט קײן פֿרױ...

— יאָ, — ענטפֿערט ער, — אָבער צוליב װאָס איז די עקזעקוציע? פֿאַרװאָס פֿליקסטו פֿון מיר שטיקער, גאַזלען אײנער?

— פֿאַרװאָס? — ענטפֿער איך אים און זעץ דערװײַל פֿאָר צו פּײַפּן מיטן בעזעם. — דאָס איז שױן גאָר אַן אַנדער געשפּרעך. װען אַ מענטש װיל װיסן, פֿאַרװאָס, יאַװעט זיך שױן אַ האָפֿענונג, אַז ער הײבט אָן אַרבעטן מיטן מױעך. דו ביסט טאַקע גערעכט: אַז ס'גײט אַ מישפּעט, דאַרף מען פֿאַרעפֿנטלעכן דעם אורטײל און אַלץ אױספֿירלעך אױסטײַטשן. איך בין גרײט עס צו טאָן. אָט האָסטו דיר די ערשטע אױלעמהאַזע פֿאַר דײַן יענטע. זי אַלײן קאָן דיך איצטער ניט דערגרײכן. מײַן האַנט, זאָגט זי, איז נעענטער צו דיר... אַז דו װעסט זיך װידער אומקערן צו איר און װעסט זיך דערמאָנען די הײַנטיקע שװיצבאָד, װעט דיר יענטע עפּשער װערן אַ ביסל טײַערער, אײדער דער אײַערנעכטיקער באָרשטש פֿונעם כאַלאָדילניק... האָסטו דיר אײנס — פֿאַר יענטען. און אָט דאָס איז דיר אַ גרוס פֿון דעם עלטערן זון דײַנעם. ער איז שױן אַ גאַנצער מאַנצבל און פֿאַרשטײט אַלץ גוט אין אַזעלכע איניאָנים. אױף מיר, מײן איך, װעט ער קײן פֿאַריבל ניט האָבן... און דאָס איז דיר אַ מאַטאָנע פֿון דער עלטערער טאָכטער דײַנער. דו פֿאַרשטײסט אַװאַדע, אַז אַלײן אונטערטראָגן דעם טאַטן אַזאַ מאַטאָנע קען זי ניט, מוז איך שױן װילנדיק ניט װילנדיק זײַן דער פֿאַרמיטלער צװישן איר און דיר... און װאָס װאָלטן געזאָגט דײַנע אַרבעטער־כאַװײרים, װען איך, כאָלילע, פֿאַרגעס אין זײ? נאָר איך בין דאָך ניט דו — איך האָב זײ גוט אין זינען. איך מײן, אַז דו פֿילסט עס גאַנץ גוט, פּרױקע. איך בין דיר שױן מױכל די אַװלע, װאָס דו האָסט מיר פֿאַרשאַפֿט, װײַל איך בין דאָך אױך אַ שטיקל מענטש. מיט װאָס האָב איך געזינדיקט, מיט װאָס בין איך כױטעבײגל געװען?.. דאָס האָסטו מיך געפֿירט אין באָד אַרײַן, געמאַכט צום נאַר, געהאַקט אַ טשײַניק: אױגן־שמױגן... מאָסקװע!.. קאָנסולטאַציע... גײ װײַז דער שײנהײַט דײַנער, דער דאָקטערשע, װאָס פֿאַר אַ קאָנסולטאַציע דו האָסט הײַנט בײַ מיר באַקומען!

— יאָ, הערשל, — טוט אַ װאָרטשע פּרױקע, שױן טױװלענדיק דעם צװיק־רױטן, װי אַן אָפּגעקאָכטן, איך בעט אײַך איבער. — ס'איז בײַ דיר, װײַזט אױס, אַ געבענטשטע האַנט. האָסט מיך הײַנט גוט אָפּגעשײלט, װי אַ װערבעלע. נאָר די גאַנצע װעלט װעסטו דאָך אין באָד אַרײַן ניט פֿירן, הערשל!

איר הערט אַ מײַסע? די גאַנצע װעלט! װי געפֿעלט עס אײַך? װאָס נאָר פֿאַר אַ שװאַרץ־יאָר, אַ שלאַק, אַן אױסװורף, אַ שלימאַזל, אַ ניכפּע — יעדעס װיל זיך פֿאַרשטעלן מיט דער װעלט! פּרױקע װיל אױך. די מאָדע, װעלכע ער דינט, און די גאַנצע װעלט — דאָס איז אין זײַנע אױגן אײנס און דאָס זעלבע. קומט גאָר אױס, אַז איך האָב אין באָד אַרײַן געפֿירט ניט פּרױקען, נאָר די מאָדע אַלײן...

נאָר לאָמיר זיך שױן אומקערן װידער אױף מײַן קאַנאַפּקעלע. יאָ, יאָ, איר קוקט אױף מיר, פּונקט װי איך קלײַב זיך טרײַבן קאַטאָװעס. נײן, פֿרײַנט מײַנער. ס'איז טאַקע גאַנץ ערנסט. איר װײסט: אַז איך זיץ אױף דעם קאַנאַפּקעלע, ציט מיך אין דער גרױסער װעלט, אַלץ װיל איך זען, הערן און זײַן נאָך דערצו אַ מישלעפּל אױך. און אַז איך אָטעם און זאַפּ זיך אָן מיט דער גרױסער, אומגעלומפּערטער און שײנער װעלט — ציט מיך צו מײַן קאַנאַפּקעלע. װען איר װײסט, װאָס פֿאַר אַ גוטע, װאָס פֿאַר אַ זעלטענע טרױמען באַזוכן מיך אױף דעם קאַנאַפּקעלע, װאָס פֿאַר אַ שײנע װעלטן פֿורעמען זיך אין מײַן קױעך־האַדימיען! דאָ פֿאַרקניפּן זיך און פֿאַרבינדן זיך אינאײנעם דעם זײדנס ירושע מיט דעם, װאָס ס'װעלן עפּשער דערזען מײַנע װײַטע אור־אײניקלעך. װײַזט אױס, אַז אין דעם שטעקט דער גאַנצער קישעף פֿון מײַן קאַנאַפּקעלע.

יורי דאָקוטשײַעוו

באָריס וואָלינאָוו — דער באַצווינגער פון מוסטאַנגען

1. די טײַגע

גיין צופוס אַכצן קילאָמעטער אַהין און אַכצן קילאָמעטער צוריק און נאָך אַזאַ מעהאַלעך ארומבלאָנדזשען איבערן וואַלד איז אַוואַדע ניט פון די לײַכטע זאַכן, ווען דו ביסט צוועלף צי אַפילע פופצן יאָר אַלט און דו לאָזט זיך גיין אַזאַ ווײַטן וועג ניט פאַר טײַנעג, נאָר ווײַל עס טרײַבט די נויט.

נאָר די סיבירער יינגלעך האָבן בײַס די זומערדיקע שול-קאַניקולן דורכגעשפּאַנט א פופציק קילאָמעטער שיר ניט יעדן טאָג, כאָטש קיינער האָט זיי ניט געהייסן. פאַרקערט, די עלטערן האָבן אַפילע טײלמאָל זיי געזידלט, געוואָלט אָפּהאַלטן זיי פון די לאַנגע, געפערלעכע רײַזעס. עס איז אָבער געווען אוממעגלעך אײַנצוהאַלטן די כעוורע אינדערהיים.

זייער שטאַרק איז געווען דער פאַרלאַנג צו וואַנדערן אין דער טײַגע, וועלכע איז אַף דורך און דורך אָנגעזאַפּט מיט די רייכעס פון סמאָלע. עס איז אַזוי גוט זיך צו וואַלגערן אין מאָך און מיט האַלב-פאַרמאַכטע אויגן שפּירן, ווי די שטראַלן פון דער זון רײַסן זיך דורך צווישן די צוזאַמענגעשלאָסענע קרוינען פון די סאָסנעס און טענענביימער און צעשנײַדן די סוידעסדיקע טונקלקײַט אין וואַלד, דערבײַ זיך צוצוהערן, וויאַזוי עס קרעכצט, עס קלינגט און זינגט אין די טיפקײַטן פון דער וואַלד-געדיכטעניש.

קאַלערליי פאַרווײַלונגען שטעלט די טײַגע אין דײַן רעשוס מיט דער ברייטער האַנט: ווילסטו, גיי כאַפּן פיש אין שטראָמיקן אַנגאַראַ-טײַך, צי נעם צונויף צעדער-ניסלעך און ווילדע ווײַמפּערלעך, וועלכע וואַקסן בעשעפע אין די זומפּיקע ערטער, און אין איין שאָ קאָנסטו אָנקלײַבן אַ פולן עמער.

דערבײַ אָבער טאָרסטו קיינמאָל ניט פאַרגעסן, אַז לאָזן זיך גיין אין דער טײַגע איינער אַליין איז געפערלעך, און גייסטו מיט א כאַווער, זאָלסטו אים ניט פאַרלאָזן אין א נויט.

די טײַגע איז טאַקע געפערלעך, אָבער אומבאַשרײַבלעך פּרעכטיק און ברייטהאַרציק-מילד. באָריס איז פאַרליבט אין איר איבער די אויערן: שיין איז די טײַגע, שטרענג איז זי אויך, און עס איז אַזוי גוט צו פליִען איבער אירע אומענדלעכע ראַכוועסן... ער טוט א שמייכל און פאַרטראַכט זיך אַף א ווײַלע. יעדער איינער האָט זיך זײַנע דערינערונגען, וואָס זײַנען אים ליב און טײַער: בא באָריסן אַסאָציִירן זיי זיך מיט דעם בײַקאַל, מיט דער טײַגע און, פאַרשטייט זיך, מיט דער מאַמען.

2. די מאַמע

זי האָט געטאָן אַלץ, וואָס זי האָט געקאָנט, קעדיי באָריס זאָל ניט פילן, אַז ער וואַקסט אָן א טאַטן. זי האָט עס געטאָן, קאָן זײַן, ווײַל זי אַליין האָט איבערגעלעבט א שווערע קינדהײַט און עס איז איר ניט לײַכט אויסגעקומען אין לעבן ביכלאַל.

„טאָן אַלץ" — האָט באַטײַט זײַן אומאָפּהענגיק, זיך אײַנשאַפן אָפּשײַ בא לײַט, זײַן אַן אויטאָריטעט באַם זון אין די אויגן. אין 1934, ווען באָריס איז אַלט געווען אינגאַנצן זעקס כאָדאָשים, האָט יעווגעניִע איזראַילעוונא אָנגעהויבן לערנען אין אירקוטסקער מעד-אינסטיטוט. קיין פּראָקאָפּיעווסק איז זי מיטן זון איבערנעם געקומען צו פאָרן אַלס דאָקטער פעדיאַטער. פּראָקאָפּיעווסק איז נאָך דעמלט געווען א קליינער יישעוו, קיין טראַוומאַטאָלאָג איז דאָרט ניט געווען, איז זי געוואָרן א טראַוומאַטאָלאָג. און ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, האָט זי גענומען דעם כירורגישן אינסטרומענט אין די הענט אַרײַן. איצט איז זי באַקאַנט ניט נאָר אין פּראָקאָפּיעווסק — דער פאַרדינסטפולער דאָקטער פון דער רעפּובליק יעווגעניִע איזראַילעוונא וואָלינאָווא איז ביז ניט לאַנג צוריק געווען דער הויפּט-דאָקטער פונעם מעד-סאַנאָפּטייל פון איינער פון די גרעסטע שאַכטעס „קאָקסאָוואַיאַ-1". און איצט, זײַענדיק שוין

אַף פּענסיע, זעצט זי פֿאָר איר אַרבעט, העלפֿט אירע קאָלעגן אין דער אַרבעט.

באָריס און זײַן ברודער ראָבערט, פֿון יעווגעניִע איזראַילעווונעס צווייטן מאַן, האָבן ניט גלאַט ליב זייער מוטער, זיי באַציִען זיך צו איר מיטן גרעסטן אָפּשײַ. באָריס שטיף־פֿאָטער, אויך אַ דאָקטער, איז געווען אַ גוטער מענטש מיט אַ ווייך האַרץ. זײַן פּריצײַטיקער טויט האָט נאָך מער דערנעענטערט די ברידער צווישן זיך, און כאָטש עס איז זיי ניט אָפּט אויסגעקומען צו זיצן בײַ איין מישפּאָכע־טיש, האָט יעווגעניִע איזראַילעווונא שטענדיק געפֿילט די איבערגעגעבנקײַט פֿון אירע זין, די ליבע פֿון אירע שנורן און די צוגעבונדנקײַט פֿון די אייניקלעך.

3. די אײַנגעפֿאַלענע שאַכטעס

די דאָזיקע שאַכטעס האָבן זיך געפֿונען הינטער דער שטאָט. ווען אַף אַ געוויסן אָרט האָט מען אויסגעגראָבן דעם גאַנצן שיכט קוילן און די קוילנגרעבער האָבן פֿאַרלאָזט דעם שטרעק, האָט דער באָדן מיט דער צײַט זיך געזעצט. ניט קיין באַהאַוונטע מענטשן האָבן געקאָנט מיינען, אַז דאָס זײַנען שפּורן פֿון אַן ערדציטערניש.

עס איז גענוג געווען צו האָבן אַ ביסל פֿאַנטאַזיע, קעדיי די רײַזע אין די אײַנגעפֿאַלענע שאַכטעס זאָל זיך באַפֿאַרבן אין ראָמאַנטישע קאָלירן. נאָר מע האָט שוין קיין רײַכע פֿאַנטאַזיע ניט געדאַרפֿט פֿאַרמאָגן, קעדיי צו פֿאַרשטיין די ריזיקאַלישקײַט פֿון אַזעלכע רײַזעס.

די ערד האָט ניט זעלטן באַגעגנט די כוואַרע מיט נײַע אײַנזינקעניש, און די יאַטן האָבן זיך דאָ געפֿילט ווי אַנטדעקער פֿון נײַע ערדן. ווינטערצײַט האָט באָריס צוזאַמען מיט זײַן כאַווער יעווגעני לוקיאַנאָוו ליב געהאַט זיך צו לאָזן אַף שניי־שיך באַרג־אַראָפּ אַף די שיפּוּים פֿון די אײַנגעפֿאַלענע שאַכטעס. טאָג־אײַן טאָג־אויס האָט די מוטער מיט אַ ציטערדיק האַרץ געוואַרט, דער זון זאָל זיך אומקערן אַהיים. אָבער פֿיל גרעסער איז געווען איר זאָרג דאַן, ווען זי איז געוווירע געוואָרן, אַז דער זון האָט אָנגעהויבן זיך גרייטן צו דער פּראָפֿעסיע פֿון אַ פּליִער. דאָס ייִנגל האָט גוט געלערנט, און דער מוטער האָט זיך געדוכט, אַז וואָס פֿאַר אַ פּראָפֿעסיע ער זאָל ניט אויסקלײַבן, וועט עס איר זײַן צום האַרצן, כוץ דער פּראָפֿעסיע פֿון אַ פּליִער. ווער־ווער, נאָר זי האָט גוט געוווּסט, מיט וואָס פֿאַר אַ סאַקאָנעס אַזאַ פֿאַך איז פֿאַרבונדן. אין שפּיטאָל, אין דער צײַט פֿון דער מילכאָמע און אין די ערשטע יאָרן נאָכן זיג, איז איר, אַלס כירורג, אויסגעקומען צו אָפּערירן ניט איין פּליִער מיט שווערע ווונדן. „איך וויל דיך ניט שרעקן, — האָט זי איינמאָל אים געזאָגט, ווען ער איז אַרײַנגעלאָפֿן צו איר אַף דער אַרבעט, — נאָר דו דאַרפֿסט וויסן, ווי שרעקלעך עס איז", און האָט אים באַוויזן די פֿאַרוווּנדעטע און אָפּגעברענטע פּליִער אין די פּאַלאַטעס. עס איז ווירקלעך שרעקלעך געווען צו קוקן. נאָר דער עפֿעקט איז גראָד געווען דער הייפּעך פֿון דעם, אַף וואָס די מוטער האָט געוואַרט. באָריס האָט געזען און פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ווירקלעך די פּאַסיקע פּראָפֿעסיע פֿאַר דרייסטע מענטשן.

ווען באָריס האָט פֿאַרענדיקט דעם צענטן קלאַס, איז שוין אין ראַיאָן־קאָמיטעט פֿונעם קאָמסאָמאָל געלעגן זײַן מעלדונג מיט דער באַקאָשע, מע זאָל אים רעקאָמענדירן אין דער שול פֿון פּליִער־פֿאַרניכטלער. די כאַווײרים פֿון ראַיקאָם האָבן קיין סאַך פֿראַגעס ניט פֿאַרגעבן — פֿאַר זייערע אויגן איז געשטאַנען אַן ערלעכער, דרייסטער באָכער, אַ גוטער ספּאָרטלער.

מיט דער מוטער האָט ער געהאַט אַ פּײַנלעכן שמועס, זי האָט דאָס ערשטע מאָל געוויינט אין זײַן אָנוועזנהײַט. „און וואָס וועט זײַן, אויב כ'וועל גיין אין ראַיקאָם און זאָגן, אַז איך בין קעגן" — האָט זי אַ פֿרעג געטאָן. „מע וועט דיך אויסהערן, איך ווייס. אָבער דו וועסט ניט גיין".

און זי איז טאַקע ניט געגאַנגען.

אַן אומגעריכטע שווערקײַט האָט זיך באַוויזן, ווי מע זאָגט, פֿון הינטערלאַנד. טאַמאַרע, מיט וועלכער ער האָט צוזאַמען געלערנט אין שול, זיך פֿאַרנומען מיט גימנאַסטיק, זיך געטראָגן אַף שניי־שיך איבער די שיפּוּים פֿון אײַנגעפֿאַלענע שאַכטעס, איז ניט געווען אַף זײַן זײַט. זי האָט געהאַלטן מיט דער מוטער. „איך האָב דיך ליב, באָרקע, און איך וויל, דו זאָלסט פֿאָלגן דער מאַמען..."

אינגיכן איז קלאָר געוואָרן, אַז דער ווילן פֿון אָט די דרײַ מענטשן איז איינער — באָריס וועט גיין צו זײַן גורל מיט אַ רויִק געמיט.

4. טאַמאַרע

פֿון די סאַמע ערשטע טעג פֿון זײַן קורסאַנטיש לעבן האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז אויב ער וועט טאַקע ווערן אַ פּליִער, וועט עס אָבער געשען ניט אַזוי גיך. ער האָט נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל איבערגעלייענט די באַרימטע ביכער וועגן מאַרעסיעוון און סעראָוון, און דאָרט קיין ענטפֿער ניט געפֿונען אַף די פֿראַגן, וועלכע האָבן אים געמאַטערט. צי איז טאַקע אומבאַדינגט נייטיק מאַרשירן, גיין אין קאַראַול, דעזשורירן אין קיך, קעדיי זיך גוט צו פֿילן אין פֿינפֿטן אָקעאַן? און וואָס עס האָט אים נאָך מער געערגערט — עס זײַנען שוין פֿאַריבער עטלעכע כאָדאָשים און ער האָט נאָך קיין עראָפּלאַן אַפֿילע אין די אויגן ניט געזען.

ער האָט זיך באַמיט אין די בריוו צו דער מוטער אַרויסצוווײַזן די אומזיכערקײַט, וועלכע האָט אים געמאַטערט. „דאָס סאַמע וויכטיקסטע איז — ניט אָנווערן די אינערלעכע איבער-

צײַגטקײַט און די שטאַנדהאַפטיקײַט". נאָר ווײַזוי דערגרייכט מען עס? דער ענטפער איז געווען: „אַרבעטן!" אַט דאָס דאַזיקע וואָרט האָט אַלץ אָפטער זיך באַוויזן אין אירע רייד. דאָס איז געווען טאַמאַרעס באַליבט וואָרט.

דאָס מיידל איז געווען אַף איין יאָר ייִנגער פון אים. איר פאָטער איז געשטאָרבן אין שפּיטאָל פון א שווערער ווונד. די מוטער איז געבליבן אַן אַלמאָנע מיט דרײַ קינדער. זי איז געגאַנגען אַרבעטן, און די עלטערע קינדער האָבן איר אונטערגעהאָלפן אין שטוב. די צאָרעס אינדערהיים האָבן ניט געווירקט אַף טאַמאַרעס לעבנס-פריידיקן כאַראַקטער. זי האָט זיך ספּראַוועט מיט די לימודים אין שול, אָנטיילגענומען אין ספּאָרט-פאַרמעסטונגען און געהאָלפן דער מוטער אין שטוב. די שול האָט זי פאַרענדיקט מיט א גאָלדענער מעדאַל, און דאָס האָט פאַר איר געעפנט די טירן פון יעטווידן אינסטיטוט אָן אַרײַנטריט-עקזאַמענעס. זי האָט אויסגעקליבן דעם שווערסטן — דעם מעטאַלורגישן אינסטיטוט. א טייל פון דער געהעכערטער מעלוכע-סטיפּענדיע פלעגט זי אָפּשיקן דער מוטער.

אין איינעם א בריוו האָט זי געשריבן באַריסן: „...ניט לאַנג צוריק איז מיר אויסגעקומען צו הערן זייער א גוטע פראַזע: אויב שוין זײַן, איז דאַרף מען זײַן דער בעסטער..." די דאָזיקע ווערטער געהערן, דוכט זיך, וואַלערי טשקאַלאָוון. גוט געזאָגט! ניט עמעס?"

5. די באַצווינגער פון מוסטאַנגען

עס וואָלט געווען ניט פון די לײַכטע זאַכן אויסצורעכענען, וויפל באַריס וואָלינאָוו — דער צוקינפטיקער פליִער-פאַרניכטלער האָט דורכגעשפּאַנט מײַלן אין די מאַרשיראָווקעס אין מעשעך פון די לערן-יאָרן, וויפל טראַנשייען ער האָט אויסגעגראָבן, וויפל קאַרטאָפל אָפּגעשיילט אין קיך און וויפל נעכט אויסגעשטאַנען אין די נאַכט-קאַראַולן, איידער ער האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין דער קאַבינע פון אן אַעראָפּלאַן.

באַריס' ערשטער אינסטרוקטאָר — גריגאָרי שילאָוו — האָט ניט נאָר געלערנט פליִען, ער איז אַרײַנגעדרונגען אין אַלע לעבנס-דײַגעס, געהאָלפן, געטרייסט, אָפט פאַרגעסן אין זײַנע אייגענע זאָרגן. ער האָט זיך באַציִען צו די כעוורע, ווי צו אייגענע זין. די יונגע פליִער האָבן אים גערופן מיטן וואָגיקן וואָרט „פאָטער".

נאָך דעם, ווי באַריס האָט דאָס ערשטע מאָל זעלבשטענדיק זיך אופגעהויבן אין דער לופט, האָט ער זיך אומגעקערט אַפן אַעראָדראָם מיט א מעטושטעש געפיל: ניט קיין פרייד, ניט קיין פאַרגעניגן. דער פלוג האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי א פאָרזעצונג פון דער אַרבעט אַפן טרענאַזשער. עפשער האָט ער געהאַט אזא געפיל דערפאַר, ווײַל ער איז אינגאַנצן באַהערשט געווען פון דער שטרעבונג ווי ווײַט מעגלעך פּינקטלעכער אויסצופילן די אינסטרוקציע. די צאָל ראָטאַציעס, די הייך, די ווײַט-נייגונגען — אַלץ דאַרף שטימען מיט די אָנווײַזונגען.

דער צווייטער פלוג איז אָבער געבליבן אין זיכּאָרן. „מע דאַרף פילן די מאַשין. מע דאַרף פאַרשטיין, וואָס עס קומט פאָר, — האָט באַריס געזאָגט צו זיך אַליין, אַרײַנזעצנדיק זיך אין דער קאַבינע. ערגעץ דאָרט, אין דער זאָנע, האָט באַריס זיך געצווונגען אַף א ווײַלע אָפּצולאָזן דעם רודער. דער אַעראָפּלאַן האָט אָנגעהויבן פאַרײַסן די נאָז. באַריס האָט אויסגעהאַלטן. ניט צורירנדיק זיך צום רודער, האָט ער מיט דער הילף פון דעם טרימער אײַנגעשטעלט דעם אַעראָפּלאַן אַפן האָריזאָנטאַלן פלוג. און דאַן האָט ער דערשפּירט דעם אַלץ פאַרשלינגענדיקן געפיל פון איינהײַטלעכקײַט מיט דער מאַשין, א געפיל, וואָס לאָזט זיך שווער באַשרײַבן, ווען עס זײַנען האַרמאָניש צוזאַמענגעגאָסן די אַעראָ-דינאַמישע אייגנשאַפטן פון דער מאַשין און די אייגענע נערוון-סיסטעם. אזא מין געפיל מאַכט דעם מענטשן פאַר א פליִער אַפן גאַנצן לעבן. דער אינסטרוקטאָר וועניאַמין רעשעטאָוו איז געווען ניט פיל עלטער פונעם שילער. נאָר כאָטש אזוי יונג, האָט ער פאַרמאָגט א היפּשע דערפאַרונג. זײַענדיק איינער פון די מוטיקסטע און קאַלטבלוטיקסטע פליִער אינעם אָפּטייל, האָט ער יעדן פלוג פאַרוואַנדלט אין אן אייגנאַרטיקן עקספּערימענט. ווען וועניאַמין זאָל זײַן א פּאָעט, וואָלט ער די בעסטע שורעס פון זײַן דיכטונג געווידמעט דעם רעאַקטיוון פאַרניכטלער, זײַן „מוסטאַנג", ווי ער האָט אים אָנגערופן. רעשעטאָוו האָט אויסגעלערנט באַריסן ליב האָבן דעם הימל. דער געוועזענער פראָנטאָוויק, דער מאַיאָר איוואַנאָוו. האָט געמאַכט פון באַריסן א סאָלדאַט. ווען די „לופט-שלאַכט" פלעגט זיך ענדיקן, פלעגט באַריס, אָנשפּאַרנדיק זיך אַפן פליגל פון דעם קאָמאַנדירס אַעראָפּלאַן, דערזען אַפן אָפּגעבערענטן, מיט שראַמען באַדעקטן פּאָנעם פונעם ערשטראַנגיקן פליִער אן אויסדרוק, וואָס איז אים זייער געפעלן. איוואַנאָוו האָט געשמייכלט. אונטערן אײַנדרוק פון דעם דאָזיקן אופמונטערנדיקן שמייכל האָט באַריס איינמאָל אָנגעשריבן אין א בריוו אַהיים: „איך האָב אָנגעזאָטלט מײַן ערשטן מוסטאַנג, טאַמאַרע. איך בענק נאָך דיר און וואַרט אַף דיר".

6. דאָס אומפאַרגעסלעכע יאָר

זי האָט געבראַכט מיט זיך פון סיביר צום ברעג פון דער וואָלגע א לײַכטן טשעמאָדאַן מיט וויניק זאַכן, זייער אַן ערנסטן דיפּלאָם פון אַן אינזשעניר-מעטאַלורג און, דעריקער, איר ליבע. נאָענט לעם אַעראָדראָם, ווו באַריס האָט געדינט, איז ניט מעגלעך געווען צו געפינען א באַזונדערע קוואַרטיר, נאָר דאָס יונגע פּאָרל

האָט זיך אײַנגעאָרדנט. ביז הײַנט דערמאָנען זיי זיך מיט גרויס צאַרטקייט די כאַדאָשים, ווען זיי האָבן געלעבט אין זייער קליינינקער מאַנסאַרדע.

ס'איז געגאַנגען דאָס יאָר 1957. די פליִער פון דער עסקאַדריליע האָבן אויסגעקליבן באָריסן פאַר זייער קאָמסאָרג. די קאָמסאָמאָלצעס האָבן אונטערגעהאַלטן זײַן באַקאָשע אָנגענומען צו ווערן פאַר אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי.

דעם 9-טן מײַ, אין טאָג פון ניצאָכן, האָט באָריס געפּראַוועט די כאַסענע מיט טאַמאַרען. טאַמאַרע איז אַוועק אַרבעטן אויף דעם יאַראָסלאַווער אַוטאָמאָביל-זאַוואָד. מע האָט איר פאָרגעלייגט אַ פּלאַץ אין דער אַדמיניסטראַציע. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט און באַשטאַנען אויף דעם, אַז זי וועט אַרבעטן אין שמידערײַ-צעך, צוערשט אַלס געהילף פונעם אומבײַט-מײַסטער, דערנאָך אַלס אומבײַט-מײַסטער.

עס איז ניט לײַכט פאַר אַ פרוי, אַן אינזשעניער צו דעראָבערן אויטאָריטעט, ווען זי האָט דעם אויסזען פון אַ צוואַנציקיאָריק מיידל. טיילמאָל פלעגט טאַמאַרע זיך קלאָגן:

— הײַנט האָט ווידער עמעצער מיך אָנגערופן „שנעקל".

— און דו האָסט אים אָפּגעשוויגן?

— איך האָב געשוויגן. אַרײַנגעזאָגט האָבן אים די קאָוואַלעס...

עס איז געקומען די צײַט, ווען באָריס פלעגט אַפן וועג אַהיים פונעם אַעראָדראָם אַרײַנלויפן אויף דער פּאָטשט און זיך אָנפרעגן אויף אַ טעלעגראַמע. טאַמאַרע איז אַוועקגעפאָרן קיין פּראָקאָפּיעווסק צו די מאַמעס. באָריס האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען.

די טעלעגראַמע איז אָנגעקומען, ווי געווינלעך, אומגעריכט ערעוו די פלוגן: „ס'איז געבוירן געוואָרן אַ זון — אַנדריושקע". אין יענעם טאָג האָט דער דעזשורנע פונעם אַעראָדראָם שיִער ניט אויפגעהויבן אין אַליאַרעם. וואָלינאָווס אַעראָפּלאַן האָט באַוויזן אַזוינע קונצן אין דער לופטן, דורכגעמאַכט אַזעלכע פיגורן, אַז באַשרײַבן זיי איז פּאָשעט אוממעגלעך. דאָס איז געווען אַ קאַסקאַד פון העכערן פּילאָטאַזש לעקאָוועד אַנדריושקעס באַווײַזן זיך אויף דער וועלט.

אינגיכן איז אין דער מאַנסאַרדע פריילעכער געוואָרן. טאַמאַרע האָט זיך אומגעקערט. אַנדריושקע איז געוואַקסן אונטערן אויפזיכט פון די מאַמעס.

אין דער מאַנסאַרדע האָט שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן געברענט דאָס ליכט. עס האָבן טאַמאַרען ניט געלאָזט שלאָפן די מאַכשאָוועס וועגן צעך און די זאָרג פאַרן מאַן, ווען באָריס איז אַוועק אויף באַנאַכטיקע פלוגן. שאָענלאַנג פלעגט זי זיך צוהערן צום גערויש פון די טורבינעס, באַמיִענדיק זיך אויפצוכאַפּן דעם קלאַנג פון זײַן טורבינע. קיין רעזולטאַט האָט זי, געווינלעך, ניט באַקומען. זי האָט עס געוווּסט, און פונדעסטוועגן זיך אַלץ צוגעהערט, אַזוי לאַנג, ביז זי האָט פאַרן באַגינען דערהערט דאָס סקריפּען פון די טרעפּלעך אַרויף צו דער מאַנסאַרדע.

די כאַדאָשים האָבן זיך איינער נאָכן אַנדערן אויסגעסיידערט. פון כוידעש צו כוידעש איז אַלץ פאַרהאַרטעוועטער געוואָרן דער פליִער באָריס וואָלינאָוו. פאָרמעל איז אַפן קאַלענדאַר געשטאַנען די ציפער 1958, דאָס אומפאַרגעסלעכע יאָר האָט זיך נאָך ניט געהאַט געענדיקט. אויף באָריס וואָלינאָוון האָט געוואַרט נאָך איין לעבנסוויכטיקע געשעעניש.

קורץ און שאַרף איז די מיליטערישע שפּראַך. די כאַראַקטעריסטיקעס פון די פליִער זײַנען אויסערסט לאַקאָניש געשריבן. ווען אין אַן אַטעסטאַציִע באַווײַזט זיך אַ נײַער, נאָך ביז דאַן ניט באַנוצטער אַטריבוט, וואַרפט ער זיך גלײַך אין די אויגן. „דער פליִער וואָלינאָוו באַזיצט אויסערגעוויינלעכע אַוויִאַטאָרישע פייִקייטן" — וועגן דעם האָט דער מאַיאָר איוואַנאָוו אָנגעשריבן אין זײַן פּאַרטיי-רעקאָמענדאַציִע דעם קאָמסאָרג פון דער עסקאַדריליע.

ווען די פאַרניכטלער האָבן איינער נאָכן אַנדערן זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי אויף דער לאַנדונג-טראַסע, האָבן די פליִער שוין געוווּסט, אַז מע דאַרף זיך ניט צעגיין, ס'וועט זײַן אַ פּאַרטיי-פאַרזאַמלונג. טאַקע דאָ אַפן גראָז האָט זיך אויסגעזעצט דער פּרעזידיִום. אַוועקלייגנדיק דעם פּלאַנשעט אויף די קני, האָט דער סעקרעטאַר געשריבן דעם פּראָטאָקאָל. אין פּראָטאָקאָל איז צום סאָף פון דער פאַרזאַמלונג פאַרצייכנט געוואָרן: „באָריס וואָלינאָוו איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן אין די רייען פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי".

7. דער דובליאָר

טאַמאַרע האָט געוווּסט, אַז איר מאַן איז אַן ערלעכער און אויפריכטיקער מענטש. ווען ער וואָלט געמעגט, וואָלט ער אַלץ דערציילט. ער האָט אָבער געשוויגן. אַוועקגעפאָרן און געבעטן וואַרטן. הייסט עס — אַזוי איז נייטיק, אַזוי דאַרף זײַן.

זי האָט געוואַרט. און באָריס איז שוין אין יענע טעג געפלויגן אינאיינעם מיט יורי גאַגאַרינען, מיט גערמאַן טיטאָוון און מיט די אַנדערע קומענדיקע קאָסמאָנאַווטן, אָנטייל גענומען אין די ערשטע איבונגען.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע וועסנע אין קאָסמאָנאַווטן-צענטער. עס האָבן זיך באַוויזן גרינע בלעטעלעך אויף די ביימער, די ערשטע בלומען. טאַמאַרע איז געקומען צו פאָרן מיט אַנדריושען...

זי איז אַרײַנגעגאַנגען אין זייער נײַער דירע. אַרײַנגעקוקט אין קיך, אין באָד-צימער, באַטראַכט די צימערן. באָריס האָט געשוויגן.

— אין יענע טעג, — דערמאָנט זיך באָריס וואָלינאָוו, — ווען טאַמאַרע איז געקומען צו פאָרן מיט אַנדריושקען, האָב איך נאָרוואָס גע-

גרייט צום שפרונג מיטן פאַראשוט. 1968
באָריס וואָלינאָוו באַגריסט יורי גאַגאַרינען
מיטן דערפאָלגרײַכן פלוג אין קאָסמאָס.
צוזאַמען מיט דער מישפּאָכע

האָט באַקומען די קוואַרטיר. טאַמאַרע איז אַרומגעגאַנגען איבער די פּוסטע צימערן. קיין מעבל האָבן מיר נאָך ניט געהאַט. מע האָט געדאַרפֿט זיך אײַנפֿונדעווען. און, ווי עס איז שפּעטער קלאָר געוואָרן, אַף לאַנג. איך האָב נאַרוואָס זיך געהאַט אומגעקערט פֿון לאַנג-טערמיניקע טרענירונגען. דאָס ערשטע מאָל האָט זיך דאָס גליקל צעקלונגען בא דער טיר פֿון אונדזער וווינונג. אַף דער שוועל איז געשטאַנען אַ שמייכלענדיקער, יורי גאַגאַרין.

— ווען וועט זײַן דער כאַנוקאַס-האַבאַיס? — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן און טאַקע באַלד אַליין באַשלאָסן: — הײַנט!

טאַמאַרע האָט צופֿרידן אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט. יורי האָט זי אַרומגענומען בא די אַקסל און געזאָגט:

— פֿאַר אונדז, באַלעבאָסטע-לעבן, איז דײַן שמייכל פֿיל טײַערער פֿון די בעסטע געבעקסן און געקעכצן.

און ביז איצט האָט זיך פֿאַרגעדענקט, אַז קיין שום אַנדער גוט-צוגעגרייטער אופֿנאַם איז ניט אַדורך בא אַזא געהויבענער שטימונג, אַזוי לעבעדיק און פֿריילעך, ווי אַט יענער כאַנוקאַס-האַבאַיס אין דער פּוסטער קוואַרטיר. „דאָס שווערסטע אין דער צאָרע איז דער אָנהייב", — האָט גאַגאַרין געשפּאַסט. ער איז געווען גערעכט, אַלץ האָט זיך נאָכדעם מיט זײַן כאַווערישער הילף זייער גיך אײַנגעאָרדנט.

די וואָלינאָווס האָבן אָנגעהויבן אַ נײַ לעבן.

אינגיכן איז טאַמאַרע געוווירע געוואָרן, מיט וואָס פֿאַר אַ מין אַרבעט עס שטייט פֿאַר איר מאַן זיך צו פֿאַרנעמען. „נו, וואָס-זשע, אַלץ דאַרף בלײַבן אַזוי, ווי געווען", — האָט זי באַשלאָסן און איבערגעגאַנגען אַרבעטן אַף דעם שכייניסדיקן זאַוואָד פֿון מאַשינען-בוי. דאָ איז זי געווען אַן עלטערער אינזשעניער. ביידע האָבן איצט געאַרבעט לויט זייער פֿאַך. זײַן אַ קאָסמאָנאַווט איז געוואָרן אַ פֿאַך. ווען די ערשטע סאָוועטישע פֿליִער צו די שטערן זײַנען אַוועק אין קאָסמאָס, האָט זיך געדוכט, אַז דאָס זײַנען עקספּערימענטאַלע פֿלוגן, און דער קאָסמאָנאַווט איז אַן עפּיזאָדישער באַרוף. וואַלערי ביקאָווסקיס דובליאָר, באָריס וואָלינאָוו האָט געוווסט, אַז דאָס איז שוין אַ פּראָפֿעסיִע. ער איז גרייט געווען צום אַרופֿלי אין יענעם אומפֿאַרגעסלעכן יאָר, נאָר דאָס מאָל איז ער ניט געפֿלויגן, און ער האָט געדולדיק געוואַרט אַף זײַן צײַט און אַף זײַן שיף. דערווײַל איז דאָס וויכטיקסטע געווען — ניט זיצן מיט פֿאַרלייגטע הענט. מע דאַרף זיך גרייטן און וואַרטן.

אַנדרישע איז שוין געגאַנגען אין ערשטן קלאַס, ווען איבער די צימערן האָט אָנגעהויבן אַרומשפּאַצירן די קליינינקע טאַניושע.

8. ערד — קאָסמאָס — ערד

דעם 15-טן יאַנוואַר 1969 איז פֿאַרגעקומען דער סטאַרט פֿון דער שיף „סאָיוז-5". די שיף האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין קאָסמאָס, קעדיי דורכפֿירן אַ קאָמפּליצירטן עקספּערימענט — זיך צוזאַמענשליסן מיט דער שיף „סאָיוז-4", און די קאָסמאָנאַווטן יעוגעני כרונאָוו און אַלעקסיי יעליסייעוו האָבן געדאַרפֿט אַריבערגיין אין דער שיף, וועלכע עס האָט פּילאָטירט וולאַדימיר שאַטאַלאָוו. באַם רודער פֿונעם פֿינפֿטל איז געזעסן באָריס וואָלינאָוו. אַזוי האָט זיך פֿאַרמירט די ערשטע אין דער וועלט עקספּערימענטאַלע וויסנשאַפֿטלעכע סטאַנציע אין קאָסמאָס.

די מעסלעסן זײַנען געפֿלויגן איינער נאָכן אַנדערן. די קאָסמאָנאַווטן האָבן מיט באַגײַסטערונג געטאָן זייער זאַך, און אונטער זיי האָט געשימערט די מאַמע-ערד, דאָס היימלאַנד, אַמאָל באַלויכטן מיט די שטראַלן פֿון דער זון, אַמאָל פֿאַרהוילן אין די רויכיקע וואָלקנס.

די לופֿט-שיפֿן זײַנען געפֿלויגן איבער דער טײַגע, איבער דעם לײַבלעך-אייגענעם סיבירער קאַנט, ווו באָריס איז אויפֿגעוואַקסן, איבער דער וואָלגע, ווו ער איז געוואָרן אַ סאָלדאַט, איבער מאָסקווע, ווו ער איז געוואָרן אַ קאָסמאָנאַווט, ווו עס האָבן אַף אים געוואַרט טאַמאַרע, אַנדרישע און טאַטיאַנקע.

„אַט אַזוי צווימט מען מוסטאַנגען", — האָט געוויס דער פֿליִער רעשעטאָוו אויסגערופֿן, ווען צו אים איז דערגאַנגען די נײַס וועגן באָריס וואָלינאָווס סענסאַציאָנעלן פֿלוג.

זומער איז אַ „הייסע" צײַט פֿאַר די געלערנטע, וועלכע פֿאָרשן די נאַטור. זומער לאָזן זיך אַוועק די געאָלאָגן אין ווײַטע עקספּעדיציִעס. די גלאַציאָלאָגן דראַפּען זיך אַף אײַזבערג, עס זוכן אין דער טײַגע די געאָגראַפֿן. אין קאָסמישע עקספּעדיציִעס לאָזן זיך פֿליִען מערסטנס אויך זומערצײַט. כאָטש אַף דער אָרביטע זײַנען ניט פֿאַראַן קיין שטורעמס, קיין שניי-זאַווערוכעס, פֿונדעסטוועגן אַרבעטן שוין צוויי יאָר נאָכאַנאַנד אין קאָסמאָס די „סאַליוטן" גראַד זומערצײַט. אין יוני און אין יולי האָבן זיך געשטעלט אַף דער קאָסמישער וואַכטע באָריס וואָלינאָוו און וואַלערי זשאָלאָבאָוו. 48 מעסלעס זײַנען זיי געווען אַף דער שיף „סאַליוט-5". פֿיל פֿון אונדז האָבן אין דער זעלבער צײַט פֿאַרבראַכט זייער אורלויב, און די צוויי סאָוועטישע קאָסמאָנאַווטן האָבן געאַרבעט צו 18 שאָ אין מעסלעס.

אין דער אָרביטאַלער סטאַנציִע „סאַליוט" געפֿינען זיך פֿילצאָליקע וויסנשאַפֿטלעכע אינסטאַלאַציִעס און אַפּאַראַטן: טעלעסקאָפּן אַף צו דערלערנען די זון און די שטערן, פֿאָטאָ-אַפּאַראַטור אַף צו פֿאָטאָגראַפֿירן די ערד, ספּעקטראָמעטערן, וויזירן, וואַקוום-קאַמערעס, ביִאָבלאָקן. צענדליקער עקספּערימענטן זײַנען דורכגעפֿירט געוואָרן, עס איז ניט אַזוי גרינג אַלע אויסצורעכענען! נאָר אויב מיר האָבן שוין אָנגעהויבן שמועסן וועגן געאָלאָגן, גלאַציאָלאָגן, געאָגראַפֿן, וועלכע זײַנען אין יולי און אין אויגוסט ווײַט פֿון דער היים, דאַרף מען שוין דערמאָנען, אַז דאָס איז ניט קיין צופֿעליקײַט, וואָס די דאָזיקע געלערנטע געפֿינען זיך

אין דער טײַגע אָדער אין מידבער, און באָריס וואָלינאָוו מיט וויטאלי זשאָלאָבאָוון — אין דער זעלבער צײַט אין קאָסמאָס. ווײַזט זיך ארויס, אז אלע זיי האָבן געארבעט בעשוטפעס, לויט איין אלגעמיינעם פּלאן.

צום בײַשפּיל, דער קאָסמישער עקיפּאַזש האָט עטלעכע מאָל פאָטאָגראַפירט דעם באַרימטן פּלאַטאָ אוסטיוג אין מיטל-אזיע, ווו מע פירט איצט דורך אינטענסיווע זוכונגען פון נוצלעכע מינעראלן. אין דער זעלבער צײַט, ווען „סאליוט" האָט זיך דערנעענטערט צום ראַיאָן פון די אופנאמען, זײַנען ארויסגעפלויגן עראָפּלאַנען מיט דער געהעריקער אַפּאַראַטור צום פאָטאָגראַפירן פון דער לופט. און אויף דער ערד סינכראָניש מיט די קאָסמאָנאַווטן און מיט די פליִער געארבעט די געאָלאָגישע פּאַרטיִעס.

פון דער קאָסמישער אָרביטע איז דער האָריזאָנט א ברייטערער, עס איז מעגלעך ארומצוכאַפּן מיטן אויג דערשײַנונגען, וועלכע מע קאָן פון דער ערד ניט באַאָבאַכטן און אפילו ניט פון אן עראָפּלאַן. בא די ספּעציאַליסטן הייסט עס פּאַראַלגעמיינערונג פונעם אָנזיכט. אזא פּאַראַלגעמיינערונג גיט די מעגלעכקײַט צו באַשטעטיקן אָדער אָפּלייקענען די היפּאָטעזעס פון די געלערנטע וועגן דעם געבוי פון דער ערד און אויסגעפינען געוויסע געזעצמעסיקײַטן. דאָס וועט העלפן די געאָלאָגן דורכצופירן מיט מער צילגעווענדקײַט זייערע זוכונגען אין די פּערספּעקטיווע ראַיאָנען.

באָריס וואָלינאָוו און וויטאלי זשאָלאָבאָוו האָבן דורכגעפירט אופנאמעס פון פארשיידענע ראַיאָנען פון אונדזער לאנד — ווײַסרוסלאנד, מיירעוו- און מיזרעך-סיביר, מיטלאזיע, קאַווקאַז. און אין אָט די אלע ערטער האָבן אייניצײַטיק מיט די קאָסמאָנאַווטן געארבעט פּאַרטיִעס ספּעציאַליסטן אויף דער ערד.

די קאָסמאָנאַווטן האָבן דורכגעפירט א ציקל אויספאָרשונגען לויט דער אופגאבע פון די אסטראָפיזיקער. אויפן באָרט פון „סאליוט-5" זײַנען אינסטאלירט געוואָרן טעלעסקאָפּן און אַפּאַראַטן, וועלכע זײַנען ניט מעסוגל צו ארבעטן אויף דער אויבערפלאך פון דער ערד: זיי „פילן" די אויסשטראלונגען פון דער זון, וועלכע לעשן זיך אויס אין דער אטמאָספער פון אונדזער פּלאנעט. די אסטראָנאָמען האָבן פונסנײַ אין פארשיידענע אָבסערוואַטאָריעס, אין צוזאמענארבעט מיטן עקיפּאַזש פון דער סטאנציע, דורכגעפירט אויספאָרשונגען אין מעשעך פון די דאָזיקע זומער-כאדאָשים. די קאָסמישע באַאָבאַכטונגען וועלן דערלויבן די געלערנטע פּינקטלעכער פעסטצושטעלן די פּאַנאָראַמע פון דער טעטיקײַט פון דער זון, קלאָר מאכן די סיבעס פון איר אקטיווקײַט, זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין די פּראָצעסן, וועלכע קומען פאָר אויף דער זון, ווו די טעמפּעראַטור איז אויסערגעוויינלעך שטארק (פון זעקס טויזנט גראדוסן אויף דער אויבערפלאך ביז א מיליאָן גראדוסן אין דער קרוין). אויף וואָס פאר אן אופן קומט פאָר דער שפּרונג אין דער טעמפּעראַטור? ענטפערן אויף דער פראגע הייסט באַגרײַפן די דערווײַל נאָך אומבאַוווּסטע פיזישע פּראָצעסן. ווײַזט אויס, אז אויף דער זון קומען פאָר אזעלכע פארוואנדלונגען פון דער ענערגיע, וועלכע זײַנען נאָך די ערד-אײַנוווינער ניט באַוווּסט. די געלערנטע שטייט פאָר אָט די פּראָצעסן דערלערנען און נאָכדעם רעפּראָדוצירן זיי אין די לאַבאָראַטאָריִעס. לויט אלע וואַרשײַנלעכקײַטן, וועט טאקע די זון אליין העלפן די מענטשן זיך אויסלערנען אויסנוצן איר ענערגיע אין באליביקע קוואַנטיטעטן.

די רעזולטאטן פון די באַאָבאַכטונגען פונעם עקיפּאַזש האָבן די געלערנטע איצט שוין אויסגעשטודירט. דער עקספּערימענט „קרישטאָל", וועלכער גיט די מעגלעכקײַט אויסצופאָרשן דעם וווּקס פון די קרישטאָלן אין די באַדינגונגען פון וואָגלאָזיקײַט, דער עקספּערימענט „שטראָם", וועלכער דערלויבט אורצוטיילן וועגן דער מעגלעכקײַט דורכצופירן גאַז-אײַנשליסונגען אין פליסיקײַטן אין קאָסמישע באַדינגונגען, — די דאָזיקע און אנדערע טעכנאָלאָגישע עקספּערימענטן שאפן די פאָרבאַדינגונגען צום בויען אין קאָסמאָס עכטע פאַבריקן אויף צו באַקומען מאטעריאַלן מיט די ווערטפולסטע אייגנשאפטן, וואָס אין די באַדינגונגען אויף דער ערד איז אומעגלעך אזעלכע צו שאפן.

דעם 24-טן אווגוסט 1976 האָבן די קאָסמאָנאַווטן בעשאָלעם זיך אומגעקערט אויף דער ערד. דעם „סאָיוז-21" האָט באַגעגנט די קאזאַכישע נאכט. באָריס וואָלינאָוו און וויטאלי זשאָלאָבאָוו זײַנען אליין ארויסגעגאנגען פונעם לאנדונג-אַפּאַראַט און סיגנאליזירט מיט ראַקעטעס די העליקאָפּטערן, וועלכע האָבן זיי ארומגעזוכט.

9. מישפּאָכע-איניאָנים

עס האָט זיך נאָרוואָס פארענדיקט דער אָרדנטלעכער פלוג לויט דער פּראָגראַם „אינטערקאָסמאָס". אין צענטער פאר צוגרייטן קאָסמאָנאַווטן ווארט מען אויף דעם צוריק-געקומענעם פונעם קאָסמאָס עקיפּאַזש: אויף דעם קאָמאַנדיר פון דער שיף, דעם דערפארענעם קאָסמאָנאַווט וואלערי קובאסאָוון און אויף דעם קאָסמאָנאַווט-אויספאָרשער, דעם בירגער פון דער אונגארישער פאָלקס-רעפּובליק פאַרקאַש בערטאלאַן. דער עקיפּאַזש פון דער סטאנציע „סאליוט-6" — לעאָניד פּאָפּאָוו און וואלערי ריומין, מיט וועלכע עס האָט דערפאָלגרײַך געארבעט דער עקיפּאַזש „אינטערקאָסמאָס", איז געבליבן אויף א ווײַטערדיקער ארבעטס-וואכטע אויף דער אָרביטע.

פארנאכטצו בין איך געגאנגען מיט דעם צוויי מאָל העלד פונעם סאָוועטנפארבאנד באָריס וואָלינאָוו איבער די אלייען פון „זוויאָזדנע" צו אים אהיים. מיר האָבן געשמועסט וועגן דעם מאָרגנדיקן טאָג. מאָרגן האָבן נאָך צוויי

קאָסמאָנאַווטן, יורי מאַלישעוו און וולאַדימיר אַקסיאָנאָוו, געדאַרפט זיך לאָזן פליִען אַף דער נייַער שיף „סאָיוז-ט-2“, אויספּרוּוון אין אַלע רעזשימען דאָס נייַע ווערק פון די קאָנסטרוקטאָרן.

וויפל נעמען, וויפל געשעענישן בלויז אין עטלעכע שאָ!

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו די טאָגטעגלעכע וואָכעדיקע איניאָנים.

— וואָס הערט זיך אינדערהיים?

— שטעל מיר קאָנקרעטע פראַגעס, — האָט וואָלינאָוו געזאָגט. — אַגעוו, אויב דו וועסט דערפילן, אַז די אַטמאָספער אין מייַן מישפּאָכע-נעסטעלע איז איצט אַן אָנגעשטרענגטע, זאָלסטו זיך ניט וווּנדערן. אַלע אין שטוב רעדן שטיל, צו מיר אין קאַבינעט גייט מען ניט אַרייַן. אַזוי איז בא אונדז אין שטוב אייַנגעפירט, ווען עמעצער אין דער מישפּאָכע גרייט זיך צו עקזאַמענעס. האָסט עס געקאָנט באַמערקן, ווען אַנדריי האָט אָפּגעגעבן עקזאַמענעס פאר דער מיטלשול. דערנאָך ווען ער איז אַרייַן אין אינסטיטוט. אַזוי איז געווען, ווען טאַמאַרע האָט פאַרטיידיקט די דיסערטאַציִע. און איצט איז מייַן ריי. מאָרגן דאַרף איך אָפּפירן מייַן דיסערטאַציִע אַפן מישפּעט פון דער קאָמיסיע. ניין, באַגריס מיך נאָך ניט, ביז איך וועל ניט אָפּגעבן דעם עקזאַמען, נעם איך ניט אָן קיין באַגריסונגען. די מאַמע? זי איז שוין אַן אַלטע פרוי, זיבעציק יאָר אַלט. זי האָט זיך אויך פאַרטייַעט אין דערוואַרטונג, באַגלייַך מיט אַלעמען, — האָט באָריס געשמייכלט.

איך האָב זיך דערמאָנט אין יעווגעניִע איזראַילעוונא. איך האָב זי געזען נאָך באָריס׳ ערשטן פלוג. הונדערטער מענטשן זייַנען געקומען צו איר אין שטוב זי באַגריסן מיטן זונס קאָסמישן דערפאָלג. פאַרנאַכט-צו, — האָט אַ שכיינע דערציילט, — פאַלט זי אַוועק פאַר מידקייַט, ווי אַן אונטערגעשניטענע. און אָט זייַנען געקומען זי באַגריסן די שילער. ניט צו באַגרייַפן, ווו זיי האָבן געקראָגן אַזעלכע בלומען אין יאַנוואַר כוידעש בא אַזאַ סיבירער פראָסט. די כעוורע זייַנען, וואַרשייַנלעך, פון דער שול, ווו באָריס האָט זיך געלערנט. דאָ האָבן זיך געוויס צוגעסטאַרעט זייערע עלטערן. קימאַט יעדער דריטער אייַנוווינער אין דער שטאָט איז יעווגעניִעס איזראַילעוונעס אַ געוועזענער פּאַציִענט. אַזויפיל יאָרן אָפּגעאַרבעט... און באַליבט איז זי סייַ בא די קינדער, סייַ בא די דערוואַקסענע.

אין שטוב בא וואָלינאָוון איז שטיל, אַזוי ווי באָריס האָט פריִער געזאָגט. די קליינע טאַניושע איז אַרויסגעלאָפן אונדז אַנטקעגן און איז טאַקע באַלד פאַרשוווּנדן געוואָרן. באָריס האָט מיר צוגעווונקען מיטן אויג.

— טאַמאַרע וועט הייַנט קומען שפּעט. דאָס האָט זי, מיסטאַמע, אָנגעזאָגט טאַטיאַנען, זי זאָל מיר ניט שטערן. איך וועל די נאַכט זיך אַוועקזעצן און וועל נאָכאַמאָל דורכבלעטערן מייַן אַרבעט. טאַמאַרע?

טאַמאַרע האָט פאַרטיידיקט איר דיסערטאַציִע. איצט איז זי קאַנדידאַט פון טעכנישע וויסנשאַפטן. זי יאָגט איבער איר מאַן. מע האָט זי פאַרבעטן אַף אַרבעט אינעם וויסנשאַפטלעכן פאָרשונג-אינסטיטוט פון דער שוואַרצער מעטאַלורגיִע. באָריס שטאָלצירט מיט זייַן פרוי. ווען ער רעדט וועגן איר, צעגיסט זיך אַ מילדער שמייכל אַף זייַן געזיכט. אַנדריושע און דאָס טעכטערל לערנען זיך גוט. אָט אַזוי גייט עס אינעם געזינד.

— און מיט דער מאַמען פיר איך ניט קיין רעגולערע קאָרעספּאָנדענץ. ניין, ניין. דו האָסט ניט וואָס צו כמורען די ברעמען. יעדע וואָך רעדן מיר דורכן טעלעפאָן. זונטיק וועלן מיר ווידער שמועסן. אויב איך וועל ניט קלינגען, וועט זי באַלד קלינגען צו מיר. זי האַלט, אַז עס איז בעסער צו הערן מייַן שטימע פונדערהיים, טאַמאַרעס שטימע אָדער די קינדערס, איידער צו וואַרטן אַף אַ בריוו און אים באַקומען פונעם קאָסמאָדראָם, צי גאָר, ווי עס געשעט אַמאָל, געוווירע ווערן וועגן מייַן סטאַרט פון דער ראַדיִאָ. דייַגעס האָט זי גענוג. דאָס ברודערל מייַנס, ראָבערט איז אַוועקגעפאָרן אַף אַ לענגערער צייַט אַרבעטן אין ניגעריִע, האָט זי שוין געהאַט וואָס צו זאָרגן. ווען ראָבערט איז געקומען אַנומלטן צו פאָרן צו אונדז צוגאַסט, האָב איך אים געייצעט, ער זאָל צוזאַמען מיט דער מאַמען אַריבערפאָרן צו מיר קיין מאָסקווע. ניין, — ענטפערט ער מיר, — די מאַמע איז געווינט צום סיבירער קלימאַט, און אין איר עלטער איז ניט אַזוי לייַכט זיך צו דעקלימאַטיזירן. און וואָס איז שייַך מיך זעלבסט, — האָט ער צוגעגעבן, — וועל איך אין דער כירורגיִע זיך מייַנס דערשלאָגן אויך אין סיביר. מענטשן קאָנען נאָך זאָגן: ער איז אַריבערגעפאָרן צום ברודער, דעם קאָסמאָנאַווט, קעדיי זיך באַהאַלטן אונטער זייַנע פליגל, ווי אונטער דער מאַמעס פאַרטעך. ווי דו זעסט, איז ראָבערט אַ באָכער מיט אַ כאַראַקטער: ער וועט שוין, הייסט עס, אַליין זייַן שטעטל באַשטיין. אין אונדזער מישפּאָכע איז מען געוווינט אַלץ צו טאָן מיט די אייגענע הענט, לעבן מיט אייגענער האָרעוואַניִע.

— נו, און ווען קלייַבסטו זיך אָנזאָטלען נאָך אַ מוסטאַנג, ווי עס האָט ליב געהאַט צו זאָגן דייַן אינסטרוקטאָר רעשעטאָוו?

באָריס וואָלינאָוו האָט מיר אַ קוק געטאָן גלייַך אין די אויגן און גענדיקט, אָפּקלאַפּנדיק יעדעס וואָרט צום טאַקט אַפן מיליטערישן שטייגער:

— גרייט יעדע מינוט אויסצופילן די פאַרגעבינג פונעם היימלאַנד. איך הער ניט אויף צו טרענירן זיך טאָג-אייַן, טאָג-אויס. ווען מע וועט באַפעלן, וועל איך פליִען. — און אין אַן אַנדער טאָן, מיט אַ שמייכל.

— דו פרעגסט מיך וועגן דעם, קעדיי צו וויסן געבן מייַן מאַמען, צי דו דאַרפסט עס וויסן פאַר דער פּרעסע?

יידיש — בערל רויזין

מ י ר ע כ ע נ ק י ן

אין פּעטליוּרעס קרוינשטאָט

ראָמאַן

12. הײַדאַמאַקעס שפּאַסן

ס'איז שוין געווען סאָף ווינטער, נאָר די אַלטע וואָלינער שטאָט איז נאָך, ווי פֿריִער, געווען פֿאַרשאָטן מיט שניי, און פּונקט ווי פֿריִער, האָט זי נאָך געזאָלט הייסן קרוינשטאָט.

דער אַטאַמאַן קאָוואַלדאַ, קאָמענדאַנט פֿון דער שטאָט, האָט שטאַרק געזאָרגט וועגן דעם, אַז עס זאָל ניט געמינערט ווערן דער קאָוועד פֿון אַ קרוינשטאָט. דאָס האָט ער דער ערשטער דערטראַכט זיך, אַז אין אַ קרוינשטאָט טאָר דער טאָג זיך ניט אָנהייבן אַזוי פּראָסט, ווי אין אַ געוויינלעכער שטאָט. לויט קאָוואַלדאַס באַפֿעל פֿלעגט איצט יעדן פֿאַרטאָג, ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן דער באַגינען, איבער דער שטאָט זיך קײַקלען דער אָפּהילך פֿון אַ האַרמאַטן-שאָס. דאָס האָט מען געשאָסן פֿון „ליסע גאָרא", דערמאָנט די אײַנוווינער, אַז זיי וווינען אין אַ קרוינשטאָט, וווּ עס הערט ניט אויף צו וואַכן דאָס אויג פֿונעם אַטאַמאַן קאָוואַלדאַ.

און נאָכן הילכיקן האַרמאַטן-שאָס פֿלעגט זיך אָנהייבן אַ טאָג, וואָס איז געווען פֿול מיט אומשפּאַצירנדיקע כאָרונזשיס, סאָטניקעס און עסאַולן, פֿול געווען מיט דעם געשאַל פֿון אָרקעסטערס, וועלכע האָבן געשפּילט דעם פּעטליורישן הימן, פֿול געווען מיט שיקערע און האַלב-שיקערע אויסרופֿן: «Слава!», «Слава!». און אַטאַמאַן קאָוואַלדאַ פֿלעגט עטלעכע מאָל אַ טאָג אַרויספֿאָרן אויף זײַן ווײַס פֿערד, אין אַ שטאַרקן גאַלאָפּ דורכרײַטן די שטאָט און אַכטונג געבן, עס זאָל אַלץ זײַן, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ קרוינשטאָט.

געזאָרגט וועגן דעם קאָוועד פֿון דער קרוינשטאָט האָט אויך דער מיניסטער כווילעוויצקי. דאָס האָט ער זיך דערטראַכט, אַז אַ קרוינשטאָט דאַרף לעבן מיטן גלויבן אין מאָרגנדיקן טאָג, זי דאַרף שטענדיק האָפֿן, אַז מאָרגן, ניט שפּעטער ווי מאָרגן, איז איר באַשערט בײַצוזײַן בײַ גרויסע געשעענישן. האָט ער גענומען באַקן זיי, אָט די געשעענישן. ער פֿלעגט איצט אַרויסלאָזן איין אָפּיציִעלע מיטיילונג נאָך אַן אַנדערער, איין רעגירונגס-קאָמוניקאַט נאָך אַ צווייטן. אין איין קאָמוניקאַט האָט ער געמאָלדן, אַז די פֿראַנצויזישע זואַוון זײַנען שוין אין וועג, זיי האַלטן שוין אָט-אָט בײַם צוקומען צו פּעטליורעס קרוינשטאָט, וווּ די אײַנוווינער וועלן זיי זיכער באַגעגענען מיט גרויס ליבע, וועלכע עס פֿילט אין זיי, צו די זואַוון, די גאַנצע «Ненька-Україна»; אין צווייטן קאָמוניקאַט האָט ער געמאָלדן, אַז די אונטערהאַנדלונגען מיט דער אַנטאַנטע גייען שוין צום סאָף, דער דערפֿאָלג איז געזיכערט, און איזן איז דער דערפֿאָלג אַזוי גרויס, אַז די «Ненька-Україна» וועט ענדלעך קאָנען אָן אָטעם טאָן פֿרײַ, ווי דער הויפּט-אַטאַמאַן, סעמען פּעטליורע, ווינטשט איר פֿון זײַן גאַנצן ליבעפֿולן האַרצן.

מיט זײַנע טאָגטעגלעכע קאָמוניקאַטן האָט ער געוואָלט אויפֿמונטערן די קרוינשטאָט, אויפֿהייבן דעם גלויבן אין דעם „ליבעפֿולן האַרצן" פֿון דעם הויפּט-אַטאַמאַן, סעמען פּעטליורע. אָבער ניט נאָר קאָמוניקאַטן פֿלעגט ער, כווילעוויצקי, אַרויסלאָזן. ער האָט זיך באַמיט אויפֿמונטערן אויך די פֿאַרכאַלעשטע מיניסטעריִומס, וועלכע האָבן שוין געהאַלטן בײַ צעפֿאַלן

אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד", 1, № 3, 1983.

ווערן, באַפוילן, מע זאָל פאַרגעסן אין דעם, אַז אַף דער וועלט איז פאַראַן אַזאַ וואָרט „עוואַקואַציע“. אין זײַנע פאַראָרדענונגען האָט ער געהייסן, אַז די מיניסטעריומס, וועלכע זײַנען פאַרבליבן אין דער קרוינשטאָט, זאָלן וויסן: דאָ זײַנען זיי, און דאָ וועלן זיי זײַן שטענדיק, אייביק. אַזאַ איז דער באַגער פון דער «Ненька-Україна» און איר באַגער איז הייליק. דאַרפן דעריבער די מיניסטעריומס ברייטער פאַרשפּרייטן זייער מאַכט, זיי דאַרפן זיך לאָזן הערן פון טאָג צו טאָג און פון שאָ צו שאָ.

דער ייִדישער מיניסטער האָט אויך באַקומען אַזאַ פאַראָרדענונג: אויך זײַן מיניסטעריום דאַרף זיך לאָזן הערן פון טאָג צו טאָג און פון שאָ צו שאָ.

באַרעך קוויטני האָט מיט פאַרגעניגן געלייענט די נײַע פאַראָרדענונג פונעם הויפּטמיניסטער כווילעוויצקי. זיך לאָזן הערן, זיך לאָזן הערן — אָט דאָס איז אויך זײַן, קוויטניס פאַרלאַנג. דערפילט אין זיך אַזאַ פאַרלאַנג האָט ער נאָך אין דעם זעלבן טאָג, ווען ער האָט אַרויסבאַגלייט אין ווײַטן וועג אַרײַן דעם געוועזענעם ייִדישן מיניסטער ראַווניצקי. נאָך דעמלט, גייענדיק צוריק פון וואָקזאַל, איז באַרעך קוויטני געקומען צו זייער וויכטיקע אויספירן. ערשטנס: מע מוז מאַכן אַ סאַך צו ריידערײַען און כקירעס, אין וועלכע ראַווניצקי האָט ליב געהאַט אַרײַנצײַען יעדן איינעם, ווער עס קומט אַרײַן אין מיניסטעריום. אויס שפּאַרענישן, אויס דיסקוסיעס! ס'איז אַ מיניסטעריום! צווייטנס: מע דאַרף, אַז אינעם מיניסטעריום זאָלן מענטשן באַקומען פּראַקטישע הילף. גענוג טעאָריע!.. איצט קומט די צײַט פון פּראַקטיק. עכטע, מעלוכישע פּראַקטיק. יעדער איינער, וואָס קומט אַרײַן אין מיניסטעריום, דאַרף טייקעף דערפילן, אַז ראַווניצקי און קוויטני זײַנען ניט איינס און דאָס זעלבע. זיי גייען מיט גאָר פאַרשיידענע וועגן...

וועגן אָט די פאַרשיידענע וועגן האָט באַרוך קוויטני אַ סאַך געטראַכט די לעצטע צײַט. און באַזונדערס אין יענעם טאָג, ווען ראַווניצקי איז אָפּגעפאָרן קיין אָדעס. גייענדיק פון וואָקזאַל, האָט קוויטני מיט זאָרגלאָזע אויגן געקוקט אַרום זיך. ענדלעך איז ער פרײַ, ענדלעך איז ער פּאָטער געוואָרן פון אָט דעם מאָרעשכוירעניק ראַווניצקי, וועלכער האָט אים פאַרצאַמט אַלע וועגן. איצט קאָן מען עפּעס-וואָס אָנהייבן טאָן, איצט קאָן מען עפּעס באַווײַזן...

באַטאָג האָט דער פראָסט אַ ביסל אָפּגעלאָזט. ס'האָט ווי אַף קאַטאָוועס אַ וואַרעם געטאָן די זון. נאָר צו פאַרנאַכט האָט ווידער געכאַפּט אַ פרעסטל און די זויבערע ווײַסקײַט פונעם שניי מיט אַ דינסטן גלעזערנעם הײַטל פאַרצויגן.

באַרעך קוויטני האָט אָפּגעטעמט, אַ רעגע האָט נאָך געוויגט זיך פאַר די אויגן דער כמעלניקער יונגערמאַן, וועלכער האָט זיך גענומען דאָס לעבן, און נאָך אַ רעגע, ווי אַ נימעסע זשומערײַ, האָט געקלונגען אין די אויערן די קלאָגעניש פון דער כמעלניקער ייִדענע, דעם זעלבסטמערדערס מוטער, וועלכע איז געקומען צו לויפן אין ייִדישן מיניסטעריום, נאָר באַרעך קוויטני האָט זיך געהאַלטן שטײַף:

— מע דאַרף זײַן איבער דעם אַלעמען! דער איקער איז!.. דער איקער איז!..

וואָס איז דער איקער — האָט ער ניט געוווּסט, נאָר אפן הארצן איז אים געוואָרן האָפערדיק-גרינג און לײַכט, ער איז אַדורך נאָך אַ פּאָר טריט מיט דער פּוסטלעכער גאַס און איז געוואָרן שוין אינגאַנצן אופגעלייגט. גרינגע מאַכשאָוועס האָבן אים געטראָגן. ערשט פאַרפאַרעגער שניי האָט דין געכרופּטשעט אונטער די פּיס. אין די נײַע קאַלאָשן האָבן גרינג געגליטשט זיך איבער דעם גלעזערנעם הײַטל פונעם שניי.

ער איז אַ ייִדישער מיניסטער! דאָס הייסט, דער עלטסטער פונעם פאָלק! אַן אויסדערוויילטער! אָ, ער וועט נאָך באַווײַזן, אַף וואָס באַרעך קוויטני איז פייִק!

זײַן קאָפּ — אונטער דעם ווייכן און טײַערן הוט — האָט געאַרבעט פלינק. זײַן האַרץ — אונטערן ווייכן און טײַערן פּאַלטאָ דעמי, דער דראַפּ — אַזאַ וואַרעמער און ווייכער — איז געווען גרינג, די אויגן און דאָס גאַנצע פּאָנעם האָבן גענומען גלאַנצן מיט פרייד. עס האָט אים געטראָגן, געטראָגן...

אַ לעבעדיק וועגטל — דרײַ שיקערע הײַדאַמאַקעס — האָט איבערגעשניטן די גאַס. זייער שיקער-פריילעכער געזאַנג, געמישט מיט שטײַפער זידלערײַ, האָט אָפּגעהילכט אין דער פּוסטער שטילקײַט.

קוויטניַן האָט זיך אָנגעהויבן דוכטן, אַז ס'איז אים אַ ביסעלע קאַלט, ער האָט אַ לײַכטן ציטער געטאָן און, קעדיי אויסמײַדן די שיקערע, פאַרקערעוועט אין אַ זײַט.

ווי אַ לײַכט וואָלקנדל איז אין זײַן לויטערן געמיט דורכגעפלויגן אַ געדאַנק:

„אַלץ נעמט זיך פון שיקרעס! מע וואָלט נאָר געדאַרפט פאַרבאָטן טרינקען אַף א פּאָר טעג! מע וואָלט געדאַרפט, צום אַלעם ערשטן, דורכריידן זיך וועגן דעם מיט דעם הויפּט-אַטאַמאַן! מאָרגן — מאָרגן דאַרף מען עס באַוואָרענען".

נאָך טראַכטן וועגן מאָרגן האָט זיך ניט געגלוסט, און צולאָזן נאָענט צו זיך שווערע מאַכשאָווע אויך ניט, און קוויטני האָט גרינג, מיט איין לײַכטן זיפץ, אַרויסגעבלאָזן די שווערע מאַכשאָווע פון זײַן האַרצן.

און ס'איז אים טאַקע באַלד צוריק געוואָרן האַפּערדיק-גרינג און זאָרגלאָז. ער האָט ניט באַמערקט, ווי גיך דאָס באַקאַנטע געסל האָט אים געבראַכט גלײַך צום אַרײַנגאַנג פון פאָטאָגראַפס שטוב.

שוין ווי פיל צײַט, אַז ער שפּאַנט אַזוי יעדן טאָג אָט מיט דעם היימישן וועג, נאָר גראָד הײַנט, טאַקע באַם סאַמע אַרײַנגאַנג, האָט ער זיך פאַרטראַכט: „צי פּאַסט פאַר אים, דעם מיניסטער, זײַן אַן אַרײַנגייער אין אַזאַ שטוב? עס איז ניט צו פּראָסט פאַר אים?"

ער האָט אָבער באַלד זיך אַליין איבערגעשלאָגן:

— דער פאָטאָגראַף איז דאָך ניט סטאַם א פאָטאָגראַף, נאָר א „כודאָזשניק"...

אין איינעם א פײַנעם פרימאָרגן האָט זיך באַוויזן אין שטאָט א יונגערמאַן אין העל-קעסטלדיקע הויזן, אין א קורץ פּידזשאַקעלע מיט א שטײַפן שטרויענעם קאַפּעליוש אַפן קאָפּ און פּענסנע, מיט א שוואַרץ שנירעלע צוגעבונדן צום לאַץ.

אַף דער גרויסער און ברייטער פּריצישער גאַס האָט ער אָפּגעדונגען א פײַן דירעלע, בא צוויי וואָכן עפּעס געפּאַרעט זיך דאָרט, געמײַסטערוועט, און פּלוצעם האָט די גאַנצע שטאָט זיך געגומען כידעשן מיט דער ביז גאָר טשיקאַווער שילד.

די שילד איז געהאַנגען אינדערלופטן און זיך געוויגט איבער דער גאַנצער ברייט פונעם טראָטואַר אַף א גראָבער אײַזערנער שטאַנג. פון איין זײַט איז געווען אויסגעמאָלט א פײַנער יונגערמאַן, מיט הימל-בלויע אויגן, וואָס קוקן הויך אין דער ווײַט אַרײַן, און אַנטקעגן אים, אַף דרײַ הויכע פיסלעך, דער פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט.

אַף דער צווייטער זײַט פונעם שילד איז אויסגעמאָלט מיט מעשונע-גרויסע גרינע אויסיעס בלויז איין וואָרט: «Рафаэль». ווער דער ראַפאַעל איז און וואָס פאַר א נאָענטער קאָרעוו ער שפּאַרט אָן מיטן פאָטאָגראַף, האָט מען גענוי ניט געוווסט, נאָר דערשפּירט האָט מען, אַז דאָ שמעקט מיט „כודאָזשניק". און די פאָטאָגראַפיע האָט גענומען ציִען, ווי מיט א מאַגניט.

א כאַסענע — צו ראַפאַעלן. א קינד וואַקסט אונטער — צו ראַפאַעלן, אַפילע מייסים האָבן אויך באַקומען דעם גוסט — צו ראַפאַעלן (אײַנגעפּירט האָבן עס, פאַרשטייט זיך, די פּריצים).

ראַפאַעל האָט געגומען וואַקסן, און אין איינע דרײַ יאָר אַרום זײַנען שוין געזעסן דרײַ רעטושאָרן, און די פײַנע גלעזערנע וועראַנדע האָט זיך געהויכט שיר ניט איבער דער גאַנ-צער שטאָט. און דעם פאָטאָגראַפס שיין ווײַב קאַראָלינע, וועלכע ער האָט אויך פון עפּעס א ווײַטן קאַנט אַראָפּגעבראַכט, איז געוואָרן די שענסטע דאַמע.

מיט פּעטליורעס קומען האָט דער געשעפט גענומען אופלעבן, פאַרברייטערן זיך, שטײַגן. עס האָבן זיך א שאָט געטאָן אַטאַמאַנען, עסאולן, כאָרונזשיס, סאָטניקעס, און מיט זיי רײַכע מוידן — דעקאָלטירטע און מיט צעלאָזטע האָר, אין בונט-אויסגעגייטע אוקראַיִנישע קאָס-טיומען און מיט פּאַפּאַכעס אַף די קעפּ.

און קאָרבאָוואַנצעס האָבן זיך א שאָט געטאָן.

די באַלעבאַטים פון דער שטאָט האָבן עס באַלד דערשפּירט, מע האָט אָנגעהויבן אָפּ-געבן קאָוועד דעם פאָטאָגראַף. מע האָט געמאַכט מיט אים שוטפעס, בייס מע האָט גענומען פאָדריאַדן, אָפּטמאָל אים געבעטן, ער זאָל אַרײַנוואַרפן א גוט וואָרט די אַטאַמאַנעס און עסאולן, מיט אים זיך געייצעט וועגן אַלערליי שטאָט-זאַכן, און אַז מע האָט געדאַרפט צו-טראַכטן, ווען מען שטעלן אַף ראַווינ-צקיס אָרט, איז מען זיך אויך ניט באַגאַנגען אָן ראַפאַעלן.

ער איז געווען דער ערשטער, וואָס עס איז געפאַלן אַפן געדאַנק, אַז אָן א ייִדישן מיניסטער וועלן די ייִדן ניט קריגן מער קיין פאָדריאַדן פאַר דער פּעטליורישער אַרמיי.

— דאָס אָרט טאָר ניט שטיין ליידיק, אַפילע א רעגע... — האָט ראַפאַעל זיך געהיצט און געקאָכט זיך.

און טאַקע ער, ראַפאַעל, מיט דער הילף פונעם גוויר ייִסראָעל גלאַנץ און דעם אַפּ-טייקער פּאַגאָרעלסקי, די בעקאָוועדיקע מיטגלידער פון דער אָרטיקער „פאָלקס-פּאַרטיי", האָבן עס באַוואָרנט.

פון דער שכײנישער שטאָט איז גראָד דעמאָלט אָנגעקומען א דעלעגאַציע מישטאדל זײַן זיך װעגן א סובסידיע פאַר דער ייִדישער גימנאַזיע. ראַפאַעל האָט באַלד א װוּנק געטאָן אַף אײנעם פון די אָנגעקומענע, — אַף דעם לערער קוויטני.

— ס'איז פאַר אונדז װי אַנגעמאָסטן... א מיטגליד פון אונדזער פּאַרטײ... א לערער פון ייִדישער געשיכטע... דעריקער — א פּאַסיקער מענטש... א שטילער... װעט ניט שפּרינגען אין די אױגן...

קוויטני האָט באַלד דערפילט: אָט דאָ הײבט זיך אָן זײַן נײַ לעבן, רעדן װעגן דעם האָט אָבער ניט געפּאַסט, און ער האָט זיך געהאַלטן גאַדלדיק-שטאָלטנע: אָן איבעריקע רײד, צוגעשװיגן, אױסגעװוּאַרט. און ראַפאַעל האָט עס דערװײַל גענומען באַארבעטן אַף זײַן אופן.

נאָך אין דעם זעלבן אָװנט זײַנען ראַפאַעל און דער „פּער" פון שטאָט, ייִסראָעל גלאַנץ, געזעסן בא ראַװוניצקין אין שטוב און געהאַלטן אין אײן אײַנטײַנען, אײַנרײדן יענעם — ניט איבערלאָזן דעם פּאָסטן פון א ייִדישן מיניסטער.

געהיצט האָט זיך דעריקער ראַפאַעל:

— איך אַף אײַער אָרט װאָלט עס ניט געטאָן...

ראַװוניצקי האָט מיט ערגערונג דערװידערט:

— ביטע... דער פּאָסטן פון א מיניסטער איז פרײַ, איר קאָנט פאַרנעמען אים... כ'װועל אײַך אפילו מיטהעלפן...

ראַפאַעל איז װי צוגעזאָגט געװאָרן צו אָט דעם פאָרשלאָג און שױן גאָר ניט אַף קאַטאָװעס איבערגעשלאָגן:

— פאַרװאָס עפּעס איך? די „פאָלקס-פּאַרטײ" האָט א פּאַסיקן קאַנדידאַט...

קוויטני איז באַשטימט געװאָרן אַלס מיניסטער. ביז די צײַט װעט קומען און דער נײַער מיניסטער װעט קריגן די געהעריקע װױנונג, שטײט ער אײַן בא ראַפאַעלן. און אָט אַזױ שפּאַנט ער יעדן טאָג מיט אָט דעם היימישן װעג צום פּאַטאַגראַפס שטוב, װוּ עס װאַרטן אַף אים גוטעפרײַנט — ראַפאַעל און זײַן פרױ קאַראָלינע.

קאַראָלינע, װעלכע איז, פּונקט װי איר מאַן, טיף אין הארצן געװען א „כּודאָזשניק", האָט שױן װיפל טעג, פון פרי ביז שפּעט, געהאַלטן אין אײן נישטערן איבער דער שטאָט, אױסזוכן שײנע אוקראַיִנישע זאַכן, געשלעפּט זײ אין שטוב, אַרױסגעװאָרפן דאָס פריִערדיקע געװײנלעכע מעבל — געהאַלטן אין אײן שטעלן און איבערשטעלן, הענגען און איבערהענגען די זאַכן.

נאָר הײַנט, דוכט זיך, איז אַלץ געבראַכט צו דער העכסטער שײנקײַט, און קאַראָלינע איז רויק.

און װען באַרעך קוויטני איז אַרײַן, האָט אים באַלד ארומגענומען אזא װאַרעמע זיכערקײַט — א גרױסער בלױער טעפּיך מיט נאָך בלױערע סאַמעטענע בלומען איז געהאָנגען אַף דער װאַנט איבער דער ברײטער טאַכטאַ (קאַראָלינע האָט עס קימאַט „פאַר גאָרנישט" געקראָגן בא אײנעם אן אַטאַמאַן). א צװײטער טעפּיך מיט עטװאָס טונקעלערע, נאָר אױך געניג בונטע קאָלירן האָט באַדעקט די טאַכטאַ אַלײן. העכער אַף דער װאַנט אין א פּראַכטפול-אױסגענײטער ראַם — פעטליורעס פּאָרטרעט. דער פּאָרטרעט איז געװען מעגרושעמדיקגרױס, פאַרזען אים איז געװען אומעגלעך.

און לעבן דעם קאָלירענעם טעפּיך-װינקל, װי אַן אײַנלאַדונג, — רױזן, פאַרברענגען, איז געשטאַנען א רונד גלאָט-פּאָלירט טישל מיט העלע קאָלירטע אינקרוסטאַציעס.

װי אין א געצעלט, איז קאַראָלינע געזעסן אינעם קאָלירטן טעפּיך-װינקל, זי האָט געהאַלטן אין די הענט א װײַס, דין שטיק זײַד, — אױסגענײט א העמדל פאַר דעם אַטאַמאַן קאָװאַלדאַ. בונטע בײַװעלער זײַנען געלעגן אַף אירע קני.

באַרעך קוויטני האָט געעפנט די טיר, קאַראָלינע האָט זיך צעשײַנט:

— א, אונדזער מיניסטער!

פונעם שכײנישן צימער איז אַרײַנגעפלױגן א צעניאַריק שװאַרץ ייִנגעלע ראַפאַ, אַרופגעהאָנגען זיך אַף באַרעך קוויטניס אױסגעשפּרײטע הענט און, דרײענדיק זיך לעבן אים, געהאַלטן אין אײן אױסטאַנצן:

— מיניסטער! מיניסטער!

קוויטני האָט זיך צופרידן אַרומגעקוקט, עס האָט אים אַרומגענומען אזא װאַרעמע זיכערקײַט: די טעפּיכער פון שײנעם אוקראַיִנישן לאַנד, װוּ ער, באַרעך קוויטני, איז ייִדישער מיניסטער, זײַנען געהאָנגען אַזױ שװער און אײַנגעפּונדעװעט, װי זײ װאָלטן אײביק אַזױ

געהאנגען. זײַן גרויס מויל האָט זיך צעצויגן אין א ברייטן שמייכל, אנטבלויזנדיק דערבײַ גרויסע געלבלעכע ציין.

— אָט דאָ פיל איך זיך טאקע, ווי אין הארץ פון אוקראַינע...

קאראָלינע האָט עס אָנגענומען ווי אן אָנצוהערעניש אף איר, קאראָלינעס, יונג הארץ און האָט אים אָפגעענטפערט מיט דעם גאנצן קישעף פון איר שמייכל:

— אָ, איר ווייסט דאָך, כ׳האָב טאָמיד פײַנט געהאט „מעשטשאנסקע" מעבל און „מע-שטשאנסקע" מענטשן!

זי האָט מיט דער רעכטער האנט אײַנגעלאָדן קוויטנין אף דער ראכוועסדיקער טאכטא: „ביטע!" — און מיט דער לינקער אָנגעוויזן אף דעם נאָרוואָס צונויפגעשטעלטן גרויסן אל-באָם פון די אטאמאנען, וואָס איז, ווי א שײַנדל, געלעגן אפן טיש.

— געזען? — זי האָט אופגעעפנט דעם אלבאָם.

ראפא איז ארײַנגעקראָכן אינמיטן. ער איז געווען פארקישעפט פון די פאפאכעס, פון די זשופאנעס, נאָר מער פון אלץ פון די פוכיקע וואָנצעס און שאשקעס.

ער האָט מיט זײַנע קליינע פינגערלעך ארומגעגלעט די פוכיקע וואָנצעס אפן אטא-מאנס בילד און קריגעריש אויסגעשריִען:

— אז איך וועל אויסוואקסן, וועל איך ווערן אן אטאמאן! איך וועל האָבן אן אייגענע שאשקע! כ׳וועל מיט איר האקן און שנײַדן! אף רעכטס און אף לינקס, אָט אזוי... אָט אזוי!..

ער האָט האסטיק געוואָרפן מיט זײַן קליין הענטל אף רעכטס און אף לינקס.

דאָס גלעקל האָט האסטיק א קלונג געטאָן, קאראָלינע האָט אופגעפלאטערט: עס איז ארײַן קוואלדא. ער האָט געוואָרפן א זײַטיקן בליק אף קוויטנין. אף א רגע דערפילט זיך אין א פארלעגנהײַט און בארויגזלעך אויסגעברומט:

— אזוי שפעט, הער מיניסטער?

באלד אָבער געכאפט זיך, אז אלץ איז אין אָרדענונג (נאָכן אייגענעם פאָרטרעט מעג ער דאָך ארײַן!), און מיט געקינצלטער העפלעכקײַט, ווי ס׳פאסט פאר אן אטאמאן, פאר-נייגט זיך פאר קאראָלינען:

— איר׳ט מיר אנטשולדיקן. וואָס כ׳קום אזוי שפעט, מײַן ווילע דאמע!

קאראָלינע איז ניט געווען בארויגזט, פארקערט, זי האָט באלד פארשטאנען, וועגן וואָס עס האנדלט זיך, און ארײַנגעפירט קוואלדען אין גאלעריי, קלוימערשט ווײַזן אים דעם נעגאטיוו.

— פאן אטאמאן, איר וועט א קוק טאָן?

אין דער גאלעריי איז קילבלעך. בא די ברעגן פונעם גלעזערנעם דאך — גרוי-פאר-וואלגערטער, סאָף-ווינטערדיקער שניי, בא דער זײַטיקער וואנט — א זומער-דעקאָראציע: פאלמעס און א קליין וואסער-שטראָמעלע. א גרויסע פירקאנטיקע ראם מיט אָנגעצויגענעם ווײַסן לײַוונט פארנעמט די אנטקעגנדיקע וואנט. און בא דער ראם — א לעבעדיק ווויל פערדל מיט אן עמעסן זאָטל.

קאראָלינע האָט זיך ארומגעקוקט, גענומען זוכן א שטול פאר קוואלדאן, קוואלדא האָט זיך, קלוימערשט, צוגעזעצט אפן פערדל.

— סארא ווויל פערדל!

קאראָלינע האָט אים צוריק געקישעפט:

Каков седок, таков и конь! —

קוואלדא דערנעענטערט זיך צו קאראָלינען, טוט א הייב מיט זײַנע פינגער איר קין, שטעכט זי דורך מיט זײַנע שפארבער-אויגן.

— איך געפעל אײַך?

קוואלדא דערמאָנט זיך אָבער, אז ער איז אהער געקומען ניט צרליב דעם קישעף פון דער דאמע. „מײַנס וועט פון מיר ניט אוועק", — לויפט אין זײַן קאָפ דורך א געדאנק, און שוין גאָר פראָסט און זאכלעך רוימט ער איר ארײַן:

— מיט די דובליקאטן דארף מען באלד זיך אָפפארטיקן, ווײַל מאָרגן, איבערמאָרגן — вибачайте, אויב איך באקום ניט דאָס געלט, באקומט די דובליקאטן עמעצער אנדערש, ניט אײַער מאן, מײַן טײַערע דאמע!

קאראָלינע האָט מיט איין האנט פאָרזיכטיק איבערגעלייגט אין קעסטל די נעגאטיוון, מיטן גאנצן גוף אָבער אָנגענייגט זיך צו קוואלדאן און איך שטיל ארײַנגערוימט:

— מאָרגן גאנצפרי וועל איך ברענגען דאָס נייטיקע!

קוואָלדאַ האָט געוואָרפן אַ בליק אויפן צימער, וווּ זיי האָבן ערשט איבערגעלאָזט קוויטנין.

מע איז אַרײַן אין צימער. קוויטני האָט זיך ווידער דערפילט שלעכט, אוועקגײן — ניט באַקוועם, בלײַבן — אויך ניט גלײַך. קוואָלדאַ האָט ברייט אַ שפּאַן געטאָן, אַ פּאַך געטאָן מיט די צעעפנטע פּאַלעס פונעם בלויען זשופּאַן און, פאַרבײַגייענדיק, אָרופגעוואָרפן זיך אויף קוויטנין:

— דער פאָן מיניסטער האָט אַ סאַך פרײַע צײַט! דעם פאָן מיניסטער גייט, ווײַזט אויס, ווייניק אָן די געפאַר, וואָס דראָעט אונדזער פאָלק פון די הינט — באָלשעוויקעס!

קוויטני האָט זיך איבערגעשראָקן:

— וואָס פאַרלאַנגט דער אַטאַמאַן?

קוואָלדאַ האָט באַרויִקט באַוועגט די פּוקעס וואָנצעס:

— איך פאַרלאַנג, איך זאָלט זײַן דאָס, וואָס איר דאַרפט זײַן. איר זײַנט אַ ייִדישער מיניסטער. און דאָס ווייסט איר, אַז ייִדישע מיידלעך לערנען זיך שיסן? מיר האָבן באַקומען ידיעות, זיכערע ידיעות. און וואָס וועט איר אונדז זאָגן וועגן דעם? ווער זײַנען די מיידלעך, וואָס לערנען זיך שיסן? ווער לערנט זיי שיסן?

ער האָט אויפגעהויבן דאָס קאָל נאָך העכער:

— איר זײַט דאָך געוויס פאַרינטערעסירט, אַז ייִדן זאָלן לעבן אין פרידן? אַז איר העלפט אָבער ניט! אויב ייִדן זײַנען טאַקע טרײַע זין פון דער נענקאָ-אוקראַיִנע, דערווײַזט עס! נאָר ניט מיט געלט. ייִדן מיינען, זיי קענען אַלץ קויפן. מיט טאַט באַווײַזט עס!

קוויטני איז געשטאַנען אָן אויסגעצויגענער, ווי אַ סטרונע:

— אָבער וואָס דאַרף איך טאָן? וואָס דאַרף איך טאָן?

דעם פאָטאָגראַפס ווײַב מיט איר קלוג קעפּל האָט פאַרשטאַנען: צוליב וואָס זאָל זי זיך מישן אין זייערע רייד? זי וועט גלײַכער אַרײַן אין קליינעם צימערל צו איר זונעלע ראַפּע...

קאַראָלינע האָט געהאַלטן וואָרט: ווי נאָר די באַטאַגיקע זון האָט אַ שפּיל געטאָן אויף די בלויע טעפּיכער פון איר געצעלט, איז זי שוין געווען אויף.

זי האָט זיך אויסגעפּוצט און זאָרגזאַם פאַרוקט אין פּראַכטפול-אויסגענייטן האַנט-זעקעלע דעם פּאַק מיט קרעדיטקעס: ראַפאַעל האָט עס פון אירטוועגן נאָך פריִער פאַר-גרייט. אַ רגע האָט זי זיך באַטראַכט אין קײַלעכדיקן שפּיגל, וואָס הענגט איבער דער טאַכטאַ: ווויל. אַלץ איז אין אָרדענונג. זי איז פאַרטיק.

אין דרויסן האָט שוין געוואַרט אויף איר אַ פײַן שליטעלע. עמעס, ניט קיין אייגנס, אַ געדונגענס. אָבער ס׳מאַכט ניט אויס: אַ ווווילינקס, אַ לײַכטס. דאָס פערדל אויך אַ געקאַ-וועטס, אַ גרינגס: אין איינע פינף מינוט וועט עס זי אויף „ליסע גאָרא" ברענגען.

אַ רגע האָבן זי סמוטנע אַ שרעק געטאָן די טײַוולשע קלאַנגען וועגן „ליסע גאָרא". אַ רגע, ניט מער. זי ווייסט איר וועט „ליסע גאָרא" קיין שאָדן ניט ברענגען. אַ קוויטעלע מיט קוואָלדאַס האַנטשריפט איז געלעגן אויבנויף, אויף דעם פּאַק מיט קרעדיטקעס.

ווײַט צוזיך די אַלטע טפיסע-גאַס. הייבט זיך אָן טאַקע דאָ, בײַ דער טפיסע, טוט זיך אַ צי אין דער לענג, קעדיי העט ווײַט בײַם האָריזאָנט אַ קלעטער טאָן ווידער באַרג-אַרוף, אויף „ליסע גאָרא", אויפן הויכן, מיט גרינס פאַרוואַקסענעם באַרג-אַפּריס.

אָט דאָ, בײַ דעם באַרג-אַפּריס, האָבן זיך, ווי לאַנגע אומעטיקע קאַסטנס, אויסגע-צויגן די קאַזאַרמעס. דאָ האָט פּעטליורע זײַנע הײַדאַמאַקעס באַזעצט. אַהער דאָס אָנגע-ראַבעוועטע געשלעפּט, דאָ זײַנען שטאַב געהאַלטן.

נאָר זינט פּעטליורע איז אַנטלאָפן, אַלץ אויף קוואָלדאַן איבערגעלאָזט, האָט מען זיך אויף „ליסע גאָרא" דערפילט ניט זיכער, מער דער אַלטער טפיסע ניט געטרויט, אויף „ליסע גאָ-רא" — אָן אייגענע אײַנגעפירט, און אַהער די קאַרבאַנעס געשלעפּט, אָן געריכט אומגע-בראַכט.

שוין אַ פּאָר טעג, אַז קוואָלדאַ איז שטאַרק צערייצט. אַנטאָנקע גראַטש, דעם באָל-שעוויק, האָט מען געפּאַקט. מע האָט אים פאַרכאַפּט אינעם שכיינישן דאָרף, בײַס ער האָט אונטערגעשלאָגן די אָרטיקע פּויערים אַרויסטרעטן מיט געווער אין האַנט. קוואָלדאַס לײַט האָבן אים שיר ניט אַרומגערינגלט, האָט זיך אָבער אַנטאָנקע גראַטש אויסגעדרייט. אין סאַמע ברען — אַ טויק געטאָן זיך אין דער געדיכטעניש פון מענטשן און איז נעלעם געוואָרן.

אין די הענט פון די הײַדאַמאַקעס איז פאַרבליבן נאָר דער כאַווער זײַנער איוואַן זשמוד. קאָן מען אָבער בײַ יענעם גאָרנישט ניט דערטאַפּן. ער שווײַגט, ווי ניט ער וואָלט עס

אנטאָנקעס רעכטע האַנט געווען. נאָר נישקאָשע, קווואַלדאַ האָט אים איצט איבערגעגעבן אין זיכערע הענט — דעם עסאַול קראַליאַ. דער וועט אים די נעשאָמע אַרויסטרײַבן, ער וועט זיך אָבער עפּעס דערשלאָגן!..

א פּאָר צענדליק טריט פאַר די קאַזאַרמעס איז קאַראָלינע אַרויס פונעם שליטל. ס'האָט זיך איר געוואָלט, מע זאָל געניי וויסן וועגן איר באַזוך אַף „ליסע גאָרא". דאָס שליטעלע האָט געזאָלט דאָ, בײַ דער זײַט, אָפּוואַרטן אַף איר.

א פרישע, גוט אײַנגעטראָטענע סטעזשקע האָט געפירט אַרוף, צו די קאַזאַרמעס. און מיט דער סטעזשקע האָט זיך קאַראָלינע געלאָזט גיין.

פון אויבן, פונעם קאַזאַרמע-הויף, האָבן זיך דערטראָגן פאַרדומפּטע קוילעס. קאַראָלינע האָט זיך אויפגעהויבן אַף די טרעפּלעך.

אַפן סאַמע מיט פונעם קאַזאַרמע-הויף איז עפּעס פאָרגעקומען, ענלעך איז עס געווען צו אַ מין פאָרשטעלונג, — קונצן אַף אַ טראַפּעציע.

צווישן צוויי סטויפּעס — אַ קײַלעכדיקע אײַזערנע פּרענטע, אַפן אײַזן — צוויי שטריק אַף שאַרנירלעך. אַף די שטריק האָט זיך מאָדנע געוויגט, פלי̇ענדיק אַרוף און אַראָפּ, אַ מענטשלעכער קערפּער. דאָס איז געווען איוואַן זשמוד. זײַנע הענט זײַנען געווען פעסט צוגעבונדן צו רינגען, קימאַט אויסגעלינקט. און בײַ יעדן צי פון דעם צווייטן עק שטריק (קראַליאַ אַליין האָט עס געהאַלטן) פלעגן די צוגעבונדענע הענט מאָדנע-גלײַך אויסצי̇ען זיך אַף אַרוף, דער קערפּער — אַ צי טאָן אַף אַראָפּ, אַ דריי טאָן און ווידער אַרופשלײַדערן זיך אַף אַרוף.

און באַלד נאָך דעם: קראַליאַ לאָזט די שטריק פרײַ, זשמוד טוט אַ פאַל אַראָפּ, טוט זיך אַ שטעל אַ רעגע אַף די ניט שטייענדיקע פיס, טוט זיך אַ זעץ מיטן קערפּער אין דר'ערד. די אויסגעלינקטע הענט טוען, ווי בײַטשלעך, אַ טאַפּ דעם אַרום — און ווידער פון אָנהייב.

קווואַלדאַ זיצט בײַ אַ זײַט, אַף אַ טאַטשאַנקע אין אַ געלן פוטערנעם קאַמזויל, אַף אַ צעכראַסטעטע אויסגענייט העמדל אַרופגעשלעפּט, אָן אַ היטל — זיצט ער באַרויגעז, אָנגעכמורעט און רייכערט פון אַ ליולקע, דעם פאַרצײַטיקן אַטאַמאַן קאָטשובייס ליולקע, וועלכע ער, קווואַלדאַ, האָט מיט גרויס מי פאַר אַ סאַך געלט געקראָגן.

פאַרציט זיך איין מאָל און צוויי מאָל און לאָזט אַרויס דורך דער נאָז קונציקע רינגעלעך, רייכערט און פאַרטרינקט עס מיט סאָדע-וואַסער, וואָס מע האָט אים אַוועקגעשטעלט טאַקע דאָ, אַף דער טאַטשאַנקע.

אַפן פּאָנעם האָט זיך אים צעגאָסן אַ געלקײַט — נאָכן נעכטיקן טרינקען. ער איז ניט צופרידן, קווואַלדאַ.

— וואָס זשע, זײַנען זיי טאַקע פון אײַזן, אַט די אויסוואורפן? וואָס זשע שווײַגט ער, ער איז דאָך נאָך אַ לעבעדיקער, וואָס זשע שווײַגט ער?

דער „פאַרהער" דויערט. אַן אָרדנטלעכער זעץ אין דר'ערד. אַ פאַרדומפּענער קרעכץ. און באַלד נאָך דעם אַ הירזשערײַ-געלעכטער.

דער „קורען סמערטי" פאַרווײַלט זיך.

קווואַלדאַ איז שוין אַ ביסל מיד. ער ווענדט אָפּ זײַנע בליקן און דערזעט פּלוצעם דעם פאָטאָגראַפס ווײַב, די איבערגעשראָקענע קאַראָלינע.

קווואַלדאַ דערמאָנט זיך אינעם נעכטיקן באַזוך. ער איז צופרידן:

— מאַדאַם האָט געהאַלטן וואָרט!

צוגעלאָזט און נאָכגיביק, קימאַט ליבלעך, נעמט ער זי אונטער דער האַנט. קאַראָלינע ציטערט אַ ביסל. קווואַלדאַ פילט עס.

— Вибачайте! דאָס שפּאַסן אַ ביסל מײַנע הײַדאַמאַקעס!.. Прохаю!..

און קווואַלדאַ פירט זי צו אַ זײַטיקער געבײַדע — צו זיך אין שטוב אַרײַן.

13. אין ייִדישן מיניסטעריום

גאַנצפרי, ווען פון „ליסע גאָרא" דערהערט זיך דער הילכיקער האַרמאַטן-שאָס, וואָס גיט צו וויסן, אַז דער טאָג אין פעטליורעס קרוינשטאָט האָט זיך אָנגעהויבן, שפרינגט מייערקע אַראָפּ פון געלעגער און הייבט אָן זיך קלײַבן אַף דער אַרבעט. ער איז דער געשעפטפירער אינעם ייִדישן מיניסטעריום און האָט ליב צו קומען אַהין פאַרפרי. און דערצו געפעלט אים דער פרימאָרגנדיקער גאַנג איבער די גאַסן. די שטאָט איז דעמלט נאָך ניט פול מיט שיקערע הײַדאַמאַקעס, וועלכע טשעפּען זיך צו יעדערן, מע זעט נאָך אויך ניט

די שנאַרנדיקע פארשוינען, די ספעקוליאַנטן, וועלכע וועלן שפעטער זיך אויסשטעלן רעדלעכווייַז בא יעדן ראָג און וועלן טומלען און גאַרגלען: „איך קויף! איך פארקויף!” די גאסן ליגן דערווייַל נאָך שטיל, אין האלב-דרעמל, און עפּעס דערמאָנט עס מייערקען אין זייַן געבורטשטאָט.

מייערקע איז ניט קיין היגער. פון זעמבראָוו איז ער, לעבן ווארשע. די מילכאָמע האָט זיך נאַרוואָס אָנגעהויבן, זייַנע אים זייַן טאטע-מאמע אָפּגעשטאָרבן, קימאט אין איין וואָך, — פון טיף. מייערקע איז דעמלט געווען נאָך א צוועלפיאָריק יינגעלע, ווו אהינטאָן זיך האָט ער ניט געהאט, האָט ער געגומען ארומדרייען זיך לעם מעדיצינישן פונקט פאר היימלאָזע, באגרייַפּט די קענטעניש פון וויקלען „פּראַשקעס”, איינמאָל אפילע פארביטן די פעלדשערן, ווען יענע איז שלאָף געוואָרן. אינגיכן האָבן ארום זעמבראָוו זיך צעפלאָקערט סרייפעס, אָף דער שטאָט האָבן אָנגעהויבן פאלן באָמבעס, און דער מעדיצינישער פונקט מיט אלע זייַנע פּראַשקעס, וואָס מייערקע פלעגט אזוי קונציק וויקלען, האָט זיך געגומען פאקעווען. מייערקע האָט זיך פלוצעם צו עפּעס דערטראכט, ער איז געקומען צו דער דאָקטערן און שטארק געבעטן זיך, מע זאָל אים מיטנעמען אין ראסיי. זייַנע מאטעווע-רויטע בעקלעך האָבן זיך דערבייַ נאָך מער גערויטלט, די לויטערע, ביר-קאָלירענע אויגן האָבן געקוקט ראכמאָנעסדיק, די קינדעריש-פולע ליפּלעך קאפריז אָנגעבלאָזן:

— פּראַשקעס וויקלען קען איך דאָך, און דאָקטאָריע ווייס איך אויך, אָט הערט נאָר, דאָקטערקע: ריצן-אייל — פון בויכווייטעק, פּיראַמידאָן — פון קאָפּווייטעק, סאנטאָנין — פון ווערעם. אז ס'פארהאלט זיך די האשטאָנע — ווייס איך אויך, וואָס מע גיט — א פּראַשעק אזא, א ווייַסינקער.

די דאָקטערשע האָט דעמלט אָף א קאָל געלאכט, נאָכדעם צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אָף יאָ, און מע האָט אים מיטגענומען.

בא א יאָר האָט ער זיך אָפּגעוואלגערט אין קיִעווער קינדערהיים. ס'איז דאָרט שלעכט געווען: לייַזיק און הונגעריק. נאָכדעם האָט ער געוווינט בא א זשיטאָמירער בעקערן — געהאָלפן איר שלעפּן גרויסע לאבנס אפן מארק. ס'איז געווען שווער, אָבער זעטיק. די לעצטע דרייַ כאדאָשים איז עס מייערקען אוועק גאָר וווּיל. כאָטש אן אָפּענעם קאָפּ, פארמאָגט מייערקע נאָך א גרינגע האנט. א קסאוו איז בא אים א זעלטענער.

און טאקע אדאנק דעם קסאוו האָט מען אים געמאכט פאר א געשעפטפירער פונעם יידישן מיניסטעריִום. ער פירט אזוי קונציק אויס אָף יידיש, און אז מע דארף אָף אוקראַיניש, די נעמען פון די „דיעלאָס”. די ארבעט געפעלט אים, און סאָף טאָג, בלייַבנדיק איינער אליין אין מיניסטעריום, לייגט ער אויס די בלויע פאפקעס מיט זייַן קונציקער אופשריפט. עס באקומט זיך א סאך, א סאך. און די בלויע פאפקעס קוקן צו אים אזוי פריַינטלעך. און מייערקע קוקט אויך אָף זיי, קוקט און שמייכלט. ער האָט ליב זייַן ארבעט אין יידישן מיניסטעריום.

פאראן נאָך איין זאך, וואָס ציט מייערקען אין מיניסטעריום: עס געפעלט אים זייער שטארק די גרויסע, שיינע געבייַדע. אמאָל, דערציילט מען, איז דאָ געווען א ביקערכוילעם, וועלכן ייסראָעל גלאנץ האָט אויסגעבויט פאר די אָרעמעלייַט פון דער שטאָט. און געבויט האָט ער אים, ווי ייסראָעל גלאנץ קען: מיט צוויי גרויסע קאָלאָנעס באם ארייַנגאנג, מיט צוויי שרעקלעכע לעמפערטן, וואָס היטן אָפּ דעם ארייַנגאנג, מיט א שיינעם געל-געפארבטן פאסאד, מיט שיינע, בלישטשענדיקע פענצטער... ווען פעטליורעס רעגירונג איז געקומען צו לויפן פון קיִעוו און מ'האָט אין שטאָט געזוכט דירעס פאר פארשיידענע מיניסטעריומס, האָט ייסראָעל גלאנץ געמאָלדן, אז פארן יידישן מיניסטעריום גיט ער אָפּ דעם ביקערכוילעם, וואָס ער האָט אויסגעבויט. די אָרעמעלייַט האָט ער צעטריבן, און אין דער געבייַדע איז ארייַנגעפאָרן דאָס יידישע מיניסטעריום. און גלייַך מיטן מיניסטעריום איז געקומען אהער אויך מייערקע. פון דער ערשטער מינוט, ווען מע האָט אים באוויזן, ווו זייַן שטענדיק זיץ-אָרט וועט זייַן, איז מייערקע צוגעזאָטן געוואָרן.

גאנצפרי, ווען ער קומט אהער אריַין, איז דאָ נאָך קיינער ניטאָ. מייערקע גייט זיך א פּאָר מאָל דורך איבערן קאָרידאָר. א לאנגער קאָרידאָר מיט זעקס צימערן בא ביידע זייַטן. פאראן דאָ א צימער פאר דעם מיניסטערס פארטרעטער — בארקאן. א צימער פאר דעם סעקרעטאר — יאראָוואָי, פארן מיניסטער אליין — צוויי צימערן: א קאבינעט און א צימער, ווו עס זיצן און ווארטן די באזוכער.

קוויטני איז געזעסן באם זעלבן טיש, ווו עטלעכע טעג צוריק האָט נאָך פארבראכט דער געוועזענער מיניסטער ראווניצקי.

נאָר דער צימער איז געווען שוין באַניַיט און אינגאנצן אנדערש באַצירט: דער טיש מיט א ניַיעם בויגן ראָזעווען לעש-פּאפּיר באדעקט, פון אונטער דעם לעש-פּאפּיר איז אראָפּגעהאנגען א גרינער געוואַטעווער טישטעך מיט געדיכטע גילדענע פרענזעלעך. באַם טיש האָט זיך באוויזן א הויכער געשניצטער פאָטערשטול.

געבליבן איז פון ראַוויניצקיס ציַיטן נאָר פעטליורעס פּאָרטרעט אף דער וואַנט. און טאַקע דערפאַר פילט זיך מייערקע ניט היימלעך אין קוויטניס שיינעם קאַבינעט. וווהין מייערקע טוט זיך ניט א קער, גייט אים נאָך פעטליורעס בליק. מייערקען ווילט זיך א שפּיַי טאָן און זאָגן אים:

— וואָס קוקסטו אף מיר? מיינסט, איך ווייס ניט, וואָס דו ביסט ווערט? פּעו!..

מער פאַר אַלץ ציט עס מייערקען אין דעם צימער, וווּ עס זיצט באַטאָג דער סעקרעטאַר. מע זאָגט, ער איז א פּאָעט. מע זאָגט, אז א סאך מענטשן ווייסן זיַינע לידער אף אויסווייניק. מייערקען געפעלט אריַינגיין גאנצפרי אין דעם צימער, וווּ עס ווערט נאָכדעם זיצן דער דיכטער יאַראָוואַי, בלעטערן די פּאפּירן, וואָס ליגן באַ אים אפן טיש. צווישן אַט די פּאפּירן טרעפט זיך ווען-ניט-ווען אויך א ליד, נאָר געשריבן איז זי אף העברעיִש, און מייערקע לייגט זי אָפּ אין א זיַיט.

מייערקען וואָלט זיך וועלן א פרעג טאָן באַם דיכטער יאַראָוואַי, וואָס עס איז דאָ געשריבן, נאָר ער טוט עס ניִט. ער האָט געהערט זאָגן, אז ס'איז ניט שיין צו פרעגן באַ א פּאָעט, וואָס ער האָט געמיינט. מע דאַרף אַליין פאַרשטיין. גייט מייערקע ארויס פונעם סעקרעטאַרס צימער, וווּ ניט אַלץ איז אים פאַרשטענדלעך. ער טרעט אריבער די שוועל פון זיַין אייגענעם צימער, נאָר אויך דאָ איז ניט אַלץ פאַרשטענדלעך. צוליִב וואָס דאַרף ער היטן אַט די אַלע „דיעלאָס", וואָס באַרקאַן גיט אים יעדן טאָג איבער? וואָס איז פאַראַן אין זיי, אין אַט די „דיעלאָס"? אפריִער גייען די גימנאַזיעס: די „יִדישע זשיטאָמירער גימנאַזיע", די „בערדיטשעווער גימנאַזיע", די „אָדעסער גימנאַזיע", דערנאָך די וואַלן אין די קעהילעס: גאָרנאָסטיַיפּאָליער קעהילע", „קרעמענעצער קעהילע", „לוזשקיִער". און נאָכדעם גייען די פּאָגראָמען: „נאַראָדיטשער פּאָגראָם", „פאַסטאָווער פּאָגראָם", „באָסלעווער פּאָגראָם"... אוי, וויפל פּאָגראָמען...

מייערקע פאַרטראַכט זיך אף א רעגע און נעמט עס אפּגיך, און שוין אָן קיין שום אָרדענונג, שפּאַרן אין דעם ברעטלדיקן, אפּגיך צונויפגעשלאָגענעם קעסטל.

— א פּאפּיר אהער, א פּאפּיר אהין — ווּעמען גייט עס אָן!

פון ציַיט צו ציַיט פאַרלאָזט מייערקע אינגאנצן די ארבעט, בליַיבט שטיין פאַרטראַכטערהייט אינמיטן צימער, ווי ער וואָלט זיך מיט גרויס אופמערקזאַמקיַיט אַיַינגעהערן אין דער זשומעריַי פון די פליגן. עס לאָזט אים ניט רוען דער געדאַנק: וואָס זיַינען דאָס פאַר א „דיעלאָס", פאַרוואָס דאַרף ער זיצן און האָבן צו טאָן מיט אַט די „דיעלאָס"? דער געהאַלט איז, עמעס, א גוטער. ס'איז אָבער ניט קיין פלאַן פאַר א יִידן — פּאָגראָמען!.. פּעו!.. און די מיניסטאָרן! זיי וואָלטן זיך געמעגט פירן א ביסעלע שענער. ראַוויניצקי איז גאָר אוועק, אנטלאָפן, און מיט דעם ניַיעם איז אויך א צאָרע, ער קאָן ניט אַיַינזיצן אפן אָרט, ער לויפט ארום איבער דער שטאָט און פרעגט באַ אַלעמען אייצעס. אז מע דאַרף עפּעס אונטערשריַיבן, קומט אויס א גאנצן טאָג ארומיאָגן, ביִז דו פּאַקסט אים, — אָדער ער איז באַ יִיסראָעל גלאַנצן, אָדער באַ עמעצן אנדערש. וואָס איז דאָס פאַר א מיניסטער? פּעו!..

ס'איז אריַין א יִיד מיט א קויש אייערקיכלעך. מיט כשאַד און פאַרוווּנדערונג ארומגעקוקט זיך:

— פּוסט?! און וווּ איז ער, דער גלאַוונער, ער אוואזשאַיעט דאָך אזוי מיַינע אייערקיכלעך! ראַוויניצקי וווּ איז?

שוין דאָס וויפלטע מאָל הערט מייערקע אָט די פראַגע. ס'איז אים שוין נימעס געוואָרן צו ריידן דערפון. נאָר ער געדענקט, ווער ער איז, ער דאַרף ענטפערן אף אַלץ, וואָס מע פרעגט באַ אים. ענטפערט ער:

— ראַוויניצקי איז אוועקגעפאָרן קיין ערעץ-יִיסראָעל!

די אויגן באַ דעם יִידן ווערן פיַיכטלעך, זיַין צעקנייטשטע באָרד ווערט נאָך מער צעקנייטשט פון דעם ברייטן שמייכל, וואָס צעגיסט זיך אף זיַין פּאָנעם.

— ערעץ-יִיסראָעל! איַי-איַי-איַי! ערעץ-יִיסראָעל!.. אָט דאָרטן מוזן עס זיַין די עמעסע אייערקיכלעך...

און פּלוצעם קומט אים אפן זינען דער מיניסטער:

— אנטלאָפן, הייסט עס? נו, און אונדז האָט ער שוין באוואָרנט? איבערגעלאָזט אונדז מיט די גאזלאָנים, די היַידאמאקעס?..

מייערקע מאַכט זיך ניט הערנדיק. ער זיצט באַם טישל און בלעטערט אַ „דיעלאָ". דער ייִד קומט צו נעענטער, שטעלט אַוועק דעם קויש אױף מייערקעס טישל און פֿרעגט מיט אַ פֿאַרדײַגעטער שטימע:

— און איך מיט מײַנע אייערקיכלעך, ווּ וועל איך זיך אַהינטאָן? מײַנע אייערקיכלעך זײַנען שלעכטע, מיינט איר? אַזאַ יאָר אױף מיר! אַדרעבע, נעמט פֿאַרזוכט. איך פֿאַרלאַנג אַפֿילע קיין געלט ניט.

מיט ביטערקײַט דעקט ער אָפּ דעם קויש:

— קויפֿט כאָטש אַ פּאָר קיכלעך. נאָך הײַנט קיין פּעטשאַטעק ניט געהאַט. קויפֿט — איך בעט אײַך...

מייערקע קויפֿט אַ פּאָר קיכלעך, און דער ייִד גייט אַוועק.

אַ סאַך שווערער איז מייערקען פּאָטער צו ווערן פֿון אַן אַנדער באַזוכער, וואָס קומט אַהער גאַנץ אָפֿט. ער קומט מיט ראַש און מיט טומל. נאָך פֿון פֿירהויז לאָזט זיך הערן דאָס קלאַפּערײַ פֿון די צוויי העלצלעך, וואָס פֿאַרבײַטן אים די אָפּגעשניטענע פֿ״ס. די העלצלעך האָט ער מיט פּאָדקאָווקעס אונטערגעשלאָגן, זיי זאָלן זיך ניט גליטשן, — קלאַפּן זיי נאָך שטאַרקער. די פֿיס זײַנע האָט ער פֿאַרלאָרן נאָך גאָר אַמאָל, אין דער טערקישער מיליכאָמע. איצט מוז ער שוין זײַן גאָר אַלט, נאָר ער איז נאָך זייער זשוואַווע און האָט ליב צו ריידן.

— ער ב ין ניט געקומען צו דיר בעטן אַ נעדאָווע, — זאָגט ער צו מייערקען, — ער האָב מיר מײַנע הײַזער, ווּ מע גיט מיר מײַנע קאָפּעקעס. צו דיר בין ער ניט געקומען נאָך קאָפּעקעס. מיט מיר דאַרף מען ריידן.

מייערקע ווייסט שוין פֿונלאַנג, וואָס דער ייִד דער קאַליקע האָט צו ריידן. ער וויל, אַז אין דעם הויז זאָל ווידער זײַן אַ ביקער־כוילים און ער זאָל ווידער האָבן דאָ זײַן אייגן בעטל. אָבער וואָס קאָן אים מייערקע צוזאָגן? אַז ייִסראָעל גלאַנץ האָט אָפּגעגעבן דעם ביקערכוילים פֿאַרן ייִדישן מיניסטעריום, — וואָס קאָן ער, מייערקע, טאָן?..

— ער האָב מיט דיר ניט וואָס צו ריידן! — זאָגט דערוף דער קאַליקע. — פֿיר מעך צו עמעצן אַנדערש.

מייערקע צעעפֿנט פֿאַר אים די טיר פֿונעם שכײנישן צימער און פֿירט אים אַהין, ווּ עס זיצט דער דיכטער יאַראָוואָי.

אַליין קערט ער זיך אום צום טישל, ווּ עס ליגט בײַ אים ניט דערשריבענערהייט אַ נײַע „דיעלאָ". די וואַנט פֿונעם שכײנישן צימער איז אַ גאַנץ פֿעסטע, זי לאָזט ניט דורך קיין קלאַנגען, נאָר ווען דער ייִד, דער קאַליקע, רעדט מיטן דיכטער, דערטראָגט זיך עס אויך צו מייערקען. עס הערט זיך, ווי דער קאַליקע שרײַט:

— ער בין געווען באַ פּלעוונע, און קיינער האָט מער ניט געקענט בײַקומען. ער לאָז מער ניט בײַקומען! עכל געפֿינען עפּעס עלטערס פֿון דיר!

ווען ער קומט ארײַן צוריק צו מייערקען, איז ער שוין אויפֿגעבראַכט.

— ער האָב געוואָלט זען עפּעס קליגערס פֿון דיר, — זאָגט ער צו מייערקען, — און דער איז דאָך גאָר אַ בערוועגע. ער האָב ניט וואָס צו ריידן מיט אים. פֿיר מעך צו אַן אַנדערן.

מייערקע ווייסט, אַז פּאָטער ווערן פֿון דעם קאַליקע וועט ער ניט, פֿירט ער אים ארײַן אין דריטן צימער, ווּ עס זיצט דעם מיניסטערס פֿאַרטרעטער באַרקאַן. פֿאַר אים האָט דער קאַליקע, ווײַזט אויס, מער אָפּשײַ.

— הער נאָר אויס, — זאָגט ער צו באַרקאַנען, — דו ביסט דאָך אַ ייִד מיט אַ באָרד, דאַרפֿסטו האָבן מער סייכל.

מייערקע וויל אַרויסגיין פֿונעם צימער, נאָר דער קאַליקע לאָזט ניט.

— שטיי דאָ! — באַפֿוילט ער מייערקען. — שטיי און הער, וואָס פֿאַר אַ פּריקאַז דײַן נאַטשאַלניק וועט דיר באַלד געבן.

און נאָכדעם ווענדט ער זיך צו באַרקאַנען:

— ער בין געקומען געווירע ווערן, וויפֿל וועט עס נאָך דאַווערן?..

באַרקאַן לייגט איבער די באָרד אױף דער לינקער זײַט, מיט דער רעכטער טוט ער זיך אַ קערעווע צום באַזוכער און פֿרעגט:

— וואָס האָט איר געוואָלט געווירע ווערן?

דער קאַליקע טוט אויס דאָס היטל פֿון קאָפּ, לייגט עס אַוועק אױפֿן טיש.

— דו קוקסט אָן אָט דעם קאָפּ? — פֿרעגט ער באַרקאַנען, צורוקנדיק נעענטער דעם זקיניש־באַזילבערטן שאַרבן. — ער וויל האָבן ווּ אָט דעם קאָפּ אַוועקצולייגן.

באַרקאַן פֿאַרשטייט נאָך ניט, וואָס דער קאַליקע איז אויסן.

— איז וואָס זשע קומט איר גראָד צו מיר? — פֿרעגט ער.

— צו וועמען דען זאָל עך גיין, אז ניט צו דיר? — ענטפֿערט דער באַזוכער. — דו ווייסט, אַף וועלכן אָרט דו זיצסט? דו ווייסט, אַוועלכן אָרט דו האָסט פֿאַרנומען?

באַרקאַן פּרוּווט זאָגן:

— איך האָב קיינעמס אָרט ניט פֿאַרנומען...

אָבער דאָ ווערט שוין דער געשפּרעך גאָר טומלדיק. דער באַזוכער טײַנעט, אז ס'איז פּונקט דאָס אָרט, ווו עס איז אַלע יאָרן זײַן בעטל געשטאַנען.

— אַראָפּ פֿון מײַן אָרט. עך זאָג דיר מיט גוטן, אַראָפּ פֿון מײַן אָרט!... — שרײַט דער קאַליקע צו באַרקאַנען.

מײַערקע פֿאַלט אַף א האַמצאָע: ער פֿירט אָפּ דעם קאַליקע אין א זײַט און רוימט אים אַפֿן אויער:

— וואָס היצט איר זיך? ס'איז דאָך ניט דער מיניסטער. איך וועל מאַכן אַזוי, אז איר זאָלט רעדן מיטן מיניסטער אַליין. אָבער קומט איבערמאָרגן, ניט פֿריִער ווי איבערמאָרגן.

דער ראַשיקער באַזוכער גייט אַוועק, און אין מיניסטעריום ווערט ווידער שטיל. נאָר ניט אַף לאַנג. עס קומען אָן ווידער א פּאָר ראַשיקע באַזוכער.

ביידע זײַנען זיי אָנגעטאָן אַף איין אויפֿן: שוואַרצע פּידזשאַקלעך, בלאַנקענדיק-ווײַסע מאַנישקעלעך, הויכע קעלנערלעך מיט פּיצעלעך שניפּסלעך, וואָס וועלן אָט-אָט זיך א הייב טאָן און אַוועקפֿליִען. מײַערקע ווייסט, אז יעדער מענטש, וואָס קומט אַרײַן אַהער, דאַרף דאָ באַקומען זײַן „דיעלאָ". מע דאַרף דעם מענטשן אַוועקזעצן אַרום טיש, אויספֿרעגן, ווער איז ער, ווי הייסט ער, וואָס פֿאַרלאַנגט ער. אָבער אָט די ערשט אַרײַנגעקומענע פּאָר פֿאַרשפּאָרט מײַערקע צו פֿרעגן. ער ווייסט אַזוי אויך, אז דאָס זײַנען זינגערלעך, זיי זינגען אין דער קאָרשול. איינעם — דעם, וואָס האָט אַן אַלט-שטימע, רופֿט מען זעליקל, דער צווייטער, וואָס איז א טענאָר, הייסט מוני. און פֿאַרלאַנגען פֿאַרלאַנגען זיי פֿונעם מיניסטעריום גאָרניט. פֿאַרקערט, דאָס מיניסטעריום פֿאַרלאַנגט פֿון זיי: מע וויל, אז זיי זאָלן העלפֿן דעם דיכטער יאַראָוואַי אין זײַן גרויסן אופּטו, וואָס ער האָט פֿאַרטראַכט.

דער דיכטער יאַראָוואַי האָט לאַנג שוין פֿאַרשטאַנען, אז א ייִדישער מיניסטעריום קאָן זיך ניט באַגיין אָן א ייִדישן הימן. דאָס איז דעם דיכטער יאַראָוואַי קלאָר געוואָרן נאָך דעם ערשטן טאָג, ווען ער האָט זיך געזעצט צו זײַן שרײַבטיש אינעם געוועזענעם ביקערכוילים. אָבער אַזוי לאַנג ווי אין מיניסטעריום האָט געוועלטיקט דער מאָרעשכוירעניק, דער שטענדיק פֿאַרכמורעטער ראַוויניצקי, האָט דער דיכטער יאַראָוואַי דען געקאָנט עפּעס אופּטאָן? וויפֿל גאָלדענע פּראָיעקטן האָט זײַן דיכטערישע פֿאַנטאַזיע געבוירן אין אָט די שאָען, ווען יאַראָוואַי איז געזעסן באַם סעקרעטאַר-טיש און האָט געפֿירט פּוסטע שמועסן מיט די באַזוכער, וועלכע פֿלעגן ווען-ניט-ווען אַרײַנקומען אין מיניסטעריום. אָבער וואָס האָט מען געזאָלט טאָן? אַזאַ, ווי ס'איז געווען דער מיניסטער, אַזאַ האָט געזאָלט זײַן דאָס מיניסטעריום. מאָרעשכוירע, גאָלע מאָרעשכוירע...

פֿון דעם טאָג אָן, ווען אין מיניסטעריום האָט זיך באַוויזן דער נײַער מיניסטער באָרעך קוויטני, האָט יאַראָוואַי דערפֿילט, אז עס נעמט א סאָף צו דער מאָרעשכוירע. עס האָבן ווידער א פֿלאַטער געטאָן זײַנע דיכטערישע פֿליגל. דאָס ערשטע, מיט וואָס ער האָט זיך געווענדט צו קוויטנין, איז געווען דער פּראָיעקט פֿון א הימן, אן אייגענעם, א ייִדישן הימן, וואָס זאָל געשאַפֿן ווערן דאָ, אינעם ייִדישן מיניסטעריום. קוויטנין איז דער פּראָיעקט געפֿעלן געוואָרן. ער האָט אַף קיין רעגע ניט געקאָנט פֿאַרגעסן, וואָס אין כוואָלעוויצקיס ציר-קוליאַר איז געשריבן געוואָרן: יעדער מיניסטעריום דאַרף זיך לאָזן הערן. נאָר איין פּאָר ווערטער, אָבער וואָס פֿאַר א טיפֿער זינען עס איז פֿאַראַן אין זיי. אַוואַדע דאַרף א מיניסטעריום זיך לאָזן הערן. און מיט וואָס נאָך קאָן דאָס ייִדישע מיניסטעריום זיך לאָזן הערן, אז ניט מיט דעם הימן, וואָס איז טאַקע דאָ, אין די ווענט פֿונעם מיניסטעריום, געשאַפֿן געוואָרן?

באָרעך קוויטני האָט באַוויליקט יאַראָוואַיס פּראָיעקט. ער האָט בלויז צוגעגעבן איין פּונקט: דער הימן ווערט טאַקע געשאַפֿן דאָ אינעווייניק, אין מיניסטעריום, אָבער דאָס ייִדישע מיניסטעריום איז דאָך ניט אָפּגעריסן פֿונעם ייִדישן פֿאָלק. דאַרפֿן דעריבער מענטשן, וואָס שטעלן פֿאָר דאָס ייִדישע פֿאָלק, בײַזײַן דערבײַ, ווי עס ווערט געשאַפֿן דער ייִדישער הימן.

דער דיכטער יאַראָוואַי האָט דעם פּונקט אָנגענומען. פֿון דעמלט אָן האָבן אין מיניסטעריום זיך אָנגעהויבן באַווײַזן מענטשן, וועלכע שטעלן פֿאָר דאָס ייִדישע פֿאָלק. דער

ערשטער האָט זיך דאָ באַוויזן דער היגער ראַבינער. מײַערקע האָט טכּילעס ניט געוווּסט, וויאַזוי זיך צו באַגיין מיט אַזאַ באַזוכער. פרעגן באַם ראַבינער, ווי ער הייסט און וואָס ער וויל, מאַכן אָפּ זײַן נאָמען אַ „דיעלאָ”? נאָר אָף אַ ראַבינער מאַכט מען דען אַ „דיעלאָ”? באַ אַ ראַבינער פרעגט מען דען, ווי ער הייסט און וואָס ער וויל... וואָס זשע פאַרט דאַרף מען טאָן מיט אַ ראַבינער?..

גוט, וואָס אין יענער מינוט האָט זיך געעפנט די טיר פון יאַראָוואָיס קאַבינעט, דער דיכטער און דער ראַבינער האָבן זיך באַגעגנט, זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט פאַר ביידע הענט, און אָט אַזוי, געאַרעמטערהייט, זײַנען זיי פאַרשוווּנדן אין יאַראָוואָיס צימער.

און נאָכן ראַבינער האָבן שוין אָנגעהויבן קומען אויך אַנדערע. עס זײַנען געגאַנגען אַהער לערער פון דער ייִדישער גימנאַזיע, ס'איז געקומען אַפילע דער דירעקטאָר פון דער גימנאַזיע, אַ שטאַרק אַלטיטשקער מאַן מיט אַ שטאַרק פרומער פאַמיליע: גאָטעסמאַן. ס'איז געקומען דער כאַזן פון דער קאָרשול, וועלכער האָט געזאָלט זײַן דער גרעסטער מייווין אָפן נײַ-געשאַפענעם הימן. און ענדלעך איז געקומען אויך ייִסראָעל גלאַנץ.

מײַערקע האָט אָנגעקוקט, ווי ייִסראָעל גלאַנץ איז אַרײַן, און גלײַך פאַרשטאַנען: אָט דער מענטש נייטיקט זיך ניט אין קיין „דיעלאָ”, ער קאָן אַליין זײַן שטעטל באַשטיין. גלאַנץ האָט געשפּאַנט מיט ברייט-געמאָסטענע טריט. ער האָט געגעבן אַלעמען אָנצוהערן, אַז דאָס איינציקע, וואָס עס האָט אים געבראַכט אַהער, איז דער נײַגער, צו הערן דעם הימן — דעם שיינעם ייִדישן הימן, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין די ווענט פון דעם שיינעם ביקערכוילים, וועלכן ער, ייִסראָעל גלאַנץ, האָט אויסגעבויט...

אין אָט דעם טאָג זײַנען אין ייִדישן מיניסטעריום געווען אַ סאַך באַזוכער און אַלע זײַנען געווען יאָמטעוודיק געשטימט. נאָר צום סאָף האָט מײַערקע דערפילט, אַז עפּעס קאָנען אָט די באַזוכער ניט דורכקומען צווישן זיך. איינע האָבן געדרונגען, אַז דער הימן דאַרף זײַן אַ פריילעכער, אַ סימכעדיקער, און אַפילע דער ניגן זאָל זײַן אַזאַ — אַ סימכעס-טוירעדיקער ניגן! אַנדערע האָבן, פאַרקערט, געדרונגען, אַז דער ערשטער ייִדישער הימן דאַרף זײַן מער סאָליד, מער אײַנגעהאַלטן. ס'מאַכט ניט אויס, סע זאָל זיך אין אים הערן אַ ייִדישער קרעכץ אויך. געווען אַפילע אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז דעם ניגן פאַרן הימן דאַרף מען פּאָשעט נעמען פון די טפילעס, וואָס מע זאָגט יאָמים-נוראָים-צײַט. אָבער דעם פאָרשלאָג האָט געמאַכט ניט עמעץ אַנדערש, נאָר דער כאַזן פון דער קאָרשול. און טאַקע דאָ גלײַך אָפן אָרט האָט ער אַ זינג געטאָן:

בערויש האַשאָנאָ ייִקאָסייוון,
אוּוויוים צוים קיפּור ייִכאָסיימון...

אַ וואָך נאָכאַנאַנד האָט נאָכדעם אינעם ייִדישן מיניסטעריום ניט אויפגעהערט צו קלינגען אָט דער ניגן. אַ וואָך צײַט פלעגן יעדן טאָג קומען אַהער די זינגערלעך זעליקל און מוני. זיי פלעגן זיך פאַרשפּאַרן באַם דיכטער יאַראָוואָי אין צימער, און דורך די ווענט פלעגט זיך הערן, ווי מוני זינגט אויס מיט זײַן קלינגענדיק קאָל די יאָמים-נוראָים-ווערטער. זעליקלס אַלט-שטימע גייט נאָך פוסטריט נאָך מוניס טענאָר. זעליקל זינגט דעם דיכטער יאַראָוואָיס ווערטער:

אין גאָט מיר טוען אַלע גלויבן:
ער וועט זײַן הייליק פאָלק דערהויבן!

און פלוצעם איז אין איינעם אַ טאָג דאָס אַלץ געוואָרן צונישט. אָנגעהויבן האָט זיך דער טאָג ווי געוויינלעך. מײַערקע איז געקומען אין מינסטעריום פאַרפרי, ער האָט דורכגעשפּאַנט אַלע צימערן, דערנאָך אַרײַן צו זיך אין צימער, זיך באַזעצט באַ זײַן אייגענעם טיש. אַרויסגענומען איינע פון די „דיעלאָס” און פאַרטאָן אין דער אַרבעט, האָט ער אַפילע ניט באַמערקט, ווי אין צימער איז אַרײַנגעקומען אַ פרעמדער מענטש.

שוין גלײַך פון דער ערשטער מינוט האָט מײַערקע פאַרשטאַנען, אַז דאָ וועט ער האָבן צו טאָן מיט אַ „דיעלאָ”, מיט איינער פון יענער גרויסער הורבע „דיעלאָס”, וועלכע ליגן אין אַ באַזונדער שאַפקעלע אונטער איין אויפשריפט: „פּאָגראָמען”. דער מענטש האָט זיכער געמוזט קומען פון אַ פּאָגראָמירטער שטאָט. מײַערקע קען שוין גוט אָט די מענטשן, ער דערקענט זיי אינעם קוק פון זייערע צעפּלאָכטע אויגן, אין די צערודערטע הענט זייערע, וואָס קאָנען ניט רוען, אין די ברייט-צעעפנטע מײַלער, פּונקט ווי עס וואָלט זיי אויסגעפעלט לופט צום עטעמען. אָט אַזעלכע קומען זיי אַלעמאָל פון אַ שטאָט, ווו עס האָט זיך אָנגעהויבן די שכיטע. זיי קומען צו לויפן מערסטנטייל צופוס, און ווען זיי לויפן אַרײַן אין ייִדישן

מיניסטעריום, זײַנען זיי נאָך פול מיט דער האָפענונג, אַז דאָ האָט מען עפּעס א מיטל, מע ווייסט דאָ עפּעס אזא קישעף-וואָרט, וואָס קאָן אָפּשטעלן די שכיטע. מייערקע פארשטייט: מע טאָר זיי ניט אויסזאָגן, אַז קיין שום קישעף-וואָרט ווייסט מען דאָ ניט. מע טאָר ניט. וואָרעם ווי נאָר עס גייט אויס אין זיי די האָפענונג, קאָן גאָר אויסגיין דאָס לעצטע ביסל לעבן, וואָס האַלט זיך נאָך אין זיי. אָט דערפאר טאקע נעמט מייערקע געוויינלעך טייקעף ארויס א פרישע פאפקע, זעצט זיך טייקעף אוועק צום פארשרײַבן, און וואָס מער ער פארשרײַבט, אַלץ מער, זעט ער, ווערט דער פרעמדער מענטש פארגלייבט און פארזיכערט.

נאָר דאָס מאָל האָט מייערקע, ווײַזט אויס, א טאָעס געהאט, שטארק א טאָעס געהאט. וואָס ער האָט ניט געפּרוּווט טאָן, האָט בא דעם פרעמדן מענטשן אויסגעזען ניט באגלייבט און ניט זיכער.

— הער אוף ריידן, ווי א קינד, איך קאָן עס ניט לײַדן, — האָט ער א זאָג געטאָן גלײַך, ווען ער האָט דערהערט, אַז מייערקע קלײַבט זיך מאכן א „דיעלאָ“. — ווער דארף האָבן דײַנע דיעלעס-שמעלעס, ווער?

מייערקע באשטייט פאָרט אף זײַנס. ער מוז פארשרײַבן דעם נאָמען פון דעם אָרט, פונוואנען דער מענטש איז געקומען, ווי הייסט די שטאָט? אָט נאָר איין וואָרט, ניט מער ווי איין וואָרט, וואָס ארט אײַך, אַז איר וועט זאָגן איין וואָרט. נו, איך בעט אײַך, זאָגט מיר: ווי הייסט די שטאָט?

מייערקע בעט זיך אזוי שטארק, אַז דער פרעמדער מענטש שענקט אים א וואָרט. בלויז איין וואָרט: כמעלניק.

— אוי, וואָס זאָגט איר? — שרײַט אויס מייערקע. — ווידער כמעלניק?

— הער אוף אויקען, איך קאָן עס ניט לײַדן, — שלאָגט אים איבער דער פרעמדער.

מייערקען באליידיקט עס ניט. ער זעט, אַז דער כמעלניקער זאָגט עס מיט ווייטעקלעך-פארקרימטע ליפן. אָט דער מענטש, זעט מען, קען טאקע א סאך זאכן ניט לײַדן. אָבער וואָס זאָל עס באטײַטן: ווידער כמעלניק? ווידער, הייסט עס, האָט זיך אין כמעלניק אָנגעהויבן א פּאָגראָם? אויב אזוי, דארף מען דאָך ניט קיין נײַע פאפקע. מע דארף נעמען די אלטע כמעלניקער „דיעלאָ“ און ארײַנשרײַבן דעם נײַעם פּאָגראָם.

מייערקע הייבט זיך אוף פון זײַן אָרט, לויפט פון שראנק צו שראנק, זוכט די אלטע כמעלניקער „דיעלאָ“.

— הער אוף ארומלויפן, איך קאָן עס ניט לײַדן, — דערהערט זיך ווידער די שטים פונעם פרעמדן מענטשן.

מייערקע בלײַבט שטיין. ער ווייסט פּאָשעט ניט, וואָס הייבט מען אָן צו טאָן מיט אָט דעם מענטשן? אַז קיין זאך קאָן ער ניט לײַדן. באשליסט מייערקע, אַז מער וועט ער מיט אָט דעם מענטשן ניט האָבן צו טאָן. זאָל דער מיניסטער אליין מיט אים האָבן צו טאָן. און עק, א סאָף, מער פרעגט מייערקע גאָרניט. ער וועט ביכלאל מער ניט עפענען דאָס מויל. ער וועט זיצן און שווײַגן.

נאָר דאָ הייבט פלוצעם אָן ריידן דער כמעלניקער.

— איך קען ניט די שטאָט אײַערע, — זאָגט ער צו מייערקען, — איך בין דאָ ס'ערשטע מאָל. עפשער קאָנסטו מיר זאָגן, ווו קאָן מען זיך דאָ אהינטאָן מיט קינדער?

— אײַערע קינדער זײַנען גאנץ געבליבן? — דערפרייט זיך מייערקע. — איר האָט געבראכט אהער אײַערע קינדער?

— שלאָג מיך ניט איבער, איך קאָן עס ניט לײַדן, — טוט א זאָג דער פרעמדער מענטש. — איך וועל אליין דיר זאָגן. נאָר זײַ ניט קיין קינד, הער מיט קאָפּ...

אן אנדערש מאָל וואָלט מייערקע זיך באליידיקט, נאָר איצט האלט עס ניט דערבײַ. ער הערט מיט קאָפּ, און די גאנצע צײַט דאכט זיך אים, אַז עס קאָן אזוי ניט זײַן. דאָס, וואָס דער פרעמדער מענטש דערציילט, איז ניט מער ווי אן אויסטראכטעניש. אָבער אָט טוט מייערקע ווידער א קוק אף דעם פרעמדן, און ס'קומט אים שוין מער ניט אפן זינען, אַז אזא מענטש קאָן עפּעס אויסטראכטן. יענער רעדט אזוי, פונקט ווי ער וואָלט דערציילט עס ניט מייערקען, נאָר זיך אליין. עס פארדריסט אים אף זיך אליין, וואָס ער האָט זיך אזוי פארזאמט אין זשיטאָמיר אף דער לערער-קאָנפערענץ. דער רועך האָט זי אָנגעטראָגן, אָט די קאָנפערענץ. האָט זי זיך געצויגן און געצויגן. און פלוצעם איז צו זשיטאָמיר דערגאנגען די ידיע, אַז אין כמעלניק האָט זיך אָנגעהויבן די שכיטע. געקומען איז דער כמעלניקער לערער צו זיך אהיים ערשט אין א מעסלעס ארום און ניט זײַן שטוב, ניט זײַן ווײַב, ניט זײַנע צוויי קינדער האָט ער שוין ניט געטראָפן, האָט ער זיך געלאָזט לויפן איבער דער ליידיקער שטאָט, געזוכט זײַנע קינדער. געפונען זיי האָט ער ניט, נאָר אין דער צײַט, ווען

ער איז אומגעלאָפן איבער די גאסן, האָבן זיך צו אים צוגעקלעפּט אנדערע, פרעמדע קינדער. פריִער — איינס, און שפּעטער — נאָך איינס. צום סאָף האָט זיך שוין אָנגעקליבן עלף קינדער. זיי זײַנען געגאנגען נאָך אים פוסטריט. וווּהין ער טוט זיך א קער — אהין גייען זיי. און אינמיטן נאכט האָט זיך באוויזן אין דער לײדיקער שטאָט נאָך א לעבעדיקער מענטש — העניע די נייטערן. זי האָט דערהערט די קינדערישע קעלעכלעך, האָט זי זיך געלאָזט גיין גלײַך צו זיי. מ׳טו זיך האָט זי געבראכט נאָך איינס א קינד, וואָס האָט זיך אָקאָרשט געפונען. דאָס איז שוין געווען דאָס צוועלפטע קינד. און צום סאָף נאכט זײַנען שוין אזעלכע קינדער געווען אכט און דרײַסיק. מיט אָט די אכט און דרײַסיק קינדער איז עס דער פרעמדער מענטש איצט געקומען אין דער קרוינשטאָט. פון זייערטוועגן זוכט ער עס אן אָרט.

— דו ווייסט ניט, — פרעגט ער זיך נאָך בא מייערקען, — וווּ איז דאָ פאראן אזא אָרט, וווּ מע קאָן זיך אהינטאָן מיט די קינדער?

מייערקען געפעלט, וואָס דער פרעמדער מענטש רעדט מיט אים ווי מיט א גלײַכן, ער פרעגט זיך נאָך, ער ווארט אף אן ענטפער. נאָר אויב אזוי, מעג ער, מייערקע, דאָך אויך עפּעס פרעגן. און האלטנדיק זיך פעסט אין די הענט, היטנדיק זיך, אז ס׳זאָל זיך בא אים ווידער ניט ארויסרײַסן אן „אוי“, פרעגט מייערקע:

— אכט און דרײַסיק קינדער, זאָגט איר? און ווען וועלן די קינדער זײַן הי?

דער כמעלניקער לערער קאָן שוין ווידער עפּעס ניט לײַדן.

— עט, — טוט ער א מאך מיט דער האנט, — א קינד בלײַבט א קינד. דו פארשטייסט נאָך אלץ ניט: איך וועל זיי אָפּלאָזן פון זיך, אָט די יעסוימים? דאָרט, וווּ איך בין, דאָרט זײַנען זיי. דאָ אפן וואָקזאל זײַנען זיי. העניע די נייטערן גיט דאָרט אכטונג אף זיי. און איך גיי אום פון פארטאָג אָן איבער דער שטאָט, איך זוך אן אָרט פון די קינדערסוועגן. עפּשער וואָלסטו א גיי טאָן מיט מיר, הא? מיט א היימישן, אז מע זוכט, איז פאָרט גרינגער צו געפינען.

און דאָ פּלוצעם ווײַזט זיך ארויס, אז מייערקע איז גאָר ניט קיין קינד. ער האָט געהערט מיט קאָפּ, און דער קאָפּ זײַנער האָט דערבײַ געטראכט, אז ער האָט זיך צו עפּעס דערטראכט.

— אוועקגיין פונדאנען טאָר איך ניט, — זאָגט מייערקע, — דאָ איז מײַן אָרט, און אוועקגיין פונדאנען טאָר איך ניט. נאָר איר דארפט אויך ניט אוועקגיין פונדאנען. איר דארפט זיך דערווארטן אפן מיניסטער. אָט וועט איר זען, ער וועט הייסן, מע זאָל אלע קינדער ברענגען אהער, אָט וועט איר זען...

און ער איז אזוי זיכער אין זײַנע רייד, אז ער נעמט שוין מיט זיך דעם כמעלניקער לערער און לאָזט זיך מיט אים גיין איבער די ליידיקע צימערן פונעם מיניסטעריִום. ער פירט דעם לערער פון צימער צו צימער, באווײַזט אים דאָס ראכוועסדיקע געבײַ, וואָס עס האָט אופגעשטעלט יִסראָעל גלאנץ, און האלט אין אײַנריידן דעם פרעמדן מענטשן, ער זאָל מער ניט איבערקלערן, ער זאָל אופהערן זוכן אן אנדער אָרט פאר די כמעלניקער יעסוימים. אָט דאָ, נאָר אָט דאָ איז דאָס אָרט פאר זיי...

איז יענעם טאָג האָט באָרעך קוויטניץ זיך געדאכט, אז זײַן מיניסטעריִום הענגט אף א האָר. אזויפיל זאָרג, אזויפיל מי האָט ער דאָך אָפּגעגעבן דערויף, אז דאָס יִדישע מיניסטעריִום זאָל האָבן א פּאָנעם פון א מיניסטעריִום! און מיטאמאָל באווײַזט זיך דאָ א מענטש, וועלכער איז גרייט אָט דאָס אלץ צעטרעטן. אין מיניסטאָרישן קאבינעט שטייט א מענטש אין אן אָפּגעקראָכענעם אויסגעצוויטעטן געלן באלאכאָן, דעם קאָפּטער פונעם באלאכאָן האָט ער פון קאָפּ ניט אראָפּגענומען, ער שטייט אזוי, פּונקט ווי איבער אים וואָלט קיין דאך ניט געווען, פּונקט ווי די הענט זײַנע וואָלטן ניט געלעגן אפן שיינעם גרינעם טישטעך מיט די גאָלדענע פרענזעלעך, פּונקט ווי אנטקעגן אים וואָלט געזעסן דער מיניסטער באָרעך קוויטני. נאָר מיילע, דאָס אלץ וואָלט באָרעך קוויטני נאָך מויכל געווען. אָבער ווי קאָן ער אײַנזיצן און אויסהערן דעם ווילדן פּלאן, מיט וועלכן ס׳איז געקומען צו אים דער כמעלניקער לערער? א שיין מיניסטעריִום וואָלט עס געווען, ווען מע זאָל פאָלגן אָט דעם כמעלניקער פארשוין! אכט און דרײַסיק קינדער אין דער געבײַדע פון א מיניסטעריִום! קינדערשפּיל — דאָרט, וווּ עס דארף הערשן שטילקײַט! ווער קאָן עס אײַנגיין דערויף? ניין, וואָס מע וויל, זאָל מען אף אים, קוויטניץ, זאָגן, נאָר דערלאָזן אזוינס וועט ער ניט. זאָל מען אפילע זאָגן, אז קוויטני איז א מענטש אָן א יִדיש הארץ, אז ער האָט אין זיך ניט קיין טראָפּן פון יִדישן ראכמאָנעס. וואָס גייען אים אָן אָט די אלע רייד? ער איז א יִדישער

מיניסטער, און ער וועט ניט דערלאָזן, אז דאָס מיניסטעריום זאָל ווערן אויס מיניסטעריום. איר ווילט כאַרעוו מאכן דאָס איינציקע ייִדישע מיניסטעריום אין דער וועלט — איר פאַרשטייט, וואָס איר ווילט?

דער מענטש, וואָס איז געקומען פון כמעלניק, האָט, ווײַזט אויס, ניט געקאָנט עס פאַרשטיין.

— הערט אויף קאָכן זיך, איך קאָן עס ניט לײַדן, — האָט ער געזאָגט מיט זײַנע ווייטעקלעך־פאַרקרימטע ליפּן, — איך רעד מיט אײַך ווי א לערער. מײַנע אייגענע קינדער זײַנען אומגעקומען. אָבער די אכט און דרײַסיק קינדער זײַנען אויך מײַנע קינדער...

— מײַן מיניסטעריום האָט ניט צו טאָן מיט קינדער! — האָט אויסגעשריִען קוויטני.

— און מיט וואָס האָט אײַער מיניסטעריום צו טאָן? — האָט א פרעג געטאָן דער כמעלניקער לערער.

קוויטני האָט פאַרשטאַנען, אז ס'איז אונטער זײַן ווירדע צו ענטפערן אף אזא פראַגע. ער האָט געמאכט אן אָנשטעל, אז ער האָט אזא פראַגע פּאָשעט ניט געהערט. זי איז צו זײַן אויער ניט דערגאַנגען. און קעדיי דאָס זאָל זײַן נאָך מער נאַטירלעך, האָט ער א קערעווע געטאָן דאָס פּאָנעם צום פענצטער און גענומען ארויסקוקן אין דרויסן.

אלע מאָל, ווען באַרעך קוויטני קוקט ארויס דורכן פענצטער פון זײַן קאַבינעט, געפעלט אים ניט דער אויסזיכט און סע כאַפּט זיך אוף בא אים אין הארצן א פאַרדראָס אף ייִסראָעל גלאַנצן, וועלכער האָט אופגעשטעלט זײַן גרויסאַרטיק געבײַ אף אזא ניט גרויסאַרטיקער גאַס. מע רופט זי: די מאַרק־גאַס. און זי איז טאַקע ניט קיין גאַס, נאָר א שטיק מאַרק. פון ביידע זײַטן גאַס — קרעמלעך. קלייטלעך, מאַרק־שטעלעכלעך. באַרעך קוויטני פאַרדריסט עס אלע מאָל: א מיניסטעריום צווישן מאַרק־שטעלעכלעך! ס'פאַרדריסט אים, וואָס ארום אָט די קלייטלעך זעט מען די פאַרדײַגעטע, פאַרזאָרגטע קלייטניקעס, ווי זיי שטעלן זיך אוועק בא דער שוועל און קוקן ארויס אף א קוינע. ס'פאַרדריסט אים, ווען ער דערזעט די טרעגער־לײַט, וועלכע שטעלן זיך אויס פון אינדערפרי אָן אין דער גאַנצער לענג פון דער מאַרק־גאַס. די לענדן זייערע זײַנען ארומגעבונדן מיט גראָבע שטריק, די הענט זײַנען גרייט אָט דעם שטריק צו פאַרוואַרפן אף א שווערן קאַסטן, אף אן אָנגעשטאָפּטפולן זאַק, וואָס מע וועט הייסן נעמען אף די פּלייצעס און אָפּטראָגן פאַר עטלעכע גראָשן אין א גאָר ווײַטער גאַס. נאָר קיינער הייסט זיי גאָרניט. די טרעגער שטייען ליידיק און קוקן ארויס מיט פאַרדײַגעטע, פאַרזאָרגטע אויגן...

עס געפעלט ניט קוויטנין דער אָויסזיכט פון זײַן פענצטער, און עס פאַרדריסט אים אלע מאָל אף ייִסראָעל גלאַנצן, וואָס יענער האָט אופגעשטעלט זײַן גרויסאַרטיק געבײַ אף אזא ניט גרויסאַרטיקער גאַס. נאָר הײַנטיקס מאָל, ווען קוויטני האָט אָפּגעקערעוועט זיך פונעם כמעלניקער לערער און גענומען ארויסקוקן אין דרויסן, האָט אים פּלוצעם עפּעס פאַרכידעשט. די מאַרק־גאַס איז געווען ליידיק, די קלייטלעך פאַרשלאָסן, די טרעגער־לײַט האָט מען אויך ניט געזען. וואָס האָט עס געזאָלט הייסן? וווּהין זײַנען אלע אנטרונען?

קוויטני האָט אָנגעקלונגען מיטן גלעקל, וואָס איז געשטאַנען אף זײַן טיש. מיט דעם קלונג פלעגט ער שטענדיק ארויסרופן צו זיך דעם געשעפטפירער מײערקען. נאָר דאָס מאָל איז מײערקע ניט ארײַנגעקומען, און דער כמעלניקער לערער, וועלכער איז ערשט נאָרוואָס געשטאַנען אינמיטן קאַבינעט, האָט אויך פּלוצעם ניט געסטײַעט. קוויטני האָט זיך ווידער א לאָז געטאָן צום פענצטער, גענומען זיך אײַנקוקן — און מיטאמאָל דערזען, ווי די מאַרק־גאַס ווערט פאַרפלייצט מיט מענטשן, זיי שיטן זיך אהער פון אלע ארומיקע געסלעך, נאָר האַלטן האַלטן זיי זיך בא די זײַטן פון דער מאַרק־גאַס, דעם מיטן פון דער גאַס לאָזן זיי פרײַ, און דאָרט, אף דער סאַמע מיט גאַס, שפּאַנען קינדער. פאָרויס גייט עפּעס א פרוי — ווײַזט אויס, זי איז ניט קיין היגע, נאָר אלע היגע פאָלגן זי, אלע טוען דאָס, וואָס זי הייסט. אָט שטעלט זי אף א ווײַלע אָפּ די שפּאַנענדיקע קינדער, זיי טוליען זיך צו איר, זיי רינגלען זי ארום, ווי א טשאַטע גענדזעלעך, עפּעס ריידן זיי צו איר, נאָר זי איז פאַרנומען. זי פירט פאַר דער האַנט איינעם א טרעגער, און נאָך אים שפּאַנט נאָך איינער, און אויך א דריטער. און אלע האַלטן זיי אף די הענט קינדער, פאַרוויקלטע אין קאָלדרעס, זיי טראָגן זיי געהיט, ווי מע טראָגט א גלעזערנע קיילע, וואָס קאָן אָט־אָט צעבראָכן ווערן. נאָר די קינדער זײַנען, ווײַזט אויס, שוין לאַנג צעבראָכן. עס זעען זיך ארויס פון אונטער די קאָלדרעס פאַרבינטעוועטע פיסלעך, פאַרבינטעוועטע הענטלעך, פאַרבינטעוועטע קינדערישע קעפּלעך, און אזעלכע קינדער איז דאָ, אפּאָנעם, גאָר א סאַך. עס קלעקט פאַר זיי ניט קיין טרעגער. האָבן אויך ווײַבלעך גענומען אף די הענט די פאַרוווּנדעטע קינדער. און אָט איז

אויך מייערקע דער געשעפטפירער פון מיניסטעריום; אויך ער האָט געגומען אף די הענט א פארוווּנדעט קינד און טראָגט עס גלייך אהער, צום מיניסטעריום.

באָרעך קוויטני האָט געקוקט דורכן פענצטער, און זיין הארץ איז פול געווען מיט צאַרן אף מייערקען. וואָס האָט דער יונגאטש זיך דערלויבט? וואָס האָט דער שנעק זיך איינ־גערעדט? ער מיינט, אז ער מעג טאָן, וואָס אים ווילט זיך! ער וועט פירן אהער, וועמען אים ווילט זיך!.. א ווילדע זאך! אן אומגעהערטע זאך!..

נאָר געפ׳לט האָט קוויטני, אז דאָס איז א פארפאלענע זאך. די כמעלניקער קינדער זיינען שוין געווען ניט ווייט פונעם פאראדנעם צוגאנג צום מיניסטעריום. עס האָט זיך גע־הערט, ווי די טרעגער צעעפענען ביידע דרויסן-טירן, זיי צעגראלן דעם אריינגאנג אין מיניסטעריום.

— אויס מיניסטעריום, — האָט קוויטני געשעפטשעט, — אויס יידישער מיניסטעריום...

און ניט קאָנענדיק צוזען, ווי מע מאכט כאָרעוו זיין מיניסטעריום, האָט ער פארלאָזט זיין קאבינעט און איז דורך א הינטער-טיר אוועק צו זיך אהיים.

די פרוי, וואָס האָט געשפאנט אין דער שפיץ פון די כמעלניקער קינדער, איז געווען העניע די נייטערן. קיינמאָל ביז אהער איז זי אין דער קרוינשטאָט ניט געווען. קיינמאָל האָט זי קיינער דאָ ניט אָנגעקוקט, נאָר איצט האָבן אלע זי גערופן באם נאָמען, אלע האָבן געוואַרט אף איר וואָרט, ווי מע ווארט אף א באפעל. און העניע די נייטערן האָט ציינט געהאט אלעמען אָפצוגעבן איר באפעל.

דאָס ערשטע, וואָס מע האָט גדארפט טאָן, איז באזאָרגן די פארוווּנדעטע קינדער. פון זייערטוועגן האָט העניע אָפגעקליבן בארקאנס קאבינעט — דער צימער איז געווען אף דער זוניקער זייט, האָט פארמאָגט א סאך ליכטיקייט.

— זאָל זיי ליכטיק ווערן אין די אויגן, — האָט העניע געזאָגט, — זאָלן זייערע אויגן פארגעסן, וואָס זיי האָבן געזען...

די טרעגער האָבן איינס נאָך איינס אריינגעטראָגן די פארוווּנדעטע קינדער, געקוקט ארום זיך, געזוכט, ווו אהינצוטאָן די קינדער, נאָר כוץ א טיש מ׳ט בענקלעך איז אין צימער גאָרניט געווען. די טרעגער האָבן געקוקט אף העניען, נאָר אויך זי האָט נאָך ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן. אָבער דאָ האָט פלוצעם זיך באוויזן דער אָנפיסיקער ייִד, דער אָפטער אריינ־גייער אין מיניסטעריום. דאָס מאָל איז ער דאָ געווען נאָך מער היימישער, ווי טאָמיד.

— עך בין דאָ אָפגעלעגן צען יאָר... — האָט ער געזאָגט צו די טרעגער, — עך האָב דאָ געהאט מיין אייגן בעטל... עך האָב עס באהאלטן, מיין בעטל. קומט, וועל עך אייך באווייזן, ווו עך האָב עס באהאלטן, מיין בעטל...

העניע איז אוועק איינעם מיט אים. זיי האָבן זיך פארזאמט ערגעץ אין הויף, און די גאנצע צייט זיינען די טרעגער געשטאנען און געהאלטן די פארוווּנדעטע קינדער אף די הענט.

דער אָנפיסיקער האָט געוווּסט, וואָס ער רעדט. ערגעץ אין א קעלער האָט מען געפו־נען א גאנצע טוץ אייזערנע בעטלעך, וואָס זיינען אמאָל געשטאנען א׳נעם ביקערכוי׳ל׳ים. מע האָט פון בארקאנס צימער ארויסגעוואָרפן דעם שרייבטיש מיט די בענקלעך, אריינגעטראָגן די אייזערנע בעטלעך.

— גייט אהיים, — האָט העניע געזאָגט צו די טרעגער, גייט, ליבע מענטשן, גייט. איר האָט איירס געטאָן. איצט וועלן שוין אנדערע טאָן.

און וואָס צו טאָן איז דעם טאָג געווען א סאך. ביז סאמע פארנאכט זיינען די טירן פון מיניסטעריום געשטאנען ברייט-צעפראלט, און מענטשן זיינען געגאנגען הין-און-צוריק. פארנאכט-צו האָט זיך אין די צעפראלטע טירן אריינגעשפארט כייע-ביילע די בעקערן. זי האָט געשלעפט א גרויסן קויש מיט אָקאָרשט-ארויסגעבאקענעם ברויט.

— העניעטשקע, טייערע, — האָט די בעקערן געזאָגט, — איך ווייס, וואָס קינדער זיינען. איך ווייס, וואָס קינדער דארפן. א שטיקל ברויט דארפן זיי האָבן. פרי׳ער פאר אלץ א שטיקל ברויט. נאָר זאָגט מיר, העניעטשקע, אף וויפל כאלאָקים זאָל איך שניידן א ברויט? זאָגט מיר, וויפל קינדער האָט איר דאָ, זאָלן זיי געזונט זיין? וויפל האָט א׳ר זיי דאָ, די גראטעוועטע?

דערהערט, אז העניע האָט גראטעוועט אכט און דרייסיק קינדער, האָט די בעקערן זיך א פאטש געטאָן איבערן שטערן:

— איך האָב אָבער געוווּסט, אז סע וועט ניט קלעקן איין קויש ברויט... אָט באלד, העניעטשקע, אָט באלד...

זי איז ארויס אין גאַס, דערזען דעם אוילעם, וואָס איז געשטאַנען ארום מיניסטעריום, און א רוף געטאָן אף א קאָל:

— ליובע, ווו ביסטו דאָרט, ליובע...

פונעם אוילעם איז ארויסגעגאַנגען א שלאַנקע, בלוי-אויגיקע באַשעפעניש מיט א גרויסן, צעקודלטן קאָפּ בלאָנדע האָר. אין די הענט האָט זי געהאַלטן דעם צווייטן קויש ברויט, וואָס די בעקערן האָט אויסגעבאַקן פאַר די קינדערסוועגן.

— קום, טאָכטער, קום, — האָט די בעקערן זיך געײַלט, — מיט איין קויש וועט מען זיך דאָרט ניט באַגיין, קום!

דערנאָך זײַנען זיי ביידע — די מאַמע מיט דער טאָכטער, געשטאַנען בא מייערקען אין צימער, דאָס ברויט האָט מען געשניטן אף מייערקעס טיש, און דאָס צעשניטענע ברויט האָט מייערקע געטראָגן צו באַרקאַנען אין קאַבינעט, ווו עס זײַנען שוין געלעגן אין די אײַזערנע בעטלעך די פאַרוווּנדעטע קינדער.

שפּעטער האָט מען באַשטאַט אויך די גאַנץ-געבליבענע קינדער. אָפּגעגעבן האָט מען זיי דעם צימער, ווו ס'איז פריִער געזעסן דער דיכטער יאַראָוואַי. דער אַנפיסיקער האָט אויך איצט געגעבן א גוטע אייצע. ער האָט געבראַכט פון שטאָט א פּאָר סטאָליערס, ברעטער האָט מען געפונען אינעם הויף פון געוועזענעם ביקערכוילים. און נאָך איידער ס'איז געוואָרן נאַכט, האָבן די גאַנץ-געבליבענע קינדער שוין געהאַט א האַלבע טוץ סאָפּקעס. באַלייגט האָט מען די קינדער צו צוויי אף א סאָפּקע. נאָר ווי מיד זיי זײַנען ניט געוועזן פון וועג, האָט זיך זיי פאָרט ניט געוואָלט שלאָפן. אין יאַראָוואַיס צימער, ווו עס איז געשטאַנען די האַלבע טוץ סאָפּקעס, איז געווען א היפשער טומל. די קינדער האָבן געראַשט, איבערגעלאָפן פון סאָפּקע צו סאָפּקע, געביטן זיך מיט די ערטער, געביטן זיך מיט די קישנס און קאָלדרעס. דער כמעלניקער לערער האָט דערזען, אז אײַנשטילן זיי וועט ער ניט, האָט ער פּלוצעם געהייסן זיי אראָפּ פון די סאָפּקעס און אויסשטעלן זיך אין א קרײַז. די קינדער האָבן שוין געוווּסט, וואָס דאָס הייסט. דאָס איז געווען א סימען, אז באַלד וועט דער לערער מיט זיי זינגען.

אין דרויסן זײַנען אַלץ נאָך געשטאַנען די היגע אײַנוווינער, זיי האָבן געקוקט אין די באַלויכטענע פענצטער פונעם ייִדישן מיניסטעריום און געהערט, ווי עס טראָגט זיך פון דאָרטן דאָס קינדעריש געזאַנג. פּלוצעם האָט זיך פונעם אוילעם ארויסגעכאַפּט איינער א יונג, ער האָט זיך א לאָז געטאָן צו דער טיר פונעם מיניסטעריום. די טיר איז שוין געווען פאַרשפּאַרט, נאָר דעם יונג האָט עס ניט געאַרט, ער האָט געקלאַפּט אין טיר און גערופן:

— מייערקע! דאָס בין איך! עפן אוף, דאָס בין איך!...

די טיר האָט זיך געעפנט, מייערקע האָט אין דער פינצטער קוים-קוים דערקענט דעם יונג.

— דאָס ביסטו, זעליקל? — האָט ער א פרעג געטאָן.

— איך... איך... — האָט דער יונג געענטפערט און האָט א צעפּאַליעטער, א צעיאָגטער זיך געלאָזט צום צימער, ווו די קינדער האָבן געזונגען.

און דאָס געזאַנג האָט זיך געטראָגן, ווי פריִער. נאָר איצט האָט זיך אין אים ארײַנגעגאָסן א נײַער שטראָם, דער קרישטאָל-ריינער שטראָם פון זעליקלס אַלט-שטימע. ער האָט דורכגעזונגען מיט די קינדער איין ליד, דערנאָך א צווייטע. „נאָך, נאָך"... — האָבן געשריִען די קינדער.

אין יאַראָוואַיס צימער איז איצט שוין געשטאַנען אויך העניע די נייטערן.

— זינגט זיי, זינגט, — האָט זי געזאָגט צו זעליקלען, — פון אזא זינגען קומט זיי צו געזונט.

און אויך דער כמעלניקער לערער האָט זיך פּלוצעם א שטעל געטאָן ארום זעליקלען, ארופגעלייגט אים די האַנט אפן אַקסל, געוואָלט אים אופמונטערן, ער זאָל זינגען נאָך.

זעליקל האָט איצט שוין געזונגען אַליין. געזונגען אַלץ, וואָס אים איז געקומען אפן זינען. נאָר דערבײַ האָט ער אף קיין רעגע ניט אָפּגעריסן די אויגן פון די כמעלניקער קינדער, און עס האָט זיך געדאַכט, אז נאָר זיי האָט ער אין זינען, זייער לויטערן מאָרגנדיקן טאָג וויל ער זיי אויסזינגען, דאָס לויטערע קאָל פון זייער מאָרגנדיק לעבן וויל ער, זיי זאָלן דערהערן...

(סאָף פון ערשטן טייל)

די וועלט, אין וועלכער עס לעבט מײַן סוועטלאַנע

פּייזאַזש, 1982

(ביירוט)

דאָס בלוט רינט אַרויס פון די מייסים, ווי נאַפט פון די קוואַלן,
און ווערט אַלץ געדיכטער, פאַרשטײַפט, ווי דער גאַסן-פּאַרקעט
מיט לײַדיקע שפּורן פון באַקן, פון פּלייצעס און בײַכער.

אַט דאָס איז די ערד.

די וואָלקנס, דער אַטמאָספערע-שיכט איז דורכגעלעכערט
פון באָמבעס — די לופט-לעכער שטייען, ווי טרויבן אין הימל,
וואָס זויגן די גײַסטער, פּונקט ווי אַ שטויב-זויגער, אײַן.

אַט דאָס איז די הייך.

ווו ביסטו, ריבוינעשעלוילעם? אויף אורלויב, באַם ברעג פון אַ ווײַטער גאַלאַקטיק?
די טרויבן — זיי ציִען שוין לײַבער און שטיינער אַרײַן.

ווער רעדט גאָר פון שולד? ווער רעדט גאָר פון יוישער? ווער רעדט נאָך?
קיין וואָרט, נאָר אַ פּוסטער געהויל, אַ קאָסמישער ווינט פון נעשאָמעס...

עס שפּריצט בלוט

עלאָאך? אַלאָ! אַ לאָך, אַ לעוואָנע אין הימל,
אַ גאָלדענער לאַנגער טונעל
מיט הונדערטער פעדים פון שײַן, און דער אײַזערנער ספּוטניק
רײַסט זיי אַלעמאָל איבער אין פלוג.
איך בין עס, דײַן ליאָווע בערינסקי, דײַן מאַלעך, געהיימער אַגענט אויף דער ערד —
אַלאָ פּונעם אייל-באַרג, דו האָסט מיך שוין ענדלעך דערהערט?
איך מעלד זיך — איך מאָסער די וועלט:
דער מענטש איז דאָ הערלעך און שרעקלאָז, און בײַ די ווײַבער
קוועלן אָן אין דעם כוידעש ניסן די בײַכער פון גליק,
וואָס זיי לעבן, פון פרייד, וואָס מע ליבט זיי... אַלאָ, אַלילויאַ!
אַ קאָמעט, ווי אַ גאָל-מעסער, גיט אַ פּיק דיר די באַק — און אַרום
שפּריצט דאָס בלוט און פאַרגיסט די אומגעגנטן... אָמיין!
די לעוואָנע רינט אויס, אַ געשטערן פאַרשטעלט מיר דײַן פּאָנעם...

— אַלאָ, צי ביסטו שטום?

אבסורד

איז אין וואָס פאַר א וועלט לעבן מיר —
אריסטאָטעלס, ניוטאָנס צי איינשטיינס?
איך לעב אין מייַן אייגענער וועלט
(ווערט ניט אין קאָס!),
אין א וועלט, ווו די כשאַדיקסטע, די סאָפּעקדיקסטע מעטאַפאָרע
איז גלויבלעכער איידער דער דאָזיקער מאַקראָ- צי מיקראָ-אבסורד.

אבסורד — וואָס די בלומען און ניט גאָר די מענטשן האָבן אזא אראָמאַט,
אניט וואָלטן בינען אף מיר אָנגעפלויגן.
אבסורד — וואָס סוועטלאַנע האָט מיך ניט ליב,
אנדערש וואָלט איך פון לאַנג אַוועק שוין צו איר און פון גליק דאָרט געשטאָרבן.

לייענט איבער די ביבל, וועט איר זען,
עלאָאַך איז אינגאַנצן פון זינען אראָפּ און טאַנצט, ווי א שיקערער קאָמפּיוטער,
און שלוימע-האַמעלעך וויינט, פליעסקעט אים אונטער: העוול האַוואָלים...

אבסורד — וואָס די וועלט האַלט זיך טויזנטער יאָר אף אבסורדן.

אבסורד — וואָס כ'וועל אייביק סוועטלאַנען ניט אופהערן ליבן,
אניט וואָלט איך לאַנג שוין קראַפּירט אָדער מאַסקים געווען אייַך צו גלייבן,
אז $E = mc^2$ *

איר זאָלט זיך ניט קושן,
שפּאַצירנדיק אף דער אייַזנבאַן

איר זאָלט זיך ניט קושן, שפּאַצירנדיק אף דער אייַזנבאַן.
סוועטלאַנע איז זיך דורכגעגאַנגען באַם טייַכל, באַטאָג, מיט איר ליבן, —
און זיי זייַנען ארויס פון דער שטאָט, ווי אין שלאָף, און זיך אָפּגעשטעלט
אונטער דער זון,
און זיך אָנגעהויבן צו קושן אינמיטן די שפּאַלעס.

דער צוג האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט זיי צעקוועטשן — שאַ-שטיל,
ווי א טויב, האָט ער אופגעהויבן זיך אין דער לופט, זיי איבערצופליען,
און פון פענצטער און טירן האָבן געגומען מענטשן זיך שיטן,
מערסטנטייל — ווייַנשליאָקערט און קינדער.

און א כימיקער אויכעט דערביי.

די קינדערלעך פליען ביז הייַנט נאָך, מע קאָן זיי ניט כאַפּן,
ווייַל זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט די פייגל — מיט שפּערלעך און קראָען,
און די מאַמעס דערקענען זיי נאָר, ווייַל זיי קענען ניט קראַקען און צוויטשען.

די שנאַפּס-זויפערס ליגן נאָך איצט אין די גריבער און קוסטעס,
און מע קאָן זיי דאָרט זען, ווען מע פאָרט פון פּאָדאָלסק.

און דער כימיקער בלאָנדזשעט ארום אין די נאָענטע וועלדער
און פאַרנעמט זיך גאָט ווייסט מיט וואָס — נאָר פאַרלירט ניט קיין צייַט!

סוועטלאַנע ז'געבליבן דאָרט שטיין אפן פּלאַץ מיט אויסגעשטרעקטע צוויי הענט,

---

* — די באַוווּסטע פאָרמול פון איינשטיינס רעלאַטיוויטעטאָריע.

ווײַל איר ליבער איז טײַקעף אנטרונען.

און דער ליבער בין איך —
און איך זיץ שוין באם טיש,
און איך שרײַב מיר מײַן ליד,
און איך קוק מיך ארום,
און איך זע, ווי ס'איז פּוסט אף דער וועלט.

קינדער־ליבע

א נאַקעטע, גרויסע, גיפּסענע פרוי גליטשט זיך — ער זעט — אינעם צימער ארײַן,
שטעלט זיך אָפּ און שאָקלט זיך הויך איבער אים, פּרוּווט ארויסציִען דעם פוס
פונעם פּאָסטאמענט — הייבט אוף
די פארבויגענע ראָזעווע קני
און לאָזט זי אראָפּ און פארזינקט אינעם שטיין, שלעפּט די לאנגע פינגער ארויס
און קאָן ניט אראָפּגיין צו אים — און ער זעט,
ווי מיט הייסע טרערן זי וויינט.
שטעלט ער אונטער צוויי דלאָניעלעך — אך, ווי זיי בריִען, אירע קארגע טרערן! —
און קלעפּיקע פלעצעלעך קלעפּט ער זיך אוף
אף זײַן אקסל, אפן שטערן, אפן פּססס... —
און ער קוקט אין איר ליכטיקן פּאָנעם ארוף:
— אָ, מאמעניו, ווײַבעלע מײַנס!

א גליקלעכער כאָלעם

דער גליקלעכסטער כאָלעם פון אונדזער מענטשהײַט איז עפּשער געווען
דער כאָלעם, וועלכן געזען האָט אין שלאָף מענדעלייעוו.
ער האָט אים געשילדערט, ווי א טאבעלע, פאר אונדזער וועלט —
און די וועלט, און די ערד, און די מענטשהײַט לעבן איצט אין זײַן כאָלעם.
La vida es sueño* — האָט נאָך געזאָגט קאַלדעראָן.
קאַליריק און כימיש געוואָרן איז אונדזער יאָרהונדערט,
און קליינע קוואדראטן, ווי האָניק־קעמערלעך, שטעקן אין מויער
בא מענטשן, בא קינדער, און עפּשער בא הינט און בא הינער.
דערוואך, לעב שוין אוף, קישעפמאכער, צעשיט דײַן מיראזש
פון זאמד SiO_2, פונעם יאם — H_2O, פון אזאָטישן הימל.
זאָל זײַן ווייך דאָס בעט מיר אין שלאָף: איך גרייט זיך א כאָלעם צו זען,
אין וועלכן די ערד איז — א זון, און די מענטשן — אומשטערבלעך.
באקרעפּטיקט מיט ווײַן מיך, באפרישט מיך מיט עפּל — ווײַל קראנק
כ'בין פון ליבע — אך, ניט פון גײַסטיקײַט און אויך ניט פון קלוגשאפט!
איר זעט, ווי די וויִעס פארקלעפּן זיך מיר — און ארום
בײַט זיך פּאמעלעך דער גאנצער לאנדשאפט, און די שטאָפן.
העוועל האוואָלים — ווי שלוימע־האמעלעך אמאָל האָט געזאָגט
און מענדעלייעוו האָט ווידערגעשפּראָכן... נו, מיילע.

דערמאָנט זיך

ווער סע קאָן זיך דערמאָנען, דערמאָנט זיך: א צעשויבערטער לייב
פלעגט שטיין בא דעם וויגל צוקאָפּנס, צוויי לאַפּעס, ווי שטראַלן,
טיף ארײַנגעשטופּט אונטערן קישן און היטן דעם זאק,
פול מיט לופט און מיט מילך, פול מיט גליק און מיט פּוסטע כאלוימעס.

---

* — דאָס לעבן איז א כאָלעם (שפּאניש).

איר דערמאָנט זיך, ווער ס׳קאָן: דעם צעשויבערטן שטראַלנדיקן לייב
האָט איר שפּעטער פאַרגעסן און דאָס וויגל פאַרשטעקט אפן בוידעם,
און פאַרקאַטשעט די אַרבל צום לעבן...
נאָר איינמאָל, באַנאַכט
נאָך דער פריילעכער כאַסענע, אין דעם פאַרפינצטערטן צימער,
האָט איר ווידער זיך אַטעם דערפילט מיטן נאַקעטן לייב.

און ער איז ווידער פאַרשווּנדן געוואָרן...

אָבער ווער — נו, דערמאָנט זיך! —

ווער טראָגט אייך נאָך היינט אויף זיין פּלייצע און בייסט אייך די פּיס,
שלעפּט אייך ווייטער דורך קינדער און ביימער, און קוואַרים, און זאַמדן —
צי איר מיינט, אַז איר לויפט גאָר אַליין אויף דער גליקלעכער ערד?

ווער סע קאָן זיך פאַרגעסן — פאַרגעסט זיך...

. . .

כ׳זאָג זיך אָפּ פון היינט און אויף אייביק, כ׳זאָל האָבן צו טאָן
מיט דער וועלט, מיט דער ערד, מיט דעם לאַנד, מיט דער שטאָט, מיט דער שטוב,
ווו דו וווינסט.

כ׳נעם אין האַרץ דיך אַרײַן.

אַך, ווי שיין איז געוואָרן דער סאָד און די שטאָט, און דאָס לאַנד, און די ערד! —
און איך פּיל: ס׳גיט דאָס האַרץ מיר אַ קלעם
און פאַרקלעמט דיר די האַנט און די גאָלדענע האָר,
און דו קרימסט זיך פון ווייטעק און לאַכסט.

מיטן בלוטיקן מויל

הערשל נאַטאַנזאָן טשעפּעט צונויף וואַגאָנעס.
ער איז ניט קיין אייזנבאַנער, פאַרקערט, ער איז זיך אַ דאַנטיסט,
נאָר ווען עמעצער זעצט זיך אַרײַן אין זיין פּאָטעל
און עפנט דאָס מויל,
הייבט ער אָן אים פאַריידן די ציין מיט זשען-שען, מיט פּעליני, לאַך-גאַס,
הייסט עס, ער טשעפּעט צונויף וואַגאָנעס.
ווי אַ פּעלדז, שטעקט דער באַקצאָן, דער dens molaris
בא דעם נײַעם קליענט,
בעפּיירעש אַ באַלעבאַטישן מאַן — און הערשל
לאָזט אין וועג די אויסערן-פּאָליטיק — אַ שווערן וואַגאָן,
וואָס ער גיט שוין אַ טשעפּע גאָר צו דעם ריזיקן פּולמאַן
פון דער פרויען-פּראָבלעם, און פאַרטשעפּעט נאָך די סעקסועלע פּלאַטפאָרם
מיטן קינעמאַטאָגראַף — און גיט שוין אַ מאַך מיט דער האַנט
צו דעם מאַשיניסט, דעם מעסוקענעם קאַרליק — און יענער
גיט אַ ריס דעם שווערוואַגיקן צוג...

און ווען דער קליינט
קומט צו זיך אױף א קורצער מינוט און עפנט די אויגן,
זעט ער עפּעס א רויטן לאַמטערן, דעם וויַיטן, דעם לעצטן וואַגאָן
און דעם בראַון דאַנטיסט, וועלכער שפּרינגט איבער שפּאַלעס און קאָן ניט דעריאָגן
דעם צוג...
— היי, וואַרט אויס!..

איר מאַן איז ניט מאַסקים

בערן, הירשן און ראַזשוועס בושלען פאַרשטייען זיך גוט.

ווען מיר זיַינען צוויי בערן, סוועטלאַנע,
וואָלטן מיר זיך צוגיפּגערעדט, מירטשעם,
אַז איינמאָל אין יאָר, ערעוו ווינטער, דעם 3 דעקאַבער,
קום איך און גיב דיך א קוש און גיי זיך אַוועק
אין א וועלדל, ווו כ'וואָלט זיך געפונען א גרוב, א געלעגער
און אנשלאָפן געוואָרן און געזען דיך אין שלאָף — ווי איך וויל!

א גאַנער — וואָלט איך שוין איבער אַפריקע ערגעץ
אָנגעהויבן אַראַפּלאָזן זיך פון הימל צו דיר
מיט א ווילדן געטומל, סוועטלאַנע: „גאַ-גאַ'-גאַ!", „גאַ-גאַ'-גאַ!"

באַקוק מיך פון קאָפּ ביז די פיס
און גיב מיר אַן ענטפער.

דו צעלאַכסט זיך און זאָגסט:
— פאַרן קינד וואָלט איך עפּשער געגומען א קעצל,
נאָר דער מאַן איז ניט מאַסקים: זיי מיאַוקען און קריכן אין בעט.

א טאַמעוואַטע ייִד

מיַין טאַטע, א צושנייַדער, האָט געלערנט שיקן דעם קרומען
צושניַידן א פּאָר הויזן — נייען האָט יענער געקאָנט.
אין א צוויי-דריַי שאָ ארום, גליקלעך, פאַרזאָרגט אף דער עלטער
מיט א גוט שטיקל ברויט, האָט אים שיקע פאַרכידעשט געפרעגט:
— זאָג מיר, שמיל, ביסט אזא מין ווייסער, א גראַמאָטנע מענטש,
איך קאָן ניט פאַרשטיין, וויַאזוי זשע פליט די ראַקעטע
«Земля — воздух — земля»?
און ער האָט מיט די דלאָניעס געוויזן
אונדזער ערד און דעם הימל, און העכער — שוין ווידער אַן ערד?

פ י ל אָ ס אָ פ י ע

ווי אַן אַלטן שקראַב אָב עד אונגעשטעקט איין מול מאַן לאַב —
אין דוס גאַנצע לייבן
זיך עד דעם אַנדערן שקראַב.

■ ■ ■

פון דער שפּעטערישער יערושע

מיר דרוקן דאָ דאָקומענטאַלע פאַרצייכענונגען, וועלכע זײַנען פאַרבליבן אַפן שרײַבטיש פון אונדזערע פאַרשטאָרבענע כאַווײרים — נאַטאַן זאַבאַרעס, מאָטל טאַלאַלאַיעווסקיס און מאָטל גרוביאַנס.

נאַטאַן זאַבאַרע

רעפלעקסן פון אַ רײַזע

בעשאַס מײַן רײַזע איבער די וואָלינער שטעט און שטעטלעך האָב איך זיך געטראָפן מיט ייִדן אַף אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, אין דער בוי־אינדוסטריע און אין אַ סאַך אַנדערע געביטן פון דער פאָלקסווירטשאַפט.

אין דער גרויסער שטאָט בין איך געווויִנט דערצו ווי צו אַ נאַטירלעכער זאַך — אַ דער־שײַנונג, וואָס איז געקומען מיט די פינפיאָרן נאָך ביז דער פאַטערלענדישער מילכאָמע. אָבער אינעם קלײנעם שטעטל... ס׳האָט אַף מיר געדריקט דער באַרג זיכרוינעס און אײַנדרוקן פון די פריִע קינדער־יאָרן, דער דעמלטיקער אויסזען פון אַ שטעטל אַף וואָלין: מיטן מאַרק אויבנאָן, מיט די רייען קלײטן, וואָס קריכן ווי אַפן קאָפּ אײנער דעם צווײטן, האַגאַם זײ טוליען זיך אונטער אײן דאַך.

די זין און די אײניקלעך פון די שטעטלדיקע ייִדן, די ווײניקע, וואָס האָבן זיך געראַטעװעט פון דער היטלער־פאַרניכטונג, האָב איך געזען איצט אַף די פאַפיר־פאַבריקן פון סלאַוווּ־טע און פאַנינקע, אַף די פאַיאַנס־זאַוואָדן פון באַראַנאָווקע, קאַמעני בראָד און דאָוביש, אין די שאַכטעס פון נײַ־וואָלינסק, צווישן די בויער אין דער שטאָט כמעלניצקי, געוועזענער פּראָסקוראָוו.

אין שעפעטאָווקע האָב איך אַף דער פאָטשט זיך באַגעגנט מיט אַ דירעקטאָר פון אַ ניט גרויסער פאַרפאַר־אונטערנעמונג, האָט ער מיט די פאָטשט־טוער גערעדט אַף אַ זאַפטיקן וואָלינער ייִדיש.

אין ראָוונע, אין דער געבוירן־שטאָט פון נאָכעם שטיף, דעם מעכאַבער פונעם בוך „ייִדן און ייִדיש״, בין איך אײַנגעשטאַנען שוין העכער אַ מעסלעס און האָב קיין וואָרט ייִדיש ניט געהערט. איך האָב געפּרוּווט אַ רעד טאָן אַף מאַמעלאָשן מיט דער האָטעל־דעזשורנע, וואָס דאַרף לויט אַלע סימאָנים זײַן אַ פּראָסט און פּאָשעטע ייִדענע, האָט זי אַף מיר אָנגעשטעלט די אויגן ווי אַף אַ פערעאָדעם, און מיטאַמאָל זיך ברייט צעשמייכלט: איך בין שוין ניט דער ערשטער, וואָס נעמט זי אָן פאַר אַ ייִדישקע, און זי איז בעסאַכאַקל דעם היגן פּראַוואָסלאַוו־נעם גאַלעכס אַ טאָכטער.

איך האָב שוין געהאַלטן באַם אָוועקפאָרן פון דאָרט. אין דער באַגלייטונג פון אַ מיטאַר־בעטער פון דער דאָרטיקער צײַטונג האָב איך זיך געלאָזט צופוס צום אָוטאָוואָקזאַל. אין וועג האָט מײַן באַגלייטער אָפּגעשטעלט זײַנער אַ פרײַנט, וועלכער האָט זיך מיט אים געגנו־מען געזעגענען. ער פאָרט אַף היילונג קיין טשעכאָסלאָוואַקיע, אין קאַרלסבאַד. בייסן שמועס האָט מיך דער מאַן פאַרינטערעסירט. ער איז פון אַ נאָענט שטעטל לעבן ראָוונע. די מיל־כאָמע דורכגעמאַכט אינעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד פון דעם באַרימטן בעגמאַ. געווען דער הויפּט־דאָקטער באַ זײ. איצט איז ער פאַרוואַלטער פונעם כירורגישן אָפּטייל באַ דער היגער פּאָליקליניק. ער האָט אײניקע קרויווים אין פּוילן, אין ייִסראָעל, אײניקע פון זײ זײַנען אַהין אַרויסגעפאָרן נאָכן קריג, ווײַל זײ אַלע זײַנען געווען מילכאָמע־פּלייטים. נאָר ער מיט זײַן פאַמיליע האָט באַשטימט בלײַבן באַ אונדז. דער געשפּרעך איז אומבאַמערקט אַריבער אַף ייִדיש. ער דערציילט מיר וועגן זײַן בעניאָכיד, דעם סטודענט פונעם באַרג־טעכניקום, וואָס האָט דאָ ניט לאַנג אָנגעשריבן צו די געשוועסטערקינדער זײַנע קיין פּוילן דעם ערשטן בריוו אַף מאַמעלאָשן. די רייד־שפּראַך קען ער פון דער היים. דעם אַלעפבייס האָט דער טאַטע אים

געהאַט געוויזן, ווען ער איז נאָך א שילער געווען, האָט ער נאָך געדארפט זיך צולערנען א ביסל דעם אויסלייג.

דער שטאָט־פאָטאָגראַף פון זאסלאַוו איז א ייִד מיט א פײַנער באַלעבאטישקײַט. צו זײַן אַלט יערושע־שטיבל פון דרײַ צימערן האָט ער נאָך א גאָרטן מיט אַלע מינים גרינוואַרג, דערצו בא א צענדליק אויבסט־ביימער, וואָס ער האָט אַליין פארפלאַנצט שוין נאָך דער מיל־כאָמע. אין קעלער איז בא אים דאָ פון קאָל־טווו, נאָך פון דער פאַראַיאָריקער גרעטעניש. דער זון האָט ניט געוואָלט לערנען, ארבעט ער אין א שלאָסערײַ. די טאָכטער לערנט אינעם אוזשגאָראָדער אוניווערסיטעט אפן כימיש־טעכנאָלאָגישן אָפּטייל. ער און דאָס ווײַב ארבעטן, און זיי באקומען ביידע א גאנץ פײַנעם געהאַלט. איין זאך פארומערט אים דאָס לעבן. כא־וואַל אל דעאבדין, — האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט, — וועלוי מישטאקכין[1] — ער קאָן עס ניט פארגעסן.

ער האָט קיין איין מאָל ניט דערמאָנט וועגן זײַן שוועסטער, וואָס א דײַטש האָט זי גע־וואָלט ראַטעווען צוליב איר שיינקײַט, און זי האָט זיך דעם האַלדז איבערגעשניטן. ער רעדט וועגן דעם גאנצן קיבוץ, וועגן א שטאָט מיט ייִדן, וואָס זייער זייכער איז אָפּגעמעקט געוואָרן. אליין א הי־געבוירענער, רעדט ער מיט ווייי און מיט שטאָלץ וועגן זײַן שטאָט, ווו אפן אַלטן בייסהאקוואָרעס זײַנען נאָך געווען מאַציייוועס, וואָס זײַנען אַלט געווען ביז פיר־פינף הונ־דערט יאָר. די דײַטשן האָבן מיט זיי געפלאַסטערט די גאסן.

גייען מיר מיט אים איבערן כאָרעווון בעסוילעם, באטראכטן די צעבראָכענע צאַמען, וואָס שטארצן נאָך ווו־ניט־ווו ארויס פונעם פארטרונקענעם איבערגעגראָבענעם, באָדן, און געפי־נען קיין איין גאנצן אויפשריפט ניט. איינצלנע ווערטער בלויז אף די שטיינערנע ברוכשטיקער. אף צוריקוועגס האָבן מיר אף דער גרויסער טומבע באם שטאָטראַט, דערזען א פרישע מוידאָע וועגן דעם, אז קיין זאסלאַוו איז געקומען סידי טאָל.

— וואָס וועט זי דאָ טאָן? — האָב איך א זאָג געטאָן. — פאר ווער מען וועט זי ארויסטרעטן?

— מיר האָבן שוין געזען אזוינע זאכן, — פאַלט בא זיך דער פאָטאָגראַף דאפקע ניט אראָפּ, — מירן זען, וואָס דער אפדערנאכט וועט זאָגן...

און קאכאַווע, אזויווי די נעוויִע איז בא אים איין מויל געלעגן. דער זאַל איז געווען פול געפּאקט. עמעס, אינערגעץ האָב איך נאָך קיינמאָל ניט אָנגעטראָפן אף אזא אוילעם. מע איז געקומען מישפּאָכעסווײַז, מיט ווײַב און קינד, יונג און אַלט, אַלטע זיידעס און באָבעס און איניקלעך... אפילע אזעלכע, וואָס מע האַלט ערשט באם אנטוויינען. יעדער געזאנג־נומער איז באגלייט געוואָרן מיט א יוויוולדיק לאנגדויערנדיקער האַנט־פּליעסקערײַ. ווען מע האָט דערפילט, אז ס'האַלט שוין באם סאָף פון דער פּראָגראַם, האָט מען אָנגעהויבן טראָגן אף דער בינע בלומען. פון זיך פערזענלעך, פון אָרגאַניזאציעס. צוויי מיטארבעטערנס פון דעם אָרטיקן באנק זײַנען מיט א גרויסן קאָרב בלומען אליין אויך ארוף אף דער סצענע. איך האָב לאנג ארומגעזוכט דעם פאָטאָגראַף מײַנעם. מיטן ווײַב אונטער דער האַנט און מיטן זון בא דער זײַט האָט ער זיך געשטופּט צווישן אוילעם. איך פארשטיי אים, דעם פאָטאָגראַף פון זאסלאַוו, איך בין אים לאכלוטן ניט כוישעד, אז די מאָרעשכוירע זײַנע, העכער צוויי צענדליק יאָר נאָכן געשעענעם, איז א געמאכטע זאך. צו גרויס איז דער בראָך און דער צאר נאָך דער פאשיסטישער אינוואַזיע.

און נאָך א זאך. אָט די קליינע הײַפעלעך ייִדן אין די אמאָל געדיכט־באפעלקערטע וואָ־לינער שטעטלעך זעען זיך איצט ניט אָן אויך צוליב אנדערע סיבעס. צו גרויס זײַנען די ענדערונגען, וואָס דאָס לעבן האָט ארײַנגעבראכט פאר די נאָכמילכאָמעדיקע יאָרן. ס'האָט זיך געביטן ניט נאָר דער אויסזען פונעם שטעטל, די עקאָנאָמיק, דער סאָציִאַלער שטייגער, נאָר אויך דער אינערלעכער און דער אויסערלעכער וועזן פון די מענטשן, און אפילע די קליידונג זייערע איז אן אנדערע. ס'איז אמאָל לײַכט געווען צו דערקענען לויט דער האַל־באַשע דעם פּויער פון דאָרף, דעם קליינשטעטלדיקן ייִדן. אַלץ אין שטעטל איז אזוי ווי אף דער האַנט געלעגן: דער מארק, די באַלמעלאָכישע ווארשטאטן בא אָפענע טיר־און־פענצטער, פונוואנען ס'האָבן זיך דערטראָגן די קלאנגען פון א שוסטער־העמערל, פון א ניי־מאשין, פון א הובל. איצט אָבער זײַנען דאָסראָוו שטעטלדיקע אף די אונטערנעמונגען, אין די אנשטאַלטן, און מע זעט קימאט ניט, ס'זאָל זיך ווער פארנעמען מיט די אזויגערופענע דרויסנדיקע באַ־שעפטיקונגען. באגעגנסטו א מענטשן אפן גאס, ווייסטו אפילע ניט זאָגן, צי איז דאָס אן ארבעטער, צי אן אָנגעשטעלטער, צי א געקומענער פון דאָרף קאָלווירטניק. צי ער איז א ייִד, צי ניט קיין ייִד.

[1] חבל על דאבדין ולא משתכחין — ווײ פאר די פארלוירנגעגאנגענע, וואָס מע קאָן זיי ניט פארגעסן.

איך האָב זיך איבערצייַגט, אַז מע טאָר ביכלאַל זיך ניט פאַרלאָזן אַף אַלע אונדזערע פריִערדיקע פאָרשטעלונגען.

קלעמבאָווקע איז אַ גרויס דאָרף אין דער נעהנט פון זאַסלאַוו. דאָרט איז פאַראַן אַ גרויסער צוקער־זאַוואָד, ווו ס'האָט אַמאָל געאַרבעט מייַנער אַ פעטער. אין די פריִע קינדעריאָרן בין איך איין מאָל געווען באַ אים צוגאַסט, און איך געדענק, אַז ס'האָבן דאָרט געווינט אַ צוויי־דרייַ ייִדישע מישפּאָכעס. איצט האָב איך זיך ניט נאָכגעפרעגט, צי ס'איז עמעצער פון זיי לעבן געבליבן. איך האָב געוווּסט, אַז מייַן פעטער מיט דער פאַמיליע איז אומגעקומען, און אַזאַ איז זיכער דער גורל פון די איבעריקע. די דייַטשן האָבן דאָ אַ סאַך דאָרפסמענטשן פאַרניכטעט אויך פון דער ניט־ייִדישער באַפעלקערונג. גיי איך מיר אַרויס פונעם זאַוואָד־הויף און הער פונדערווייַטנס און זע, ווי עס אַמפערן זיך צוויי פרויען. די ייִנגערע, אומגעפער פון אַ יאָר עטלעכע און דרייַסיק, מיט אַ פלאַקסענעם קאָפּ האָר, שרייַט אַריבער צו דער צווייטער, וועלכע צעהענגט גרעט אַף יענער זייַט פלויט:

— איך וועל אים מאַכן די עקטיקע! איך האָב אים פאַר מייַן געלט אַרייַנגעשטעלט ציין, און ער וועט שמייכלען צו אַנדערע?

— ווייסעך וואָס, — ענטפערט איר אָפּ די צווייטע אַף אַ פוילישן ייִדיש, — וואָס דיר כאָלעמט זיך.

לאָזט זיך אויס: דאָס זייַנען צוויי שוועסטער פון אַ פויליש שטעטל, וואָס האָבן אין די מילכאָמע־יאָרן כאַסענע געהאַט פאַר צוויי יונגעלייַט פון אַלט־קאָנסטאַנטינאָוו, און איצט אַרבעטן זיי מיט זייערע מענער אָפן צוקער־זאַוואָד.

די פרוי, מיט וועלכער איך האָב פאַרפירט אַ שמועס אין וואַגאָן, האָט זיך אופגעזעצט אין סידילקאָוו. זי איז אַ לערערן פון אַ מיטלשול. זי פאָרט אַהיים קיין נאָוואָגראַד־וואָלינסק. געווען צוגאַסט באַ איר מאַנס עלטערן. אַליין איז זי אַ געבוירענע פון לענינגראַד. זי האָט כאַסענע געהאַט פאַר אַ מיליטערמאַן און מיט אים אַריבערגעפאָרן אַף אוקראַיִנע. פאַרן קאַרגן צענדליק יאָר, וואָס זי אַרבעט דאָ, האָט זי זיך אויסגעלערנט רעדן אַ גוטן אוקראַיִניש. די קינדער אין שול, די אַרומיקע סוויווע, דער מאַן און אירע צוויי טעכטערלעך האָבן גוירעם געווען, אַז אַפילע באַ זיך אין דער היים, אין לענינגראַד אָפן וואַסיליעווסקי אָסטראָוו, ווו זי איז געבוירן געוואָרן און איז אויסגעוואַקסן, נעמט מען זי שוין אָן פאַר אַן אוקראַיִנערן.

מיר ריידן וועגן סידילקאָוו. איך דערצייל איר, אַז אין אָט דעם קליינעם שטעטל איז אַמאָל געווען אַ גרויסע דרוקערייַ, און די דאָרטיקע פראָדוקציע איז פאַרשפרייט געוואָרן אומעטום, ווו ס'האָט געווינט אַ ייִדישע באַפעלקערונג. כידעשט זי זיך. אַזאַ קליין שטעטל, ווו זי האָט קימאַט קיין ייִדן ניט געזען.

— וואַלענטינע איוואַנאָוונע, — וויל איך איר נאָך עפּעס זאָגן, נאָר ס'מישט זיך אַרייַן אַ שטים פון דער זייַטיקער אייבערשטער באַנק:

— און באַ אונדז אין קאָלאָדניע זייַנען מיר געבליבן צוויי אירע...

ס'האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז דאָס קאָל קומט פון אַ צווייטער קופּע. דער שאָכן אונדזערער, האָב איך געוווּסט, איז גאָר געשלאָפן. ער האָט ערשט ניט לאַנג אַזוי געשמאַק געכראָפּעט, און איצט לאָזט ער זיך אַראָפּ פון זייַן געלעגער.

איך קוק אַף אים, באַטראַכט זייַן אויסזען. דאָס איז אַ באַלייַבטער מאַן אין די פערציקער, מיט אַ פּאָר געזונטע יאָדאַיִם. דער קאָפּ אַ גרויסער, מיט גראָבע שטריכן אָפן פּאָנעם, אַף וועלכן ס'זייַנען פאַרבליבן סימאָנים פון פּאָקן. ווען ער זעצט זיך צו לעבן אונדז, באַמערק איך, אַז ער טראָגט די אייַזנבאַן־אוניפאָרם, ביפראַט נאָך ווען ער טוט אָן דאָס היטל מיטן טראַנספּאָרט־צייכן. אַמאָל איז דאָס געווען ניט קיין ייִדישע באַשעפטיקונג. אויך ער האָט די פּראָפעסיע באַקומען ניט בעיערושע, נאָר מיטגעבראַכט זי פון דער אַרמיי. איצט איז ער הילפס־מאַשיניסט, ווויִנט אין קאָלאָדיעזשנע, וואָס באַ ייִדן רופט מען עס קאָלאָדניע.

— דאָרט, ווו מע האָט ערשט ניט לאַנג צוריק געעפנט דעם מוזיי פון לעסיא אוקראַיִנקאַ? — פרעגט די מיטפּאָרערן אונדזערע, די לערערן פון מאַטעמאַטיק.

אַגעוו, אַז זי איז אַ לערערן פון מאַטעמאַטיק, האָב איך זיך ערשט דערוווּסט אין נאָוואָגראַד־וואָלינסק.

צו מייַנע פרייַנט, באַ וועמען איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, איז געקומען אַ ייִדענע, וועלכע מע רופט דינע מאָיסייעוונע, קעדיי העלפן צוראַמען די קוואַרטיר ערעוו דעם אָפּרו־טאָג. זי איז אָן אופראַמערן אין רעדאַקציע פון דער אָרטיקער צייַטונג, אַ מאַמע פון דרייַ קינדער, אָן אַ מאַן, פאַרדינט קוים אַף כאַיונע. נאָר מיטן עלטערן זון האָט איר אָפּגעגליקט. ווען ער

האָט געענדיקט די מיטלשול, האָט די מוטער געוואָלט, ער זאָל גלײַך אָנהייבן אַרבעטן, וועט איר גרינגער זײַן אויסכאָוועך די אַנדערע צוויי קינדער. איז אָבער די לערערן פון מאַטעמאַטיק באַשטאַנען, אַז ער מוז זיך פאָרן לערנען, ער האָט אויסגעצייכנטע מאַטעמאַטישע פייִקײַטן. ס'איז אַ שאָד, ער זאָל אַפילו איין יאָר דורכלאָזן.

די לערערן האָט אַלץ געטאָן, אַז דער באָכער זאָל גלײַך נאָך דער שול אוועקפאָרן זיך לערנען. זי איז געלאָפן אײַנטײַנען מיט דער מוטער. אַ פאָר מאָל איז זי געווען אין רעדאַקציע, מע זאָל פון דאָרט ווירקן אָף דינע מאָיסייִעווגען. זי האָט אַגיטירט מײַנע פרײַנט, זיי זאָלן זיך אויך אַרײַנמישן. ענדלעך האָט זי זיך דערשלאָגן, און ס'איז באַשטימט געוואָרן, ער זאָל פאָרן קיין לעניגראַד. פאַרוואָס לעניגראַד? ווײַל דאָרט האָט זי איר מישפּאָכע, וועט ער דערווײַל האָבן וווּהין צו פאַרפאָרן. איר שוועסטער איז אַ שפּראַך־לערערן, זי וועט אים עפּשער צוהעלפן אײַנעם געביט, ווו ער הינקט אונטער.

די ערשטע יעדיִע פונעם באָכער איז געווען ניט וועגן די עקזאַמענעס און ניט וועגן דער הויכשול, וווּהין ער דאַרף אָנקומען, נאָר וועגן דעם, אַז די מוטער זאָל איבערגעבן וואַלענטינע איוואַנאָוונען, אַז ער פילט זיך שטאַרק שאָקירט און באַליידיקט איבער די הונדערט רובל, וואָס זי האָט אַרײַנגעלייגט אין אַ קאָנווערט פאַר זײַנטוועגן. ער האָט אין דער היים באַ איר ניט געוואָלט נעמען קיין געלט, און ער האָט עס דאָרט אויך ניט גענומען. ס'ליגט נאָך ביז איצט ניט גערירטערהייט אָפן טישל לעבן זײַן געלעגער. ער נייטיקט זיך ניט אין קיינעמס הילף. דאָס, וואָס ער האָט מיטגענומען, איז גענוג פאַר אים...

פון דעמלט איז שוין דורכגעגאַנגען אַ היפּשע צײַט, און איצט נייטיקט ער זיך בעמעס ניט אין קיינעמס הילף. ער איז שוין דאָס צווייטע יאָר אַ לענין־סטיפּענדיִאַט אָפן מאַטעמאַטישן פאַקולטעט אין לענינגראַדער אוניווערסיטעט.

שימל דער באַלעגאָלע באַ אונדז אין שטעטל, איז געווען אַ ייִד אַ בייזער. ניט נאָר מיר, קינדער, האָבן פאַר אים מוירע געהאַט, נאָר אויך עלטערע האָבן געהאַט פאַר אים דרעכערעץ. עמעס, ווען די פערד זײַנען געווען אין שפּאַן און די פור איז שוין געשטאַנען גרייט צו דער נעסיִע, איז ער געווען זיסער פון האָניק. צו דער פור איז צוגעקומען אַן אָנגעפּעלצטע ייִדענע — דאָס ערשטע פאַרשווינדל, האָט ער זי באַזעצט אויבנאָן, אָפן סאַמע בעסטן פלאַץ, ווו ס'איז גוט אָנגעבעט מיט שטרוי און ס'וועט באַם פאָרן ניט טרייסלען. ווי נאָר ער האָט דערזען אַ צווייט פאַרשווינדל, האָט ער געבעטן די ייִדענע, זי זאָל זיך אַ קליין ביסעלע אַ רוק טאָן. דערנאָך נאָך אַ קאַפּעטשקע. באַ יעדן פרישן פאַרשווינ, האָט ער זי איבערגערוקט אַלץ ווײַטער, און אַז ס'זײַנען צוגעקומען די גאָר כאָשעווע באַשטענדיקע פּאַסאַזשירן זײַנע, האָט ער איר אַליין געהאָלפן אַריבערקריכן אָף דער צווייטער ריי, ס'איז נאָך דאָ אַ פרײַ אָרט. ביזן אָפּפאָרן איז זי שוין געווען פאַרוקט העט אָף הינטן, אָף די הינטערשטע רעדער. ווען די פערד האָבן זיך אַ ריס געטאָן און מיט געהילך און טראַסקערײַ גענומען טראָגן דעם וואָגן איבער דער שלעכט ברוקירטער שטעטלדיקער גאַס, האָט די ייִדענע זיך דערפילט אַרויסגעשטופּט צום סאַמע עק, זיצנדיק קימאַט ווי אָף דער דראַבינע. ס'וועט זײַן מיט ניסים, האָט זי געטראַכט באַ זיך, אויב עס וועלן איר ניט צעטרייסלט ווערן די געדערים אין בויך.

דאָס דאָזיקע בילד איז פאַר מיר אַדורך, ווען איך בין געזעסן אין אווטאָבוס באַנאַנד מיט אַ טיפער זקיינע, וועלכע האָט די גאַנצע צײַט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער. זי האָט זיך אין האַנט. אירע גרויע, גרויסע אויגן האָבן אָף אַ מינוט זיך ניט אָפּגעריסן פונעם זומערפּאַטעל, די פּיס אויסגעצויגן, ס'האָבן איר נאָר געפעלט די ברילן אָף דער נאָז און אַ בוך אין האַנט. אירע גרויע, גרויסע אויגן האָבן אָף אַ מינוט זיך ניט אָפּגעריסן פונעם זומערדיקן דרויסן, כאָטש דאָס ווינטל פון דעם צו שנעלן אווטאָבוס־גאַנג האָט אָפּט צעשויבערט אַ פרישע פּאַסמע שיטערלעך־ווײַסע האָר און זי האָט געהאַט די אַרבעט זיי צוריק ברענגען אין אָרדענונג, אָדער זיך האַלטן מיט דער האַנט באַ דער פריזור. דאָס האָט מיר נאָך מער געשטערט צו וואַרפן אַ בליק אָפן נײַעם טראַקט, וואָס פירט מיך צו דער אַלטער היים, צו מײַן געבוירן־שטעטל. איך האָב זיך גאָרניט גערירכט אָף אַזאַ מעכיצע צווישן מיר און די נאָענט אײַנגעבאַקענע וואָלינער וועגן, ציכטיק גלאַטע, מיט אַ גלאַנציקן פלאַסטער, איבער וועלכע סע שווינדלען אַדורך פון צײַט צו צײַט, הין און הער, לאַסט־אווטאָס און לײַכטע מאַשינעס. אַ ברייט־גראַמער אווטאָבוס, אָן איבערגעפּולטער מיט פּאַסאַזשירן, און פאַר אַ נאָווינע דערזעט מען אַמאָל אַ פערד־און־וועגעלע, וואָס האַלט זיך האַכנאָעדיק באַ דער זײַט, און טרעט אָפּ דעם וועג אַזוי, אַז עס קומט אויס — מיט גרויס דרעכערעץ און ייִראַס־האַקאָוועד.

אומזיסט האָב איך זיך אַזוי באַמיט זיך בײַטן מיט די ערטער, קעדיי כ'זאָל קאָנען זיצן פּנים־על־פּנים מיט מײַן כּוואַר פֿון די קינדער־יאָרן, וועלכן איך האָב באַגעגנט אָפֿן אויטאָ־וואָקזאַל נאָך אַן איבעררײַס פֿון דרײַ צענדליק יאָר. אָך, ווען איך זאָל געוווּסן ווּסן, אַז כ'וועל האָבן אָט די שכינע בײַ דער זײַט...

דער כּוואַר דערציילט מיר וועגן זיך, וועגן זײַן אַרבעט. איך האָב נאָך פֿאַר דער מילכאָמע געוווּסט, אַז ער אַרבעט אין לענינגראַדער מעלוכע־באַנק אַלס מעכאַניקער בײַ די רעכן־מאַשינעס. איצט איז ער ביכלאַל מיט זײַן פּראָפֿעסיע דאָס איבערשטע פֿון שטויסל. זײַן אַרבעט־ביכל טראָגט אויף זיך דעם שטאַמפּ פֿון דער אַלפֿאַרבאַנדישער אַקאַדעמיע פֿאַר וויסנשאַפֿטן. איך דערצייל אים וועגן וואַלענטינע איוואַנאָוונען, ווערט זײַן פּנים צעהעלט, און ער קוועלט אָן:

— אונדזערע אַ לענינגראַדער! דאָס זײַנען גאָר אַן אַנדער מין סאָרט מענטשן...

זײַן טאַטע איז געווען אין אַ קליינעם שטעטעלע באַראַנאָווקע איינער פֿון די פֿיר הונדערט בײַן ייִדן פֿון דער גאַנצער וואָלינער גובערניע, וועלכע האָבן זיך אײַן ניקאָלײַ דעם צווייטנס צײַטן פּאַרנומען מיט וואַלד און מיט האָלץ־פּראָדוקציע. אָבער די גאַנצע פּאַרנאָסע זײַנע איז געווען אויסגערעכנט אויף די קוינים פֿון טרונעס, וועלכע טאָרן זיך ניט דינגען, און צוליב קאָווען מוזן זיי צאָלן די פּרײַז, וואָס מע באַט אָן. אויף יעדן פֿון אָט די קוינים האָט ער געקענט אַרויסקוקן בײַ זיך אָפֿן ברעטער־סקלאַד אַ שיינע פּאָר וואָכן. איינצווישן־צײַט האָט ער זיך געמוזט באַנוגענען מיט פֿאַרקויפֿן אַ פּאָר פּרוכנע ברעטער, צי אַ ביסל טערמיצע, אָדער געשפּאָרטע דיקטן אויף פֿאַרשלאָגן אַ זאַסיק.

טראָץ דעם פֿאַרדראָס אויף מײַן שכינע, דער אַלטיטשקער, האָב איך איר בײַ מיר אין שטעטל געהאָלפֿן אַראָפּשטײַגן פֿונעם אויטאָבוס, און פּונקט אַזוי, ווי איך, איז זי געבליבן שטיין מיטן ניט גרויסן טשעמאָדאַן בײַ די פֿיס און ניט געוווּסט, וווּהין זיך צו ווענדן. אַלץ איז דאָ אַזוי נײַ און פֿרעמד, און די הײַזער — ווי פֿון יוסטע באַלעבאַטים. ניט אַזוי, ווי בײַ מאַרקישן אין זײַן פּאָעמע „וואָלין":

ליגן שטיבלעך ווי די אַלטע טשעמאָדאַנען.
...ווער וועט זיי אוועקטראָגן פֿונדאַנען?

צי איז זי אויך פֿון די, מיטן ווינט פֿון די געשעענישן אַן אוועקגעטראָגענע?

— איר זײַט אַ ראַטשעווער? — וואַקל איך זיך, צי כ'זאָל זי פֿרעגן, צי וואַרטן, ביז עס וועט אַליין קומען צו רייד.

ביזן סאָף פֿון מײַן רײַזע, ביז איך געווען צוזאַמען מיט אָט דער דאַזיקער זקינע. איך האָב זי מיטבאַגלייט אין די אַלע ערטער, וואָס זײַנען איר געווען ליב און טײַער נאָך פֿון די יונגע יאָרן. איך בין מיט איר מיטגעווען נאָכאַמאָל אין זוויל (נאָוואָגראַד־וואָלינסק), אינעם דאָרף הילסק. אין קאָלאָדיעזשנע, וווּ ס'האָט געלעבט לעסיאַ אוקראַינקאַ, בין איך בײַגעווען בײַ דער ליבלעכער אופֿנאַמע, וואָס די דאָרטיקע אינטעליגענץ — די לערער, די מוזיי־טוער און אַ סאַך אַנדערע — האָבן פֿאַר איר געמאַכט.

זי האָט זייער אַ סאַך דערציילט וועגן זאַכן, מענטשן און געשעענישן, וועלכע האָבן אַ קולטור־היסטאָרישע ווערט ניט נאָר פֿאַר די, וואָס האָבן באַוווינט און באַוווינען ביז הײַנטיקן טאָג יענעם קאַנט. ס'האָט זיך אַזוי באַקומען, אַז פֿרעגן, ווער זי איז און וויאַזוי מע רופֿט זי, איז געווען עפּעס ניט באַקוועם, איז פֿאַרבליבן בײַ מיר, אַז איך וועל זי רופֿן „די אַלטע פֿרוי אין דער צײַט, ווען ס'איז אין די הויכע יאָרן אַליין דער יאָרהונדערט". יאָ, ס'קאָן זײַן, אַז זי איז טאַקע אין איינע יאָרן מיט דער טקופֿע פֿונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

...דער קאַלענדאַר האָט געוויזן אויף פֿרילינג, און דער דרויסן איז נאָך אַלץ געווען אַ ווינטערדיקער, האַגאַם אונטערן בלענדיקן שניי האָבן שוין געריזלט דינע שטראָמעלעך, וועלכע האָבן זיך אַרומגענומען און געמיינזאַם געזוכט אַן אַרויסגאַנג צו די פֿרישע מאַרטאָווע ווינטן, צו די גלעטנדיקע זון־שטראַלן. די נאַקעטעביימער־צווײַגן אין אײַז־מאַנטעלעך האָבן זיך שוין קעגן דער זון ווי געשמאָלצן פֿאַר נאַכעס, נאָר אינדערהייך אויף די קרוינען האָט נאָך געפּאָראַשעט דער טרוקענער שניי, וועלנדיק די אויגן פֿון דער וועלט פֿאַרשיטן, די שײַן פֿון דער העלער זון פֿאַרשטויבן.

נאָר אַלציינס וועט דער פֿרילינג קומען. נאָך אַ טאָג, נאָך אַ וואָך, וועט ער זיך אַרײַנרײַסן און באַהערשן דעם אַרום. אַזוי וועט אויך קומען דער נײַער יאָרהונדערט. נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר, און מע וועט אים אָנהייבן ציילן, דעם נײַעם איין־און־צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, וועלכער וועט זײַן אַ שטורמיש־העלער, אַ ברויזנדיקער.

מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי

זײַן באַרוף

אין איינעם פֿון די קיִעווער אינסטיטוטן, אין וועלכן עס זײַנען ניטאָ ניט קיין סטודענטן און ניט קיין פּראָפֿעסאָרן און אַקאַדעמיקער, נאָר העכער טויזנט וויסנשאַפֿטלעכע מיטאַרבעטער, וועמענס באַרוף עס איז אַנטוויקלען אין די הײַנטצײַטיקע באַדינגונגען אייניקע וויכטיקע צווײַגן פֿון אונדזער אינדוסטריע, אַרבעט דער מענטש, וועגן וועלכן ס'ווילט זיך מיר דערציילן.

רופֿן רופֿט מען אים איצט סאַמויל רווימאָוויטש קאַפּמאַן. בײַ זײַנע קאָלעגן אין אינסטיטוט איז ער „אונדזער סאַמויל רווימאָוויטש“, און ווען ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל, האָט מען אים גערופֿן שמוליקל קאַפּמאַן. געלעבט האָט ער אין קיִעוו, אויף פּאָדאָל, געלערנט זיך אין דער צענטער ייִדישער שול. די שול איז באַרימט געווען דערמיט, וואָס די מערהײַט פֿון די שילער האָבן געקאָנט זאָגן וועגן זיך מיט שימעלע סאָראָקערס ווערטער: שער און אײַזן — אַמכאָ! שמוליקל קאַפּמאַן איז טאַקע געווען אַ זון פֿון אַמכאָ. געוואַקסן איז ער אין אַ פֿאַמיליע, ווו כוץ אים זײַנען געווען נאָך אַ האַלב טוץ קינדער. רווען, דער טאַטע פֿון דער מישפּאָכע, איז געווען אַן אַרבעטער פֿונעם קאַנץ־מאַכשירים־זאַוואָד. באַרימען זיך פֿאַר דער וועלט מיט אַ גרינג לעבן וואָלט געווען צו לײַכטזיניק פֿון זײַן זײַט. דאָס פֿאַרדינסט האָט קוים געגעבן וואַסער אויף קאַשע, אײן מאָל אין וואָך אַ שטיקל פֿלייש „אויף שאַבעס“. מער האָט דער קאַפּצן ניט געהאַט בעיאַד צו געבן זײַן גרויסער מישפּאָכע. אָנהאָדעווען אַזאַ כאַליאַסטרע איז געווען פּאָשעט אוממעגלעך. נאָר ניט געזינדיקט! ער איז ניט דער איינציקער אַזאַ, און אין שטוב איז געווען טומלדיק און פֿריילעך, ווײַל וואָס נאָך קאָן קאָן ברענגען דער מאַמען אַזאַ פֿאַרגעניגן, ווי די אונטערוואַקסנדיקע קינדער, וועלכע לערנען זיך, קיין אײַנהאָרע, גאַנץ פֿלײַסיק און דינען אַפֿילע אַלס מוסטער פֿאַר אַנדערע, פֿאַרמעגלעכע באַלעבאַטישע קינדער פֿון פּאָדאָל!

די צײַט איז געווען אַ שווערע, און שמוליק האָט געמוזט נאָך דעם זיבעטן קלאַס זיך שטעלן צו דער אַרבעט. ס'הייסט: דעם עמעס גערעדט, איז ער דאַפֿקע געווען דערמיט צופֿרידן, ווײַל פֿון קליינווײַז אָן האָט אים געצויגן צום וואַרשטאַט — זײַן זעלבשטענדיק, און טאַקע פֿאַרדינען עטלעכע רובל, קעדיי כאָטש מיט עפּעס־וואָס פֿאַרגרינגערן דאָס לעבן פֿון דער מאַמען.

אין דער צענטער שול זײַנען געווען גוטע, האַרציקע לערער, וועלכע האָבן פֿאָרויסגעזאָגט שמוליק קאַפּמאַנען, אַז עס וועט פֿון אים ווערן אַ געלערנטער, ווײַל כוץ דעם פֿלײַס און דעם כיישעק צום לערנען, האָט ער נאָך געהאַט אַ ליכטיקן קאָפּ. ער איז געווען דערפֿינדעריש און עס האָט אים געצויגן צו פּינקטלעכע קענטענישן. שמוליק קאַפּמאַן, האָבן די לערער געזאָגט, איז ווי געבוירן צו ווערן אַ מאַטעמאַטיקער אָדער אַ פֿיזיקער...

קיין מאַטעמאַטיקער איז שמוליק קאַפּמאַן ניט געוואָרן. דערפֿאַר אָבער האָט מען אים גערן אָנגענומען אויפֿן זאַוואָד, געפֿונען פֿון זײַנטוועגן אַ פּאַסיק אָרט אַלס מעטאַל־אַרבעטער אויף אַ טאָקער־וואַרשטאַט. די מעלאָכע איז אים געפֿעלן געוואָרן. ער האָט ליב געהאַט דעם גערוך פֿון מעטאַל. דער מײַסטער פֿלעגט אים לויבן אין דער אָנוועזנהײַט פֿונעם טאַטן, דעם אַרבעטער. ס'איז סוואָרע, האָט ער געזאָגט, אַז דער זון וועט נאָך איבעריאָגן דעם טאַטן. אַזוי מוז טאַקע זײַן, אַניט וואָלט די וועלט געבליבן שטיין אויף איין אָרט!

ווי א סאך פּאָדאָלער כעוורע, האָט שמוליק באַ־
שטימט פאַרזעצן דאָס לערנען, ארבעטנדיק אפן זאַ־
וואָד. ער האָט פאַרענדיקט דעם צענטן קלאַס אין דער
אָוונטשול פון ארבעטער־יוגנט. און אויב מע האָט
שוין דורכגעמאַכט צען קלאַסן, גלוסט זיך א פּרווו
טאָן דאָס מאַזל אינעם אינסטיטוט. אַלס ארבעטער און
קאָמיוגיסט און אַלס א מענטש, וועמענס בארוף עס
איז מעטאַל, זעצט ער פאָר דאָס לערנען, און בעשאַס
דער מילכאָמע קומט ער אָן אין דער מיליטערישער
טאַנקען־אַקאַדעמיע...

איצט, ווען עס איז שוין געקומען די צייַט אונ־
טערצופירן א סאַכאַקל פון דעם דורכגעגאַנגענעם וועג,
דערמאָנט זיך סאַמויל קאַפּמאַן, ווי ניט גרינג עס איז
אים געווען אָט דער וועג. און ניט ווילנדיק, מוז ער
אָנקומען צו דער הילף פון ציפערן. זייַן ארבעטס־
סטאַזש איז 43 יאָר. פון זיי איז ער 35 יאָר באַשעפ־
טיקט מיט דער נאַפט־ און גאַז־אינדוסטריע.

סאַמויל קאַפּמאַן בייס דער מילכאָמע

עס האָבן זיך געביטן די נעמען פון זייַנע פּאָסטנס, די שטעלעס, ס'האָט זיך אָבער ניט געביטן דער געביט, וועלכן ער האָט געווידמעט זייַן גאַנץ לעבן. די פּאַטערלענדישע מילכאָמע איז נאָך געווען אין פולן ברען, און אים, דעם זעקס־און־צוואַנציקיאָריקן אינזשעניער, באַשטימט מען פאַר א אינזשעניער־טעכנאָלאָג, שפּעטער — פאַרן הויפּט־טעכנאָלאָג פון אן עקספּעדיציע, דערנאָך איז ער שעף פון דעם טעכנאָלאָגישן אָפּטייל, הויפּט־אינזשעניער פון א ריי פּראָיעקטן, און פון מאַרט 1950 — הויפּט־אינזשעניער פון דעם אינסטיטוט.

אזא איז שמוליק קאַפּמאַנס וועג!

ניט אַלץ איז אָבער געווען אזוי פּראָסט און פּאַשעט, ניט אַלץ — גלאַטיק. ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרן, זייַנען אינעם אינסטיטוט ניט פאַראַן קיין סטודענטן און פּראָפעסאָרן, עס גייט אָבער ניט דורך קיין טאָג, דער אינסטיטוט אַליין זאָל ניט אָפּגעבן אן עקזאַמען.

מיט וואָס זשע באַשעפטיקט זיך קאַפּמאַן און אין וואָס פאַר א געביט פון אונדזער לעבן ווייַזט ער ארויס זייַנע קענטענישן?

סאַמויל קאַפּמאַן פּראָיעקטירט און בויט די רער־מאַגיסטראַלן אַף צו טראַנספּאָרטירן נאַפט און נאַפט־פּראָדוקטן. באַ זייַן אומיטלבאַרן אָנטייל און טעכנישער אָנפירונג האָט מען אויסגעבויט העכער, פינף און צוואַנציק טויזנט קילאָמעטער נאַפט־ און גאַז־רערן, העכער זעקס הונדערט נאַפט־באַזעס אין אַלע אונדזערע רעפּובליקן. כוץ דעם, האָט ער אָנגעפירט מיט דער בויונג פון א היפּשער צאָל אָביעקטן פאַר דער רויטער ארמיי און פאַרן מיליטערישן יאַם־פלאָט.

עס רעדט זיך גרינג ארויס: פינף און צוואַנציק טויזנט קילאָמעטער נאַפט־ און גאַז־רערן... מע דאַרף זיך פאָרשטעלן, אין וואָס פאַר א שווערע גרונטן מע האָט געדאַרפט דורכלייגן אָט די אומענדלעך לאַנגע רער, דורך וועלכער עס זאָל אָן אן איבעררייַס און אָן איבערשלאָג פליסן נאַפט פאַר אונדזער אינדוסטריע. כוץ אָט די ביז גאָר וויכטיקע אָביעקטן, האָט מען נאָך געמוזט פאַרזיכערן די ווירטשאַפט פון די נאַפט־פּראָוואָדן אַף איבערפּאָמפּען די באַזונדערס קאָמפּליצירטע מינים נאַפט.

מע קאָן מיט זיכערקייַט זאָגן, אז עס איז ניטאָ אין לאַנד באַ אונדז קיין איין נאַפט־באַזע, צו וועלכער קאַפּמאַנס אינסטיטוט זאָל ניט האָבן קיין שייַכעס, האָגאַם אַלע זייַנען זיי ניט ענלעך איינע אַף דער צווייטער, ווייַל גאָר פאַרשיידן איז די ספּעציפיק, לאָמיר זאָגן, פון א געווייַנלעכער באַזע און פון דער באַזע באַ דער עטילען־רער, וועלכע ציט זיך פון דער גרענעץ ביז צו דעם קאָלוזשסקער כימיע־מעטאַלורגישן קאָמבינאַט.

פאַר די פינף און דרייַסיק יאָר אָנגעשטרענגטער בויונגס־פּראַקטיק איז דעם אינסטיטוט אויסגעקומען בייַקומען קאָלאָסאַלע ערד־שטעטעכן, בערג, טייַכן און אָזערעס, אונטער וועלכע עס איז אויסגעקומען ציִען די שטאָלענע רער־לייטונג אין היצן און אין קעלטן, באַ די שווערסטע אומשטענדן.

כוץ די דערמאָנטע אָביעקטן, וועלכע עס איז גאָר אומעגלעך צו אויסרעכענען, האָט דער הויפּט־אינזשעניער סאַמויל קאַפּמאַן פאַנאַנדערגעאַרבעט דעם פּראָיעקט פונעם קיִווער זאַוואָד

„ניעפּטיעיזמעריטעל“, אַף וועלכן עס איז צום ערשטן מאָל בא אונדז אין לאַנד אויסגעפּרוווט געוואָרן דאָס פאַרהיטן די נאַפט־פּראָדוקטן אונטער דער ערד און אין די ערטער, ווו עס געפינען זיך די שטיינערנע זאַלץ־פּלאַסטן (אין באשקיריע, צום בייַשפּיל).

די אויסערגעוויינלעכע פייַקייַט, און לאָמיר ניט מוירע האָבן זאָגן — דער טאַלאַנט פונעם סאָוועטישן אינזשעניער איז באַוווּסט געוואָרן ניט בלויז בא אונדז אין לאַנד, נאָר אויך אין אויסלאַנד. אונטער קאָפּמאַנס אָנפירונג און בא זייַן אומיטלבאַרן אָנטייל, אַלס אינזשעניער און דערפינדער, זייַנען אויסגעבויט געוואָרן א ריי אָביעקטן אין מאָנגאָליע, אַפגאַניסטאַן, עפּיאָפּיע, וויעטנאַם, איראַק און אַנדערע לענדער. דער אינסטיטוט האָט אַרויסגעוויזן הילף אין געביט פון טראַנספּאָרטירן און פאַרהיטן נאַפט און נאַפט־פּראָדוקטן אין דער קאָרייער דעמאָקראַטישער פאָלקס־רעפּובליק, אין דער אונגאַרישער פאָלקס־רעפּובליק, בולגאַרישער פאָלקס־רעפּובליק און אין דער טשעכאָסלאָוואַקישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק.


סאַמויל קאָפּמאַן (לינקס) באַווייַזט דעם טשעכישן פרייַנט, וויאַזוי בעסער צו שווייסן די גאַז־ און נאַפט־רערן

ניין, ניט אומזיסט האָבן שמוליק קאָפּמאַנס לערער אים פאָרויסגעזאָגט א גרויסע צוקונפט. קאָפּמאַן טייַנעט, אַז וויפל ער לעבט, לערנט ער זיך. דאָס לערנען אָבער גייט בא אים פּאַראַלעל מיט א גרינטלעכער אַרבעט פון לערנען אַנדערע. זייַן דערפאַרונג און די היפּשע קענטעניש פאַרסאַכאַקלט ער אין זייַנע פּובליקאַציעס. העכער פינף און צוואַנציק זייַנע געדרוקטע אַרבעטן אַפן געביט פון רער־טראַנספּאָרט און בויונג פון רעזערוואַר־פּאַרקן און טעכנישע באַזעס דערציִען די יוגנט, וואָס טרעט אַרייַן אינעם גרויסן קאָלעקטיוו בויער.

סאַמויל קאָפּמאַן האָט צוועלף פּאַטענטן אַף דערפינדונגען, וועלכע ווערן אויסגענוצט אין דער טאָגטעגלעכער פּראַקטיק באַם בויען נייַע רעזערוואַר־פּאַרקן.

די נאַפטלייטונג „דרוזשבאַ“, וועלכע ציט זיך אַף מער ווי פינף מיט א האַלבן טויזנט קילאָמעטער די לענג און האָט צו זיך קיין גלייַכן ניט אין דער גאָרער וועלט, האָט צוגענומען בא קאָפּמאַנען אַן ערך צוואַנציק יאָר. נאָר ווען מע רעדט מיט אים, פילט מען, אַז גראָד אָט די יאָרן זייַנען די גליקלעכסטע אין זייַן לעבן.

יאָ, דער אינזשעניער סאַמויל קאָפּמאַן איז אין זייַן גאַנצן אָנבליק א בייַער מענטש. קאָן זייַן, אַז בא יִדישע מאַמעס זייַנען אַזעלכע געבוירן געוואָרן אויך אַמאָל, אָבער דורכגייַן אַזאַ וועג און ווערן אַזאַ מענטש, ווי קאָפּמאַן — דאָס איז מעגלעך בלויז אין לאַנד פון אָקטיאַבער.

מאַטל גרוביאַן

אין דאָנעצק

איך האָב אָנגעטאָן פּריש גרעט, צוגעקליבן לויט מײַן מאָס שטיוול און אַ ברעזענטענעם קאָסטיום. דאָס שאַכטיאָרישע לעמפּל האָב איך אײַנגעפּאַסט אין אַ רימען, ס'זאָל מיר באַקוועם זײַן אין שאַכטע עס אָנציִדן. איך האָב אויך באַקומען אַן אײַנמאָליקן קעגנגאַז־באַלאָן און אַ קאַסקע. און אין צען־פופצן מינוט אַרום בין איך שוין געזעסן אין דער „קאַרעטע", וואָס פירט אַראָפּ אין די טיפענישן פון דער שאַכטע.

מײַנע באַגלייטער, צוויי אָנפירנדיקע כאַווייריִם פון דער שאַכטע „ביס־10", וואָס זײַנען ערשט דאָ ניט לאַנג געווען אָנגעטאָן אין מאָדערנע אייראָפּעיִשע קליידער און האָבן אַזוי עלעגאַנט אויסגעזען, זײַנען, ווי דורך אַ קישעף, אין איין אויגנבליק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טיפּישע שאַכטיאָרן, וואָס קענען די שאַכטע, ווי זייערע צען פינגער.

— בײַ אונדז איז ניט קיין זעלטנהײַט אַראָפּלאָזן אַ שרײַבער אין שאַכטע, — האָט איינער פון מײַנע באַגלייטער באַמערקט. — אָבער די מערהײַט פון אײַערע געקומענע פון צענטער שרײַבער און זשורנאַליסטן זיצן אָפּ שאָענווײַז באַם הויפּט־אינזשעניער פון דער שאַכטע, אין דער קאָנטאָר פון דער שאַכטע, און זיי פאָרן אַוועק מיט פאַרבונדענע אויגן.

סטאָפּ! די „קאַרעטע" האָט זיך אָפּגעשטעלט.

ביז פופצנטן „האָריזאָנט" וועלן מיר גיין צו פוס, קיין „כאַסענע" וועלן מיר ניט טרעפן (אַ „כאַסענע" הייסט, ווען אַ סאַך וואַגאָנעטקעס קומען זיך צונויף אין איינעם).

די לאַווע איז אַ שמאָלע. מײַן לאָמפּ האָט געברענט און געוואָרפן געלבלעכע פלעקן אויף די פּנעמער פון מײַנע באַגלייטער און אויף די קראָקוועס, וואָס שפּאַרן אונטער די סטעליע.

מיר האָבן זיך באַוועגט פּאָרויס, פון „האָריזאָנט" צו „האָריזאָנט", פאַרבײַ דורכגעלייגטע רעלסן און יאָגנדיקע וואַגאָנעטקעס מיט קוילן. אין וועג האָבן מיר באַגעגנט שאַכטיאָרן מיט פּנעוומאַטישע האַמערס און לאָמען, די אַלטע רוסישע לאָמען און קירקעס, וואָס אָן זיי איז אומעגלעך זיך באַגיין אַפילו בײַ דער פולסטער און גרעסטער מעכאַניזאַציע. קעדיי די מאַשין זאָל אַרײַן אין די ווענט פון דער שטרעקע און אָנהייבן אַרבעטן, מוז צוערשט דער שאַכטיאָר זיך אײַנגראָבן אין פּלאַסט פון דער שטרעקע און עפענען פאַר איר אַ וועג.

דער באָדן, אויף וועלכן מיר האָבן געטראָטן, איז געווען פײַכט און גליטשיק, נאָר מײַנע שטיוול האָבן זיך ניט געגליטשט, קיין וואַסער ניט דורכגעלאָזט.

אַמאָל זײַנען די „סאַנאָטשניקעס" דאָ אויף אַלע פיר געקראָכן, אײַנגעשפּאַנט, ווי, לעהאַוודל, הינט אין דער „אופּריאַזשקע", געשלעפּט די אָנגעלאָדענע שליטנס קוילן. די פערד, וואָס האָבן דאָ געאַרבעט, פלעגט מען אַראָפּלאָזן אין שאַכטע איין מאָל אין לעבן. ווען ס'האָט אַמאָל געטראָפן, אַז מע האָט געמוזט אויפהייבן זיי צוריק אויפן אויבערפלאַך, פלעגן זיי פון דער ליכטיקער שײַן טייקעף בלינד ווערן. דעם שאַכטיאָר און די פערד פלעגט מען אַראָפּלאָזן אין שאַכטע אין אַ „באַדיאַ", אויף אָנגעצויגענע שטריק. דער גוירל פונעם שאַכטיאָר

און פון דעם פערד איז געווען איינער און דער זעלבער, מער ניט, פאַרן „מענטש־שאַכטיאָר" האָט קיינמאָל קיינער ניט געטראָגן קיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ביפֿראַט ווען ער איז געווען אַ פֿון ערגעץ געקומענער און ניט געהאַט אַף זיין נאָמען קיין פּאַספּאָרט.

ביז דעם פּופּצנטן „האַריזאָנט" איז נאָך ווייט. אַף די ווענט זייַנען צעהאַנגען גרויסע פּלאַ־קאַטן — „ניט טרינקען קיין שאַכטע־וואַסער", „זייַן פּאַרזיכטיק בא די קנופּן פונעם קאַבעל" אדג.

איך האָב באַשטימט מאַכן אַ „פּריוואַל", עטוואָס זיך אָפּרוען אין דעם דאָקטערס קאַבי־נעט, וואָס געפינט זיך טאַקע דאָ אונטער דער ערד אין כאַלאַל פון די אַנטראַציט־ווענט.

אַ דאָקטער, ווי אַלע דאָקטוירים, מיט גרויסע פֿליישיקע הענט און קורץ געשוירענע נעגל, מיט אַ כויזעק־פֿייַערל אין די אויגן, וואָס עס האָבן גלייך מיר געזאָגט: „יונגערמאַן, איר זייַנט אַזאַ שאַכטיאָר, ווי איך אַן אַרטיסט פונעם גרויסן טעאַטער". אָבער אופֿגענומען האָט מיך דער דאָקטער גאַסטפֿרייַנטלעך. דערלאַנגט אַ פֿרישן טרונק וואַסער, אויסגעפֿרעגט, פֿונוואַנען און צוליב וואָס כ'בין געקומען אין שאַכטע „ביס־10". אַ „גרינעם" דערקענט מען גלייך, און מע הייבט אים אָן דערציילן אַלטע, שוין אויסגעדראָשענע געשיכטעס און לאַנג־באַוווסטע עמעסן.

אַז די שאַכטע „ביס־10" איז ניט פון די ערשטע און בעסטע שאַכטעס אין דאָנעצק. כאָטש זי גיט צען טויזנט טאָן קוילן אַ מעסלעס, וועט זי דאָך אין צוויי־דרייַ יאָר אַרום פאַרלאָשן ווערן;

אַז געדאַרפט האָב איך גאָר בעסער באַזוכן די שאַכטע „גאַנזיִעווקע" אין מאַקייעווקע, די צענטראַלע „אָקטיאַבער־שאַכטע".

אַף דער „אָקטיאַבער־שאַכטע" בין איך שוין פֿריִער געווען. וווּנדער־שעבעווווּנדער — די מעכאַניזירונג פון אַלע פּראָצעסן פונעם קוילן־אַרויסבאַקום, דער „עלעקטראָנען־זאַל" און דער פּולט אַפֿן אויבערפֿלאַך, וואָס ווייַזט מאַמעש ניסים. ווערט ערגעץ, כאַלילע, אין שאַכטע פֿאַרפֿאַלן אַן אַרבעטער, צי אַ קאַטאַסטראָפֿע זאָל טרעפֿן אַ גאַז־אָנצינדונג, אַן אָפּוואַלגערונג פונעם פֿלאַסט, ווייַזט דער „עלעקטראָנען־זאַל" איך איין האַלבער סעקונדע אַלץ. הייַנט די לעבנס־ און שטייגער־באַדינגונגען פון די שאַכטיאָרן, די וווּיל־אייַנגעאָרדנטע דירעס און מאַגאַזינען פֿאַר די אַרבעטער, דער פּרעכטיקער רעסטאָראַן, די קינדערגאָרטנער און ספּאָרט־פּלעצער, די קליניקעס און סאַנאַטאָריעס... און דאָך טוט מיר ניט באַנק, וואָס איך בין איצט צוגאַסט אין דער שאַכטע „ביס־10". איך האָב זיך דערקליבן צום פּופּצנטן „האַריזאָנט", גע־זען מיט די אייגענע אויגן, וויאַזוי עס אַרבעט אַ מעכטיקער קוילן־קאָמבייַן.

מייַן טאָג האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט נעמען אַ „דוש" און מיט כאַפּן אַ קויסע צוזאַמען מיט די שאַכטיאָרן.

די אָנפֿירער פון דער שאַכטע „ביס־10" האָב איך געשאָנקען מייַן יידישע דיכטונג אין דער איבערזעצונג אַף רוסיש — דאָס ביכל „אַ שיפֿל אינעם שטראָם".

דאָנעצק, די שטאָט פון מעטאַלורגן און שאַכטיאָרן, ליגט צעוואָרפֿן אַף אַכט און דרייַסיק קילאָמעטער פון ביידע זייַטן טייַך קאַלמיוס. די בריקן איבערן טייַך פֿאַרייניקן די שטאָט מיט אַלטע און נייַ־אויסגעוואַקסענע זאַוואָדן און שאַכטעס, באַרימטע ווייַט אויסער די גרענעצן פון אונדזער לאַנד. די הייַנטיקע סאָציאַליסטישע שטאָט איז אויסגעוואַקסן אַפֿן אָרט פון דער אַמאָליקער יוזעפֿקע, וועלכע האָט געשעמט ווי אַ העקדעש מיט אירע כאַלופּעס און טראַק־טירן, מיט איר „כאַליערע־בונט", מיט דעם פֿאַרומערטן לעבן פונעם שאַכטיאָר און שטאַל־גיסער.

מיט הונדערט יאָר צוריק האָט אַ געלט־גייַציקער ענגלישער קאָנצעסיאָנער — דזשאָן יוזעף אָפּגעקויפֿט באַם גראַף קאָטשובײ דעם יִשעוו און אַף די בייַנער פון טויזנטער אָפּגע־נאַרטע און פֿאַרמוטשעטע אַרבעטער אויסגעבויט דאָ אַ מעטאַלורגישן זאַוואָד.

אַרום און אַרום — סטעפּ, איבער אים — אַ שווערער און אומרויִקער הימל. געהערשט האָט דזשאָן יוזעף און זייַן דינאַסטיע פון פֿיר באָנים ביז דער סאַמע אָקטיאַבער־רעוואָליר־ציע. יענע צייַט איז פֿול מיט שוידער און מענטשלעכער דערנידעריקונג, מיט מאַסן־צעשיסונ־גען בא די זאַוואָד־טויערן. אַפֿן ברעג פונעם אָרטיקן טייַך קאַלמיוס האָבן זיך געפֿונען יִישו־ווים פון צאַרישע קאָזאַקן, איז דזשאָן יוזעפֿן גרינג געווען דערשטיקן די מינדסטע דערוואַ־כונג פון דעם אין קלעם זיך ראַנגלענדיקן אַרבעטער־מענטש.

איך באָד זיך אין טייַכל קאַלטשיק (דער צופֿלוס פון קאַלמיוס), אַף דעם זעלבן אָרט, ווו ס'איז פֿאָרגעקומען דאָס ערשטע רוסיש־טאָטערישע געשלעג אין 1223 יאָר. מייַן כאַווער,

דער דאָנעצקער דיכטער פּאַוועל שאַדור, שטייט אַפֿן ברעג און שפּאַסט, בינדט מיר איבער אַן אָרבל פֿון דער העמד, איך זאָל כאַפּן אַ ציטער באַם אַרויסגייִן פֿונעם וואַסער. דאָס שטראָפֿט ער מיך פֿאַר מײַן נעכטיקן ניט קומען באַגיסן זײַן גאָרטן. אין האָטעל „אוקראַיִנאַ" בין איך נאָך צוגעשריבן, און ווױנען וווין איך באַ פּאַוועל שאַדורן. דאָ איז מיר באַקוועמער. די באַלע־באָסטע ליובאָוו געאָרגיִעוונע — ליגט קראַנק אין אַן אויגן־קליניק, זײַנען מיר, די צוויי מאַנצבילען, פֿרײַ ווי די פֿייגל. די גאַס, וווּ דער דיכטער לעבט, הייסט „אַטיעטשעסטווענע", און זײַן הויז האָב איך אָנגערופֿן „דאָס קאָמוניסטישע". איך אַט דעם פּאָר אַלעמען אָפֿענעם הויז קומען אַלע אָוונט זיך צונויף אַלטע דאָנעצקער טוישווים, יונגע שרײַבער, דיפּלאָמניקעס פֿון דאָנעצקער אינסטיטוטן, יונגע מאָלער און אַרכיטעקטאָרן. מע לייענט לידער און מע גרימפּלט אויף אַ גיטאַרע, באַגלייטנדיק מיט מוזיק די אַליין געשאַפֿענע פּערזן און מעלאָדיעס. די געסט זײַנען אומעטום פֿול, אין קיך און אין עסצימער, אין שלאָף־צימער, אינעם אַרבעטס־קאַבינעט. באַ פּאַוועל שאַדורן האָב איך זיך באַקאַנט מיטן דאָקטער מוישע שקאָלניק, דעם פֿאַרוואַלטער פֿונעם טעראַפּעווטישן אָפּטייל אין שפּיטאָל אויף קאַליניִנס נאָמען, מיטן יונגנמאַן זעלוול אוטצען, וועלכער איז ערשט אָנגעקומען אין אוניווערסיטעט, מיט דעם דאָקטאָר פֿון מעדיציִנישע וויסנשאַפֿטן דאַוויד איזרײַלעוויטש דובראָווסקי — זײַן פֿאַך איז קיבערנעטיק אין דער מעדיצין און נייראָכירורגיִע. ער איז פֿאַרוואַלטער פֿון אַ קאַפֿעדרע אינעם דאָנעצ־קער מעדיציִנישן אינסטיטוט. אַ שטאַרקן אײַנדרוק האָט אויף מיר געמאַכט דער אינזשעניער אזריִעל באַכמאַן. דאָס גאַנצע לעבן אַרבעט ער אין די שאַכטעס.

באַכמאַן איז איצט אַן אָוול. זײַן צאַרטע און טײַערע פֿרוי לאַלע איז פּלוצעם געשטאָרבן. זיצט ער, אזריִעל באַכמאַן, באַם טיש, אין זיך אַרײַנגעגראָבן, דערציילט עפּעס, דערציילט און פֿאַרטראַכט זיך. פּרוּווט נעמען די גיטאַרע, קעדיי עפּעס אויסשפּילן, און קערט זי גלײַך אום מיט אַ שטילן מורמל צו עלעטשקע זעלדין (אַ יונג שיין מיידל, אַ מיטאַרבעטערן פֿון אַ דאָנעצקער יוגנט־צײַטונג) — „שפּיל דו... שפּיל!" אין דרויסן איז שוין גוט פֿינצטער, נאָר קיינער צעגייט זיך ניט. דער גאָרטן איז פֿריש און פֿײַכט פֿון מײַן ערשט באַגיסן אים. אָנ־געזעטיקט זײַנען די עפּל־ און פֿלוימען־ביימער, דערפֿרישט — די ווײַנטרויבן־שטענגלעך, אָנגעפּאָיעט — די קוויטן און דאָס ווילדגראָז, בילדעריש שיין — די פֿאַרלאָזטע אוגערקעס־ און פּאָמידאָרן־גריאַדקעס. איך טו אַ שפּריץ אויך אויף די געסט, וועלכע האָבן פֿאַרפֿולט די ווע־ראַנדע, און טו עס אָפּ מיטן אויסרייד, אַז כ'וויל פֿונעם פֿענצטער אָפּוואַשן די לעוואָנע, פּונקט, ווי מיט וואַסער קאָן מען אָפּוואַשן אַ גאַנצע וועלט, די לעוואָנע, וואָס איז צוגעוואַקסן צום פֿענצטער...

אינדערפֿרי האָב איך געזאָלט האָבן אַ באַגעגעניש מיטן מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פֿון דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיִע, דאָקטאָר פֿון פֿיזיק־מאַטעמאַטישע וויסנשאַפֿטן גיכמאַן. ס'איז מיר אָבער איבערגעלאָפֿן אַ קאַץ דעם וועג. פּראָפֿעסאָר גיכמאַן איז אָפּגעפֿלויגן קיין מאָסקווע אויף אַ קאָנגרעס פֿון פֿיזיקער, און מיר איז בלויז געבליבן צו זען אויף די סטענדן פֿונעם דאָנעצקער פֿיזיק־מאַטעמאַטישן אינסטיטוט זײַנע ביכער, וועלכע זײַנען אַרויסגעגעבן באַ אונדז, אין ענגלאַנד, פּוילן און אַנדערע לענדער.

איך האָב באַשטימט דעם טאָג אויסנוצן אויף באַזוכן די אָרטיקע ביבליאָטעקן, זײַנען זיי אין דאָנעצק גאַנצע פֿינף הונדערט! וואָלט איך אַ קוק טאָן אַ פּאָר פֿילמען — זײַנען אין דאָ־נעצק פֿאַראַן זיבעצן קינאָ־טעאַטערס. פּרוּוו קלײַב אויס איינעם פֿון די זיבעצן. אַרײַנגיין אין אַ טעאַטער? פֿרעגט זיך: אין וועלכן — אין דראַמאַטישן, אין אָפּערע, אין אָרטיאָם־טעאַטער? באַזוכן אין דאָנעצק אַ קולטור־פּאַלאַץ? זײַנען דאָ אין דאָנעצק זעקס און זעכציק. מיט שפּי־טאָלן האָב איך ניט צו טאָן, דערצו זײַנען זיי אויך ניט אַלע אין איין אָרט און אין דער צאָל — אויך אַריבער זעכציק. הײַנט דאָקטוירים, זיי ציילט די שטאָט, אויב זאָגן פֿינקטלעך, — פֿיר טויזנט מיט פֿינף הונדערט און פֿינף און אַכציק...

וועל איך אָנהייבן פֿון די מוזייען. ערשטנס, געפֿינען זיי זיך אין סאַמע צענטער פֿון שטאָט. דערצו זײַנען זיי אין דער צאָל ניט מער ווי דרײַ. נאָר דאָס טראַכט איך. די פֿאַר־וואַלטערס פֿון די מוזייען האָבן זיך זייערע כעזשבוינעס. ס'איז ערעוו יאָמטעוו, דאָנעצק גרייט זיך צו די פֿײַערונגען פֿון הונדערטיאָריקן יובילײ, סע טוט זיך אויף טיש און אויף בענק. מע רעמאָנטירט מוירן, מע שערט אונטער די ביימער אין די פּאַרקן און סקווערן, מע איליר־מינירט די גאַסן און וויטרינעס, מע עפֿנט צענדליקער נײַע קאַפֿעטעריעס און שפּײַז־אונטער־נעמונגען, ווּ טאָרטן, הינער, גענדז שפּרינגען מאַמעש פֿון די פֿענצטער. דער אוניווערמאַג „ווײַסער שוואַן" און דער „צענטראַלער" זײַנען פֿאַרוואַלגערט מיט סכוירעס. אין די שויִ־פֿענצטער קײַקלען זיך שיינע, גרויסע זילבערנע נולן און סע לויפֿט מיט זיי אַן אָנגעגאָסענער

פלאַם־פײַערדיקער „איינס". הונדערט יאָר דאָנעצק! איז ווי, פרעגט זיך, קאָן א פּאַרוואַלטער פון א מוזיי זײַן אין אזא צײַט קאַלטבלוטיק, שטיין אינגאנצן אין א זײַט? אזא פאַרוואַלטער וועט זיך אײַנהאַלטן אף זײַן ארבעט ניט מער ווי א סאָראָקע אף א דאַך.

זײַנען טאקע צו מײַן מאזל הײַנט אַלע דרײַ מוזייען פאַרמאַכט. מע שײַערט די פענצטער, מע שלעפּט אראָפּ די בילדער און עקספּאָנאַטן פון די ווענט און מע צעלייגט זיי קוידעמקאָל אף דר׳ערד. מע באַגיסט דעם טראָטואַר אינדרויסן און מע שטעלט אף דער ארבעט די בעסטע ווישאַפּטלעכע טוער. מע שאַפט אָפּ די אָפּרו־טעג פאַר די מיטארבעטער און מע מעלדעט פאַרויס, אז ביז יאָמטעוו טאָר קיינער ניט טראַכטן וועגן קראַנק ווערן.

ווען ביימער וואָלטן געקענט וואַקסן מיט דער קרוין אראָפּ און מיט די וואָרצלען צום הימל, וואָלט דער פאַרוואַלטער פונעם דאָנעצקער היסטאָרישן מוזיי זיך אזוי ניט פאַרכידעשט, ווי ער האָט זיך פאַרכידעשט פון מײַן באַזוך צו אים אין קאַבינעט. און דאָך, דערעכערעץ פאַר מײַן קאָמאַנדירונג פון מאָסקווע און מײַן הויכגעשעצטער טיטל שרײַבער, האָבן דעם מענטשן ווייך געמאַכט און ער האָט זיך אונטערגעגעבן.

— וו טאַקאָם סלוטשאַיע, — האָט ער געזאָגט, — וועל איך אַליין מוזן זײַן אײַער גיד, ווײַל אַלע מיטארבעטער שטייען אין דרויסן ביז די קני אין וואַסער און ברענגען אין אָרדע־נונג דעם פאַסאַד מיט די ארײַנגאַנגען.

בעקיצער, מײַן טאָג איז דורכגעגאַנגען אינטערעסאַנט.

א גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר געכאָלעמט אַלט־יוזעפקע מיט צעהאַנגענע גרעט אף צע־צויגענע איבער די גאַסן שטריק. די קוזניע, וואָס דזשאָן יוזעף האָט אַמאָל אוועקגעשטעלט אין דאָנעצער סטעפּ, דעם פּראַק אופגעהאַנגען אף א טשוואָק און געוויזן אַלעמען, אז ער קען אויך האַלטן א האַמער אין די הענט...

איך האָב זיך אופגעכאַפּט גאַנצפרי מיט קאָפּווייטעק, די זון האָט געשלאָגן אין פּאָנעם. פון מײַן פענצטער אין האָטעל „אוקראַינאַ" איז קימאַט גאַנץ דאָנעצק, ווי אף דער דלאָניע. די טעריקאָנען ארום די שאַכטעס און דער הימל־יאַם, וואָס צעגיסט זיך באַזונדערס בלוי, באַזונדערס אין די אינדערפרי־שאָען, פאַרגיסן די אויגן מיט זון און מיט טרערן. און ווערט דעמאָלט ענלעך די היזיקע נײַע אינדוסטריעלע שטאָט אף א טראַדיציאָנעלן קוראָרט־שטעטל, מיט בערג און יאַם. א פײַן „קוראָרט־שטעטל", וואָס גיט ארויס יעדן טאָג מיליאָנען טאָן פּראָקאַט און קוילן.

ס׳איז זומער. די דאָנעצקער מערק זײַנען איבערפולט מיט בערג פּרוכטן. ווו דאָס אויג קען נאָר כאַפּן — מאַשינעס און פורן מיט עפּל, בארן, פלוימען, פערסיקעס און אבריקאָסן. שטעלעכלעך מיט גרינוואַרג, באַריקאָדן פון קאַוועס און דיניעס. אַלץ עסט דאָס אויג מיט אן אויסערגעוויינלעכן אַפּעטיט.

איך האָב בעדייע נאָך הײַנט מעוואַקער־כוילע זײַן ליובאָוו געאָרגיעוונען אין שפּיטאָל, און מיט לײַדיקע הענט קען מען צו אזא פרוי ניט קומען. בין איך ארײַן אין א קווייטן־קראָם און ביך מאַמעש פאַרשיקערט געוואָרן פון גלאַדיאָלוסן, ליליעס, געאָרגינעס, טיולפּאַנען, אַסטרעס, וואָס ווייקן זיך דאָ אין פולע עמערס וואַסער און רײַסן אויס שטיקער האַרץ פון מיר. יאָ, דאָנבאַס האָט ליב קווייטן.

איך בין אָבער אין דעם טאָג ניט געווען בא ליובאָוו געאָרגיעוונען — צוליב איינציקע צופעליקע, נאָר פאַר מיר וויכטיקע באַגעגענישן מיט מענטשן. און דער טאָג איז צווישן יאָ און ניין אוועק. בין איך געזעסן א גאַנצן אָוונט בא א גלעזל ביר אין „מײַן" רעסטאָראַן „אוקראַינאַ" און געקוקט, ווי דאָנעצקער שאַכטיאָרן טאַנצן א יידישן טאַנץ מיט פאַרלייגטע פינגער אונטער די זשילעט־פּאַכוועס. זיי האָבן געטאַנצט הייס, ערלעך, טעמפּעראַמענטפול און ניט שאַרזשירנדיק, און דאָס האָט באַם אוילעם שטאַרק אויסגענומען, און אַלע האָבן הילכיק אַפּלאָדירט. אין זיקאָרן האָבן זיך דערווײַל אופגעוועקט בא מיר דערמאָנונגען וועגן באַגעגענישן מיט דאָנבאַסער שרײַבער — גרויסע פּאַטריאָטן פון זייער פאַרוואָרצלטן קאַנט. די באַגעגענישן זײַנען געווען אויסער דאָנבאַס, אין אַנדערע ערטער.

נאָך מײַן אומקערן זיך פונעם פראָנט, א שווער פאַרוואונדעטער, און נאָך מײַן אָפּליגן אין קאַזאַן, אין אן עוואַקאָשפּיטאָל, בין איך פרילינג 1943 אָנגעקומען קיין מאָסקווע. דעמאָלט האָבן אַלע ווײַסרוסישע און יידישע שרײַבער פון מינסק נאָך געוווינט אין צוויי מאָסקווער האָטעלן — „סאָוועטסקאַיאַ" און „יאַקאָר".

דער האָטעל „יאַקאָר", ווו איך האָב זיך געפונען, איז געווען א מין אינדזל פאַר דער ווײַסרוסישער און יידישער אינטעליגענץ פון מינסק, וויטעבסק, האָמעל. דאָ האָט מען גע־קאָנט טרעפן דעם ווײַסרוסישן פּראָזאַיקער מיכאַס לינקאָוו און דעם דיכטער מאַקסים טאַנק,

דעם אַרטיסט ראַכלענקאָ און דעם סקולפּטאָר זאַיִר אַזגור, דעם קאָמפּאָזיטאָר ליובאַן און דעם דיכטער אַרקאַדי קולעשאָוו, די ייִדישע זינגערין ראָזע פּלאָטקינע און דעם ווײַסרוסישן פּאָעט פּעטרוס בראָווקאַ, דעם ייִדישן שרײַבער אורי פינקעל...

טאַקע ער, אורי פינקעל, מײַן בען־איר, פרײַנט און לערער, האָט מיר צום ערשטן מאָל דערציילט וועגן זײַן פרײַנטשאַפט בעשאַס דעם עוואַקואַציע־לעבן אין סאַמאַרקאַנד מיטן „לעטאָפּיסעץ" פון דער דאָנבאַסער ערד איליאַ אַלעקסאַנדראָוויטש גאָנימאָוו (גאַראַש).

אורי פינקעל האָט געהאַט אַ טעווע גאָר פרי אויפשטיין. גאַנצפרי פלעגט ער אַרײַנגיין צו מיר אין צימער און אַרײַנלאָזן דרײַ פינגער אין מײַן טוטין־שאַכטל, פאַרדרייען אַ גראָבן ציגײַער און מיך זידלען פאַר מײַנע פילצאָליקע שפּיצלעך, וואָס איך האָב דעמלט ליב געהאַט אָפּצוטאָן (לעמאָשל, אַרײַנשיטן זאַלץ אין טוטין — ווער סע פאַרויכערט, זאָל עס אים אָנהייבן שיסן; זאָגן אַף אַ פרעמדן קאָוון, וואָס ליגט בא מיר אין צימער, אַז דאָס איז מײַנער, קעדיי דער נעמער זאָל אים עפענען און דערנאָכדעם האָבן פון מײַן שאָכן, דעם ווײַסרוסישן דיכטער, געהאַקטע לעבערלעך).

— איר צאַפּט פון מיר אַלע טאָג אויס פינף גלעזער בלוט, — פלעגט אורי מיך מוסערן. און דאָך האָבן מיר אײנער אָן דעם צווייטן לעבן ניט געקאָנט. וועגן איליאַ אַלעקסאַנדראָוויטש גאָנימאָוון האָט ער דערציילט שאָענוויַיז, בילדעריש רײַך, פול מיט כאָכמע און שאַרפזיניקע גלײַכווערטלעך אַזוי, ווי נאָר ער, אורי פינקעל, האָט געקענט.

— איר ווייסט? איליאַ אַלעקסאַנדראָוויטש גאָנימאָוו — דאָס איז עליע גאַראַש, געבוירן אין דערפל קײַפּעס, וויטעבסקער גובערניע. זײַן מאַמע האָט אים געגאָסן פיש־שמאַלץ און געקאָרמעט אים מיט הערינג, איז ער אויסגעוואַקסן אײנער פון די בעסטע אוקראַיִנישע שרײַבער אין דאָנבאַס.

הײַנט ווייס איך שוין, אַז איליאַ אַלעקסאַנדראָוויטש האָט דערלעבט ביז איין און נײַנציק יאָר און אָנגעשריבן אַזעלכע וויכטיקע ווערק, ווי „אַלט־יוזעפקע" און „באַם ברעג פון קאַלמיוס". ער איז געווען אַ דעפּוטאַט פונעם דאָנעצקער שטאָט־ראַט. גאָנימאָווס רײַכע ליטעראַרישע ירושע, אָנהייבנדיק פון זײַן ערשטער דערציילונג „סטעפּאַן לעגיאַנאָוו", פון זײַן ראָמאַן „סטעקלאָדוווק" ביז די דערציילונגען „דאָס זאַלץ פון דער ערד", „דאָס ציגײַנערל", ווערט הויך אָפּגעשאַצט אין דער געשיכטע פון דער אוקראַיִנישער סאָוועטישער ליטעראַטור. פון דער אָרטיקער ליטעראַרישער סוויווע האָבן זיך אויסגעטיילט מיט זייער באַוווסטקײַט אינעם לעבן אויך אַ רײ פּאָעטן און דראַמאַטורגן.

געהאַט האָב איך אַמאָל אַ כאַווער פון דאָנבאַס, אַ באַוווסטן רוסישן ליריקער — מאַרק שעכטער. ער איז געווען אַ ברייטפּלייציקער און הויכוווקסיקער און בעטעווע זייער אַ גוטער מענטש. צוליב פּסאָך, אָדער עפּשער צוליב זײַן שלעכטן געזונט־צושטאַנד, האָט מאַרק שטענדיק געטראָגן אַ שווערן סוקעוואַטן שטעקן. מיט אים פלעגט ער מיך אָפּט אַ שטויס טאָן כאַווער־יש אין דער זײַט — „נו, מאָטעלע־מאַטוויי! וועלן מיר הײַנט גיין אין רעסטאָראַן „יאַקאָר" עסן געפילטע פיש?"

אָן אויסגעצייכנטער פּאָעט, געפילטע פיש און דערצו אַ טרונק בראַנפן — מע דאַרף זײַן אַ קײַלעכיקער אידיאָט זיך אָפּצוזאָגן פון דעם. האָבן מיר ניט איין מאָל געמאַכט די נעסיִע אין רעסטאָראַן „יאַקאָר". דער זיקאָרן האָט פאַרהיט, אַז אין אָט דעם האָטעל האָב איך געלעבט, ווען אין מאָסקווע, דורך דער גאָרקי־גאַס, האָט די סאָוועטישע אַרמיי דורכגעטריבן בא אַ הונדערט טויזנט דײַטשן מיט זייערע גענעראַלן און אָפיצערן. זיי האָבן געוואָלט זען מאָסקווע, ווײַזט מען זיי מאָסקווע. דאָס זײַנען די דײַטשן, וואָס האָבן כאָרעוו געמאַכט גאַנץ אוקראַיִנע, דערין דאָנבאַס. מאַרק האָט שטאַרק ליב געהאַט זײַן קוילן־קאַנט, ער פלעגט מיט דאַנקבאַרקײַט רעדן וועגן די מענטשן, וואָס שרייבן ביכער וועגן דאָנבאַס. ניט איין מאָל האָט ער מיר דערציילט וועגן דעם גרויסן שרײַבער אַלעקסאַנדער פאַדייעוו, וועלכער האָט אין יענע יאָרן געשריבן זײַן ראָמאַן „יונגע גוואַרדיע".

— דו ווייסט ניט, מאָטעלע־מאַטוויי, וויפל פאַדייעוו האָט צופוס אויסגעשפּאַנט איבער דער דאָנבאַסער ערד, קעדיי אויסדיכטן פאַר זיך די העלדישע נעשאָמעס פון די קאָמסאָמאָלצעס, וועלכע זײַנען געגאַנגען אַף טויט קעגן דעם אָקופּאַנט...

דערבײַ האָט מאַרק שעכטער געווישט מיט דער סאַלפעטקע פונעם טיש זײַנע פאַרהוכקעטע ברילן. אַמאָל צען מיך אָנגערופן „בראָדיאַגע":

— קיין דאָנבאַס דאַרף מען פאָרן! ניט זשליאָקען בראַנפן אין „יאַקאָר" און פאַרבײַסן מיט געפילטע פיש...

און אָט בין איך איצט אין דאָנבאַס. הײַנט האָב איך זיך באַגעגנט מיט אַ מאַקייעווקער

יידן, יעפים פּילער, א געזעלשאַפטלעכן פאַרשפּרייטער פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" אין דאָנעצק.

יעפים פּילער שטאַלצירט מיט זײַן זון זאַלמען, וועלכער האָט אָנגעהויבן זײַן אַרבעט אַלס שאַכטיאָר אין שאַכטע און איז איצט פּראָרעקטאָר פון א קאַטעדרע פון מאַטעמאַטיק אין א וויכטיקן אינסטיטוט. געבוירן געוואָרן איז זאַלמען אין טויזנט נײַן הונדערט דרײַ־און־דרײַ־סיקסטן יאָר. די טאָכטער לענע איז א מײַסטער פונעם טראַנספּאָרט אין דעם טרעסט „קראַסנאָ־גוואַרדייסק־אוגאָל". זי האָט אַמאָל זיך געלערנט אין סמאָלענסקער יידישן פּעדטעכניקום, לייענט אויך הײַנט אַף אויסוויינינג איזי כאַריקס „מינסקער בלאָטעס"...

איך בין פאַרכאַפּט פון פּילערס דערציילונגען וועגן מאַקייעווקע און וועגן א דאָרטיקער פּרוי מיט זייער א מאָדנער פאַמיליע — עלימיילעך. זי איז איינע פון די בעסטע געזעלשאַפטלעכע טוערנס אין שטאָט.

איך זינג אונטער פאַר זיך שטילערהייט מוישע נאַדירס באַוווּסטע סאַטירישע ליד „אַז דער רעבע עלימיילעך, איז געוואָרן זייער פריילעך" און הער מיט קאָפּ פּילערס מײַסעס וועגן מאַקייעווקע.

וועגן „קראַנקע און געזונטע" יידן. צו די „קראַנקע" יידן רעכנט פּילער צו דעם מאַקייעוור־קער שויכעט, וואָס האָט שוין אַלעמען די מויכעס דורכגעלעכערט, אַז אין מיניען פאַר אַזאַ שטאָט, ווי מאַקייעווקע, איז גלײַך ווי גאָרניט. צו די „געזונטע" יידן פאַררעכנט ער דעם אַר־בעטער קאַפּמאַן, אַן אויסגעוויילטן סעקרעטאַר פון א פּאַרטיי־קאָמערל אין א גרויסער מאַ־קייעווקער אונטערנעמונג.

— „געזונטע" יידן זײַנען באַ אונדז אין מאַקייעווקע די מערהייט, — זאָגט פּילער.

די אַרטיאָם־גאַס אין דאָנעצק ציט זיך איבערלענג אַכט און צוואַנציק קילאָמעטער. און בעשאַס אונדזער שפּאַציר וואָלט באַ פּילערן געוויס געסטײַעט פּאָדעם אַף ציִען אונדזער גע־שפּרעך, אָנהייבנדיק פונעם אוניווערמאַג „ווײַסער שוואַן" ביזן וואָקזאַל. נאָר איך האַלט ניט אויס און בעט באַ יעפים יויסעפאָוויטשן מיר מוכל זײַן און אָפּלאָזן מיך, ווײַל הײַנט איז מײַן טאָג פון באַגיסן באַ פּאָוועל שאַדורן דעם גאָרטן. די היץ איז מוירעדיק גרויס, און ביי־מער מוזן טרינקען.

דאָס דאָרף קאָנסטאַנטינאָווקע איז באַרימט אין דאָנעצק מיטן בײַשטאָט־קאָלווירט אָפּן נאָמען פונעם צוואַנציקסטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר און מיט זײַן פּאַרזיצער אַבראַם באַריסאָוויטש סאָראָקין. אַהין האָב איך געזאָלט צופאָרן צוזאַמען מיט דער אָרטיקער שרײַבערין קראַכמאַליאָ־ווען, נאָר פאַרשלעפּט האָט זי מיך פריִער צו א יידישן שנײַדער פון טשערנאָוויץ, וועלכער נייט גוט הויזן, פאַרמאָגט אַן אייגן שטיבל מיט א סאָד.

יידיש רעדט, פאַרשטייט זיך, דער טשערנאָוויצער שנײַדער באַטאַמט און פּליסיק. ער געדענקט נאָך אַלץ מוישע אַלטמאַנס „ווינער קאַרעטע", איציק מאַנגערס לידער. ער זאָגט:

— א שאָד, וואָס גאָט האָט מאַנגערן געשטראָפט מיט אַרויסוואַנדערן קיין אַמעריקע און קיין יִשׂראל, און דאָרט מאַכן דעם שטאַרב.

— בעסער, — פאַרענדיקט זײַן געדאַנק כײַקל דער שנײַדער, — בעסער איז לעבן אין דאָנעצק צי אין טשערנאָוויץ, איידער שטאַרבן אין אַן אַמעריקע...

— קומט, קומט, כאַווירים, אַרויס אין סעדל. כאָטש די שטוב איז א געראַמע, דאָך איז דושנע. עפּשער וועט איר פאַרזוכן א קעלישעק אייגענעם ווישניק?

— א דאַנק, — זאָגט קראַכמאַליאָווע, — מיר מוזן שוין גיין. אָט זײַנען אונדזערע בילעטן אין צירק...

— אָנשטאָט זיצן אין צירק וואָלטן מיר זיך דורכגעגאַנגען א קוק טאָן, וואָס פאַר א שטאָט ס'איז אויסגעוואַקסן פון אָט דער פאַריפערשטער, איר זאָלט מיר מוכל זײַן, אַלט־יוזעפקע.

— איר זענט דאָך א טשערנאָוויצער, פונוואַנען זשע ווייסט איר יוזעפקע?

— מײַן ווײַבס קרובים האָבן דאָ געלעבט, אוקראַיִנער יידן. איצט ווינען באַ אונדז אין דאָנעצק, זאָגט מען, אַן ערך זעכציק טויזנט יידן. ווער ס'האָט דאָ געלעבט און איז לעבן געבליבן נאָך דער מילכאָמע. איר קענט זיי טרעפן א היפּשן פּראָצענט אַף דעם מעטאַלורגישן זאַוואָד אָפּן נאָמען פון וולאַדימיר איליטש לעניק, אין די שאַכטעס, אין די פּראָיעקטנע אינ־סטיטוטן, אין די הייל־אַנשטאַלטן, אויב איר ווילט, אין די רעדאַקציעס פון די אוקראַיִנישע צײַטונגען און זשורנאַלן. גייט זיך דורך צום לעניִן־פּראָספּעקט, דאָרט אין א סקווערי זיצן אינאָוונט גאַנצע מישפּאָכעס. מער ניט שאַבעס און זונטיק, אויב דער טאָג איז א גוטער, פּאָרט מען אַרויס מיט ווײַב און קינדער צום דאָנעצקער „סטאַוואָק" און מע פּראַוועט דאַטשע...

— זײַט געזונט, כאַווער כײַקל! איך וועל אָפּגעבן פֿון אײַך אַ לעבעדיקן גרוס די טשער־נאָוויצער ייִדן.

...דעם בוקעט פֿרישע קוויטן, וואָס צוויי שײנע דאָנעצקער מיידלעך האָבן מיר געבראַכט צום אַעראָפּאָרט, האָב איך פֿאַר מײַן אַרײַנגײן אין לײַנער געגעבן אוועקלייגן בײַ דעם אָבע־ליסק לעקאָוועד דער באַפֿרײַונג פֿון דאָנעצק פֿון דער דײַטשיש־פֿאַשיסטישער אָקופּאַציע. די פֿלאַש דאָנעצקער שאַמפּאַניער, וועלכע ס׳האָט מיר געבראַכט דער דיכטער פֿאָוועל שאַדור, האָבן מיר אויסגעטרונקען אין אַעראָפּאָרט, אויפֿהייבנדיק אַ טאָסט פֿאַר דער בלײַענדיקער, זו־ניקער שטאָט פֿון קוילן און שטאָל — דאָנעצק.

לאָמיר גײן נאָכן פֿאָדעם

אַ מענטש קען אויסשטריקן אַ העמדל, ס׳זאָל זײַן דיך, ווי דער שאָטן פֿון אַ בוים, לײַכט, ווי דער זומערדיקער אָוונט בײַ די ברעגן פֿונעם דניעפּער, פֿאַרביק, ווי דער הימל איבער אוקראַינע, פֿריש, ווי דער ווינט פֿון מײַן היימלאַנד.

אַ מענטש שעצט הויך די אַרבעט פֿון זייד־וואָרעמלעך, דעם ציל פֿון זייער שטענדיק מיִענדיק לעבן. ער שפּאָרט ניט קיין צײַט אויף אַרבעט בעשותּפֿות מיטן קאָקאָן, קעדײַ באַקומען מערער און בעסער זייד.

אַ מענטש פֿאַרזיכט שעמערירנדיקן לײַן אין די סאַרפֿענדיק־הייסע געגנטן, קעדײַ אָנטאָן זיך, זײַן פֿרוי און זייער קינד אין שײנע און באַקוועמע קליידער.

פֿון דעם בוים ציט ער האָלץ־פֿעדעם און מאַכט פּאַפּיר. פֿון דעם פּאַפּיר ווערט געבוירן דער רוי־פֿאָדעם.

דער מענטש איז בעקויעך זיך אָנטייען קליידער פֿון האָלץ־פֿעדעם און פֿון גלאָז, פֿון נאַפֿט־פֿליסיקײַט און פֿון שפּינוועבס, פֿון בוימוואָל און פֿון אַ געווײנלעכער בלאָט.

מע דאַרף נאָר האָבן דעם פֿאָדעם, וואָס זאָל זײַן דין און שטאַרק, קאָנען זינגען בײַ אונדז אין די פֿינגער און טאַקע מיט שײנקײַט דאָס אויג אונדזערס פֿאַנגען.

איז לאָמיר גײן נאָכן פֿאָדעם...

איך בין אויסגעוואַקסן אויף אוקראַינע און געדענק גוט דאָס קימאַט קלאַסישע בילד פֿון די געבויגענע איבערן וועבער־וואַרשטאַט אוקראַיִנישע פֿרויען, זייער מי באַם ווייקן אין טײַך דעם לײַן, זייערע טרערן באַם שטריקן דעם פֿאָדעם אַזוי, אַז די לײַן־שטעקלעך זאָלן דאָס לײַב ביז בלוט ניט צערײַסן.

איך געדענק גוט מײַן מאַמען און מײַן שוועסטער, וועלכע האָבן אין אונדזער האַלב־שטעטעלע, האַלב־דאָרף געניײט און געשטעפּט די „סאַמאָטקאַנע" העמדער, בײַ וועלכע מע פֿלעגט זיך אַרויסנעמען די אויגן און צעברעכן די פֿינגער.

איך ווייס גוט, וואָס אַ פֿאָדעם הייסט, וויפֿל פּײַן און צאַר מע פֿלעגט אַמאָל אין אים אַרײַנפֿלעכטן.

אַ פֿאָדעם מוז מען האָבן באַם פֿאַרנייען אַ וווּנד, עס פֿאָדערט אים אָן אָפּערירט האַרץ, אָדער אַ טראַוומירטע האַנט.

אין אַלע געביטן פֿון אונדזער לעבן איז אײַנגעוועבט דער הויכגעשעצטער פֿאָדעם. באַם קאָסמאָנאַווט אויף דער שטערן־שיף און באַם אײַזנבאַנלער אין די פֿאַרהענגלעך פֿונעם וואַגאָן.

איז לאָמיר גײן נאָכן פֿאָדעם...

מיר געפֿינען זיך אין טשערקאַס אויף דעם גיגאַנטישן זאַוואָד פֿון דינסטן קינסטלעכן רוי־פֿאָדעם (וויסקאָז).

פֿון אַלע זאַוואָדן אין דעם געביט ווערט דער טשערקאַסער גיגאַנט מיט רעכט פֿאַררעכנט פֿאַר אײנעם פֿון די סאַמע כאַשעווסטע, וועלכער לאָזט אַרויס פֿאַרן סאַמע ברייטסטן פֿאָלקס־געברויך הויך קוואַליטאַטיווע פּראָדוקציע.

דעם טשערקאַסער זאַוואָד רופֿט מען — דאָס קינד פֿון דעם נײַעם פֿינפֿיאָר, קיין אײַנ־האָרע ניט, אַ פֿײַן קינד. אַ קינד מיט מעכטיקע פּלייצעס פֿון צענדליקער ריזיקע קאָרפּוסן,

וואָס זײַנען צעוואָרפן אַף אַ סאַך קילאָמעטער. אײניקע פון זיי אַרבעטן שוין דאָס דריטע יאָר אין דרײַ מישמוירעס, אַנדערע ווערן ערשט איצט פאַרענדיקט.

אין דרויסן ברענט. די היץ דערגרייכט צו דרײַסיק גראַד און העכער, נאָר אין די צעכן פונעם זאַוואָד איז קיל, ווי אין אַ וואַלד.

דאָ ווערט קינסטלעך געשאַפן אַ ספּעציעלער קלימאַט, אין וועלכן סע נייטיקט זיך דער נאָך ניט פּאַרטיקער פּאָדעם. פון הונדערטער זשאַלאָבלעך רינט אַ כימישע פליסיקײַט אַף די ציִענדיקע פּעדעם. זיי זעען אויס, ווי סטרונעס פון אופגעהאַנגענע האַרפּעס. מעכטיקע קאָנטייַנערס ברענגען אַף די קאָנווייערס פּירקאַנטיקע פּעק פּאַפּיר. מאַשינעס צעדרויבלען דאָס פּאַפּיר אין ספּעציעלע אַזעלכע קעסלען, שלינגען עס אײַן מיט אַפּעטיט אין זייערע שטאָלענע מאָגנס, שפּײַזן אַנדערע מאַשינעס מיט דעם זעלבן עסנוואַרג, און ביז איר קומט צום לעצטן צעך, האַלט איר שוין אין די הענט די פילפאַרביקע, ווי אַ רעגנבויגן, קלעצלעך מיט דעם קינסטלעכן הויכסאָרטיקן רוי־פּאָדעם.

די אַרבעטער זײַנען דאָ דערהויפּט יוגנט.

אויך דער הויפּט־אינזשעניר פונעם זאַוואָד וויקטאָר איוואַנאָוו איז זייער אַ יונגער מענטש, אָבער מיט אַ גרויסער דערפאַרונג. ער האָט פאַרענדיקט די הויכשול מיט אַ גלענצנדן דיפּלאָם, באַזוכט אַ ריי מײַרעוודיקע לענדער. געקומען צום אויספיר, אַז דער שטאָף פון אונדזער קינסטלעכן רוי־פּאָדעם שטייט ניט אָפּ פונעם ענגלישן, פון דעם איטאַליענישן און פון אַנדערע.

וויקטאָר איז יונג, קלוג און רירעוודיק. מיט זײַנע העל־בלויע אויגן, מיט דער פאַרליבטקײַט אין אָט דער אַרבעט פאַרשיקערט ער גלײַך פון דער ערשטער באַקאַנטשאַפט.

ער פירט מיך פון צעך צו צעך איבערן זאַוואָד און רעגט מיך אָן מיט זײַן אומויסשעפּלעכער ענערגיע.

און אָט זײַנען מיר אין דער „פאַבריק פון קעלט און וואַרעמקײַט", און אָט — אין דעם „צעך פון די אַפּאַראַטשיקעס" — ביידע האָבן זיי די ערשטע געקראָגן דעם הויכן טיטל קאָלעקטיוו פון קאָמוניסטישער מי.

— איר זעט דאָס כאַשעווע פּאָרל יוליאַ אָוועטשקינאַ און הירשל גינזבורג? זיי האָבן זיך באַזעצט בײַ אונדז אפן רויטן טאָוול און ווילן ניט פאַרלאָזן אים. און דאָס איז אונדזער אָנפירער פונעם קאָמיוגישן קאָמיטעט אַנאַטאָלי קוזמין, אַ גענייטער ספּאָרטלער. ער קערט וועלטן, דער זאַוואָד זאָל האָבן אַ שטאַרקע פוטבאָל־קאָמאַנדע.

מיר האָבן אים געטראָפן בײַ אַ שמועס מיטן דירעקטאָר פון זאַוואָד וואָראָיעזשעוו וועגן דערציִען די זאַוואָד־יוגנט.

— די יוגנט, — האָט געזאָגט דער דירעקטאָר, — איז „שאַרף גלאָז" — פאַרטעמפּן זי בלויז מיט געבן איר אַ מעגלעכקײַט באַקומען אַ הויכן לוין, גוטע צוזאַמענוווינונגען און טענץ, צוזאַמען מיט גינסטיקע באַדינגונגען אַף זיצן אין די אָוונטן אין רעסטאָראַן „טשערקאַס" — איז אַ פאַרברעכן... דערציִען, לערנען דאַרף מען אונדזער גאָלדענע יוגנט.

לאָמיר ווײַטער גיין נאָכן פּאָדעם...

טשערקאַס איז אַן אַלטע אוקראַיִנישע שטאָט מיט טראַגישע און אויך ליכטיקע זײַטן פון איר געשיכטע. דאָ האָט טאַראַס שעווטשענקאָ אָנגעשריבן פיל ליריש־לײַדנשאַפטלעכע לידער. דאָ האָט אין די אָקטיאַבער־טעג מיט די אַרבעטער־רעוואָליוציאָנערן אָנגעפירט דער באַרימטער פּראָפעסיאָנעלער רעוואָליוציאָנער מ. ס. אוריצקי.

דער אוקראַיִנישער אָרעם־פויער פלעגט זומער זיך פאַרדינגען אַלס באַטראַק אַף באַאַרבעטן אַ פרעמד פעלד און ווינטער אָנקומען אַלס צײַטווײַליקער לוין־אַרבעטער, ווו מע פלעגט פון אים ציִען דעם קליי. דער ייִד, וועמען מ'האָט צו קיין פעלד־אַרבעט ניט צוגעלאָזט, האָט זיך פאַרנומען מיט קלייניק־האַנדל, אָדער געהאָרעוועט אַף פּריוואַטע אונטערנעמונגען — ער האָט געוויס קיין האָניק ניט געלעקט.

דעמלט האָט מען געקענט שטעלן די פראַגע וועגן „באַזונדערע" באַדינגונגען בײַם אוקראַיִנישן און ייִדישן אַרבעטער.

איצט זעט מיר אויס אַזאַ פראַגע זינלאָז.

בין איך אָבער אין דער קאָמאַנדירונג פון אַ ייִדישן סאָוועטישן זשורנאַל, און איך שטעל אויך אַ ריי ספּעציפישע פראַגן. איך פרעג זיי בײַ ייִדן אין גאַס, אין צעך, אין האָטעל, אין אויטאָבוס, בײַם מײַנע שפּאַצירן אין שטאָטישן סקווער.

וועגן אײניקע מײַנע טשערקאַסער באַקאַנטע איז קעדײַ דערציילן.

— צווישן דער ייִדישער און ניט־ייִדישער באַפעלקערונג פון אונדזער שטאָט, — זאָגט דאָוויד לוקאַצקי, — פילן מיר ניט קיין שטאַרק גרויסן אונטערשייד. ניטאָ פאַר אוקראַיִנער

קיין אויסנאַם און קיין באַזונדערע „געזעצן“, פּונקט ווי פּאַר ייִדן. אַזעלכס האָבן מיר געהאַט אין דער גרויזאַמער צײַט פֿון דער דײַטשישער אָקופּאַציע. און נאָך אַ וואָס. אין די האַנדל־אָרגאַניזאַציעס, גרויסע און קלענערע קלייטן, וועט איר קיין ייִדן קימאַט ניט טרעפֿן. מע גייט אַליין ניט אַהין אַרבעטן. נעמט מײַן פֿאַמיליע, איז איין זון מײַנער — אַ פֿאַלקאָווניק אין דער אַוויִאַציע, דער צווייטער אַרבעט אַפֿן „מאַשבוד“ (אַ זאַוואָד, וואָס פּראָדוצירט קיך־אַפּאַראַטן פֿאַר גרויסע שיפֿן), די טאָכטער איז אַ שול־אינספּעקטאָר. מיר טראָגט די מעלוכע אָפּ אַהיים כוידעשלעך די פּענסיע. צוליב וואָס פֿעלן אונדז די „קלייטן“ און די „קראָמען“? — אַף נײַנציק קאַפּאָרעס!

— נו, און אַ בוך לייענט איר אַמאָל, כאָטשער דאָוויד, פֿאַראַן בײַ אײַך ייִדישע ביכער? — האָב איך איבערגעפֿירט דעם „קלייט־געשפּרעך“ אין אַן אַנדער ריכטונג.

— ערשט ניט לאַנג האָט מיר מײַן טאָכטער פֿון קיִעוו געבראַכט דרײַ גראָבע ביכער, אָפּגעדרוקטע שוין אין אונדזער צײַט אין מאָסקווע: מענדעלע מויכער־ספֿאָרים, שאָלעם־אַליי־כעם און ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ. פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר לייענען אויך די פּופּציק־קאָפּעקענע ביכער, וואָס מע פֿאַרקויפֿט בײַ אונדז אין אַלע קיִאָסקן. מע דאַרף נאָר קענען איווריע, וואָס ניט אַלעמען איז עס געגעבן...

איך האָב זיך אָנגעשטויסן, אַז מיט די „פּופּציק־קאָפּעקענע ביכער“, וואָס מע פֿאַרקויפֿט אין די קיִאָסקן, מיינט דער ייִד דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“.

פֿאַרנאַכט, ווען די שטאָט, אַ פֿײַערלעכע, אַ באַזונדערס דורכזיכטיקע, האָט זיך געבאָדן אין אַ ים עלעקטרישער שײַן, האָט מיך דאָוויד לוקאַצקי באַקאַנט מיט אייניקע זײַנע פֿרײַנט אוקראַיִנער און ייִדן. זיי זיצן דאָ אונטער קאַשטאַנען אַף די סקווער־בענקלעך און באַהאַנדלען אַף אַ באַלעבאַטישן אויפֿן וועלט־פּראָבלעמען.

הענעך טוכין און זײַן אַלטער באַקאַנטער יוכים קאָטשערגאַ (ער רעדט אויך ניט שלעכט ייִדיש) אַמפּערן זיך וועגן וואַלד־שעטאָכים אין דער טשערקאַסער געגנט. הענעך טוכינען קען קיינער גאָרניט דערווײַזן, ער בלײַבט שטענדיק בײַ זיך גערעכט, ביפֿראַט, אַז ער איז אַ געוועזענער וואַלד־אָנגעשטעלטער און קען גוט דעם פֿאַך.

דער דריטער, וואָס איז צוגעקומען צום שמועס, איז שאָלעם סאַלאַן, אַן אַלטער ייִדישער אײַנבינדער, וועלכער האָט אַ לעבן אָפּגעאַרבעט אין געניאַצקיס דרוקערײַ, ניט איין מאָל שיר ניט „געדעקט“ געוואָרן באַם דרוקן רעוואָליוציִאָנערע פּראָקלאַמאַציעס.

שאָלעם סאַלאַן באַקומט אויך, ווי אַנדערע אַלטע ייִדישע אַרבעטער, זײַן בעקאָוועדיקע מעלוכישע פּענסיע און באַזוכט קימאַט יעדן אָוונט דעם זומערדיקן „קלוב“ אין סקווערי־קל באַם סאָוועטן־הויז.

ער רופֿט מיר אָן די נעמען פֿון געוועזענע אייגנטימער פֿון אַ גאַנצער גאַס הײַזער, און ער ווייסט, וואָס איצט געפֿינט זיך אין אָט די הײַזער... דאָ האָט איר אַ מעדיציניש טעכני־קום, אַ פּראָיעקטן־ביוראָ, אַ קליניק און אַ בעקערײַ.

פֿונעם דניעפּער טראָגט זיך אַ פֿרישער ווינט. עס דוכט זיך, אַז ער טרײַבט אַ קנײַלעכל פֿאָדעם איבער דער אינגאַנצן אויפֿגעלעבטער און פֿאַרהאַנגענער מיט רישטעוואַניעס וווּנדער־שיינער שטאָט טשערקאַס. און איך זאָג צו מײַנע ליבע טשערקאַסער באַקאַנטע:

— לאָמיר גיין נאָכן פֿאָדעם... ס'איז דאָס זעלבע, וואָס האַלטן זיך באַם לעבעדיקן לעבן...

זכרוינעס

כאַיִם טאַמאַרקין

דורך יאָרן און געשעענישן

ס'איז שוין פרילינג, עס שטייען ווארעמע טעג. ווי אין די ווינטערדיקע כאַדאָשים, איז מען קעסיידער פאַרטאָן. איינמאָל שפּעט באַ־נאַכט בין איך געקומען פון א „דזשורסטווע", אנשלאָפן געוואָרן. גאַנצפרי האָט מען מיך אופגעוועקט, עקסטרע ארויסגערופן אין רעווקאָם. דאָרט האָבן זיך געפונען אַלע סאָוועטישע טוער פונעם ראַיאָן און פון זשיטאָמיר. די וויַיספּאָליאַקן האָבן פאַרנומען זשיטאָמיר, גייען אף קיִעוו. אין רעווקאָם איז טומלדיק, מע גרייט זיך אין וועג. באַקומענדיק א דאָקומענט, אז כ'האָב רעכט טראָגן געווער און אַנדערע פּריווילעגיעס, בין איך אוועק אהיים, גענומען די ביקס. מיַין מאַמע איז אינדערהיים ניט געווען, האָב איך זיך מיט איר ניט געזעגנט. ארויס אפן שאָסיי, זיך געלאָזט מיט אַלעמען און מיט די רויטארמייישע טיילן איבער דער בריק, אף קיִעוו.

28-טער אַפּרעל. די זון שיַינט, א ווארעמער פרילינגדיקער טאָג. מיר גייען. אין א פּאָר שאָ ארום האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין ערשטן דאָרף קאָטשעראָווע. הינטער אונדז האָבן זיך געצויגן אַבאָזן, רויטארמייישע טיילן, אַרטילעריע — אין אַריערגאַרד. פון צייַט צו צייַט ווערט דער שאָסיי באַשאָסן. אין קאָטשעראָווע האָב איך באַגעגנט געלעווייען, מע האָט אים באַשטימט אַלס קאָמיסאַר פון א באַזונדערער טייל. עס האָט זיך דאָ אָנגעקליבן א גרויסע גרופּע טוער פון סאָוועטישע אַנשטאַלטן און פון די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן, בין איך מיט זיי אוועק צו געלעווייען, אים געבעטן איַינשליסן אין זיַין טייל, וועלכע האָט זיך גערופן „אינטערנאַציאָנאַלער פּאָלק".

אף מאָרגן האָבן די רויטארמייישע טיילן פאָרגעזעצט זייער וויַיטערדיקן מאַרש אף קיִעוו. אונדזער פּאָלק האָט פאַרקערעוועט אף לינקס דורך דערפער און שליאַכן, פון וועלכע עס האָט געקאָנט זיך דורכריַיסן פּויליש מיליטער צי א בלאָנקענדיקע באַנדע. אין ערשטן דאָרף, ווען מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אף אָפּרו און מיטיק, האָט די שטילקייַט איבערגעריסן א פּלוצעמדיקע שיסעריַי. מיר זיַינען ארויס פון דאָרף, זיך צעשאָטן איבער א פעלד באַרג-אַראָפּ, אָפּגעענטפערט אויך מיט פיַיער. דעם סוינע האָבן מיר ניט געזען, נאָר די קוילן זיַינען געפלויגן איבער אונדזערע קעפּ. מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער צום וואַלד — די שיסעריַי האָט אופגעהערט. מידע, הונגעריקע, זיַינען מיר געקומען אין וואַלד, אָפּגערוט און ארויס אף א שליאַך, וואָס פירט צום שטעטל מאַקאַראָוו. דער אָטריאַד האָט זיך צעטיילט אף דריַי גרופּעס, מע דאַרף באַשטימען דעם וועג, וואָס פירט צום שאָסיי. פאַרנאַכט האָבן מיר, א קליינע גרופּע, זיך דערקליבן צו מאַקאַראָוו. שטיל, קיין לעבעדיקן נעפעש ניט באַגעגנט. מיר גייען צו יידישע היַיזער. אָפּענע טירן, צעבראָכענע פענצטער. דער אָוונט איז שוין צוגעפאַלן — און קיין איין באַלויכטענע שטוב, ניטאָ וווהין אריַינגיין, זיך צוזעצן. אייניקע זיַינען געגאַנגען וויַיטער איבער דער כאַרעווער גאַס. מיר, פיר מאַנצבלען, אַלע פון מיַין שטעטל, גייען פאַרביַי איין הויף, א צווייטן. באַ אן אָפּענער שטאַל האָבן מיר זיך צוגעזעצט עפּעס איבערביַיסן. מיר רעדן אף יידיש. מיטאַמאָל באַוויַיזט זיך פון דער טיף שטאַל עפּעס א געשטאַלט, גייט צו נעענטער, באַטראַכט אונדז, שוויַיגט. מיר זעען אן אויסגעמאָגערטן יידן, אָנגעטאָן אין א מאָדנעם בעגעד, וועלכער איז איבערגעבונדן מיט א שטריקל. מיר פרעגן אים, ווער ער איז, פונוואַנען קומט ער אהער. ער קוקט זיך ארום, גייט צו נעענטער און זאָגט היַיזעריקלעך, שטיל:

— פון יענער-וועלט.

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 1, 3, 1983.

— וואָס רעדט איר? זײַנען באַ אײַך מער
קיין ייִדן ניטאָ?
— ניטאָ. איר זעט דאָך, פּוסטע הײַזער.
פאַר דעם לעצטן יאָר איז געווען איין פּאָגראָם
נאָכן אַנדערן. א סאַך זײַנען זיך צעלאָפן, גע-
לאָזט אַלץ אַף הפקר. דאָ ניט לאַנג האָט
סטרוקס באַנדע אויסגעהאַרגעט די לעצטע
פאַרבליבענע. איך בין געלעגן א פּריטשמע-
ליעטער צווישן מײַנע אייגענע. געקומען צו-
זיך, בין איך אוועק אין וואַלד צו א באַקאַנטן
וואַלד-אופזעער. איך ווייס ניט, ווו עס זײַנען
באַגראָבן מײַנע אייגענע. מע האָט באַגראָבן
אין די הויפן, באַ די הײַזער. אָט דאָ, ווו איר
זיצט און אַרום די הײַזער איז אַלץ קוואָרים,
קוואָרים...

מיר זײַנען אַרויס פון שטאָל, דער ייִד איז
א ביסל נאָכגעגאַנגען און ניט געסטײַעט. מיר
זײַנען געגאַנגען איבער די אויסגעשטאָרבענע
גאַסן, באַגעגנט די אַנדערע אונדזערע כאַווי-
רים. ווער עס וואַכט, ווער עס האָט זיך ער-
געץ צוגעשפּאַרט, געדרעמלט. ס'איז געווען
א וואַרעמער אָוונט.

גאַנצפרי זײַנען מיר שוין געגאַנגען דורכן
וואַלד צום באַשטימטן אָרט אַף באַגעגענען
דעם אָטריאַד. געשפּאַנט האָבן מיר אין א צע-
שאָטענעם סטראַי אַף א סטעזשקע צווישן די
ביימער. דער וואַלד איז געוואָרן שיטער, עס
זעט זיך שוין דער שאָסיי. מיר האָבן באַמערקט
אין קאַנאַווע באַם שאָסיי אונדזער אָטריאַד.
נאָך דעם, ווען מע האָט אָפּגעגעסן, זיך אָפּ-
גערוט א ביסל, האָט געלעוויי אונדז דער-
קלערט די פּאָליטישע און מיליטערישע סיטו-
אַציע, וועלכע האָט זיך געשאַפן פאַר דער
לעצטער וואָך. די ווײַספּאַליאַקן רײַסן זיך שוין
פונלאַנג פאַרכאַפּן א טײל אוקראַינע. איצט
האָבן זיי אויסגענוצט דעם מאָמענט, ווען אונד-
זערע הויפּט-קויכעס זײַנען קאָנצענטרירט אַפן
דאָרעם-פראָנט, האָבן זיי פאַרכאַפּט זשיטאָמיר
און גייען אַף קיִעוו. אויב זיי וועלן יאָ פאַרנע-
מען די שטאָט, איז ניט אַף לאַנג. געלעוויי
האָט געמאָלדן, אַז אונדזער אָטריאַד ווערט
אָפּגעטײלט פונעם אינטערנאַציאָנאַלן פּאָלק,
וועלכער האָט זײַן ספּעציעלע אופגאַבע.

עס איז נאָך געווען טכילעס אָוונט, ווען
מיר זײַנען אַרײַנגעקומען קיין קיִעוו. די גאַסן
זײַנען געווען פּוסט, זעלטן-ווו האָבן זיך גע-
טראָפן פאַרבײַגייער. נאָענט פון מײַן פריִער-
דיקער קוואַרטיר, ווו איך האָב געלאָזט מײַנע
זאַכן, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט.

ווען דער באַלעבאָס פון דער קוואַרטיר
האָט מיך דערזען, איז ער צעטומלט געוואָרן,
ווי ער וואָלט מיך ניט דערקענט. אַלע שטובי-
קע האָבן מיך מיט כידעש באַטראַכט: פאַר-
שטויבט, באַוואַקסן. די באַלעבאָסטע האָט מיך,
ניט אויספרעגנדיק, אוועקגעפירט אין צימער.
כ'האָב זיך געבראַכט אין אָרדענונג און נאָך
דער וועטשערע אָפּגעשלאָפן א האַלבן מעס-
לעס. ווען כ'בין אופגעשטאַנען, האָט מען מיר
געזאָגט, אַז נאַרוואָס איז דאָס פּויליִשע מיליִ-
טער אַרײַנגעטראָטן אין שטאָט. איך האָב דער-
ווײַל נאָך ניט געקאָנט און ניט געדאַרפט
אַרויסגיין אין גאַס. אין א פּאָר טעג אַרום האָב
איך זיך איבערגעטאָן אין מײַנע זומערדיקע
בגאָדים — אין לײַכטע שיך, אין א שליאָפּע
מיט א שטעקל, ווי מע פלעגט דעמלט טראָגן,
און בין אַרויס אין גאַס: כ'האָב געמוזט קריגן
עפּעס אַן אַרבעט און אַן אָרט, ווו צו וווינען.

איבערן קרעשטשאַטיק האָבן, ווי אין די
פריִערדיקע יאָרן, שפּאַצירט הין און צוריק
אויסגעפּוצטע דאַמעטשקעס מיט ברייטע
שליאָפּעס און קאָלירטע זאָנטיקעס. געגאַנגען
זײַנען זיי פּאַרלעכווײַז, פּאַמעלעך, הויך גע-
לאַכט, געוואָרפן כיינדלעך צו די פאַרבײַגייענ-
דיקע פּויליִשע אָפיצערן, וועלכע האָבן גאַד-
לעסדיק הויך גערעדט אַף פּויליִש, געקוקט
מיט האַנאַר אַף די פאַרבײַגייער.

איך בין אַריבערגעגאַנגען דעם קרעַ-
שטשאַטיק, אַרויס אַף ניקאָלײַעווער גאַס.

איך שטעל זיך אָפּ באַ א גרויסן פענצ-
טער פון א געוועזענעם מאַגאַזין. און דאָ דער-
זע איך מײַן לאַנדסמאַן, דעם יוועליר שימל
פּיקאָווסקי אין זײַן וואָרשטאַט, דערנעבן צוויי
פּויליִשע אָפיצערן. ווען זיי זײַנען אַרויסגע-
גאַנגען, האָט ער מיך אַרײַנגערופן. כ'האָב
אַמאָל מיט אים געאַרבעט אַף מאַרשאַקס פאַב-
ריק. ער דערציילט מיר, אַז ער איז אַהער גע-
קומען ערשט ניט לאַנג צוריק, ס'איז באַ אים
פאַראַן א סאַך אַרבעט, דעריקער פון פּויליִשע
אָפיצערן, וועלכע וווינען אַנטקעגן אין האָטעל
„קאָנטינענטאַל". מע ברענגט אים פאַריכטן
זילבערנע, גאָלדענע זאַכן, זייגערס.

— די צאָרע איז, וואָס זיי רעדן אַף פּוי-
ליש, און איך פאַרשטיי ניט, קאָן זיך מיט זיי
ניט אויסטײַנען. עפּשער וואָלסטו דאָ זיך גע-
זעצט מיט מיר אַרבעטן? דו קענסט דאָך פּוי-
ליש. וועסט פאַרדינען אַפן לעבן.

— יאָ, — ענטפער איך אים, — איך האָב
אָבער ניט ווו צו וווינען, און קיין רעכטע דאָ-
קומענטן אויך ניט.

זאָגט ער:

— מירן זיך אַן אייצע געבן.

ער וווינט אין דעם אונטערשטן טײל פו-
נעם מאַגאַזין — מיטן ווײַב און קינד, און פאַר
מיר, זאָגט ער, וועט זײַן א באַזונדער ווינקל.

אַזוי בין איך געזעסן א גאַנצן טאָג באַם
גרויסן פענצטער, מיטן פּאָנעם צו דער צענט-
ראַלער באַלעבעטער גאַס אַנטקעגן דעם האָטעל
„קאָנטינענטאַל". פון דאָרטן זײַנען קעסיידער

אַרײַן און אַרויס פּויִלישע אָפּיצערן, דאָרט איז געווען זייער שטאַב. איך האָב זיך געפּילט פרײַער, מיט די אַרײַנקומענדיקע אָפּיצערן האָב איך גערעדט פּויִליש, כאָטש מײַנע קענטענישן אין אָט דער שפּראַך זײַנען ניט געווען פולקומע — פאַר די לעצטע יאָרן האָב איך זיך אָפּגעוווינט. צוביסלעכווײַז האָב איך אָבער אָנגעהויבן רעדן גאַנץ נישקאָשע. עס פלעגט אָפּט אַרײַנקומען אַ פּאָרוטשיק פון שטאַב, ברענגען פאַר׳כטן צירונג, זייגערס און אויך טײַערע שטיינער אױף אָפּצושאַצן. ער איז געוואָרן מיט מיר אַ גאַנצער „פּשיִאַטעל״: אַ קליינ׳קײַט, ער אַליין איז אַ וואַרשעווער, און איך האָב דאָך געלעבט אין וואַרשע. כ׳בין בײַ אים געוואָרן אַ באַגלייבטער היימישער מענטש, און ער פלעגט פלוידערן גאַנץ אָפנהאַרציק, זיך באַרימען מיט דער „העלדישער פּויִלישער אַרמיי״, וואָס וועט ערשט נעמען טרײַבן די באָלשעוויקעס ווײַטער פון קיִעוו.

איך האָב אָפּגעזוכט מײַן כאַווער, דעם באָלשעוויק מוישע טאָקאַרסקי, וועלכער האָט אומלעגאַל געוווינט בײַ זײַן ברודער. כ׳האָב אים דערציילט וועגן מײַן באַקאַנטשאַפט מיטן פּויִלישן אָפּיצער, האָט ער מיר געשעצט פאַרזיכטיק אַ פרעג טאָן, געוווירע ווערן פון עפּעס־וואָס וויכטיקס און אים, טאָקאַרסקין, איבערגעבן. ער אַליין ווײַזט זיך ניט אין גאַס — זײַן קרומער פוס גיט אים אויס, מע קען אים, נאָר פאַרבינדונג האָט ער מיטן אונטערערד.

עס איז אַריבער אַ פּאָר וואָכן, זינט די ווײַספּאָליאַקן האָבן פאַרנומען קיִעוו. איבער דער שטאָט זײַנען אָפּט געפלויגן סאָוועטישע עראָפּלאַנען. מײַן באַקאַנטער אָפּיצער איז איינמאָל אַרײַנגעגאַנגען, זיך געהאַלטן שוין ניט אַזוי האָפּערדיק־באַרימעריש. אין עטלעכע טעג אַרום איז ער אַרײַן און מיר שטיל פאַרטרויט: בודיאָני האָט פאַרכאַפּט זשיטאָמיר, אָפּגעשניטן דעם שאָסיי אויף קיִעוו, די שטימונג אין שטאַב איז אַ געדריקטע. איך האָב עס, פאַרשטייט זיך, גלײַך איבערגעגעבן טאָקאַרסקין.

גייענדיק איינמאָל אין גאַס, האָב איך דערזען, ווי פּויִלישע פּאַטרולן שטעלן אָפּ פאַרבײַגייער, קוקן שטרענג זייערע דאָקומענטן. האָב איך באַצײַטנס פאַרקערעוועט אין אַ זײַט און פלוצעם אָנגעטראָפן אויפן יִידישן שרײַבער דאָוויד וואָלקענשטיין. כ׳האָב שוין לאַנג אים ניט געזען. ער האָט מיר דערציילט עפּעס־וואָס וועגן דער יִידישער קולטור־סוויווע:

— עס וועט לאַנג ניט געדויערן, און ווידער וועט אַלץ אויפגעלעבט ווערן...

אין איינעם אַ טאָג האָט זיך אין וואַרשטאַט באַוויזן דער פּאָרוטשיק פון שטאַב, אָפּגענומען אַלץ, וואָס ער האָט געגעבן פאַר די לעצטע טעג פאַר׳כטן, און אַ מרוקע געטאָן: „דאָווידזעניע״. מער האָב איך אים שוין ניט געזען. אַ גאַנצן טאָג האָט מען פונעם האָטעל אַרויסגעפירט פּעק, טשעמאָדאַנעס, מע איז אין פּאַניק געלאָפן.

אויף מאָרגן בין איך אינדערפרי אַרויס אין גאַס. כ׳בין אוועק אויף פּאָדאָל, געוואַרט, ביז עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע רויטאַרמייִשע טיילן, און דערזען געלעווייען.

דעם 13־טן יון האָט די רויטע אַרמיי פאַרנומען קיִעוו. פינף וואָכן האָבן די ווײַספּאָליאַקן באַלעבאַטעוועט אין שטאָט.

אין פּאָליט־אָפּטייל פונעם מיליטערישן קאָמיסאַריִאַט האָב איך זיך געטראָפן מיט געלעווייען. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער קערט זיך אום צוריק אויף זײַן פּאָסטן קיין ראַדאָמיסל, און מיר פאַרגעלייגט פאָרן מיט אים. אָבער דאָ, אין פּאָליט־אָפּטייל, האָב איך געזען אַ מעלדונג, אַז עס גייט אַ ווערבירונג פון פּאָליט־קולטור־טוער פאַרן דאָרעם־פראָנט. האָב איך זיך גלײַך רעגיסטרירט לויט מײַן אָפּגעהיטן דאָקומענט פון דעם קאָראָסטישעווער רעווקאָם.

אין אַ וואָך אַרום בין איך מיט אַ גרויסער גרופּע יונגעלײַט אָנגעקומען קיין כאַרקאָוו אין פּאָליט־אָפּטייל פונעם דאָרעם־פראָנט. שעף פון פּאָליט־אָפּטייל איז געווען פּאָטיאָקין (אין די שפּעטערדיקע יאָרן — פאָלקס־קאָמיסאַר פון בילדונג). יעדערן האָט ער אויפגענומען באַזונדער, געשמועסט. מיך האָט מען באַשטימט אין 20־טן רײַטער־קאָרפּוס. כ׳בין גלײַך אָנגעקומען אויפן אָרט, ווו עס איז געשטאַנען דער פּאָליט־אָפּטייל. ס׳איז געגאַנגען די איבערפאָרמירונג פונעם קאָרפּוס, און מע האָט מיך באַשטימט אַלס אינסטרוקטאָר פון ביבליאָטעק־אַרבעט. כ׳האָב גענומען קאָמפּלעקטירן באַוועגלעכע ביבליאָטעקלעך פאַר עסקאַדראָנען. ס׳איז מיר אויסגעקומען די גאַנצע צײַט צו זײַן אין וועג, פון איין סטאַנציע צו אַ צווייטער, אָדער אין די דערפער פון דער דעמלטיקער יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע. שפּעטער, ווען די 2־טע רײַטער־אַרמיי האָט שוין אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן אויפן וורַאַנגעלישן פראָנט, פלעג איך פירן בראָשורן, צײַטונגען, זשורנאַלן נעענטער צו די ערטער, ווו עס האָבן זיך געפונען די נײַע פאָרמירונגען.

דער פּאָליט־אָפּטייל פון דער אַרמיי איז אין נײַעם באַשטאַנד אַריבערגעפאָרן קיין קאַטערינאָסלאַוו. דאָ האָט זיך געשאַפן אַ סטאַציאָנאַרע ביבליאָטעק, און מיך האָט מען באַשטימט אַלס געהילף פון פאַרוואַלטער. איך האָב געדאַרפט אויסזוכן אין שטאָט ליטעראַ-

טור און קאָמפּלעקטירן אַ שטענדיקן פֿאָנד פֿאַר
די באַוועגלעכע ביבליאָטעקלעך.

איינמאָל, פֿאַנאַנדערקלײַבנדיק אין ביב-
ליאָטעק-צימער אַ פּעקל מאָסקווער צײַטונגען,
האָב איך צווישן זיי געפֿונען עטלעכע נומערן
„דער עמעס". איך האָב אַזוי זשעדנע זיך צו-
געכאַפּט צו דער צײַטונג, אַז כ'האָב ניט באַ-
מערקט, ווי עס שטייט הינטער מײַן פּלייצע
דער שעף פֿונעם קולטור-אויפֿקלער-אָפּטייל
ספּיראָוו. ער קוקט אַרײַן, לייענט פֿאַמעלעך אַ
קעפּל נאָך אַ קעפּל. הער אַ מײַסע, און איך
האָב ניט געוווּסט, אַז סאַוועלי יעליזאַראָוויטש
ספּיראָוו איז אַ ייִד! מערסטנס האָט מען אים
גערופֿן „טאָוואַרישטש ספּיראָוו". לאָזט זיך
אויס, אַז זײַן פֿריִערדיקע פֿאַמיליע איז שאַפּי-
ראָ. זײַן פֿאָטער האָט געהייסן עליִעזער, און
אים האָט מען קינדווײַז גערופֿן שעוועל, און
אויסגעוואַקסן איז ער בײַ זײַנע עלטערן אויף
אוראַל. פֿון די סטודענטישע יאָרן — אין פּאַר-
טיי, ביז דער רעוואָלוציע פֿיר יאָר געווען אין
פֿאַרשיקונג אין סיביר, אָנטיילגענומען אין די
שלאַכטן קעגן קאָלטשאַקן. ער האָט מיך אויס-
געפֿרעגט, וואָס איך ווייס וועגן דעם איצטיקן
ייִדישן קולטור-לעבן, און כ'האָב אים גערן
דערציילט.

גייענדיק אַן אַנדערס מאָל פֿאַרבײַ דעם
קלוב פֿון די אײַזנבאַן-אַרבעטער, לייען איך אויף
אַן אַפֿישע: „אַ לעקציע פֿון פּ. ניורינאַ". איך
בין אַרײַן אין קלוב, און — אַ וווּנדער: ס'איז
די זעלבע פֿאַניע ניורענבערג, וועלכע איז מיר
באַקאַנט געווען פֿון קיִעוו. אין קאַטערינאָסלאַוו
איז זי געווען פֿאַרוואַלטער פֿון „נאַראַבראַז".
אין קלוב האָב איך אומגעריכט באַגעגנט מײַן
כאַווער פֿון וואַרשע ייִסראָעל ווישעגראַד, און
ער האָט מיר דערציילט, וואָס פֿאַר אַן אַרבעט
אויף ייִדיש עס האָט זיך געפֿירט אין קאַטערי-
נאָסלאַוו אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רע-
וואָלוציע. דאָרט איז געווען טעטיק הענעך
קאַזאַקעוויטש. צום ערשטן מאָל האָבן זיך
דאָרט געדרוקט און זײַנען געוואָרן באַוווּסט
די יונגע דיכטער שמועל האַלקין און פּערעץ
מאַרקיש.

אין יאַנוואַר 1921 האָב איך זיך אומגע-
קערט קיין קיִעוו אין רעשוס פֿון דער פּאָליט-
פֿאַרוואַלטונג פֿונעם קיִעווער מיליטערישן קרײַז
אַלס אינסטרוקטאָר פֿון פּאָליט-מאַסעווער אַר-
בעט. איך גיי איבער די גאַסן פֿון מײַן באַ-
ליבטן קיִעוו. אַן אַנדער אַטמאָספֿער, אַן אַנ-
דער שטימונג. דער בירגערקריג איז שוין
פֿאַרענדיקט, עס זײַנען פֿאַרבליבן בלויז איינ-
ציקע באַנדעס, וועלכע ווערן צעזייט און ליק-
ווידירט. ס'האָט אויפֿגעלעבט די גאַס. אומעטום
אויף שריט און טריט — אַפֿישן: לעקציעס, דיס-
פּוטן, גאַסטראָלן פֿון מאָסקווער טעאַטראַלע
קאָלעקטיוון און פֿון באַוווּסטע אַרטיסטן.

די דראַמאַטישע סטודיע „קולטור-ליגע"
האָט צוגעגרייט דעם ספּעקטאַקל „מאַשיִעך
בען יויסעף" פֿון ביינוש שטיימאַן, רעזשיסער
איז געווען מייערכאָלדס שילער אַלעקסיי
סמירנאָוו. ס'זײַנען פֿאָרגעקומען אויך קאָנ-
צערטן פֿון כאָר-דעקלאַמאַציע, אין דער פּראָ-
גראַם: קינדער-לידער פֿון י.-ל. פּערעץ, דאָ-
וויד האָפֿשטיינס „פּראָצעסיע", „אָקטאָבער",
„ווײַן" און „מיר שטאַמען פֿון פֿעלדזן".

אין אַפּרעל איז פֿאָרגעקומען אַ קאָנפֿע-
רענץ פֿון ביבליאָטעק- און פּאָליט-אויפֿקלער-
טוער. איך בין געווען אַ דעלעגאַט. צווישן איין
פֿאַרטראָג און אַ צווייטן האָט אויף דער בינע
זיך באַוויזן נויעך לוריע. איך בין צופֿרידן-
פֿאַרוווּנדערט: דאָס ערשטע מאָל הער איך
אים אַרויסטרעטן אויף רוסיש און אַזוי גלענצנד,
טעמפּעראַמענטפֿול, מיט טיפֿער קענטעניש. ער
האָט אַלעמען מאַמעש פֿאַרקישעפֿט, און גע-
רעדט האָט ער אויף אַן אַלגעמיינער טעמע:
וועגן באַהערשן די וויסנשאַפֿטן, וועגן ליטע-
ראַטור. אין איבעררײַס האָבן די דעלעגאַטן אים
אַרומגערינגלט, פֿאַרוואָרפֿן אים מיט פֿראַגעס.
איך האָב אייניקע כאַווייריִם דערציילט, אַז ער
איז אַ שרײַבער, אַ לערער פֿון ליטעראַטור, ער
האָט דעמלט אויך געדינט אינעם פּאָליט-אָפּ-
טייל פֿון דעם קיִעווער מיליטער-קרײַז.

אין דער דאָזיקער צײַט האָט זיך אין קיִעוו
געשאַפֿן אַ ייִדישער טעאַטער. רעזשיסער פֿון
די ערשטע צוויי שטעלונגען איז געווען עפֿ-
ראַיִם לויטער. אין דעם ערשטן ספּעקטאַקל —
„די פּוסטע קרעטשמע" פֿון פּערעץ הירש-
ביין — האָט די ראָל פֿונעם קרעטשמער גע-
שפּילט י. ליובאָמירסקי. די איבעריקע ראָלן
האָבן אויסגעפּילט סטודיִאַנטן פֿון דער „קול-
טור-ליגע" און שילער פֿון דער דראַמאַטישער
שול באַם סאָלאָווצאָוו-טעאַטער.

דער צווייטער ספּעקטאַקל איז געווען „דאָס
גרויסע געווינס" פֿון שאָלעם-אַלייכעמען. די
ראָל פֿון שימעלע סאָראָקער האָט געשפּילט
שמועל פֿאַפֿערני, ניט קיין אַקטיאָר — אַ ייִדי-
שער לערער. זײַן דעביוט איז געווען זייער אַ
געלונגענער. אַזוי ווי אין יון האָט מען מיך
דעמאָביליזירט, בין איך גלײַך אָנגעקומען אין
טעאַטער און שוין אָנטיילגענומען אינעם
ספּעקטאַקל „דאָס גרויסע געווינס".

די פֿראַגע וועגן שאַפֿן אַ נײַעם ייִדישן
מעלוכע-טעאַטער איז געלייזט געוואָרן אין די
געהעריקע סאָוועטישע מעלוכע-אָרגאַנען. מיר
האָבן באַקומען אַ געבײַדע אויף קרעשטשאַטיק,
43 און געקראָגן דעם נאָמען: „אָנהייב". אַלס
רעזשיסער איז באַשטימט געוואָרן דער באַ-
וווּסטער אוקראַיִנישער אַקטיאָר און רעזשיסער

ז. סעמידאַר. ער איז געווען גוט באַקאַנט מיט דער ייִדישער ליטעראַטור, גערעדט אַ שיינעם ייִדיש. דער דירעקטאָר פֿונעם טעאַטער ש. פּאַ-פּערני האָט איצט זײַן טעמפּעראַמענט און ענערגיע שוין אָנגעווענדט אַף באַזאָרגן די נייטיקע מיטלען און דעם קינסטלערישן וווּקס פֿונעם קאָלעקטיוו.

אין דער טרופּע איז אַרײַן אַ גרופּע יונגע פֿייִקע אַקטיאָרן — אַגראַנאָוויטש, זשאַבאָטינ-סקי, סערעבריאַני, שײַקעוויטש, מאַשענסקי, שאַר און אַנד. באַם טעאַטער האָט זיך געעפֿנט אַ סטודיע, און די סטודיאַנטן האָבן גלײַכצײַ-טיק אָנטיילגענומען אין די ספּעקטאַקלען. פֿון זיי האָט זיך אויסגעטיילט ריווע פּאַדאַלסקע, וועלכע איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן באַוווּסט געוואָרן אַלס טאַלאַנטפֿולע אַקטריסע — ריווע רופּינאַ.

דער ערשטער ספּעקטאַקל, וואָס ז. סע-מידאַר האָט געשטעלט, איז געווען „גאָט פֿון נעקאָמע" פֿון שאָלעם אַש. יאַנקל שאַפּשאָ-וויטש האָט געשפּילט אַליין דער רעזשיסער, און איך האָב געשפּילט די ראָל פֿון שלוימקען. דער ספּעקטאַקל האָט אויסגענומען באַם צו-שויער און געהאַט זייער גוטע רעצענזיעס אין דער פּרעסע. וויפֿל מאָל די פּיעסע איז גע-שפּילט געוואָרן אַף דער ייִדישער און ניט-ייִדישער בינע, האָט זי קאָסיידער גערעגט די טעאַטראַלע געזעלשאַפֿטלעכע מיינונג און צו-געצויגן דעם אינטערעס פֿונעם טעאַטער-אוי-לעם.

אינגיכן האָט דער טעאַטער גענומען גרייטן די פּיעסע פֿון לעאָניד אַנדרייעוו „דער האַר פֿון הונגער" אין דער גלענצנדיקער אי-בערזעצונג פֿון דאַוויד וואָלקענשטיין. דאָס איז געווען אַ סימבאָלישע פּיעסע מיט אַ באַ-פֿליגלטן רעוואָלוציאָנערן פּאַטאָס. ז. סעמידאַר האָט, ווי דעמלט איז די מאָדע געווען, עקס-פּערימענטירט, פֿאַרשאַרפֿט די האַנדלונג מיט פֿאָרמאַליסטישע אײַנפֿאַלן אין די מאַסן-סצע-נעס, אויסטיילנדיק אינדיווידועלע פּערסאָ-נאַזשן. די צענטראַלע ראָל האָט אויסגעפֿילט מיט טעמפּעראַמענט, קלאָרער דיקציע, אויס-דריקלעכע פּלאַסטישע באַוועגונגען דער יונ-גער אַרטיסט י. זשאַבאָטינסקי. סעמידאַר האָט געשפּילט די סימבאָלישע ראָל „די צײַט". אַדאַנק דער טאַלאַנטפֿולער שפּיל פֿונעם גאַנצן אַנסאַמבל אין די אינדיווידועלע און מאַסן-סצענעס, אַדאַנק די עפֿעקטפֿולע דעקאָראַ-ציעס, קאָסטיומען, גרים פֿונעם קינסטלער ניסן שיפֿרין, איז געשאַפֿן געוואָרן אַן אײַנדרוקס-פֿולע אָריגינעלע פֿאַרשטעלונג. כאָטש די האַנדלונג און די אידיי פֿון דעם ספּעקטאַקל איז פֿאַרן מאַסן-צושויער געבליבן ניט פֿאַר-שטענדלעך, האָט גראָד דאָס אומקלאָרע עמאָ-ציאָנעל געווירקט. דער אינטערעס איז גע-שטיגן, און די ספּעקטאַקלען זײַנען געווען גוט באַזוכט.

אין אַ געהויבענער שטימונג איז דער קאָ-לעקטיוו פֿונעם טעאַטער און פֿון דער סטודיע צוגעטראָטן צו די רעפּעטיציעס פֿון פּערעצעס „די גאָלדענע קייט". נויעך לוריע, וועלכער איז געווען באַ אונדז אין סטודיע דער לערער פֿון ליטעראַטור, האָט שוין אָנגעהויבן ספּעצ-יעל פֿאַרן טעאַטער-קאָלעקטיוו טײַטשן דעם טעקסט פֿון דער פּיעסע — פֿונעם געזאָגטן און ניט דערזאָגטן.

די שעפֿערישע פּערזענלעכקײַט פֿונעם שרײַבער נויעך לוריע איז געווען ענג פֿאַר-בונדן מיט זײַן פּעדאַגאָגישער טעטיקײַט. ער האָט פֿאַרמאָגט אַ באַזונדערע פֿייִקייט צו פֿאַרכאַפּן דעם צוהערער מיט זײַנע לעקציעס, געשפּרעכן וועגן ליטעראַטור. ווען ער האָט גערעדט וועגן פּערעצן, האָט זײַן פּאָנעם גײַסטרײַך געשײַנט. ער האָט געזען אַלעמען און גערעדט צו אַלעמען און צו יעדן באַזונ-דער, געזוכט דעם קוואַל פֿון פּערעצעס שאַפֿן, אַנטפּלעקט דעם אידיישן טאַך פֿון דער פּאָע-טיש-פֿילאָסאָפֿישער „גאָלדענער קייט", גע-מאַכט דורכזיכטיקער דאָס סימבאָלישע אין דער האַנדלונג. דער רעזשיסער סעמידאַר, דער קינסטלער שיפֿרין, ווי אויך די אָנטייל-נעמער אין דעם ספּעקטאַקל, האָבן פֿיל גענו-מען פֿון נויעך לוריעס געשפּרעכן באַם פֿאַר-ווירקלעכן די שטעלונג פֿון פּערעצעס דראַמע אַף דער בינע.

די רעפּעטיציעס זײַנען געגאַנגען מער פֿון אַלץ איבערן ערשטן אַקט, וועלכער איז גע-ווען ניט נאָר אַן אַרײַנפֿיר אין די אַנדערע צוויי אַקטן, נאָר פּונקט ווי אַ זעלבשטענדיקע דראַמאַטישע האַנדלונג. סעמידאַר האָט גע-שפּילט דעם צדיק שלוימע. ער האָט אויסגע-מיטן אויסערלעכע סצעניש עפֿעקטן, ווי אין דעם פֿריִערדיקן סימבאָלישן ספּעקטאַקל, זיך געהאַלטן באַ פּערעצעס טעקסט, סטיל און גײַסט, און געפֿאָדערט דאָס זעלבע פֿון די אויספֿילער פֿון אַלע ראָלן אין דער פֿאַרשטע-לונג.

די רעפּעטיציעס, דאָס גרייטן דעם ספּעק-טאַקל האָט זיך פֿאַרצויגן. דער קינסטלער ניסן שיפֿרין האָט געצייכנט עסקיזן, געמאַכט דעם מאַקעט, דערנאָך זײַנען פֿאַרטיק געוואָרן די דעקאָראַציעס און קאָסטיומען. עס זײַנען שוין דורכגעגאַנגען די לעצטע רעפּעטיציעס. די שטימונג באַ אונדז, אָנטיילנעמער פֿונעם ספּעקטאַקל, איז געווען אַ יאָמטעוודיקע: מיר שפּילן פּערעצן! די פּערסאָנאַזשן, געשטאַלטן זײַנען געוואָרן נאָענט און פֿאַרשטענדלעך. מיר

האָבן מאַמעש געלעבט אין דער סוויווע פון אָט דער פּאַטעטיש-סימבאָלישער דראַמע.

די פאַרשטעלונג איז געגאַנגען עטלעכע מאָל. דער געפּאַקטער זאַל האָט זייער גוט אופגענומען דעם ספּעקטאַקל, אַרויסגערופן אָן אופהער די אַנטיילנעמער. ס'איז געווען אויך א גוטע רעצענזיע. נאָר וואָס ווײַטער האָט מען שוין געזען, אַז דער אַרבעטער-אוילעם, דער שטענדיקער באַזוכער פונעם טעאַטער, האָט זײַנע עמאָציעס ניט אַזוי אַרויסגעדריקט, ווי די באַגײַסטערטע פאַרערער פון פּערעצן אַף די ערשטע פאַרשטעלונגען. מע האָט אָנגעשטרענגט געקוקט דעם ספּעקטאַקל, און צום סאָף האָבן זיך פאַרפירט הייסע געשפּרעכן: ניט פאַר אַלעמען איז קלאָר און פאַרשטענדלעך געווען די אידיי פון דער סימבאָלישער דראַמע.

עס זײַנען אַריבער עטלעכע וואָכן, באַזונדערע צושויער האָבן נאָך געקוקט ניט איין מאָל אָט די פאַרשטעלונג, אָבער געפילט האָט זיך שוין א מין אָפּקילונג. מע האָט ניט אַזוי שטאַרק געאַמפּערט זיך, נאָר מיינונגען זײַנען אַרויסגעזאָגט געוואָרן, אַז די פּיעסע איז ניט פאַר דער בינע, אַז פּערעצעס דראַמען האָבן נאָך ניט זייער צושויער. אַזוי האָט מען גערעדט און אויך געשריבן. מיר אָבער, די אָנטיילנעמער פונעם ספּעקטאַקל, האָבן זיך אַזוי אײַנגעלעבט אין דער שפּיל, אַז צו אונדז זײַנען ניט דערגאַנגען די אַרויסזאָגכצן פון באַזונדערע צושויער און אָפּשאַצער. קיין נײַע פּיעסן, וועלכע זאָלן אָפּשפּיגלען דאָס לעבן און די פּראָבלעמען פון יענער צײַט, זײַנען נאָך ניט געווען. אין די טעאַטערן זײַנען געגאַנגען רעאַליסטישע פּיעסן, געענדערט מיט פאָרמאַליסטישע אײַנפאַלן לויט די נײַע ריכטונגען. דער דירעקטאָר פונעם טעאַטער „אָנהייב“ שמועל פּאַפּערני איז געווען קעסיידער פאַרטאָן, זיך געייסעקט אין די געהעריקע אָנשטאַלטן וועגן די באַדערפענישן פונעם טעאַטער און פון דער סטודיע. ער איז געווען אַן אָפּטימיסט. איך, אַלס פּאָרזיצער פונעם אַרטקאָם, בין געגאַנגען מיט אים וווהין מע האָט באַדאַרפט, מיטגעהאָלפן צו קריגן דאָס נײַטיקע פאַרן טעאַטער-קאָלעקטיוו און פאַר דער סטודיע.

מיר איז אָפט אויסגעקומען צו זײַן בא פּאַפּערנין אינדערהיים. געלעבט האָט ער בא זײַן שווער ייִסראָעל מײַזיל (נאָכמען מײַזיל, דאָוויד בערגעלסאָן און דער ניסטער האָבן שוין דעמלט אין קיִעוו ניט געלעבט). דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע שטוב. ווי נאָר מע פלעגט אַרײַנקומען אַהין, האָט זיך געשאַפן א באַזונדערע שטימונג. ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלץ איז דאָ דורכגעדרונגען מיט בערגעלסאָנס ראָמאַנען — מיט זײַנע פּערסאָנאַזשן און פּראָטאָטיפּן. ווען מע האָט געקוקט אַף דעם פאָטער פון דער מישפּאָכע, דעם רעספּעקטאַבעלן ייִסראָעל מײַזיל, האָט זיך געדוכט, אַז ער איז ערגעץ שוין באַשריבן. אין שטוב זײַנען אַרום די ווענט געשטאַנען גרויסע שאַפעס מיט ספּאָרים און וועלטלעכע ביכער.

דאָרט פלעג איך אָפט זען שימען דאָבינען מיט זײַן פרוי — קרוויום פון מײַזילס מישפּאָכע. האַרציק אָנגענעם איז געווען אָט די ליבע בענימעסדיקע פּערזענלעכקײַט — שימען דאָבין. דאָ, אין דער שטוביקער סוויווע, איז געווען א באַזונדער פאַרגעניגן זיך טרעפן מיט אים, הערן זײַנע געשפּרעכן, פילן זײַן צוגעלאָזנקײַט. איז געקומען צו רייד וועגן זײַן באַקאַנטשאַפט מיט שאָלעם-אַליכעמען, האָט ער זיך פאַרטיפט אין די דערמאָנונגען פון דער ווײַטער צײַט, דערציילט עפּיזאָדן, פריילעכע געשפּרעכן, פאָרגעשטעלט א לעבעדיק בילד פון זײַן געניאַלן פרײַנט.

איינמאָל האָט זיך אויסגעמאַכט צו זײַן בא י. נוסינאָוון אינדערהיים לויט די איניאַנים פונעם טעאַטער. ער איז דעמלט געווען דער פּאָרזיצער פון „קולטור-ליגע“. דאָ איז אַרײַנגעקומען עפּראַיִם לויטער, גענומען ריידן וועגן דער סטודיע, וועלכע האָט זיך געקליבן אַריבערפאָרן קיין מאָסקווע. מיר האָבן נאָך ניט באַוויזן פאַרענדיקן דעם געשפּרעך מיט נוסינאָוון, ווי מיטאַמאָל איז געקומען פּערעץ מאַרקיש און גלײַך געזאָגט:

— איך האָב נאָרוואָס פאַרענדיקט די „קופּע“, וועל איך אײַך איבערלייענען. גוט, וואָס עס זײַנען דאָ נאָך כאַוויירים.

ער האָט צעלייגט אַפן טיש פאַרשריבענע פּאַפּירן און גענומען לייענען. איך האָב שוין ניט איין מאָל געהערט מאַרקישעס פּאָרלעזונגען, אָבער דאָס מאָל האָט ער געלייענט אין איין אָטעם, מיט אַן אויסערגעוויינלעכן פּלאַמיקן טעמפּעראַמענט און מיט האַסטיקע באַוועגונגען פון די הענט און פונעם גאַנצן קערפּער. עס האָבן אַף אונדז א פלייץ געטאָן פײַערדיק-צעגליטע ווערטער. די ווײ- און ווינד-אויסגעשרייען, די אָנגעוויטעטע טײַנעס קעגן די שולדיקע אינעם פּאָלקס-אומגליק האָבן זיך געמישט מיט אָנצאָליקע גאַסלעסטערונגען. מאַרקיש שרײַט אויס:

„איך האָב דיר אוועקגעשטעלט אין מאַרק א נײַעם מישקען, גאָט — א שוואַרצע קופּע, ווי א בלאָטער...“ ווײַטער: „היי, פּוסגייער בלינדע, היי, קלעזמער פון באָוול... אַהער צו דער קופּע, די קופּע פון טויט-שטאָט!“

מאַרקיש הייבט זיך מיטאַמאָל אויף פון טיש, לאָזט איבער די פאַרשריבענע בלעטער,

לייענט שוין ווײַטער אויסווייניק. אַן ענלעכן אײַנדרוק האָט אַף מיר געמאַכט ביאַליקס „שכיטע-שטאָט". אָבער איצטער הער איך נײַע, שאַרפֿע, שנײַדנדיקע ווערטער: „גאָט! אַראָפּ, אַראָפּ, מיר ווילן נאָכאַמאָל דיך קרייצן!"... און ווײַטער: „איך גיי אײַך אָנזאָגן א גזירע פון דער מאַלקע קופּע. זי שלײַדערט דעם באַרג סינײַ אַף צוריק די צען געבאָטן!".

מאַרקיש האָט געענדיקט, און אַלע זײַנען געבליבן זיצן ווי אָן לאָשן. נוסינאָוו הייבט אָן רייִדן, ער דאַנקט מאַרקישן פאַרן קאָוועד צו זײַן די ערשטע צוהערער פון זײַן פּאָעמע. מע וועט נאָך באַזונדער רייִדן און באַהאַנדלען „די קופּע". דאָ אָבער האָט מען פון א ברייטער אָפּשאַצונג זיך אָפּגעהאַלטן. אין א יאָר אַרום איז „די קופּע" דערשינען אינעם פאַרלאַג „קולטור-ליגע", די הילע האָט געצייכנט יוסעף טשײַקאָוו. מאַרקיש איז שוין דעמלט אין קיִעוו ניט געווען.

אין 1921 האָבן שוין אין קיִעוו ניט געלעבט פיל ייִדישע קולטור-טוער, וועלכע זײַנען אַקטיוו געווען אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָליוציע. זיי זײַנען אַרויסגעפאָרן קיין מאָסקווע. געבליבן זײַנען דאָוויד האָפשטיין, נויעך לוריע, דאָוויד וואָלקענשטיין, ליפּע רעזניק, וועלכער האָט שוין געדרוקט זײַנע לידער און, ווי פריִער, זיך פאַרנומען מיט פּעדאַגאָגישער אַרבעט צוזאַמען מיט זײַן ברודער יאַשע רעזניק. ביידע רעזניקס, וועלכע זײַנען געווען אַרײַנגעטאָן אין פּעדאַגאָגיק, זײַנען געווען געקניפּט און געבונדן מיט דער ייִדישער קולטור-סוויווע. אין די נאָענטע יאָרן זײַנען זיי געוואָרן פירנדיקע לעקטאָרן, צוזאַמען מיט נויעך לוריען, יוסעף ליבערבערגן, אַווראָם יודיצקין, אינעם פּעדאַגאָגישן טעכניקום, וועלכער האָט אַרויסגעלאָזט די ערשטע לידער פאַר די ייִדישע שולן אין אוקראַיִנע. עס האָט עקזיסטירט א קונסט-שול בא דער „קולטור-ליגע" אונטער דער אָנפירונג פונעם קינסטלער מאַרק עפּשטיין. די שילער זײַנען צוערשט געווען די יעסוימים פון ייִדישע קינדער-הײַזער. שפּעטער האָט זיך די שול פאַרוואַנדלט אין א קונסט-סטודיע, אין וועלכער עס האָט זיך געלערנט די באַגאַבטע יוגנט פון די שטעטלעך. לערער זײַנען דאָרט געווען — עפּשטיין, טשײַקאָוו, שיפרין, טישלער.

אפן קרעשטשאַטיק, לעבן דער שטאָט-דומע, אַף דעם אָרט, וווּ ביז דער רעוואָליוציע איז געשטאַנען סטאָליפּינס דענקמאָל, איז אוועקגעשטעלט געוואָרן א סקולפּטור-ביוסט פון קאַרל מאַרקס, וועלכן ס'האָט געשאַפן יויסעף טשײַקאָוו. אין אַנדערע ערטער זײַנען שוין געשטאַנען דענקמעלער קאַרל ליבקנעכטן און דעם „וואָסעאָבוטש". דאָס זײַנען געווען די ערשטע סאָוועטישע דענקמעלער אין קיִעוו.

די סטודיע פונעם טעאַטער „אָנהייב" האָט זיך געפונען אַף פּושקין-גאַס, 21, אין א דירע פון פיר צימערן. אין שכייניסדיקן הויז — נומער 19, האָט געוווינט דאָוויד האָפשטיין. אין זײַן ענגער דירע איז שטענדיק געווען לעבעדיק און באַקוועם. קעסיידער האָט מען דאָ געקאָנט עמעצן טרעפן פון דער ליטעראַרישער מישפּאָכע, ווי אויך פאַרערער, געקומענע פון דער פּראָווינץ, באַזונדערס יונגע ייִדישע דיכטער פונעם צווייטן דאָר אונטער דעם נײַעם נאָמען „ווידערוווּקס": מאָטל שאַפּיראָ, אַווראָם שוּיכעט, דווירע כאָראָל, מוישע כאַשטשעוואַצקי, אַווראָם וועלעדניצקי. אינעם פאַרלאַג „קולטור-ליגע" — „ווידערוווּקס" האָבן שוין אָנגעהויבן אַרויסגיין זייערע ביכלעך לידער אונטער דער רעדאַקציע און אָפט מיט א פאָרוואָרט פון דאָוויד האָפשטיין. גרויס איז געווען זײַן אַווטאָריטעט און די שעפערישע ווירקונג אַף דעם יונגן פּאָעטישן שפּראָצלינג.

אונדזער סטודיע האָט פון די האַרבסטיקע כאַדאָשים גענומען דורכפירן די לימודים שוין ניט אין איר דירע, נאָר מערסטנס אינעם טעאַטער און אין אַנדערע ערטער. די גרויסע צימערן האָבן געפּוסטעוועט, האָבן מיר, די דירעקציע און דער אַרטקאָם, באַשטימט פאָרלייגן האָפשטיינען זיך בײַטן מיט די דירעס — פאַר אונדז וועלן גענוג זײַן די צימערן פון זײַן קליינער דירע. אַזוי איז שוין דאָוויד האָפשטיין אַף ווײַטער פאַרבליבן וווינען אין דעם הויז אַף פּושקין-גאַס, נום. 21.

איך פלעג אָפט אַרײַנגיין צו האָפשטיינען. אין איינעם א פרימאָרגן, ווען איך בין צו אים געקומען, ליגט ער צו בעט, עפּעס ניט געזונט, געהאַט א ביסל היץ. גלאַט ליגן, ווי א כוילע, האָט ער ניט געקאָנט. אפן טישל באַם בעט און אַף דער קאָלדרע זײַנען צעוואָרפן ביכער, זשורנאַלן. רויִק האָט ער ניט געקרענקט. זיך איך באַם בעט. ער איז צופרידן, אַז מע קומט אַרײַן צו אים. ער פרעגט אויס, דערציילט עפּעס. אינמיטן די רייד קומט מיט אימפּעט אַרײַן א יונגערמאַן, בלײַבט שטיין, קוקט אומרויִק און פאַרזאָרגט אַף האָפשטיינען. דער כוילע גיט זיך באַלד א הייב אוף און רופט אויס צופרידן:

— אַהאַ, איציק, א גוטמאָרגן! — און צו מיר: — באַקאַנט זיך. דאָס איז דער יונגער דיכטער איציק פעפער.

פעפער נעמט אַרויס א קליין ביכל, דערלאַנגט עס האָפשטיינען:

— ס'איז דער ערשטער עקזעמפּליאַר, גלײַך פון דרוקערײַ, פריש פון דער מאַשין אַרויס, נאָך וואַרעם...

האָפשטיין נעמט דאָס ביכל אין האַנט צערטלעך, באַטראַכט עס פון אַלע זײַטן. שמייכלענדיק, צופרידן הייבט ער עס אָן בלעטערן. פעפער קוקט מיט א פאַרכאַפטן אָטעם, ווי האָפשטיין לייענט אזוי א ליד נאָך א ליד, שטיל שאָקלענדיק מיטן קאָפ. מיר ווײַזט זיך אויס, אז ער איז שוין געוואָרן געזונט. ער גיט מיר דאָס ביכל און רעדט אזוי, זיצנדיק, מיט פעפערן, פרעגט אים אויס, אייצעט אים עפעס. איך קאָן ניט אָפרײַסן מײַן בליק פון זיי ביידן. בא פעפערן איז א געהויבענע שטימונג, ער הערט האָפשטיינען מיט דרערעכערעץ.

אין די שפעטערדיקע כאָדאָשים פלעג איך זיך באַגעגענען מיט פעפערן אף די ספעקטאַקלען פונעם יידישן טעאַטער, הינטער די קוליסן. ער איז געוואָרן היימיש, גוטברודעריש מיט יעדן. אין דעמלטיקן קלוב „קאָמפאַן", ווו פאַרוואַלטער איז געווען דער דיכטער אוראָם שוויכעט, פלעגט איציק פעפער אָפטמאָל לייענען זײַנע לידער. ער האָט פריילעך, היימיש געלייענט די שוין געדרוקטע און אויך די נײַע לידער. מע האָט געהערט מיט גרויס האַנאָע. איציק פעפער איז גיך געוואָרן א פאָפולערער און באַליבטער דיכטער.

אין פאַרלאַג „ליריק" איז אין 1921 דערשינען האָפשטיינס צוויי ביכלעך: „זונען-שלייפן" און „גינען-געוועב", וועלכע האָבן אַרויסגערופן א גרויסן אינטערעס בא אונדז אין סטודיע. מע האָט געלייענט די לידער, אַרויסגעזאָגט מיינונגען. נויעך לוריע האָט אף זײַן לימעד גערעדט וועגן האָפשטיינען, וועגן „זונען-שלייפן" און „גינען-געוועב", אויך וועגן דעם ביכעלע „רויטע בליטן", וואָס איז דערשינען מיט א יאָר צוריק, ווען איך בין אין קיעוו ניט געווען.

אין יענער צײַט פלעג איך זיך איבערשרײַבן מיט מײַנעם א בען-איר און יוגנטכאַווער שײַע בודין, א דיכטער פון דער גרופע „יונגע" אין אַמעריקע. איך האָב אים אַוועקגעשיקט קיין ניו-יאָרק האָפשטיינס צוויי ביכלעך. ש. בודין האָט מיר גלײַך געענטפערט און זייער געדאַנקט פאַר דער מאַטאָנע, ער איז געווען באַגײַסטערט און שטאָלץ, וואָס האָפשטיין איז זײַנער א לאַנדסמאַן. די ביכלעך האָט ער צום ערשטן געגעבן לייענען מאַני לייבן און אויך די דעמלטיקע „יונגע" אַמעריקאַנער דיכטער. איך האָב געוויזן האָפשטיינען בודינס בריוו. ער איז געווען זייער צופרידן, וואָס זײַנע ביכלעך זײַנען שוין אויך באַוווּסט אין אַמעריקע.

ליטעראַרישע אָוונטן, לעקציעס אף פאַרשיידענע טעמעס פלעגן אָפט פאַרקומען מיטן אָנטייל פון באַוווּסטע פערזענלעכקײַטן פון מאָסקווע, פעטראָגראַד און אויך פון קיעוו.

באַזונדערס האָבן זיך אויסגעטיילט די אָוונטן וועגן די נײַע ריכטונגען אין דער קונסט, טעאַטער, ליטעראַטור. גרויסע אַרשינענדיקע פלאַקאַטן-אַפישן זײַנען צעהאַנגען געווען בא די הײַזער, אף די פאַרקנס, פלעצער, אין געזעלשאַפטלעכע ערטער. יעדע ריכטונג האָט גערופן צו זיך אף א לעקציע-דיספוט — וועגן פוטוריזם, אימאַזשיניזם און אַנדערע „איזמען". אין די היציקע דיסקוסיעס האָבן די אַלע ריכטונגען זיך איבערגעמישט, איבערגעטראָגן זיך פון דער טריבונע אין זאַל, צו די אימפולסיווע צוהערער. ס'האָט זיך פאַרבונדן אַן אַמפערניש, היציקע רייד, מע האָט דיסקוסירט אַפילע אַרויסגייענדיק אף דער גאַס.

אף איינעם אזא אָוונט האָב איך זיך באַגעגנט מיט האָפשטיינען, און דאָ האָט ער מיך באַקאַנט מיט אַרן קושניראָוון, וועלכער איז אין יענעם טאָג געקומען פון מאָסקווע. מיר זײַנען געוואָרן גיך באַפרײַנדעט, און אונדזער פרײַנטשאַפט האָט געדויערט ביזן סאָף פון קושניראָווס לעבן. ווען אינעם פאַרלאַג „קולטור-ליגע" איז אַרויס זײַן ערשט ביכעלע לידער „וואַנט", האָב איך זיך מיט דעם קיינמאָל ניט צעשיידט, אַרומגעטראָגן עס מיט זיך, געלייענט פיל מאָל און פאַרגעדענקט יעדע ליד. אין יענער צײַט האָב איך שוין געהאַט געלייענט יעסענינען און אַנדערע אימאַזשיניסטן, האָב איך אײַנגעפונען, אז קושניראָוו איז דער ערשטער יידישער אימאַזשיניסט... איך האָב עס אים געזאָגט.

— עס געפעלט דיר ניט? — האָט ער מיך געפרעגט.

— פאַרקערט, — ענטפער איך, — דאָס בילדערישע אין דײַנע לידער איז אָרגאַניש מיטן פאָעטישן אינהאַלט, וועקט טיפע עמאָציעס, פאַרגעדענקט זיך...

די דראַמאַטישע סטודיע „קולטור-ליגע" האָט שוין עקזיסטירט העכער צוויי יאָר. זי האָט זיך געקליבן אַריבערפאָרן קיין מאָסקווע און דאָרט זיך לערנען בא די באַרימטע בינע-מײַסטערס, באַקאַנען זיך מיט די נײַע ריכטונגען, קריגן טעאָרעטישע קענטענישן. פראַקטיש אָבער איז די סטודיע נאָך ווײַט געווען צו ווערן א פראָפעסיאָנעלער יידישער טעאַטער.

אין מאָסקווע האָט שוין דעמלט עקזיסטירט דער יידישער קאַמער-טעאַטער. די ערשטע ספעקטאַקלען זײַנען געווען „גאָט פון נעקאָמע" פון שאָלעם אַשן, „פאַרטאָג" פון א. ווײַטערן. ס'איז אויך געגאַנגען מעטערלינקס „די בלינדע". עפראַיִם לויטער, וועלכער איז געפאָרן קיין מאָסקווע גרייטן דאָס אַריבערפירן די סטודיע „קולטור-ליגע", האָט אונדז דערצײַלט וועגן אָט די ספעקטאַקלען, וועגן די

רעזשיסערן גראנאָווסקי, וואכטאנגאָוו, מיט וועמען ער האָט געפירט אונטערהאנדלונגען, זיי זאָלן ארבעטן אין דער סטודיע, און ביכלאל וועגן דעם, וואָס עס האָט זיך געטאָן אין דער טעאטראלער וועלט. סאָף יאָר איז די סטודיע „קולטור-ליגע" אריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע.

מיר קערן זיך אום צוריק צום קיִעווער פעריאָד.

דער טעאטער „אָנהייב" איז פאר די כאַדאָשים פון זײַן עקזיסטענץ געוואָרן א וויכטיקער קולטור-פאקטאָר בא דער קיִעווער ייִדישער באפעלקערונג. ער האָט שוין געהאט זײַנע פרײַנט, פארערער. צווישן אנדערע איז געווען באליבט דער קינסטלער פון טעאטער ניסן שיפרין, וועלכער האָט זײַן שעפערישע קאריערע אָנגעהויבן בא אונדז. שפעטער איז ער בארימט געוואָרן אלס טאלאנטפולער טעאטראלער קינסטלער אין מאָסקווע, אין די טעאטערן „באַלשאָי", „מכאט" און אלס הויפּט-קינסטלער פונעם צענטראלן טעאטער פון דער רויטער ארמיי. אין די פופציקער יאָרן, ווען איך האָב געארבעט אין יענעם טעאטער, פלעג איך אָפט מיט אים זיך באגעגענען. איינמאָל, זײַענדיק בא אים אינדערהיים, האָב איך אים דערמאָנט, ווי ער מיט זײַן פרוי, אויך א קינסטלערין, האָבן לויט פארגרייטע עסקיזן און מאקעטן געפארבט און אויסגעפּארטיקט די דעקאָראַציעס צו די ספּעקטאקלען פונעם קיִעווער טעאטער „אָנהייב". די דערמאָנונג האָט אים דערוואַרעמט, און ער האָט מיט א ליכטנדיק פּאָנעם זיך צערעדט וועגן זײַן קיִעווער פעריאָד. גערעדט האָט ער אַף א שיינעם ייִדיש. מיט וויטעקלעכער באדויערונג האָט ער דערציילט, אז אלע זײַנע בילדער אַף ייִדישער טעמאטיק, וועלכע ער האָט געשענקט דעם אָדעסער מוזיי אַף מענדעלעס נאָמען, איז פארניכטעט געוואָרן בײַס דער פאשיסטישער אָקופּאַציע.

— אָט דאָס בילד, וואָס הענגט דאָ, דער פּאָרטרעט פון מײַן פּאָטער, איז דאָס איינציק פארבליבענע פון מײַן פריִערדיקער ארבעט...

די מאָסקווער און פּעטראָגראדער טעאטערן האָבן שוין ניט איין מאָל גאסטראָלירט אין קיִעוו מיט א רעפּערטואר פון בופּאָנאדעס, סאטירישע סקעטשן, טעאטראליזירטע פּאָליטישע איבערזיכטן. אונדזער טעאטער האָט אויך געמאכט א פּרוּוו אין אָט דעם זשאנער — געשפּילט א פּאָר פּיעסקעס, וועלכע זײַנען געגאנגען אין דעם דעמלט באוווּסטן פּאָרעגערס סאטירישן טעאטער בײַס זײַנע גאסטראָלן אין קיִעוו. דער סקעטש „טרינקט ניט קיין רויע וואסער" האָט זיך אַף ייִדיש באקומען אָריגינעל און אייגנארטיק. אָט דעם ערשטן פּרוּוו האָט דער עולם גוט אופגענומען. עס איז צוגעקומען א נײַער צושויער. געשפּילט האָט מען אין די פרײַע מאָנטיקן פון דער וואָך, דעריבער איז אײַנגעפאלן צו שאפן א ספּעציִעלן רעפּערטואר פאר אזעלכע „מאָנטיקן". דער „נאַראָבראַז" האָט דערלויבט, אז דער רעוועך זאָל גיין פאר די אקטיאָרן און אַף אייניקע באדערפענישן פונעם טעאטער. דער מאטעריעלער צושטאנד אונדזערער איז געווען ניט אינגאנצן באפרידיקנדיק, כאָטש דער טעאטער האָט געקראָגן א דאָטאציע. דער „ייִדגעזקאָם" פלעגט אויך פון צײַט צו צײַט ארויסגעבן פּראָדוקטן און קליידער פאר דער סטודיע און פארן טעאטער-קאָלעקטיוו. עס האָט אָבער ניט געקלעקט קיין געלט אַף צאָלן צו דער צײַט דאָס געהאלט פאר די אקטיאָרן, צו אויספּאָרמירן א נײַעם ספּעקטאקל. צום גליק, האָט עס ניט פארערגערט די שעפערישע שטימונג פונעם קאָלעקטיוו.

אלע מאָנטיק האָבן מיר געגעבן א נײַע פאָרשטעלונג. די בילעטן פלעגן אויספארקויפט ווערן. ס'איז אפילע פארגרעסערט געוואָרן דער באזוך אַף די ספּעקטאקלען אין מיטן פון דער וואָך. די מאטעריעלע לאגע אונדזערע האָט זיך פארבעסערט.

דער אקטיוו פון „קולטור-ליגע" און דער טעאטער האָבן באשטימט א נײַ-יאָר-באגעגעניש. דעם סצענארי פאר א פּאָליטישער בופּאָנאדע האָבן אָנגעשריבן נויעך לוריע און ש. פּאפּערני. די טעקסטן צו די לידער, די קופּלעטן האָבן די אקטיאָרן פארשריבן און אימפּראָוויזירט, צוגעפּאסט צו זייערע ראָלן, אַף צוגעקליבענע פּאָלקס-מאָטיוון, און ס'האָט זיך באקומען א קאָלעקטיוו ווערק...

דער אָוונט איז פאָרגעקומען אינעם קלוב „קולטור-ליגע", אונטערן לאָקאל פאר דעם ביכער-לאגער פונעם פארלאג. די פענצטער זײַנען ארויסגעגאנגען גלײַך אפן טראָטואר.

דער קינסטלער יויסעף טשײַקאָוו האָט אָנגעמאָלט א גרויסע פּאנאָ. זייער לעבעדיק, סאטיריש האָט ער פאָרגעשטעלט, וויִאזוי א גרופּע אקטיאָרן — צוויי אקטריסעס, שײַקעוויטש און איך — ווענדן זיך צו פּאפּערניִן, וועלכער שטייט אנטקעגן אונדז מיט דער טײַנע: „וואָס וועט ווײַטער זײַן?". פּאפּערני ענטפערט גוטמוטיק, אָפּטימיסטיש, מיט א ברייטן שמייכל: „וואַרט, עס וועט זײַן", און פון זײַן מויל פליִען פייגעלעך...

דעם זאל פונעם קלוב איז ניט צו דערקענען. עס האָט אים זייער אָריגינעל דעקאָרירט א גרופּע באקאנטע קינסטלער. די טישן זײַנען געשטאנען לענגויס דעם זאל בא די פענצטער. די געסט — שרײַבער, קינסטלער, קולטור-טוער — זײַנען געקומען צו דער צײַט.

די פּראָגראַם הייבט זיך אָן אַף א שאָ פריִער פאַרן נײַ־יאָר.

דער אָרקעסטער פונעם טעאַטער הייבט אָן מיט א פּאָפּורי — א געמיש פון רעוואָליוציאָנערע מאָטיוון און ייִדישע פאָלקס־ניגונים. די בופאָנאַדע — א שאַרפע סאַטירע אַף א געוויסן פּאָליטישן עפּיזאָד אינעם ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, ווערט באַוויזן ווי א פאָלקס־שפּיל מיט לידער, טענץ, אַקאָמפּאַנירטע פונעם אָרקעסטער.

קורץ פאַר האַלבער נאַכט איז מען שוין געזעסן בא די צונויפגערוקטע טישן. נויעך לוריע האָט פון דער מיט פונעם לאַנגן טיש אופגעהויבן זײַן קאָס, אויסגעוואַרט די צוועלפטע שאָ, א צייכן געגעבן דעם אָרקעסטער, וועלכער האָט אָפּגעשפּילט א בליץ־טוש, און שאַרפזיניק, מיט גוטע ווינטשעוואַניעס געהאַלטן דעם ערשטן טאָסט. אַלע אַרום האָבן געדולדיק, מיט פאַרגעניגן אים געהערט, פריילעך אַפּלאָדירט, גענומען זיך צו די קויסעס און צו די געשמאַקע פאַרבײַסעכצן.

דערנאָך זײַנען אוועק לידער, טענץ. דער דירעקטאָר פונעם טעאַטער האָט געמאָלדן, אַז עס הייבט זיך אָן א קאָנצערט. די אַרטיסטן האָבן באַוויזן פּאַנטאָמימעס, פּאַראָדיעס, געזונגען לידער. פּאַפּערני האָט זיך גאָר אַרויסגעוויזן פאַר זייער א געלונגענעם קאָנפעראַנסיע. געפירט האָט ער קלוימערשט „ערנסט" די פּראָגראַם, נאָר זײַנע טרעפלעכע ווערטלעך און קאַלאַמבורן האָבן אויסגענומען בא די געסט.

וועגן דעם, וואָס פאַר א פּערספּעקטיוון דער טעאַטער האָט אינעם נײַעם סעזאָן, האָט נאָך דער דירעקטאָר אַליין ניט געוווּסט. דער סצענע־קינסטלער ניסן שיפרין איז אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע. יוסעף טשײַקאָוו און אַנדערע באַוווּסטע קולטור־טוער זײַנען אויך אַהין אַריבערגעפאָרן. אין די ייִדישע קולטור־קרײַזן האָבן זיך באַוווּסט געמאַכט נײַע, טיכטיקע פּערזענלעכקײַטן. די צײַטונג „קאָמוניסטישע פאָן", אונטער דער רעדאַקציע פון הענעך קאַזאַקעוויטשן, איז רעגולער אַרויסגעגאַנגען. געדרוקט האָבן דאָרט זייערע לידער איציק פעפער, א. שויכעט, א. וועלעדניצקי און אַנדערע פון דער גרופּע „ווידערוווּקס". דער פאַרלאַג „קולטור־ליגע" האָט פאָרגעזעצט אַרויסגעבן פאַרשיידענע ביכער. די ברידער ליפּע און יאַשע רעזניק, און מיט זיי נויעך לוריע האָבן זיך געגרייט צו דער עפענונג פון א וויכטיקער פּעדאַגאָגישער אינסטיטוציע, וועלכע האָט שפּעטער זיך דערוואָרבן א נאָמען מיט אַן אַרויסלאָז פון די ערשטע ייִדישע סאָוועטישע לערער פאַר די פאָלקס־שולן.

אַרײַנקומענדיק צו האָפּשטיינען, האָב איך קעסיידער עמעצן בא אים געטראָפן. עס האָט געצויגן צו אים. מע האָט געלייענט לידער, גערעדט וועגן די שוין דעמלט באַוווּסטע רוסישע סאָוועטישע פּאָעטן. האָפּשטיין האָט אויסדריקלעך געלייענט יעסענינס לידער, אַרומשפּאַנענדיק איבערן צימער.

איך האָב שוין באַשלאָסן אַוועקפאָרן קיין מאָסקווע און געזאָגט וועגן דעם האָפּשטיינען. ער וויל מיר געבן א בריוול צו קושניראָוון, וועלכער וווינט אַליין אין א צימער, טאָמער וועל איך די ערשטע טעג ניט האָבן ווּ צו נעכטיקן. דאָס בריוול נעם איך, בא קושניראָוון וועל איך סײַווײַסײַ זײַן.

איך בין אַרײַנגעגאַנגען אין דער קונסט־סטודיע צו מאַרק עפּשטיינען.

ער זאָגט:

— אַוואַדע וואָלט קעדײַ געווען אַריבערפאָרן קיין מאָסקווע, אָבער ווי לאָזט מען איבער די סטודיע מיט אָט די ווילדע, פייִקע יאַטן פון די קינדער־הײַזער, די יעסוימים פון די שטעטלעך?

איך זע צייכענונגען און בילדער — קלענערע און גרעסערע, אָנגעצויגענע אַף ראַמען און הענגענדיקע אַף די ווענט, סקולפּטורישע אַרבעטן, פיגורן, געשניצטע פון האָלץ, געקלעפּטע פון ליים און פון אַנדערע מאַטעריאַלן. ווי פלײַסיק די יונגע כעוורע אַרבעטן! מאַרק עפּשטיין, דער טאַלאַנטפולער קינסטלער, וועלכער פירט אָן מיט דער סטודיע, איז פאַרליבט אין זײַנע שילער, און זיי אין אים. מע אַרבעט שטיל, אַמאָל רײַסט מען זיך אָפּ פון דעם בויגן פּאַפּיר, מע וואַרפט א בליק אַפן לערער, מע הערט זיך צו, וואָס ער זאָגט.

מיט עפּשטיינען בין איך באַקאַנט געווען שוין עטלעכע יאָר. ער איז געווען א פּראָסטער, זייער א ליבלעכער מענטש, פּאָפּולער און געשעצט אין דער ייִדישער קולטור־סוויווע. מיט יאָרן שפּעטער האָט ער געלעבט און געשאַפן אין מאָסקווע, ביז זײַן פריצײַטיקן טויט.

אין סענטיאַבער כוידעש האָב איך פאַרלאָזט קיִעוו, ווּ איך האָב אָפּגעלעבט קימאַט זיבן יאָר.

■ ■ ■

ליטעראַטור-קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פּראָגן פון קונסט

מוישע מאַרגאָליז

„די געשיכטע פון א ליבע"- אן אָנזאָג פון א ראָמאַנטישן שטראָם אין נאָטע לוריעס שאַפונג

די אָפרופן אין דער פרעסע אף נאָטע לוריעס נײַעם ראָמאַן „די געשיכטע פון א ליבע" זײַנען ביז איצט געווען, אזוי צו זאָגן, פאַרבײַגייענדיקע, ווי געווײנלעך באַם דערשײַנען פון א ווערק, וואָס שליסט זיך אָן אין דעם אַלגעמײנעם בעלעטריסטישן שטראָם, טײלט זיך ניט אויס מיט אן אויסטערלישן סטיל און מיט סענסאַציאָנעלע סוזשעטישע גענג. עמעס, כאַים מעלאַמוד האָט רעאַגירט אף לוריעס נײַער דערגרייכונג ענערגיש און עמאָציאָנעל, מע קאָן אפילע זאָגן — סענטימענטאַל, נאָר צו קיין ברײטער באַהאַנדלונג איז עס אויך בא אים ניט דערגאַן, פּאַשעט דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אַזאַ ציל ניט געשטעלט. אַלע, וועלכע האָבן אזוי אָדער אַנדערש באַרירט די „געשיכטע פון א ליבע", בעסויכעם אויך אונדזערע קריטיק-מײַסטערס, האָבן ווי ניט באַמערקט, אַז די נאַטור פון לוריעס נײַעם ראָמאַן, זײַן אינהאַלט, געבוי און סטרוקטור, זײַן אומגעווײנלעכע פאַבולע, זײַנען פּרינציפּיעל אַנדערע, אײדער מיר זײַנען דאָס געוווינט צו זען אי בא לוריען, אי בא אַנדערע פּראָזאַיקער. אין דעם אַלעמען האָט מען געדאַרפט זיך פאַנאַנדערקלײַבן, פאַרגלײַכנדיק דעם ראָמאַן מיט לוריעס א פריערדיק עפּיש ווערק — דעם ראָמאַן „הימל און ערד".

„הימל און ערד" איז א קאָנסעקווענט רעאַליסטיש ווערק. מיר געפינען דאָ א גענוג בוילעטע אָפּשפּיגלונג פון א „שטיק לעבן" אין קאָנקרעטע באַדינגונגען. אַזאַ אָפּשפּיגלונג איז אין „הימל און ערד" געוואָרן באַזונדערס רעליעף אַדאַנק דעם, וואָס דער אויטאָר האָט זיך דערפילט פרײַ פון דאָגמאַטישע פענטעס, און זײַן פען האָט אַרויסגעבראַכט דאָס איבערצײַגנדיקע און געזעלשאַפטלעך-ווערטפולע. דאָס האָט פאַרויסבאַשטימט די לאָגישקײַט אין דער האַנדלונג פון די ראָמאַן-פּערסאָנאַזשן, זייער נאָכגיביקײַט אָדער היסנאַגדעס אין פאַרשיידענע סיטואַציעס — גוטע און שלעכטע, לוסטיקע און טראַגישע, עטיש אויסגעהאַלטענע און פאַרברעכערישע. די לאָגיק אין רעאַליסטישן ווערק איז אן אומבאַדינגטער עלעמענט פון יעדער קינסטלעריש געמעל און דריקט זיך אויס אין דער מאָטיווירטקײַט פון דער גאַנצער פאַבולע — אף אירע פאַרשיידענע עטאַפּן, ביזן ענדגילטיקן שלוס.

די באַשטעטיקונג פון דעם דאָזיקן פּרינציפּ קאָן מען געפינען אין דער אויפירונג פון די העלדן אין יעדן רעאַליסטישן ווערק. נאָר באַזונדערס שטאַרק לאָזט זיך עס פילן אין יענע שילדערונגען, ווו די טווּנג איז טראַגיש און דאָך אומפאַרמײַדלעך אין העסקעם מיטן קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו, וועלכער דיקטירט האַנדלען אזוי און ניט אַנדערש.

אזוי, לעמאָשל, ווען פּערעץ מאַרקיש („דאָר אויס, דאָר אײַן") שילדערט אונדז בלומען

מיטן צייַלעמל אין דער האנט, וואָס עס האָט איר אריַינגעשטעקט אן אלטע פויערטע, קעדיי זי זאָל עס אָנטאָן און ראטעווען זיך פון טויט, קאָנען אונדז ווונדערן די טיפּע ספּייקעס, וועלכע פארכאפּן בליומען, און סאָפאָקלאָסאָף צווינגען זיי זי ארויסווארפן דאָס צייַלעמל דורכן פענצטער פונעם וואגאָן, ריזיקירנדיק דורך דעם מיטן לעבן. מיר קאָנען אפילע האלטן, אז דאָס איז ניט געווען טיפּיש, און דאָך וועלן מיר זיך ניט וואקלען צו אנערקענען די ריכטיקע מאָטיווירונג, מיט וועלכער מארקיש באגרינדעט בליומעס געוואגטן טאט.

ענלעכע מאָטיווירטע „אומגלויבלעכע" סיטואציעס געפינען מיר אויך בא שאָלעם־אלייכעמען. ס'איז גענוג צו דערמאָנען די אומדערווארטע און פארן לייענער שטארק אנטוישנדיקע צעשיידונג פון די „בלאָנדזנדע שטערן" נאָך זייער אין מעשעך פון פיל יאָרן געגארטער באגעגעניש: די צעשיידונג איז געווען שמערצלעך און טראגיש — איר פּריַיז איז דאָך געווען א גאנץ פארלוירן־געגאנגען לעבן פון בענקשאפט און האָפענונגען! דאָך איז זי געווען שטרענג מאָטיווירט און אומפארמיַידלעך.

ניט ווייניקער מאָטיווירט איז אויך די צעשיידונג צווישן ראָכעלען און סטעמפּעניו. עמעס, שאָלעם־אלייכעם האָט צוליב דעם אויסגענוצט, ווי אין שעקספּירס „האמלעט", דעם שאָטן פון א פארשטאָרבענער — פון ראָכעלעס כאוורטע כיַיע־עטל. נאָר דער דאָזיקער געשפּענסט האָט „געמוזט" דערשיַינען, וויַיל אין יענער פּאטריַארכאלער ציַיט האָט ראָכעלע ניט געקאָנט אריבערשפּאנען די מעכיצע, וועלכע האָט עקזיסטירט צווישן איר און סטעמפּעניו, און איר אונטערבאוווּסטזיַין האָט מיט דער גאנצער פּסיכאָלאָגישער מאכט זי געצווּונגען צו דערפילן עס, — אזוי אז כיַיע־עטלס געשפּענסט איז פאקטיש געווען ניט די סיבע פון ראָכעלעס איבערשרעק און פון איר אנטלויפן, נאָר פארקערט: דער אינטויִטיווער פּויעל־יויצע פון א טראדיציאָנעלן לעבנסארט, וועלכן ראָכעלע איז ניט געווען בעקויעך צו איגנאָרירן.

דאָס זעלבע, פארשטייט זיך, איז גרינג צו געפינען אויך אין דער רוסישער ליטעראטור, צווישן אנדערע אין דאָסטאָיעווסקיס „פארברעכן און שטראָף", ווו ס'ווערט געשילדערט די עוואָליוציע פון ראסקאָלניקאָוון אפן וועג צום מאָרד פון דער זקיינע (און אין איינוועגס, שוין צופעליק, אויך פון איר שוועסטער). מיר זעען די פּיַינלעכע, ענגע סטעזשקע, אף וועלכער ער שפּאנט, פול מיט ליידן און שווערע יעסורים. ראסקאָלניקאָוו פילט דעם סאָף פון זיַין וועג און ווייסט, אז דאָס ערגסטע וועט געשען. אין טאָך וויל ער ניט דעם מאָרד, און דאָך ווייסט ער, אז אזוי וועט פארקומען, ווי א גזיירע, וועלכע ער קאָן ניט ביַיקומען. דאָ איז ניטאָ קיין שום מיסטיק — אזא איז דער מאָטיווירטער רעזולטאט פון א גאנצער ריי אומשטענדן, וואָס האָבן זיך צונויפגעקייטלט און שוין אומפארמיַידלעך געבראכט צום גוירלדיקן אויסגאנג.

מע קאָן ברענגען ניט ווייניק אנדערע, ענלעכע ביַישפּילן — זיי זיַינען אָבער איבעריק, נעמענדיק אין אכט די אויבנפאָרמולירטע האנאָכע וועגן דער לאָגישער אנטוויקלונג פון דעם רעאליסטישן סוזשעט. די דאָזיקע לאָגיק ווערט קיינמאָל ניט אריַינגעבראכט וואָליונטאריסטיש פון אויסן — זי אנטשטייט דערפאר, וויַיל דאָס רעאליסטישע ווערק איז אן אָפּשיַין פון דער אָביעקטיווערווירקלעכקיַיט אין אלע כאראקטעריסטישע פּראָטים, מיט אלע אירע פארשיידנהיַיטן און סטירעס, און קאָן נישט ניט זיַין אן אָרגאניש פארבונדענער קנופּ פון געשעענישן, גענומענע פונעם לעבן און פארקערפּערטע אין קינסטלערישע געשטאלטן.

אָט דאָ געפינט זיך דער פּרינציפּיעלער כילעק צווישן רעאליסטישער און ראָמאנטישער שאפונג. רייידנדיק וועגן א ראָמאנטיש ווערק, האָב איך אין זינען דעם ראָמאן, וואָס שטאמט ניט פון דירעקטע לעבנס־איַינדרוקן, פון איַינגעזאפּטער פאראלגעמיינערטער דערפארונג, נאָר איז געשאפן מיטן קויעך פון דער שעפערישער פאנטאזיע, וועלכע האָט אופגעבליצט אין דעם מעכאבערס מויעך.

אזוי איז אנטשטאנען נאָטע לוריעס ראָמאנטישע „געשיכטע פון א ליבע". זי איז געווען פאר אים, ווי א דעביוט אין אן אומבאקאנטער, דאָך שטארק צוציִענדיקער וועלט.

מער ווי אלע אנדערע ליטערארישע־וויסנשאפטלעכע קאטעגאָריעס אנטוויקלט זיך דער ראָמאנטיזם פארשידן אין פארשיידענע לענדער און היסטאָרישע פּעריִאָדן, בא פארשיידענע סאָציאל־געזעלשאפטלעכע פאָרמאציעס, דער דאָזיקער פּראָצעס ווערט פאָרגעזעצט אָן אן אופהער. דערפאר טאקע געפינען מיר גאנץ אָפט בא איינע און די זעלבע שריַיבער סיַי ראָמאנטישע, סיַי רעאליסטישע ווערק: בא פּושקינען — באנאנד מיט „יעווגעני אָניעגין" די פּאָעמע „ציגיַינער", בא גאָרקין — באנאנד מיט דער „מוטער" די ליד „דאָס מיידל און דער טויט", („דאָס געזאנג וועגן שטורעם־אָנזאָגער") און „דאָס געזאנג וועגן סאָקאָל", דאָס העכסט ראָמאנטישע בילד פון דאנקאָ. נאָך מער: די מאָס און כאראקטער פונעם ראָמאנטישן עלעמענט אין די אויבנדערמאָנטע ווערק

זײַנען ביז גאָר פֿאַרשײדנאַרטיק און הענגען אָפּ אױך פֿון פֿאַרשײדענע אָביעקטיװע און סוביעקטיװע פֿאַקטאָרן.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, באַמיִען זיך די ליטעראַטור-פֿאָרשער אַרױסברענגען יענע שטריכן פֿונעם ראָמאַנטיזם, װעלכע זײַנען אומאָפּהענגיק פֿון צײַט און אָרט. אין אַן אַרטיקל, װאָס איז געװידמעט דער דאָזיקער פֿראַגע, װערט אין דער ליטעראַרישער ענציקלאָפּעדיע אונטערגעשטראָכן, אַז די ראָמאַנטיקער װענדן זײער אופֿמערקזאַמקײַט אַף אַלץ, װאָס איז ניט ענלעך אַף דער פּראָזאִישער סײכלהאַיאָשערדיקער אַלטעגלעכקײַט. אין קעגנזאַץ צום פּראַקטישן סײכל, װאָס גיט אָפּ די בכּוירע דעם „אַלגעמײנעם", „טיפּישן", „דעטערמינירנדיקן", דעקלאַרירן די ראָמאַנטיקער די סוּװערעניטעט און די זעלבסטװערט פֿונעם יאָכיד, די פֿרײַהײַט פֿון דעם מענטשנס ראַצן. דער מענטש איז פֿאַר זײ א קלײנע אַלװעלט, א מיקראָקאָסמאָס. דער אָנגעשטרענגטער אינטערעס צו שטאַרקע געפֿילן, צו גראַנדיִעזע לײַדנשאַפֿטן און צו סוידעספֿולע באַװעגונגען פֿונעם גײַסט, דער דראַנג צום אינטויִטיװן און באַװוּסטלאָזן — דאָס אַלץ זײַנען די װעזנטלעכסטע שטריכן פֿון דער ראָמאַנטישער קונסט.

אין דער „פֿילאָזאָפֿישער ענציקלאָפּעדיע" לײענען מיר: „די קינסטלערישע פֿרײַהײַט װערט פֿאַרשטאַנען אַלס רעכט פֿון יעדן קינסטלער נאָכפֿאָלגן זײַן אינערלעך געפֿיל, ניט רעכענענדיק זיך מיט די אױסערלעכע קלאַלים און טראַדיציִאָנעלע גרענעצן פֿון קונסט".

ניט פֿאַר אַלע ראָמאַנטישע װערק פֿון אונדזער ליטעראַטור איז אָנעמבאַר אַזאַ כאַראַקטעריסטיק. שאָלעם-אַלײכעמס „שיר השירים", פּערעצעס „אױב ניט נאָך העכער", זײַנע „פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן", „כּסידיש" און פֿיל אַנדערע װערק, שאָלעם אַשס „שטעטל" און אין אונדזער הײַנטצײַטיקער סאָװעטישער ײדישער ליטעראַטור, מעלאַמודס רעװאָליוציִאָנערע ראָמאַנטיק, װערגעליסעס אַלץ העכער קלינגענדיקע ראָמאַנטיש-דיכטערישע סטרונע פּאַסן זיך ניט אײַן אין די ראַמען פֿון אַזאַ ראָמאַנטיק, װעלכע מאַכט זיך פֿרײַ פֿון דעם „טיפּישן", פֿון דער „לאָגיק" און איז אַבסאָליוט סוּװערען אין איר װעלטאופֿאַסונג.

דערפֿאַר טאַקע איז אַזױ טשיקאַװע פֿאַרן פֿאַרשער נאָטע לוריעס „געשיכטע פֿון א ליבע", אין װעלכער ער האָט אָנגענומען די שילדערונגס-מיטלען פֿון דער אױבנפֿאָרמולירטער ראָמאַנטישער שול. די דאָזיקע שילדערונגס-מיטלען דרינגען אַרױס פֿון דער ניטמאָטיװירטער האַנדלונג פֿון דער הױפּט-העלדן יױכעװעד, װעלכע שטײט אין צענטער פֿון דער גאַנצער געשיכטע.

לוריע שילדערט אַן אױסערסט עקזאַלטירט געשטאַלט. עס װאַרפֿן זיך אין די אױגן די אומדערװאַרטקײַט פֿון אירע פּאָסטעמקעס, דער אומגעריכטער גאַנג פֿון אירע געדאַנקען, די אומקלאָרקײַט פֿון אירע שטימונגען. אין אײניקע מאָמענטן װישט זיך אָפּ אין אירע האַנדלונגען דער כילעק צװישן „יאָ" און „נײן".

אױפֿן ערשטן עטאַפּ פֿון איר באַקאַנטשאַפֿט מיטן אַנדערן העלד פֿון דעם ראָמאַן (סאָלאָמאָן זאַנענטאַל, סאָליאַ) האָט יױכעװעד אַרױסגעװיזן אַן אַלץ אָנװאַקסנדיקע ליבע און, װי יעדע שטאַרקע נאַטור, געהאַלטן די איניציִאַטיװ אין אירע הענט, דאָס „גאַנעקל" לעבן איר שטוב האָט זי פֿאַרװאַנדלט אין אַן אינטים מאָקעם-מיקלעט פֿאַר הערצלעכע באַגעגענישן, װעלכע האָבן זיך אָפּט פֿאַרצױגן ביז זונאױפֿגאַנג.

דאָ זײַנען נײטיק אײניקע קורצע אױסצוגן. סאָליאַ דערצײלט:

— מיר פֿלעגן זיצן צוגעטוליעט אײנס צום אַנדערן (...) מיט אירע צאַרטע פֿינגער האָט זי מיר געקעמט די טשופּרינע, געגלעט דעם האַלדז, דעם שטערן. אין אירע אױגן האָבן אױפֿגעבליצט פֿינקלענדיקע שטערנדלעך, און די זאַפֿטיקע ליפּן האָבן זיך געצױגן צו מיר".

אַן אַנדערס מאָל האָט אים יױכעװעד געזאָגט: „װען דו קומסט ניט באַלד, װאָלט איך סײַװױ געװאַרט. איך װאָלט ניט אַװעק, ביז באַגינען װאָלט איך דאָ געזעסן און געװאַרט", דערבײַ האָט זי אים אַרומגענומען, צוגעדריקט צו אים איר פֿאַרפֿלאַמט פּאָנעם. זײערע דאָרשטיקע ליפּן האָבן זיך באַהעפֿט".

און אַזױ װײַטער — אַלץ נײַע אױסדריקן פֿון פֿלאַם-פֿײַערדיקע ליבעגעפֿילן, װעלכע זײַנען אײגנטלעך דעם קלאַסישן ראָמאַן פֿון דער ראָמאַנטישער ריכטונג.

נאָר שױן אױפֿן אַנדערן טאָג נאָך אַזאַ הײסער באַגעגעניש קומט פֿאָר פּלוצעם, „פֿון דער העלער הױט", אַן אײַנרײַס — א גראָבער און אומפֿאַרשטענדלעכער. אײגנטלעך, אַפֿילע ניט קײן באַװוּסטזיניקער אײַנרײַס, נאָר עפּעס א מין פּאַטאַלאָגישע אַטראָפֿיִע פֿון יעדן אינטערעס צו דער פּערזאָן, װעמען יױכעװעד האָט ערשט נעכטן אונטערגעשטעלט אירע הײסע ליפּן, אַן אײַזקאַלטע, מער װי גלײַכגילטיקע באַציִונג צו אַלע זײַנע באַמיִונגען אױפֿשטעלן מיט איר װאָסער-ניט-איז קאָנטאַקט. נאָך מער: אױפֿן אַנדערן טאָג איז זי מיטן פֿאַרטאָגיקן צוג אַװעקגעפֿאָרן.

נאָטע לוריע זשאלעוועט ניט קיין פארבן, קעדיי צו באווײַזן, מיט וואָס פאר א שטאנדהאפטיקער ענערגיע סאָלאָמאָן האָט פאָרגעזעצט זײַנע פּרוּוון צו האָבן אן אָפנהארציקן שמועס מיט יויכעוועד, „אויסקלאָרן די מיספארשטייעניש, וואָס איז פאָרגעקומען". נאָר אומזיסט, אף זײַנער א בריוו האָט ער לאנג קיין ענטפער ניט באקומען און ערשט אין א כוידעש ארום האָט זי אים צוגעשיקט א קורץ „זייער טרוקן בריוול". דערנאָך שילדערט דער אווטאָר א באגעגעניש, א דערפרייענדיקע פאר איין צאד און אן אָפן ניט אײַנגענעמער פארן אנדערן צאד, בעשאס וועלכער אלץ ווערט קלאָר: צו זייער צויבערהאפטן אָוואר איז קיין צוריקער ניטאָ — ער, סאָליא, איז ענדגילטיק פארלאָזט.

מיר לייענען די ליבע-היסטאָריע, ווי סע מאָלט זי נאָטע לוריע, און אין אונדזער זיקאָרן שטייען אוף ענלעכע, שטארק אסאָציִירטע מאָטיוון, וועלכע מיר האָבן שוין פארגעדענקט ערגעץ-ווּ אין אונדזער דיכטונג. מיר דערמאנען זיך אין פאָלגנדיקע שורעס, וואָס געהערן מוישע קולבאקן:

אין גאָרטן באנאכט, אונטער בליִענדע צווײַגן,
א האנט אין א האנט וועלן ביידע מיר זיצן
און שווײַגן.
די בלאסע לעוואָנע פארשטילן וועט אונדזערע ליידן,
וועט וועבן פון רויִקן זילבער א כאָלעם
אף ביידן.
מיר זײַנען פארטיילטע, פארוואָגלטע טויבן —
לאָמיר זיך טוליען, ווען קיינער באמערקט ניט,
און גלויבן...

און ווען אין א נאכט וועט
פון אונדז ווער ניט קומען,
ניט וויינען, ניט טרויערן זאָל דער פארלאָזטער,
נאָר שטומען.
אין גאָרטן דאָרט אונטער די בליִענדע צווײַגן
זאָל ער די פארציטערטע פינגער פארברעכן
און שווײַגן...

און אזא וועג האָט סאָלאָמאָן ווירקלעך דורכגעמאכט. ער איז יוגנטלעך-ברויזיק פארכאפּט געוואָרן פון עכטע ליבע-ליידן, ער האָט גאנצע טעג געטרוימט און געבענקט און איז גאנצע נעכט געזעסן האנט אין האנט, ווען קיינער האָט עס ניט געזען, און מיטן גאנצן הארצן האָט ער געהאָפט — און געגלויבט. נאָר ווען אין איינער א נאַכט איז זי ניט געקומען, און זי איז ביכלאל שוין מער ניט געקומען, האָט ער, דער פארלאָזטער, אונטערדריקט אין די טיפענישן פון זײַן נעשאָמע דעם פארציטערטן ווייטעק און — געשוויגן.

מיט דעם אָבער ווערט די „געשיכטע פון א ליבע" ניט אויסגעשעפּט. אף דער דאָזיקער סטאדיע פונעם סוזשעט וועט דער לייענער זײַן פארוואונדערט, נאָר ניט איבעריקס דערשטוינט: סאָפקאָלסאָף זײַנען אזעלכע אומגעריכטע, ווייניק באגרינדעטע ליבע-עקסצעסן ניט קיין זעלטנהײַט — נישט אין לעבן און נישט אין דער ליטעראטור, — און די עקסטרעמקײַט פון דער אײַנרײַס-פאָרם, אף וועלכער מיר שטויסן זיך אָן אין געגעבענעם פאל, וועט אונדז אויך ניט ארײַנברענגען אין אן אויסערגעוויינלעכער פארלעגנהײַט. נעמלעך דערפאר געהערן ניט די פּראָטים, וועלכע באגלייטן דעם אײַנרײַס צווישן יויכעוועדן און סאָלאָמאָנען צו די אָריגינעלסטע קינסטלערישע זײַטלעך פונעם ראָמאן. זיי באקומען אָבער א באזונדערן מיין און וואָג אין דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פונעם סוזשעט.

יאָרן זײַנען דורכגעגאנגען — גאנצע פופצן יאָר. יויכעוועד איז שוין פון לאנג א פארהייראטע פרוי און איז גליקלעך אין איר פאמיליען-לעבן, ווי אויך אין איר מוטערשער צערטלעכקײַט צו איר קליינער, פינפיאָריקער טאָכטער שולאמיס. סאָלאָמאָן פארענדיקט זײַן מוזיקאלישע בילדונג און איז שוין געוואָרן א באריִמטער וויִאָלאָנטשעליסט. ער קומט אף א גאסטראָל קיין לענינגראד, ווּ ער טרעט ארויס דערפאָלגרײַך מיט א קאָנצערט, אף וועלכן עס זײַנען בײַגעווען אויך יויכעוועד און איר מאן. צופעליקע אומשטענדן ברענגען זי אין האָטעל, ווּ ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט סאָלאָמאָן, און דאָ קומט פאָר א סצענע, וועלכע דרינגט בעשום־אויפן ניט ארויס פון די פריִערדיקע און אויך פון די איצטיקע באציִונגען צווישן אונדזערע העלדן. די זעלבע יויכעוועד, וואָס האָט ערשט געזאָגט „לײַגן קאָן איך נישט, איך האָב אים (דה. איר מאן) קיינמאָל ניט געפעלשט און איצט אויך ניט", ווערט פלוצעם אופגעפלאָטערט פון אן אינערלעכן ליבע-פײַער.

סאָלאָמאָן דערציילט: „א גליקלעכע האָט זי מיך לײַכט א צי געטאָן צו זיך, צארט ארומגענומען באם האלדז און זיך צוגערירט מיט אירע פלאמיקע ליפּן צו מײַנע.

— טײַערער מײַנער, ליבער מײַנער, הארציקער מײַנער, וואָס זאָל איך טאָן מיט זיך? (...) זי האָט צוגעדריקט צו זיך מײַן האנט און אופגעציטערט (...) זי האָט מיך צוגעצויגן נעענטער צו זיך; זיך צוגעדריקט, צוגעטוליעט. די אויגן זײַנען בא איר געוואָרן גרעסער, בלויער, די ליפּן האָבן געפלאמט, מיט א פארכאפּטן אָטעם האָט זי זיך אראָפּגעלאָזט מיט מיר אפן ווייכן דיוואן. א פולשטענדיק באהערשטע פונעם הייסן געפיל, פונעם ברענענדיקן פארלאנג, האָט זי דאָרשטיק געקושט מיך אין די אויגן, אין שטערן, אין די ליפּן און מיט הארציקער צערטלעכקײַט, ווי זי וואָלט א טפילע געטאָן, געשעפּטשעט:

— סאָליא, טײַערער, איך וויל דיך... איך גאר... עס גייט מיר אויס די נעשאָמע, איך בעט דיך, איך וויל האָבן פון דיר א קינד...

אין די אויגן זײַנען בא איר געשטאַנען טרערן".

ווי ס'איז צו זען פון די אויבנגעבראַכטע שורעס, האָט לוריע אין זײַן ווערק אַנגעווענדט די פּאָעטיק פון אויסגעשפּראָכענער ראָמאַנטיק, וועלכע זעט אין יעדן מענטשן א „קליינע אַלוועלט", מיט איר געשפּאַנטן אינטערעס צו „שטאַרקע און העלע געפילן, גראַנדיעזע לײַדנשאַפטן און סוידעספולע נעשאָמע-באַוועגונגען", פאַר וועלכע ס'זײַנען ניט נייטיק קיין „פּראָזאַיש-טרוקענע" מאָטיוון, וואָס באַזירן זיך אַף די געזעצן פון דער אָנגענומענער לאָגיק און אַף דער פּסיכאָלאָגיע אין געוויינלעכן זין פון וואָרט.

לוריע האָט עפּשער אליין ניט באַמערקט, ווי ער האָט אַף די פליגל פון אומגעצוימטער, ספּעציפיש-ראָמאַנטישער פאַנטאַזיע דערזען דאָס איראַציאָנעלע בילד — די פרײַע כוואַליע פון ליבע, וואָס שטראָמט אין דעם מענטשלעכן האַרץ לויט איר אייגענעם קאַפּריז און ווייסט די צופליסן און אָפּפליסן פונעם געפיל אָן א פאַרוואָס און אָן א פאַרווען. אַף אַזא אויפן האָט ער אַרײַנגעבראַכט אין אונדזער ליטעראַטור א נאָך ווייניק באַקאַנטן מאָדוס פון שאַפן א ברייט-קינסטלעריש לײַוונט אַף איראַציאָנעלע יעסוידעס. ניט אומזיסט האָט ער דאָ אָנגעווענדט א פאָרם, וואָס איז אַמערסטן צוגעפּאַסט צום אייגנאַרטיקן אינהאַלט — די פאָרם פון אַן איבערדערציילטער געשיכטע, וואָס עס איז אים אויסגעקומען צו הערן פון א צופעליקן, שטאַרק צעשטרײַטן און אופגעגטן פּאַסאַזשיר, מיט וועלכן ער איז געפאָרן אינאיינעם אין א צוג-קופּע...

* * *

דער ריכטיקסטער קריטעריי פאַר אָפּשאַצן יעדער ליטעראַריש ווערק איז זײַן קינסטלערישער ניוואָ, וועלכער באַזירט זיך קוידעמקאָל אַף דער מאָס פון זײַן אַקטועלגעזעלשאַפטלעכער דערקענטעניש-באַדײַטונג און — דורך דעם — אַף זײַן פּראַקטישער ווערט אין דער געגעבענער עפּאָכע. דאַפקע אין דער נײַער צײַט זײַנען דערשינען ניט ווייניק פּראָזע-ווערק, וואָס ווענדן זיך אָפּ פון די קלאַסישע רעאַליסטישע וועגן, ווערן פאָרמירט לויט אַנדערע פּרינציפּן, אָפּט אפילע דורך אויסערסט סוביעקטיוויסטישע און באַצייכנטע מיט אומלאָגישע, ניט מאָטיווירטע מײַסים, און דאָך זײַנען זיי ברייט אַנערקענט אַדאַנק דער קינסטלערישער קראַפט, וואָס מאַכט זיי אינטערעסאַנט און איבערצײַגנדיק. די ליטעראַטור פון דעם מין ווירקט איבערהויפּט אַף אונדזער פאַנטאַזיע און אין דער זעלבער צײַט ספּראַוועט זי זיך ניט שלעכט מיט דער אופגאַבע אויסצודריקן די פּראָבלעמען פון אונדזער דאָר. בא געוויסע אומשטענדן פאַרמאָגט דאָס ראָמאַנטישע געמעל אַן אויסערגעוויינלעכע אשירעס פון קינסטלערישע מיטלען, וועלכע קאָנען מיטווירקן דער דערגרייכונג פון גאַנץ וויכטיקע „פּראָזאַישע" צילן.

נאָטע לוריעס „געשיכטע פון א ליבע" געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון קינסטלערישע שאַפונגען, וואָס זייער קוואַל איז די אופגעבליצטע פאַנטאַזיע, אויסגעדריקט אין פּאַסיקע בילדער. ניט טאָמיד געפינט א שרײַבער אין דער פולער מאָס אַזא געלונגענע צונויפפּאַרונג, נאָר ווען ער געפינט זי, איז דער דערפאָלג געזיכערט. אין זײַן „געשיכטע" האָט לוריע אַזא האַרמאָניע געפונען, און אין דעם איז דער סאָד פון זײַן דערפאָלג.

ניט קיין פּאָשעטע איז, נאַטירלעך, די פראַגע: וואָס זשע ווײַטער? וועט לוריעס „געשיכטע" זײַן אַן אָנהייב פון אַן אַנדער וועג? פון אַן אַנדער שאַפונגס-מאַניר? לויט מײַן מיינונג, איז עס אומוואַרשײַנלעך.

ערשטנס, דאַרף מען נעמען אין אַכט, אַז לוריע אליין האָט זיך גענומען אויספּרוּוון די מעגלעכקײַט פון אַזא נוסעך אין זײַן שאַפונג און האָט אים אָנגעווענדט מיט ווייניקער דערפאָלג אין דער קורצער דערציילונג „איך וועל קיינמאָל זיך עס ניט מויכל זײַן". דאָרט האָבן מיר די זעלבע מאָטיוון, וואָס אין דער „געשיכטע פון א ליבע", אפילע דאָס, וואָס די סיפּער-האַמײַסע האָט דעם אוטאָר דערציילט אַן „אָנגעזעענער דיכטער", מיט וועלכן ער האָט זיך באַגעגנט אין אַן אָפּרו-הויז.

צווייטנס, האָט לוריע שוין דערנאָך פּובליקירט צוויי קאַפּיטלעך פונעם פערטן טייל פון דעם ראָמאַן „הימל און ערד", איבער וועלכן ער אַרבעט איצט.

„צוריק צו „הימל און ערד" — אַזוי קאָן מען פאָרמולירן לוריעס באַשלוס, וועלכער קלינגט אין ברייטן זין סימבאָליסטיש און אינײנעם מיט דעם — פּראַקטיש, אַף וויפל ער ווײַזט אָן דעם אוטאָרס נאַטירלעכן שאַפונגס-וועג.

די „געשיכטע פון א ליבע" וועט בלײַבן אין אַקטיוו פון אונדזער ליטעראַטור, און דער קינפטיקער היסטאָריקער וועט אָט דעם ראָמאַן ניט קאָנען פאַרבײַגיין.

קורצע נאָטיצן

די ביבלישע לענדער אין דער שטיין־טקופע

דער נאָענטער מיזרעך איז דאָס וויגעלע פון די ציוויליזאַציעס פונעם אַלטערטום. כדי צו פאָרשן זייער געשיכטע, האָבן די געלערנטע פיל שריפטלעכע קוואַלן, און צווישן זיי — די טאַנאַך־ספאָרים.

אויב אָבער קיין שריפטלעכע קוואַלן זײַנען ניטאָ? אויב עס גייט א רייד וועגן דער טקופע פון מיט זעקס אָדער אַפילע צוועלף טויזנט יאָר צוריק (דאָס הייסט, לויטן טראַדיציאָנעלן ייִדישן לוח, נאָך פאַר דער וועלט־באַשאַפונג)? אין אַזא פאַל וועט העלפן בלויז די לאָפּעטע פונעם אַרכעאָלאָג...

די הויפּט־רעדאַקציע פון דער מיזרעך־ליטעראַטור (פונעם פאַרלאַג „נאַוקא") האָט אין 1982 אַרויסגעגעבן א בוך פונעם ענגלישן אַרכעאָלאָג דזשיימס מעלאַרט „די אוראַלטסטע ציוויליזאַציעס פונעם נאָענטן מיזרעך". דער בוך איז געווידמעט די פראַגן פון דערלערנען פאַרשיידענע קולטורן פון דער שטיין־טקופע, וועלכע האָבן זיך אַנטוויקלט אויף די שטאָכים פון סיריע, ליוואַן, פאַלעסטינע, מעסאָפּאָטאַמיע, אַנאַטאָליע און אויף א טייל פון איראַן. דזשיימס מעלאַרטס אַרבעט גיט א מעגלעכקייט צו זען די וואָרצלען פון די קולטורן פון שומער, אַקאַד, באַוול, כנאַאַן, פיניקיע.

מאַטעריאַל פאַר דעם בוך האָבן געגעבן די פּילצאָליקע אַרכעאָלאָגישע אויסגראַבונגען, וועלכע עס האָבן דורכגעפירט די געלערנטע פון עטלעכע לענדער. באַזונדערס אינטערעסאַנט זײַנען די רעזולטאַטן פון די אַרכעאָלאָגישע פאָרשונגען אין יעריכאָ, וווּ ס'איז געפונען געוואָרן איינס פון די אוראַלטסטע אָפּשטעל־ערטער פון מענטשן אין דער וועלט (בעערעך מיט צען טויזנט יאָר צוריק) שפּורן פון יישוווים פון דער שפּעטערדיקער שטיין־טקופע האָבן די אַרכעאָלאָגן געפונען אין נאַכאַל אָרען, על וואַד און קעבאַרא אויפן באַרג קאַרמעל, אין איינאַן בא דער אָזערע כולע, אין האַריי יעהודע און אין אַנדערע ערטער. די אײַנוווינער פון אָט די יישוווים האָבן זיך פאַרנומען מיט ערד־אַרבעט, געיעג און פישפאַנג.

דער מעכאַבער פונעם בוך, דזשיימס מעלאַרט, האָט אָנטיילגענומען אין די אויסגראַבונגען אין פאַלעסטינע און אין טערקײַ. עס

זײַנען סענסאַציאָנעל זײַנע אַנטדעקונגען פון צוויי נעאָליט־יישוווים אין דאָרעם־אַנאַטאָליע — טשאַטאַל היויוק און כאַדזשילאַר. די רעזולטאַטן פון די דאָזיקע אויסגראַבונגען האָבן גרינטלעך געענדערט די וויסנשאַפטלעכע פאָרשטעלונגען וועגן דעם אַנטוויקלונגס־ניוואָ פון די מענטשן פונעם נעאָליט־פּעריאָד.

דזשיימס מעלאַרטס בוך „די אוראַלטסטע ציוויליזאַציעס פונעם נאָענטן מיזרעך" איז איבערגעזעצט אין רוסיש פון י. אַנטאָנאָווא, וועלכע האָט אויך געגעבן די נייטיקע קאָמענטאַרן. פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון דער אויסגאַבע און אויך דער אוטאָר פון דער האַקדאָמע איז נ. מערפערט. דער בוך אַנטהאַלט א גרויסע צאָל פאָטאָגראַפיעס, סכעמעס, מאַפּעס, ווי אויך א רעשימע פון אַרבעטן איבער דער פראַגע.

וו. טשערנין

קורצע נאָטיצן

אין דער אלפֿארבאנדישער געאָגראַפֿישער געזעלשאַפֿט

די עטנאָגראַפֿישע קאָמיסיע פֿון דער געאָ-גראַפֿישער געזעלשאַפֿט אין מאָסקווע האָט דורכגעפֿירט א זיצונג, געווידמעט די אשורי-שע ייִדן (לאַכלוכן). מיט פֿאָרטראָגן זײַנען ארויסגעטראָטן דער קאַנדידאַט פֿון היסטאָרי-שע וויסנשאַפֿטן איגאָר קרופּניק (עטנאָגראַפֿי-שער אינסטיטוט בא דער וויסנשאַפֿט-אַקאַדע-מיע פֿון פֿסס״ר), דער זשורנאַליסט לעוו מינץ (פֿונעם זשורנאַל „וואָקרוג סוועטא״) און דער סטודענט-דעמאָגראַף מארק קופּאָוועצקי. אין דער באהאנדלונג האָבן אָנטייל גענומען דער קאַנדידאַט פֿון היסטאָרישע וויסנשאַפֿטן קאָנ-סטאַנטין באַר-מאַטיי (מאַטווייעוו), דער אשו-רישער שריפֿטשטעלער געאָרגי ארסאַניס און דער קאַנדידאַט פֿון היסטאָרישע וויסנשאַפֿטן מיכאיל טשלענאָוו (עטנאָגראַפֿיע-אינסטיטוט). די זיצונג איז פֿאָרגעקומען אין די ראַמען פֿו-נעם טעמאַטישן סעמינאַר איבער קליינע און עטנאָ-דיספּערסנע (נאַציאָנאַל-צעשפּרייטע) גרופּעס אַפֿן שטעטל פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד.

אין פֿאַרלויף פֿון די לעצטע יאָרן האָט דער סעמינאַר ניט איין מאָל זיך געווענדט צו טע-מעס פֿון דער יודאיק. אין 1976 האָט דער דאָקטאָר פֿון היסטאָרישע וויסנשאַפֿטן סטאַ-ניסלאַוו קאָראַליאָוו דורכגעלייענט א רעפֿע-ראַט וועגן די אינדישע ייִדן; דער קאַנדידאַט פֿון היסטאָרישע וויסנשאַפֿטן מיכאיל טשלענאָוו האָט אין אָקטיאַבער 1980 געהאַלטן א פֿאָר-טראָג וועגן דעם ארמענישן און ייִדישן ישׁוּוים אין אינדאָנעזיע; אין דעקאַבער 1981 איז דער סטודענט פֿון די העכסטע ליטעראַרישע קורסן וולאַדימיר טשערנין ארויסגעטראָטן מיט א מי-טיילונג וועגן די טערמינען „קרימטשאַק״ און „קרימטשאַקישע שפּראַך״; אין פֿעוורואַל 1982 האָט לעוו טשערנקאָוו (אינסטיטוט פֿון וויסנ-שאַפֿטלעכער אינפֿאָרמאַציע) געמאַכט אן אי-בערזיכט פֿון די היפּאָטעזעס בענוגע דער אָפּשטאַמונג פֿון די קאַראַימער. וועגן די קאַ-ראַימער און קרימטשאַקעס אין טערקײַ האָט גערעדט דער קאַנדידאַט פֿון היסטאָרישע וויסנשאַפֿטן ראַשיד קאַפּלאַנאָוו (אינסטיטוט פֿון דער אַלגעמיינער געשיכטע) אין זײַן פֿאָרטראָג אויף דער טעמע „די טאַטאַריש-שפּראַכיקע גרופּעס אין טערקײַ און אין דאָ-רעם-מיזרעכדיקער אייראָפּע״, וועלכער איז געלייענט געוואָרן אין יאַנוואַר כוידעש פֿון 1982.

דער סעמינאַר רופֿט טאָמיד ארויס א שטאַרקן אינטערעס באַם אוילעם.

א וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונג וועגן די בוכאַרער ייִדן

אין דער שטאַט נאַלטשיק איז פֿאָרגעקו-מען אן אלפֿארבאנדישע סעסיע וועגן די סאָ-כאַקלען פֿון די עטנאָגראַפֿישע פֿעלד-פֿאָרשונ-גען אין די לעצטע צוויי יאָר. ס׳האָבן זיך פֿאַר-זאַמלט עטנאָגראַפֿן-ספּעציאַליסטן פֿון פֿאַרשיי-דענע שטעט פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד.

דער עטנאָגראַף פֿון דושאַנבע אמנון דאַ-ווידאָוו האָט געהאַלטן א פֿאָרטראָג אויף דער טעמע „די לעוויע — מינהאָגים בא די בוכאַ-רער ייִדן״.

א. דאַווידאָוו האָט אין זײַן פֿאָרטראָג אויס-גענוצט מאַטעריאַלן, וועלכע ער אַליין האָט געזאַמלט, ווי אויך ליטעראַטור-קוואַלן.

א פֿאָרטראָג וועגן ביראָבידזשאַן

לויט דער טראַדיציע, וועלכע עקזיסטירט אויף די העכסטע ליטעראַרישע קורסן באַם אינ-סטיטוט אויף גאָרקיס נאָמען, דערציילן די צו-הערער וועגן די רעפּובליקן, קאַנטן און געגנטן, וועלכע זיי „שטעלן פֿאָר״. אזא פֿאָרטראָג לייענט מען אין די ראַמען פֿון די לימודים פֿון פּאָליטעקאָנאָמיע, וועלכע עס פֿירט דער פּראָ-פֿעסאָר מיכאיל אישוטין.

אין סאָף 1982 האָט דער צוהערער פֿון דער גרופּע „ייִדיש״ וולאַדימיר טשערנין אויס-פֿירלעך דערציילט דער פּילנאַציאָנאַלער אַאוי-דיטאָריע וועגן דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט. עס זײַנען באהאנדלט געוואָרן פֿראַגן וועגן די עטאַפּן פֿון דער ביראָבידזשאַנער גע-שיכטע און וועגן דער הײַנטצײַטיקער עקאָנאָ-מישער און קולטורעלער אנטוויקלונג פֿון דער געגנט.

• • •

יִסראָעל קאָוועלמאַן

די קינסטלערישע אויספֿורעמונג פֿון ספּעקטאַקלען מיט ייִדישע סוזשעטן

ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט מען אין דער מערהייט רוסישע טעאַטערן געהאַלטן די אויספֿורעמונג פֿון די ספּעקטאַקלען פֿאַר קלייניקייט. די טעאַטער־קאָלעקטיוון פֿון יענער צייט, וועלכע זיינען, אַלס קלאַל, געווען פֿאַקטיש וואַנדער־טרופּעס, פֿלעגן איבער זייער איבערגעלאָדנקייט מיט רעפּערטואַר אָפֿט מוזן אין פֿאַרשיידענע פּיעסן מיט אַן ענלעכן פֿאָן פֿון די האַנדלונגען אויסנוצן אייך און די זעלבע דעקאָראַציעס און רעקוויזיט. מאָל די דעקאָראַציעס פֿלעגט מען אַנטרויען צופֿעליקע מענטשן. עכטע קינסטלער האָבן ניט געוואָלט פֿאַטשקען די הענט מיט דעקאָראַציעס. בלויז איינצלנע טעאַטערן פֿון דער הויפּטשטאָט האָבן אין סאָף פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט אָנגעהויבן באַשטעלן בא קינסטלער דעקאָראַציעס צו באַזונדערע ספּעקטאַקלען.

נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע איז די ראָליע פֿונעם טעאַטער־קינסטלער געוואָרן גאָר אַן אַנדערע. מע האָט אים אָנגעהויבן אַפּישירן אין אייך ריי מיטן רעזשיסער, ער האָט אויסגעהערט פֿיל לויב־ווערטער פֿון די צושויער און טעאַטער־קריטיקער.

דער רעקוויזיט פֿונעם ייִדישן טעאַטער אין רוסלאַנד ביז דער רעוואָליוציע איז געווען זייער אָרעם, מאַכמעס זיינע קליינע מאַטעריעלע מעגלעכקייטן. פֿון די זעכצן ייִדישע טעאַטער־טרופּעס, וועלכע האָבן פֿונקציאָנירט אין רוסלאַנד ערעוו דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, האָבן בלויז פֿיר געשפּילט אין באַזונדערע לאָקאַלן, די איבעריקע פֿלעגן אַרומוואַנדערן איבערן לאַנד.

נאָך דער רעוואָליוציע איז אַ סאַך געטאָן געוואָרן, קעדיי די ניי־אויפֿגעקומענע טעאַטער־קאָלעקטיוון זאָלן זיין באַזאָרגט מיט שטענדיקע לאָקאַלן, מיט קינסטלער אַף אויסצופֿורעמען די ספּעקטאַקלען.

אַלס ייִדישן רעפּערטואַר האָט מען באַטראַכט די פּיעסן, וועלכע זיינען געבויט אַף ביבלישע און אַפּאָקריטישע לעגענדעס און מייסעס, טאַלמודישע און מיטלאַלטערלעכע דערציילונגען, גענומענע פֿון דער ייִדישער געשיכטע, פֿון ייִדישן פֿאָלקלאָר און לעבנסשטייגער, אויך פּיעסן, וווּ ייִדן זיינען אַ טייל פֿון די פּערסאָנאַזשן. אין די רוסישע טעאַטערן זיינען געגאַנגען וואָדעווילן, וווּ עס האָבן, צווישן אַנדערע, פֿיגורירט קאָמישע ייִדישע פּערסאָנאַזשן. ערעוו דער ערשטער וועלט־מילכאָמע זיינען מיט גרויס דערפֿאָלג באַוויזן געוואָרן וו. שעקספּירס „דער סוחער פֿון ווענעציע“, ק. גוצקאָווס „אוריעל אַקאָסטאַ“, אויך פּיעסן מיט ייִדישע סוזשעטן, פֿאַרפֿאַסט פֿון די דראַמאַטורגן פֿון יענער צייט: ד. אייזמאַן „דערנער־קוסט“, שאָלעם אַש „גאָט פֿון נעקאָמע“, י. גאָרדין „דער סאָטן“ און „מירעלע עפֿראָס“, אַ. דימאָוו (פּערלמאַן) „דער אייביקער נאַווענאַדניק“ און „שמא ייִסראָעל“, י. טשיריקאָוו „ייִדן“, ס. יושקעוויטש „אין שטאָט“, אאַ.

די ייִדישע טעאַטראַלע טרופּעס האָבן געשפּילט קימאַט בלויז פּיעסן אַף ייִדישער טעמאַטיק, אָנגעשריבן דורך ייִדישע דראַמאַטורגן. דאָס זיינען געווען (נאָך דער רעוואָליוציע) קוידעמקאָל די אַלגעמיין באַקאַנטע ווערק (ריכטיקער איבעראַרבעטונגען) פֿון אַ. גאָלדפֿאַדענס שאַפֿונגען און ווערק (אָדער אינסצענירונגען) פֿון ייִדישע קלאַסיקער, אויך פּיעסן (אין גרעסטן טייל באַשטעלטע) בא ייִדישע סאָוועטישע שרייבער. די סאָוועטישע ייִדישע שרייבער האָבן זיך אַקטיוו אָפּגערופֿן אַף

די רעוואָליוציאָנערע געשעענישן. לאָמיר דערמאָנען „באַטווין" פון א. וועוויאָרקע; „אין פײַער" און „יוליס" פון דאַניִעל מייעראָוויטש; „הירש לעקערט" פון אַרן קושניראָוו; „דער מאָלצײַט" פון פּערעץ מאַרקיש; „יונגען" פון ע. פינינבערג; די דראַמאַטורגן האָבן זיך אָפּגערופן אַף דער אַנטשטייונג פון יִדישע קאָלווירטן („אַרן פרידמאַן" פון ש. האַלקין, „בית געדײַגעט" פון פּערעץ מאַרקיש), אַף דער מילכאָמע קעגן דעם פאַשיסטישן דײַטשלאַנד („דער אופשטאַנד אין געטאָ" און „א אויג פאַר א אויג" פון פּערעץ מאַרקיש; „די וועלדער רוישן" פון א. בראַט און ג. לינקאָוו). ס'זײַנען אויך געשאַפן געוואָרן פּיעסן־פּאַראָדיעס וועגן דעם ביז־רעוואָליוציאָנערן און קאַפּיטאַליסטישן לעבנסשטייגער (אי. פעפערס „דער קוימענקערער"; ע. לויטערס „פורימשפּיל"; י. דאָברושינס און נ. אויסלענדערס „דרײַ פּינטעלעך" א.א.).

אין אַלגעמיין זײַנען אין די רוסישע און יִדישע טעאַטערן געשפּילט געוואָרן מער פון הונדערט פּיעסן מיט יִדישע סוזשעטן. אַף די מוזיקע שטעלונגען האָבן געאַרבעט בעערעך פערציק דראַמאַטורגן (צווישן זיי אַרום דרײַסיק יִדישע). די פּיעסן זײַנען געשטעלט געוואָרן אין צוואַנציק טעאַטערן (זיבן יִדישע). אין דער אויספורעמונג פון די ספּעקטאַקלען האָבן אָנטיילגענומען מער פון זיבעציק טעאַטער־קינסטלער, צווישן זיי מ. אַקסעלראָד, ב. אַלטמאַן, י. ראַבינאָוויטש, א. טישלער, ר. פאַלק, נ. שיפריך, פּיעסן אַף דער יִדישער טעמאַטיק האָבן געשטעלט א סאַך טעאַטער־קאָלעקטיוון פון דער פּראָווינץ.

מאַטעריאַלן וועגן דער קינסטלערישער אויספורעמונג פון די ספּעקטאַקלען מיט יִדישע סוזשעטן קאָן מען טרעפן אין פיל אַרטיקלען אין זשורנאַלן און צײַטונגען, אין די קאַטאַלאָגן פון אַנטשפּרעכיקע אויסשטעלונגען, אין מאָנאָגראַפיעס וועגן טעאַטער און וועגן באַזונדערע קינסטלער, אין פּאַטאָטעקעס פון טעאַטראַלע מוזייען און ביבליִאָטעקן פון מאָסקווע, לענינגראַד, קיִעוו און אַנד. לײַדער ווערן די רעצענזיעס אַף טעאַטער־שטעלונגען אָפט באַגרענעצט מיט אַלגעמיינע פראַזעס אָדער באַגײַסטערטע אויסרופן און די געבראַכטע איליוסטראַציעס זײַנען צוליב דער שלעכטער קוואַליטעט פונעם דרוק־פּאַפּיר ניט קיין דײַטלעכע.

איינער פון די ערשטע טעאַטראַלע קינסטלער אין רוסלאַנד איז געווען מ. שישקין. ער האָט קינסטלעריש אויסגעפורעמט די ספּעקטאַקלען פונעם פּעטערבורגער אָפּערע־טעאַטער „יעהודיס" פונעם קאָמפּאָזיטאָר א. סעראָוו (1869), „די מאַקאַבייער" פון א. רובינשטיין (1876), „די מאַלקע שוואָ" פון ק. גאָלדמאַרק (1880) און אַנד.

אין דער דעקאָראַציע־קונסט פון רוסלאַנד האָט א באַזונדערע ראָליע געשפּילט די אויספורעמונג פון די ספּעקטאַקלען אינעם מאָסקווער טעאַטער אָפּן נאָמען פון ס. מאַמאָנטאָוו, באַזונדערס די ליברעטאָ פון דער אָפּערע „יויסעף האַצאַדיק" (קאָמפּאָזיטאָר נ. קאַראַטקאָוו) און די טראַגעדיע „שאָול האַמעלעך" (1885 און 1889 יאָרן). די דעקאָראַציעס צו דער אָפּערע „יויסעף האַצאַדיק" האָט געמאָלט וו. פּאָלענאָוו (א סוואָרע, אַז מיט דער הילף פון אי. לעוויטאַן און וו. סעראָוו). פּאָלענאָוו, ווידער, האָט עטוואָס שפּעטער אָנגעשריבן דעקאָראַציעס צו די אָפּערעס „אוריִעל אַקאָסטאַ" פונעם קאָמפּאָזיטאָר וו. סעראָוו (בערגמאַן) אין פּעטערבורגער אָפּערע־טעאַטער (1885) און „די מאַקאַבייער" פונעם קאָמפּאָזיטאָר א. רובינשטיין (פּעטערבורגער פּאָלקס־הויז, 1909). די עסקיזן געפינען זיך אין פּאָלענאָווס הויז־מוזיי. די דעקאָראַציעס צו דער טראַגעדיע „שאָול האַמעלעך" האָט געמאָלט מ. ווערובעל.

א ביסל שפּעטער האָט אין דער אַנטוויקלונג פון דער טעאַטראַל־דעקאָראַטיווער קונסט אַרײַנגעטראָגן זײַן צושטײַער דער מאָסקווער קינסטלערישער טעאַטער („מכאַט"). באַם אויספורעמען זײַנע ספּעקטאַקלען האָט ער זיך באַמיט אויפצושטעלן א היסטאָריש־ריכטיק בילד פונעם לעבנסשטייגער פון דער עפּאָכע. צו די פּיעסן מיט א יִדישער טעמאַטיק, וועלכע דער טעאַטער האָט אויפגעפירט, געהערט ל. אַנדרייעווס פּיעסע „דער כײַרעם" (דעקאָראַציעס פון וו. סימאָוו) און די „מיזערן" (אָרעמעלײַט) פון ס. יושקעוויטש, דעקאָראַציעס פון וו. יעגאָראָוו (1909—1910).

פון די אַנדערע פאַררעוואָליוציאָנערע טעאַטראַלע שטעלונגען אין די רוסישע טעאַטערס, וואָס זייערע דעקאָראַציעס האָבן געמאָלט קינסטלער, וועלן מיר אָנווײַזן אַף א. סעראָווס אָפּערע „יעהודיס", דעקאָראַציעס פון וו. סעראָוו (פּעטערבורגער אָפּערע־טעאַטער, 1907), י. בערנשטיינס דראַמע „ייִסראָעל", דעקאָראַציעס פון פּ. לאַוראָווסקי, און וו. שעקספּירס טראַגעדיע „דער סויכער פון ווענעציע", דעקאָראַציעס פון ל. בראַילאָווסקי (מאָסקווער „קליינער טעאַטער", 1912 און 1916).

דאָ דאַרף מען דערמאָנען די עסקיזן פונעם קינסטלער ל. באַקסט, די אָנצוגן צו די באַלעטן פון ר. שטראַוסעס „די לעגענדע וועגן יויסעף האַצאַדיק" און „סאַלאָמייע" (געשטעלט אין פּאַריזש, אין 1914).

נאָך דער רעוואָליוציע האָבן פאַרשיידענע רוסישע טעאַטערן, הערויקער פון די הויפּטשטעט, געשטעלט ספּעקטאַקלען מיט יִדישע סוזשעטן און צוגעצויגן קינסטלער צום מאָלן די דעקאָראַציעס.

פון די לענינגראַדער טעאַטערס: דער גרויסער דראַמאַטישער האָט געשטעלט שעקספּירס „דער סויכער פון ווענעציע" (קינסטלער א. בענואַ, 1920), דער גרויסער אָפּערע־טעאַטער — שטראַוסעס „סאַלאָמייע" (קינסטלער מ. קוריִלקאָ, 1925), דער „פרײַער טעאַטער" — „מענדל מאַראַנץ" לויט ר. דאָרפמאַן (קינסטלער נ. אַקימאָוו, 1926).

פון די מאָסקווער טעאַטערס: דער „קליינער טעאַטער" — אַ. אויילדס „סאַלאָמייע" (קינסט־לער ק. קאָראָוויך, 1917), ק. גוצקאָווס „אוריעל אַקאָסטאַ" (קינסטלער י. ראַבינאָוויטש, 1940), דער קאַמער־טעאַטער — אַ. אויילדס „סאַלאָ־מייע" (קינסטלער א. עקסטער, 1918), שפּע־טער — א. מאַריענהאָפס „דער אַדוואָקאַט פון באָול" (קינסטלער ק. מעדונעצקי און וו. שטענ־בערג, 1924), פּ. מאַרקישעס „ווער וועמען?" (קינסטלער וו. רינדין, 1932); דער „מכאַט" — ד. בייראָנס „קאַין" (קינסטלער ב. אַנדריייעוו, 1920); דער קאָמעדיע־טעאַטער, געוועזענער קאָרש־טעאַטער — ג. קייזערס „די ייִדישע אַל־מאָנע" (קינסטלער — ג. יאַקולאָוו, 1923); דער „נייער דראַמאַטישער טעאַטער" — מ. לערמאָנ־טאָווס „שפּאַניער" (קינסטלער וו. טריוואַקס, 1925); דער גרויסער טעאַטער פון אָפּערע און באַלעט (אויך דער עקספּערימענטאַלער) — מ. וואַסילענקאָווס באַלעט „יוסף דער פּאַרשוין" (קינסטלער ב. ערדמאַן, 1925); דער וואַכטאַנ־גאָוו־טעאַטער — פּ. מאַרקישעס „דער פינפטער האָריזאָנט" (קינסטלער י. ראַבינאָוויטש, 1932); דער „נייער טעאַטער" — ק. גוצקאָווס „אוריעל אַקאָסטאַ" (קינסטלער ב. ערדמאַן, 1934); דער טעאַטער אָפּ נאָמען פון מאָסקווער סאָוועט — פ. וואָלפס „פּראָפעסאָר מאַמלאָק" — (קינסטלער י. פּימענאָוו און וו. וואַסיליעוו, 1935); דאַניעל מייעראָוויטשעס „דער כלאָפּטשיק" (קינסטלער מ. אַקסעלראָד, 1936); דער סאַטירע־טעאַטער, — די ברידער שור „ניט קיין גלייכער שידוך" (קינסטלער ל. זוסמאַן, 1938); דער צענטראַלער ליאַלקע־טעאַטער — אי. שטאָקס „די געטלעכע קאָמעדיע" און „בויעכס טייווע" (קינסטלער ב. טוזלוקאָוו, 1961 און 1968).

פּיעסעס מיט ייִדישער טעמאַטיק האָבן גע־שפּילט אויך די טעאַטערן פון די סאָוועטישע רעפּובליק, קאָנקרעט (לויט ניט פולע ידיעות):

די טעאַטערן פון אוקראַינע — דער קיִעווער (געוועזענער סאָלאָווצאָווס) — אַ. ווײַלדס „סאַ־לאָמייע" (קינסטלער י. ראַבינאָוויטש, 1919); דער דניעפּראָפּעטראָווסקער אָפּ שעווטשענקאָס נאָמען — „גאַלעס באָול" פון ל. אוקראַינקע (קינסטלער ד. פּעטריצקי, 1920); דער כאַרקאָ־ווער טעאַטער אָפּ שעווטשענקאָס נאָמען — שאָ־לעם־אַליייכעמס „טעוויע דער מילכיקער" (קינסטלער א. טישלער, 1947); דער זאַפּאָראָ־זשיער טעאַטער אָפּ זאַנקאָוועצקיס נאָמען — ק. גוצקאָווס „אוריעל אַקאָסטאַ" (קינסטלער פּ. ניראַד, 1938).

די טעאַטערן פון אַרמעניע — דער ערעוואַ־נער טעאַטער אָפּ סונדוקיאַנס נאָמען — וו. שעקספּירס „דער סוחר פון וועניציע" (קינסטלער ג. יאַקולאָוו, 1926).

די טעאַטערן פון לעטלאַנד — דער ריגער קינסטלערישער — אי. ערענבורגס „לאַזיקס שטורמיש לעבן" און יאַ. רייניסעס „יוסף און זיינע ברידער" (קינסטלער א. סקולמע, 1929 און 1932).

וועגן דער קינסטלערישער אויספורעמונג פון די ספּעקטאַקלען אינעם פּאַרעוואָלוציאָ־נערן ייִדישן טעאַטער זיינען פאַרבליבן ווייניק ידיעות. מיר קענען אָנווייזן בלויז אָף א. גאָלד־פאַדענס צייכענונג פונעם אשמעדייס אָנצוג, געמאַכט צו זיין פּיעסע „דער אשמעדיי אָדער דאָס צענטע געבאָט" (זע „סאָוועטיש היימלאַנד" פון 1976, נומ. 11, ז. 142) און אָף ר. פאַלקס עסקיזן (1916; זיי היטן זיך אינעם קינסטלערס פאַמיליען־אַרכיוו) פון טעאַטראַלע בילדער אָף ביבלישע סוזשעטן, וועלכע זיינען באַוויזן גע־וואָרן אין א פּריוואַט הויז (מע איז זיך מע־שייער, אַז אינעם הויז פון דעם טיי־הענדלער ד. וויסאָצקי אין מאָסקווע).

פאַקטיש זיינען די מאָסקווער ייִדישע טעאַ־טערן „האַבימאַ", „גאָסעט" און דער ייִדישער מעלוכישער קאַמער־טעאַטער געווען די ערשטע, וועלכע האָבן צוגעצויגן פּראָפעסיאָנעלע קינסט־לער צום אויספורעמען די ספּעקטאַקלען.

„האַבימאַ" (געעפנט זיך אַלס א סטודיע אין 1918, אַרויסגעטראָטן מיט דער ערשטער שטע־לונג אין 1922, אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד אין 1928). פאַר די יאָרן, וואָס ער האָט געשפּילט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, האָט ער באַוויזן פאַלגנ־דיקע פּיעסן: ש. אַנ־סקי — „האַדיבוק" (קינסט־לער נ. אַלטמאַן, 1922); ד. פּינסקי „דער איי־ביקער ייִד" (קינסטלער — ג. יאַקולאָוו, 1923); ה. לייוויק „דער גולעם" (קינסטלער אי. ני־וואָנסקי, 1925); ר. האָפמאַן — „יאַנקעווס כאַ־לעם" (קינסטלער ר. פאַלק, 1925).

ייִדישער מעלוכע־טעאַטער — גאָסעט (אָרגאַ־ניזירט געוואָרן אין פּעטראָגראַד אין 1918, צום סאָף 1920 אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע. אַרויסגעטראָטן מיט דער ערשטער שטעלונג אין 1921. עקזיסטירט ביזן 1949). דער גאָסעט האָט צוגעצויגן צום אויספורעמען זיינע ספּעקטאַק־לען פאַלגנדיקע קינסטלער:

מ. אַקסעלראָד. אויסגעפורעמט דעם ספּעק־טאַקל „מידאַס האַדין" פון ד. בערגעלסאָן, 1923.

נ. אַלטמאַן. אויסגעפורעמט די ספּעקטאַקלען „אוריעל אַקאָסטאַ" פון ק. גוצקאָוו, 1922, „הונ־דערט אייך און דרייסיק קינדערהיימען" פון א. וועוויאָרקע, 1925; „דער דאָקטער" פון שאָ־לעם־אַליייכעם, 1925; „דאָס צענטע געבאָט" פון י. דאָברושין 1925; „כאָווער שינדל" פון א. ווע־וויאָרקע, 1926; „עס ברענט" פון י.־ל. פּערעץ, 1940.

א. גוסאָטינסקי. „דער קויסל מאַראַנוי" פון ל. מיזאַנדראָנצעוו, 1935.

י. ראַבינאָוויטש. „גאָט פון נעקאָמע" פון ש. אַש, 1921; „די קישעפמאַכערן" פון א. גאָלד־פאַדען, 1922; „דער געריכט גייט" פון י. דאָב־רושין, 1929; „ניט געדייגעט" („ערד") פון פּ. מאַרקיש, 1931; „יוליס" („פיר טעג") פון מ. דאַניעל, 1931; „טעוויע דער מילכיקער", לויט שאָלעם־אַליייכעמען, 1938; „דער טויבער" פון ד. בערגעלסאָן, 1939.

י. ראַביטשעוו. „דער געט" פון שאָלעם־אַליייכעם, 1924; „א נאַכט באַם כסידישן רעבן",

פון י. דאָברושין, 1924, „דער אופשטאנד" פון ל. רעזניק, 1927.

י. ראביטשעוו (צוזאמען מיט סטעפאנאָוון) — „צוויי הונדערט טויזנט" 1923; „דריי פינטעלעך ייִד" פון י. דאָברושין און נ. אויסלענדער, 1924.

וו. רינדין „שולאמיס" לויט א. גאָלדפאדען, 1937.

א. סטעפאנאָוו. „דער ספעק" פון י. דאָברושין און י. נוסינאָוו, 1932.

א. טישלער. „דער גאזלען בויטרע" פון מ. קולבאק, 1936; „באר־קאָכבא" פון ש. האלקין, 1937, „די מישפאָכע אָוואדיס" און „דער מאָלצייט" פון פערעץ מארקיש, 1937 און 1939, „בלאָנדזשנדע שטערן" און „דער פארקישעפטער שניידער", לויט שאָלעם־אלייכעמען, 1941 און 1943; „איין טאכאס איין" און „דער אופשטאנד אין געטאָ" פון פערעץ מארקיש, 1943; „די קאפריזנע קאלע" און „די קישעפמאכערן" לויט א. גאָלדפאדען, 1944 און 1949; „פריילעכס" פון ז. שנייער (אָקון), 1945.

ר. פאלק. „באנאכט אפן אלטן מארק" פון יי.־ל. פערעץ, 1925; „מאסאָעס ביניאָמין האשלישי", לויט מענדעלע מויכער־ספאָרים, 1927; „שלוימע מיימאָן", פון מ. דאניעל, 1940; „די שפאניער" פון מ. לערמאָנטאָוו, 1941, „די וועלדער רוישן" פון א בראט און ג. לינקאָוו, 1946.

יע. כייפעץ (צוזאמען מיט שאריקאָוון). „הרעבליעס" פון ה. אָרלאנד, 1930.

מ. שאגאל. „מאזלטאָוו", לויט שאָלעם־אלייכעמען, 1921.

נ. שיפרין. „צוויי קונילעמלעך" פון א. גאָלדפאדען, 1940־ער יאָרן; „ערעוו יאָמטעוו" פון י. בראָדערזאָן, 1947.

ד. שטערנבערג. „דער לופט־מענטש" („מעבאכעם־מענדל", לויט שאָלעם־אלייכעמען, 1928).

אין מאָסקווע האָבן פון צייט צו צייט געשפילט אויך אנדערע ייִדישע טעאטער־קאָלעקטיוון. אין די 20־ער יאָרן האָט געארבעט די סטודיע „פרייקונסט", וועלכע האָט, אגעוו, געשפילט ה. לייוויקס פיעסע „דער גוילעם" (קינסטלער — א שולריכטער, 1927), אין די דרייסיקער יאָרן האָט אין מאָסקווע געארבעט א סטודיע, אונטער דער אָנפירונג פון א. אזארך־גראנאָווסקאיא. די סטודיע האָט אופגעפירט שאָלעם־אלייכעמס „בלאָנדזשענדע שטערן" אין דער קינסטלערישער אויספורעמונג פון ר. פאלק.

אָנהייבנדיק פון די 60־ער יאָרן ארבעט אין מאָסקווע (באם מאָסקאָנצערט) א ייִדישער דראמאטישער אנסאמבל, וועלכער איז ארויסגעטראָטן מיט א ריי ספעקטאקלען, דערונטער „מעיווער לאיאם" פון י. גאָרדין (קינסטלער נ. סאָמאָוו), „דער פארקישעפטער שניידער", לויט שאָלעם־אלייכעמען (קינסטלער ג. פערקעל).

אויסער דעם גאָסעט האָבן אין די ערשטע סאָוועטישע יאָרצענדליקער פונקציאָנירט אזעלכע וויכטיקע קאָלעקטיוון, ווי דער ייִדישער מעלוכע־טעאטער פון ווייסרוסלאנד און דער ייִדישער מעלוכע־טעאטער פון אוקראינע. דער ערשטער האָט געארבעט אין מינסק אין די יאָרן 1923—1941. באזונדערע ספעקטאקלען זיינע האָבן אויסגעפורעמט פאָלגנדיקע קינסטלער:

מ. אקסעלראָד. „דער שטרייק פון די שניידער", פון ל. זיסקינד, 1935, „שוועסטער" פון יי.־ל. פערעץ, 1937; „טעוויע דער מילכיקער" און „מענאכעם־מענדל" (לויט שאָלעם־אלייכעמען), 1938 — 1940.

ס. ווישנעוועצקאיא (צוזאמען מיט יע. פראדקינע) „יאָרשים" פון וו. גאָלאָווטשינער, 1930־ער יאָרן.

יע. מאנדעלבערג. „הירש לעקערט" (פון א. קושניראָוו, 1928).

אי. טאכליס. „שיר האשירים" און „די לעוואָנע דערציילט" (לויט שאָלעם־אלייכעמען און יי.־ל. פערעץ), 1923.

י. ראבינאָוויטש. „א יאָמטעוו אין קאסרילעווקע", פון ז. אקסעלראָד און אי. כאריק, 1929.

ב. ריבאק. „אין פאָליש אף דער קייט" פון א באלטשוווע", פון יי.־ל. פערעץ, 1925.

א. טישלער. „באָטווין" (אווטאָר א. וועוויאָרקע, 1927), „צוויי און זעכציקסטער באצירק" (פון י. דאָברושין, 1928); „דער טויבער" (לויט ד. בערגעלסאָנען, 1928).

ר. פאלק. „דער פארקישעפטער שניידער (לויט שאָלעם־אלייכעמען, 1941).

י. טשייקאָוו. „דער כיידער" (לויט שאָלעם־אלייכעמען, 1941).

ג. יאקולאָוו. „שיילאָק" („דער סויכער פון ווענעציע") פון וו. שעקספיר, 1925.

אין קיעוו האָט אין די ערשטע יאָרן פון דער סאָוועטנמאכט געארבעט א קורצע צייט (1920 — 1923) א ייִדישע טעאטער־סטודיע „קולטור־ליגע". אף דער באזע פון אָט דער סטודיע איז שפעטער אופגעקומען דער ייִדישער מעלוכע־טעאטער פון אוקראינע. די סטודיע האָט אופגעפירט אייניקע פיעסן (שאָלעם אשס „גאָט פון נעקאָמע", שאָלעם־אלייכעמס „200 טויזנט", יי.־ל. פערעצעס „מעקובאָלים", „די גאָלדענע קייט", „די פוסטע קרעטשמע"). אלע זיינען זיי געווען אויסגעפורעמט פונעם קינסטלער נ. שיפרין.

דער אוקראינישער ייִדישער מעלוכע־טעאטער האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אין כארקאָוו (אין 1925), דערנאָך איז ער אריבערגעפאָרן קיין קיעוו (1934 — 1941). בייס דער מילכאָמע איז ער עוואקוירט געוואָרן קיין קאָקאנד. נאָך דער עוואקואציע האָט זיין עקזיסטענץ זיך איבערגעריסן. די ספעקטאקלען פון אָט דעם טעאטער זיינען אויסגעפורעמט געוואָרן מיצאד א ריי קינסטלער:

מ. אקסעלראָד, „דער גאזלען בויטרע" פון מ. קולבאק, 1936; „דער פארקישעפטער שניידער" (לויט שאָלעם־אלייכעמען, 1944; „איך לעב" פון מ. פינטשעווסקין, 1945.



1



2

3

5

4

1. מ. אקסעלראָד. עסקיז פון א דעקאָראציע צום ספּעק־טאקל „טעוויע דער מילכיקער“ אין ווײַסרוסלענדישן גאָסעט, 1938
2. י. ראבינאָוויטש. דעקאָראציע צום ספּעקטאקל „ערד“ (לויט פּערעץ מארקישן)
3. ר. פאלק. דעקאָראציע צום ספּעקטאקל „מאָסאָעס בינ־יאָמין האשלישי“ אין מאָסקווער גאָסעט, 1927
4. וו. סעראָוו. איינער פון די קאָסטיומען צו דער אָפּע־רע „יעהודיס“ פון א. סעראָוו אין פּעטערבורגער אָפּע־רע־טעאטער, 1907
5. א. טישלער. דער קאָסטיום פונעם באדכן צום ספּעק־טאקל „פריילעכס“ אין מאָסקווער גאָסעט, 1945
6. נ. אלטמאן. דעקאָראציע צום ספּעקטאקל „אוריִעל אקאָסטא“ אין מאָסקווער גאָסעט, 1924



6

נ. אלטמאַן. „באר־קאָכבא“ און „ארן פרידמאַן“ (פון ש. האלקינען, 1938 און 1939); „דער פארקישעפטער שניַידער“ (לויט שאָלעם־אליַיכעמען, 1940), „שוועסטער“ פון יי־ל. פערעץ, 1940.

מ. דראק — „דאָס נייַע דאָרף“ און „דרייענדיקער פליגל“ פון א. וועוויאָרקע, 1930; „הערשעלע אָסטראָפּאָליער“ פון מ. גערשענזאָן, 1936.

ס. זאריצקי. „באלטויוועס“ (לויט מענדעלע מויכער־ספאָרימס „די טאקסע“ און „דער פריזיוו“, 1928).

ל. קראָל. „הירש לעקערט“ פון א. קושניראָוו, 1928.

יע. מאנדעלבערג. „ניט געדייַגעט“ (לויט פערעץ מארקישעס פיעסע אונטער דעם זעלבן נאָמען, 1931).

י. ראביטשעוו. „שאבסיי־צווי“ (לויט יו. זשולאָווסקי און ש. אשן, 1925), „צוויי קונילעמלעך“ (לויט א. גאָלדפאדענען, 1926).

ג. רודיק. „בלוט“ פון ב. אָרשאנסקי, 1930.

י.־ב. ריבאק. „פורים־שפיל“ פון ע. לויטער, 1925; „אין ברען“ פון מ. דאניעל, 1926.

וו. ריפטין. „געדעקטע קאָרטן“ פון מ. פינטשעווסקי, 1930; „יוליס“ פון מ. דאניעל, 1931; „טעוויע דער מילכיקער“ (לויט שאָלעם־אליַיכעמען, 1938).

פ. סלוצקי. „יונגען“ פון ע. פינינבערג, 1927.

א. טישלער. „די לעצטע“ פון ל. רעזניק, 1928.

נ. שיפרין. „200 טויזנט“ (לויט שאָלעם־אלייכעמען, 1920); „מעקובאָלים“ לויט יי.־ל. פערעץ, 1920.

וו. שקלייעוו. „שלעק“ פון אי. פעפער און פ. סיטאָ, 1928.

מ. עפשטיין. „דער קוימענקערער“ פון אי. פעפער און נ. פידל, 1926; „ריסטאָקראטן“, „מענטשן“, „פארביטן די יאָצרעס“ (לויט שאָלעם־אלייכעמען, 1927). אאַ.

ביז דער מילכאָמע האָט אין קיעוו פונקציאָנירט אויך א יידישער טעאטער פון יונגן צושויער (א ריי ספעקטאקלען האָט דאָרט אויסגעפורעמט דער קינסטלער נ. מעלאמעד) און א יידישע טרופע אינעם ליאָלקע־טעאטער. די טרופע האָט געשטעלט די ספעקטאקלען: ב. גוטיאנסקי „לייזער דער בייזער“, קינסטלער מארגאָלין; פ. סיטאָ „שיקע דער זאיקע“, קינסטלער בעלאָצערקאָווסקי.

דורך פארייניקן דעם וויניצער יידישן טעאטער און די אָדעסער יידישע טעאטראלע סטודיע איז אין 1935 געשאפן געוואָרן דער אָדעסער יידישער מעלוכע־טעאטער. ער האָט אופגעפירט פאָלגנדיקע ספעקטאקלען: „בלאָנדזשנדע שטערן“ (לויט שאָלעם־אלייכעמען, קינסטלער ל. זוסמאן, 1939); יי.־ל. פערעץ „שוועסטער“ (קינסטלער ג. קעסלער, 1941). אָנהייב מילכאָמע איז דער טעאטער עוואקוירט געוואָרן קיין סאמארקאנד, נאָך דער מילכאָמע איז ער אריבערגעפאָרן קיין טאשקענט, ווו זייַנע ספעקטאקלען האָט אויסגעפורעמט דער קינסטלער וו. ריפטין.

אף אוקראינע האָבן ביז דער מילכאָמע געארבעט אויך אנדערע יידישע טעאטערס (דער דניעפּראָפּעטראָווסקער געגנטלעכער, דער קריוואָראָגער באוועגלעכער אא.).

אין די דרייַסיקער יאָרן איז אָרגאניזירט געוואָרן און האָט א געוויסע צייַט געארבעט דער בירָאבידזשאנער יידישער מעלוכע־טעאטער. איייניקע ספעקטאקלען זייַנע האָבן אויסגעפורעמט די קינסטלער: ס. גאָלדבערג (מ. קולבאקס „דער גאזלען בויטרע“ און מ. דאניעלס „זיאמקע קאָפּאטש“); ל. זעווין „גאָלדגרעבער“, „נאפּאָלעאָנס אויצער“, לויט שאָלעם־אלייכעמען; י. ראביטשעוו (מ. דאניעלס „יוליס“); נ. שיפרין (ק. גוצקאָווס „אוריעל אקאָסטא“).

אין 1978 איז אָרגאניזירט געוואָרן דער בירָאבידזשאנער מוזיקאלער קאמער־טעאטער. ער האָט באוויזן די אָפּערע־מיסטעריע „א שווארץ צייַמל פאר א ווייַס פערדל“, (טעקסט פון אי. רעזניק, יידיש — כ.ביידער, מוזיק פון יו. שערלינג, קינסטלער א. גלאזונאָוו).

אין ליטע טרעט ארויס די יידישע טרופע באם ווילנער פאָלקס־טעאטער. איינער פון אירע ספעקטאקלען — מ. גערשענזאָנס „כעלעמער כאַכאָמים“ — האָט אויסגעפורעמט דער קינסטלער מ. פערצאָוו.

די אנטוויקלונג פון די סטילן פון דער טעאטראלער דעקאָראציע־קונסט פון XX יה. ווערט באגלייט מיט ענערגישע עסטעטישע זוכונגען און נאָוואטאָרישע שטרעבונגען אין אנדערע געביטן פון דער מאָלערייַ־קונסט און אין דער ארכיטעקטור. אָנשטאָט דעם רעאליזם איז ערעוו דער רעוואָליוציע אופגעקומען דער קובאָפוטוריזם און נאָך אים דער קאָנסטרוקטיוויזם. אָנשטאָט בילדערישע דעקאָראציעס און אקסעסוארן, וועלכע באווייַזן דעם היסטאָרישן און שטייגערישן פאָן פונעם ספעקטאקל, האָבן די טעאטער־קינסטלער אָנגעהויבן לאָזן אין גאנג אבסטראהירטע מאסשטאב־פאָרמען (פון לייַוונט, וואָס איז אָנגעצויגן אף א לייַכטן קארקאס).

אין גאַנג פון דער טעאטראל־דעקאָראטיווער קונסט, האָט זיך אנטוויקלט די דראמאטורגיע. די פיעסן פון א טראדיציאָנעלער סטרוקטור, וועלכע האָט פאָרויסגעזען א באגרעניצטע צאָל אקטן, זייַנען פארביטן געוואָרן אף דראמאטישע ווערק און אינסצענירונגען, וואָס זייַנען פול מיט אָן א שיר סצענישע סיטואציעס. באם אופירן די ספעקטאקלען האָט מען אָנגעהויבן באנוצן פארייינפאכטע עלעמענטן, מיט וועלכע מע פלעגט דורך פארשיידענע מאניפּוליאציעס באקומען פיל ווארִיאציעס פון די סצענישע בילדער.

א נייַער קער אין דער טעאטראל־דעקאָראטיווער קונסט איז פאָרגעקומען אין 1932, ווען א ספעציעלע פארטיי־באשטימונג איז געווען געווידמעט דער ווייַטערדיקער אנטוויקלונג פור-

נעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם. די ווײַטערדיקע זוכונגען אין דער קינסטלערישער אויספורעמונג זײַנען אריבער פון דעקאָראַציעס און מאָלערײַ טיילווײַז אויך צו אַפּליקאַציעס. עס האָבן אָנגעהויבן שפּילן א גרעסערע ראָליע די ליכט־עפעקטן, מע האָט גענומען זיך באַנוצן מיט פּראָיעקציעס פון דיאַפּאָזיטיוון און פון קינאָ־קאַדרען.

ווען מע לייענט די רעצענזיעס פון יענער צײַט, באַקומט מען ידיִעס וועגן באַזונדערע, סאַמע כאַראַקטעריסטישע טעאַטראַלע ארבעטן, וועלכע האָבן ארויסגערופן א שטאַרקן רעזאָנאַנס. עס האַנדלט זיך וועגן די שאַפונגען פון אַזעלכע קינסטלער, ווי אַלטמאַן, ראַבינאָוויטש, טישלער, שיפרין, עקסטער, יאַקולאָוו.

אַלטמאַן האָט באַם גרייטן דעם ספּעקטאַקל „האַדיבוק" געמאָלט דעם אינטעריער פון א סינאַגאָגע: דעם צימער, ווו עס זיצט דער צאַדיק, דעם קליינעם הויף, וואָס רינגלט ארום דאָס הויז פון דער קאַלע, די אָנצוגן פון די פּערסאָנאַזשן פון דער פּיעסע (שווארצע אָדער ווײַסע אָנצוגן פון די אָרעמעלײַט, גראָע און בונטע פון די באַלעבעסלעך). באַ זיי אַלעמען — אַן אוט־רירטער גרים, וואָס מאַכט דעם אײַנדרוק פון מאַסקעס. באַם אויספורעמען דעם ספּעקטאַקל „אוריִעל אַקאָסטאַ" האָט אַלטמאַן געשאַפן באַדינגלעכע ערטער, וועלכע פיגורירן אינעם ספּעקטאַקל („א ביבליאָטעק", „א סאָד", „א הויז", „א סינאַגאָגע"), ניט זוכנדיק קיין היסטאָרישע פּינקטלעכקײַט. אַפן פאָן פון שווארצן סאַמעט האָבן זיך אויסגעטיילט מאַסשטאַב־פאָרמען פון באַזילבערטן שטאָף: פלאַכקײַטן, אונטערגעהאַנגענע דוהעס, וועלכע מאַכן דעם אײַנדרוק פון א געוועלבטן צימער, פון טרעפּ. די אָנצוגן פון די שוישפּילער זײַנען האַרטע, גראַנירטע (שטײַף אָנגעצויגענער שטאָף אַף א דראָטענעם קאַרקאַס).

פון די ספּעקטאַקלען, וועלכע ראַבינאָוויטש האָט אויסגעפורעמט, קאָן מען אויסטיילן „ניט געדײַגעט" און „אוריִעל אַקאָסטאַ". אין „ניט געדײַגעט" האָט דער קינסטלער געשאַפן אַף א קליינער בינע א בילד פון אַן ענדלאָזן סטעפּ. פונעם פּאַרטאַל האָט זיך אָנגעהויבן א האַלבקײַלעכדיקער פּלאַץ פון א מעשופּעדיקער פאָרם און געפירט (פון רעכטס אַף לינקס) אין דער טיף. הינטער דעם פּלאַץ — צוויי דרײַעקן, דאָס אַלץ איז באַדעקט מיט מעסט־ליניעס. דער קופּערנער קרײַז, וואָס איז געהאַנגען פונהינטן, האָט פונעם פּראָזשעקטאָר־שטראַל, וועלכער איז געווען געצילט אין אים, זיך צעברענט, ווי א זון אַפן האָריזאָנט, און די שאָטנס צווישן די מעסט־ליניעס האָבן געשאַפן אַן אילוזיע פון פעלדער, וואָס זײַנען צעאַקערט אין בייטן. אין „אוריִעל אַקאָסטאַ" האָט ראַבינאָוויטש, ווי אָפּשפּיגלענדיק די עסטעטיק פון די העלדן פון דער פּיעסע, געמאָלט א סאָד פון אַן אַמסטערדאַמער גוויר, מיט פאָנטאַנען און סקולפּטורן, אַן אינטעריער פון א סינאַגאָגע, רײַכע מאַנטיעס, אָנצוגן, בגאָדים און ריטואַלע מאַלבושים פון די פּערסאָנאַזשן. רעמבראַנדס ליכט און שאָטן איז אויסגענוצט געוואָרן אַלס עמאָציאָנעל־אויסדריקלעכע מיטלען פונעם ספּעקטאַקל.

אין טישלערס ארבעטן וועלן מיר אָפּמערקן די אויספורעמונג פון די ספּעקטאַקלען „באָטווין", „בלאָנדזשנדע שטערן" און „פריילעכס". אין „באָטווין" האָט טישלער מיט קאַרגע מיטלען געגעבן א בילד פונעם אָרט, ווו די האַנדלונג קומט פאָר. די דוהע־פאַנאַרן און בענק האָבן געשאַפן דעם אײַנדרוק, אַז מע זעט פאַר זיך גאַסן, פלאַגן פון מאַלינע־פאַרבן מיט אײַנקעפּיקע אָדלערס, וועלכע האָבן ווי באַוויזן דעם לאָקאַל פון דער פּוילישער אָכראַנקע, די שטאָכעטן אַף טונקעלן סאַמעט — די טפּיסעס. אין „בלאָנדזשנדע שטערן" איז קימאַט אַלץ איבערגעגעבן דורך מאָלערײַ: דער פּייזאַזש פון א קליין שטעטל, די שמוציקע קוליסן פון א וואַנדער־טעאַטער, דער גלאַטעטער טעאַטער־פאָרהאַנג, די שײַן פון דער לעוואָנע, די פײַערן פון די הימלקראַצערס פון אַן אַמעריקאַנער שטאָט. אין „פריילעכס" זעט מען א כופּע, באַפוצט מיט הירשן־הערנער, וועלכע דערמאָנען לײַכטערס מיט בענטש־ליכט. הינטער דער כופּע זעט מען צוויי ווענט מיט פענצטער (פאַר די סצענעס אינעם אינטעריער), א פאָרהאַנג מיט ארויסגאַנג־טירן. די דעקאָראַציעס און דער פאָרהאַנג זײַנען געמאַכט פון סאַמעט פון פאַרשיידענע קאָלירן מיט אַפּליקאַציעס פאַר די פענצטער אדג.

שיפרין האָט באַם אויספורעמען דעם ספּעקטאַקל „צוויי הונדערט טויזנט" אויסגעמאָלט אַפן לײַוונט אַלץ, וואָס איז נייטיק פאַר דעקאָראַציעס פון א צימער: פענצטער מיט פּייזאַזשן אין זיי, אַף די פענצטער בלומען, אַף די ווענט בילדער און אַפילע דאָס מעבל. פאַר דער פּיעסע „גאָט פון נעקאָמע" האָט שיפרין צוגעטראַכט א מין בינין, ווו אַף זײַנע דרײַ שטאָקן האָט זיך אַנטוויקלט די שפּיל. אין יענע יאָרן איז דאָס געווען א ביז גאָר דרייסטע לייזונג.

אין דער קוביש־פוטוריסטישער אויספורעמונג פון דער פּיעסע „סאַלאָמייע" וועלכע עס האָט אויסגעפילט די קינסטלערין עקסטער, האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג די רעאַלע אַרכיטעקטור און פּייזאַזש. פון די פּריזמעס האָט מען מאָנטירט טרעפּ, פון די צילינדערס און קובן — קאָלאָנעס. באַזונדערע עלעמענטן זײַנען צוגעגרייט געוואָרן פון לײַוונט, אָנגעצויגענעם אַף הילצערנע ראַמען. דער שוואַרץ־באַזילבערטער פאָרהאַנג האָט אָפּגעצאַמט פון דער אוואַנסצענע דעם ברונעם — דאָס אָרט, ווו עס איז געזעסן אַרעסטירט דער נאָווי יוכענען.

אַפן ספּעקטאַקל „דער אייביקער ייִד" האָט מיט באַגײַסטערונג רעאַגירט מאַקסים גאָרקי, וועלכער האָט אַזוי באַשריבן די אויספורעמונג פונעם קינסטלער יאַקולאָוו: „עס איז פאַרשווונדן די וואַנט פונעם פאָרהאַנג, און די צושויער האָבן דערזען פאַר זיך א בונטן פילקאָלירקן מאַרק באַ די ווענט פון א קליינעם יישעוו אין יעהודע. דורך די טויערן האָט מען

געזען דעם אויסגעברענטן פֿון דער היץ פֿליק, אַף זײַן האָריזאָנט האָט אײַנזאַם און קרום געסטאַרטשעט אַ שטויביקע פּאַלמע״...

צום שלוס דאַרף מען צוגעבן, אַז ניט געקוקט אַפֿן אויסגעשפּראָכענעם טאַלאַנט פֿון אַ ריי קינסטלער, וועלכע האָבן געאַרבעט אַפֿן מאַטעריאַל, וואָס מיר האָבן דאָ באַטראַכט, ניט געקוקט אַף זייער פֿילפֿאַרביקייט צו די נײַע וועגן פֿון דער קונסט, האָט אָבער אָפֿט זיי געפֿעלט די געהעריקע באַקאַנטשאַפֿט מיט דער ייִדישער קולטור. זייערע פּרוּוון אַרײַנצושטעלן אין דער אויספֿירעמונג דעם נאַציאָנאַלן קאָלאָריט זײַנען ניט זעלטן אַרויסגעקומען עקלעקטיש, אין די עלעמענטן פֿון די דעקאָראַציעס פֿלעגן אַרײַנגעפֿירט ווערן ייִדישע טעקסטן מיט גראַמאַטישע גרײַזן, די סימבאָלן, עמבלעמעס און די הערלדיק האָבן זיך באַקומען ניט צום אָרט. אַזוינס האָט מען געקאָנט טרעפֿן, למשל, אין אַלטמאַנס עסקיז פֿאַר דעם אינטעריער פֿון אַ סינאַגאָגע (צום ספּעקטאַקל „האַדיבוק״ אינעם „האַבימאַ״־טעאַטער), אין טישלערס עסקיזן צו די דעקאָראַציעס פֿון „פֿרײלעכס״ און „דער טויבער״ אין מאָסקווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער, אין גלאַזונאָווס אויספֿירעמונג פֿונעם ספּעקטאַקל אינעם ביראָבידזשאַנער מוזיקאַלן קאַמער־טעאַטער „אַ שוואַרץ צײַמל פֿאַר אַ ווײַס פֿערדל״.

ניט געקוקט אָבער אַף די אָנגעוויזענע חסרונות, האָבן די ווערק פֿון דער טעאַטראַל־דעקאָראַטיווער קונסט אַף ייִדישע סוזשעטן געהאַט אַ גרויסע קולטור־באַדײַטונג.

כראָניק

דער ציל פֿון די פֿאָרשונגען — ייִדישער מוזיקאַלער פֿאָלקלאָר

די ייִדישע פֿאָלקס־מוזיק און הײַנטצײַטיקער פֿאָלקלאָר — אַזאַ איז די טעמע פֿון די וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרשונגען, איבער וועלכע ס׳אַרבעט די סטודענטקע פֿונעם וויטמיזרעכדיקן פּעדאַגאָגישן קונסט־אינסטיטוט ליודמילע דאַכינאַ. זי איז לעצטנס געקומען קיין ביראָבידזשאַן, כּדי זאַמלען מאַטעריאַלן פֿאַר איר דיפּלאָם־אַרבעט וועגן פּראָבלעמען פֿונעם ייִדישן מוזיקאַלן פֿאָלקלאָר.

אונטער דער אָנפֿירונג פֿונעם פּעדאַגאָג יורי שייקין האָט ל. דאַכינאַ געפֿאָרשט היפּשע אַרכיוון פֿון מאָסקווע און לענינגראַד, דערלערנט די שפּעטערישע יערושע פֿונעם באַוווּסטן סאָוועטישן מוזיק־קענער, זאַמלער פֿון ייִדישן מוזיקאַלן פֿאָלקלאָר מוישע בערעגאָווסקי, וועמענס קסאַוויאַדן ווערן אָפּגעהיט אינעם וויסנשאַפֿטלעך־פֿאָרשערישן מעלוכישן אינסטיטוט פֿון טעאַטער, מוזיק און קינאָ אין לענינגראַד.

ליודמילע דאַכינאַ איז דער אַוטאָר פֿון אַן אינטערעסאַנטער אַרבעט „ייִדישע מאָטיוון אין דער שאַפֿונג פֿון דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש״. אירע פֿאָרשונגען זעצט זי פֿאָר אויך בײַס דער איצטיקער וויסנשאַפֿטלעכער עקספּעדיציע אין ביראָבידזשאַן. דאָ האָט זי זיך באַגעגנט מיט די אַקטיאָרן פֿונעם ייִדישן פֿאָלקס־טעאַטער בעטיע גאָרשקאָווא, כאַיע עפּשטיין און שנייער קאָגניק, זי איז געווען אַף די ספּעקטאַקלען פֿונעם ייִדישן מוזיקאַלן קאַמער־טעאַטער, בײַ די וועטעראַנען פֿון קינסטלערישער זעלבסטטעטיקײַט פֿונעם געגנטלעכן צענטער.

— נאָכן פֿאַרענדיקן אין מאָסקווע די מוזיקאַלע שול אָפֿן נאָמען פֿון די גנעסינס, — דערציילט ליודמילע דאַכינאַ, — בין איך אַריבערגעפֿאָרן קיין וולאַדיוואָסטאָק, וווּ איך האָב אָנגעהויבן אונטעריכטן פֿאָרטעפּיאַנע אין דער שטאָטישער מוזיקאַלער שול נום. 2. שפּעטער בין איך אָנגעקומען זיך לערנען אינעם אָרטיקן קונסט־אינסטיטוט. טאַקע דאָ איז בײַ מיר אויפֿגעקומען דער פֿאַרלאַנג צו פֿאַרנעמען זיך מיט דערלערנען און זאַמלען דעם ייִדישן מוזיקאַלן פֿאָלקלאָר.

נאָכן פֿאַרענדיקן די וויסנשאַפֿטלעכע עקספּעדיציע אין ביראָבידזשאַן וועט ליודמילע דאַכינאַ באַאַרבעטן די צונויפֿגעזאַמלטע מאַטעריאַלן און מאַגניטאָפֿאָן־פֿאַרנאָטירונגען, וועלכע זײַנען געמאַכט געוואָרן אין גאַנג פֿון די פֿאָרשונגען.

ל. שקאָלניק.

באָריס שײַניז,
מאַריע סעמענצאָװאַ

דער זיקאָרן פֿונעם עקראַן

...א פּאַראַדאָקס? װאָס מער די צײַט דערװײַטערט אונדז פֿון די שרעקלעכע געשעענישן פֿון דער פֿאַריקער מילכאָמע, אַלץ אָפּטער און אַקשאָנעסדיקער קערט אונדז אום די קונסט — דער זיקאָרן פֿון דער מענטשהײַט — צו יענע טעג... צי עפּשער איז דאָס גאָר ניט קײן פּאַראַדאָקס, נאָר א געזעצמעסיקײַט? פֿאַר דער קונסט איז אײגנטימלעך צו זוכן דעם שורעש, דעם סאַמע אָנהײב, און א סאַך דערפֿון, װאָס באַשטימט אַצינד אונדזערע אָנשױנגען, געפֿילן, האַנדלונגען, האָט זיך אָנגעהױבן גראָד דאַן...

דער גרעסטער טײל צושױער בא הײַנטיקן טאָג אין די קינאָזאַלן זײַנען די, װאָס װײסן װעגן דער מילכאָמע נאָר פֿון ביכער און קינאָ-פֿילמען. זײערע כאַװײרים פֿון אײן עלטער — די אַקטיאָרן לעבן אפֿן עקראַן מיט יענע געשטאַלטן, װעלכע מע רופֿט שױן פֿון לאַנג אָן „דער עלטערער דאָר“, און בא די קינאָ-קאַמערעס זעען מיר אַלץ אָפּטער מענטשן, װאָס זײַנען אױסגעװאַקסן און געװאָרן מײַסטערס שױן נאָך דער מילכאָמע.

דער שעפֿערישער פּראָצעס איז אַזױ אומופֿהערלעך, װי ס'איז אומופֿהערלעך דאָס לעבן. דאָס לעבן און דער זיקאָרן זײַנען אומצעטײלבאַר, די װערטפֿולע דערפֿאַרונג פֿון דער פֿאַרגאַנגענהײַט דאַרף דאָך באַשטימען די געדאַנקען, אױפֿטוען און האַנדלונגען פֿון די, װאָס פֿאָלגן נאָך זײ. און יעדע נײַע װענדונג פֿונעם קינעמאַטאָגראַף צו דער פֿאַרגאַנגענהײַט מעקט ניט אױס דאָס, װאָס איז אָפּגעטאָן פֿריִער. אף דער קונסט װירקט ניט די צײַט. זי עלטערט זיך ניט.

לאָמיר, אַשטײגער, נעמען דעם פֿילם „אומבײגזאַמע“. דער קינאָרעזשיסער מאַרק דאָנסקאָי האָט אים פֿאַרענדיקט אין סאַמע סאָף מילכאָמע. און אָט זײַנען פֿילמען פֿון אַן אַנדער עלטער, זײ זײַנען געשאַפֿן געװאָרן מער װי אין דרײַסיק יאָר אַרום נאָכן זיג. און געשטעלט האָבן זײ יונגעלײַט, װעמענס קינדהײַט איז צונױפֿגעפֿאַלן מיט דער מילכאָמע: לאַריסאַ שעפּיטקאָ — „אַרופֿגאַנג“, ניקאָלײַ גובענקאָ — „פּאָדראַנקי“, װאָס אף ייִדיש קאָן מען דאָס איבערזעצן װי „פֿאַרװונדעטע כײַעס“.

פֿאַרשײדענע קינסטלער, פֿאַרשײדענע סטיליסטיק, פֿאַרשײדענע מאַסשטאַבן פֿון אופֿנעמען די װעלט און אַרײַנדרינגען אין די טיפֿענישן פֿון די מענטשלעכע האַנדלונגען. אָבער די פּאָזיציע פֿון די קינסטלער איז אַן אַלגעמײנע — אָפּװאַרפֿן די אַנטימענטשלעכע פֿאַשיסטישע אידעאָלאָגיע, זיך פֿאַנאַנדערקלײַבן אין די סיבעס און אינעם מעכאַניזם פֿון דער מאָראַלישער יערידע בא אײנע און פֿונעם אױפֿשװונג פֿון מענטשלעכקײַט בא אַנדערע. געװיס װאָלט מען געקאָנט בא הײַנטיקן טאָג אָפּמערקן אין דער דראַמאַטורגיע פֿונעם פֿילם „אומבײגזאַמע“ א געװיסע גראָדליניקײַט און טענדענציִעזקײַט. מע טאָר אָבער ניט פֿאַרגעסן, אַז דעם פֿילם האָט מען געשאַפֿן אף די הײסע שפּורן פֿון דער מילכאָמע, װען דער קאַמף

א קאדר פונעם פילם „אומבייגזאמע"

מיטן אכזאָריעסדיקן סוינע איז געווען א פּאָרם פון אידייִשן שטרײַט.

צוויי בעעמעס גרויסע אקטיאָרן האָבן זיך באַגעגנט אינעם פילם — אמווראָסי בוטשמא, וועלכער האָט געשפּילט די ראָל פונעם אַלטן אוקראַינער שאַכטיאָר און ביניאָמין זוסקין, וועלכער האָט געשפּילט די ראָל פון א ייִדן — א דאָקטער. עמעס, דאָס וואָרט „געשפּילט" פּאַסט עפּעס נישט ניט פאַר א. בוטשמא, ניט פאַר ב. זוסקינען. זיי לעבן אפן עקראַן אין די געשטאַלטן פון די העלדן. אָט וואָס ס'האָט שפּעטער וועגן דעם דערציילט דער רעזשיסער פונעם פילם מ. דאָנסקאָי:

„אין „אומבייגזאַמע" האָב איך באַוויזן די פרײַנטשאַפט פון אן אַלטן אוקראַינער — טאַראַס מיט א ייִדן — א דאָקטער אראָן דאַווידאָוויטש. און מערקווירדיק מוסטערהאַפט איז אין דער הינזיכט די ארבעט פון די אקטיאָרן בוטשמא און זוסקין, די פאָלקס-אַרטיסטן פון אונדזער לאַנד. ווען זיי האָבן געשפּילט דעם געזעגענונגס-עפּיזאָד, האָבן מיר קיין דובלען ניט געמאַכט, ווײַל זיי האָבן געשפּילט ניט בלויז ווי אַרטיסטן, נאָר ווי מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, סאָוועטישע מענטשן, פאַר וועלכע עס שטייט אן אויפגאַבע: קעמפן פאַר באַפרײַען דעם מענטשן"...

דאָס, וואָס עס האָט אינעם סצענאַרי געהייסן „געזעגענונגס-עפּיזאָד" און איז פאַרקערפּערט אפן עקראַן, איז געוואָרן א מענטשלעכער דאָקומענט פון אומגעהייער גרויסער עמאָציאָנעלער קראַפט. דער אַלטער טאַראַס איז ארויסגעגאַנגען אַף דער גאַס פונקט דעמלט, ווען די פאַשיסטן האָבן געטריבן אַף צעשיסן די ייִדן — טוישווים פון אײנער א שטאָט אַף אוקראַינע. אין דער קאָלאָנע פון די אַף טויט פאַרורטיילטע דערקענט דער אַלטער טאַראַס דעם דאָקטער פישמאַן, מיט וועמען ער איז געווען פאַרבונדן א גאַנץ לעבן. פישמאַן דערקענט טאַראַסן, און זיי געזעגענען זיך אַף אייביק.

זיי געזעגענען זיך מיט די בליקן, וואָס רעדן מער ווי ווערטער. דער אַלטער טאַראַס זעט ניט, ווי זײַן פרײַנט שטאַרבט, ער הערט נאָר א שיסערײַ, וואָס דערטראָגט זיך פון יענעם אָרט, וווּ די ערד וועט ווערן א ברודער-קייווער פאַר די אומשולדיקע מענטשן...

אין א סאך יאָרן ארום נאָכן דערשײַנען פונעם פילם האָט מארק דאָנסקאָי דערציילט דעם אווטאָר פון אָט די שורעס, וויאַזוי זיי האָבן אראָפּגענומען דעם עפּיזאָד „צעשיסונג"... פונקט דעמלט, ווען אין דעם נאָרוואָס באַפרײַטן פונעם סוינע קיִעוו איז געקומען די קינאָ-גרופּע, האָט די וועלט דאָס ערשטע מאָל דערהערט וועגן באַבי יאַר. אַן אויסעראָרדנטלעכע מעלוכע-קאָמיסיע פאַר אויספאָרשן די אכזאָריעסדיקייטן פון די פאַשיסטישע הענקערס האָט זיך גענוי באַקאַנט מיט די פּראָטים פונעם אומגעהערטן פאַרברעכן. ווייניק לעבעדיקע אײדעס האָבן געקאָנט צושטעלן דער קאָמיסיע יעדיעס, דערפאַר זײַנען געווען גענוג שטומע אײדעס: טויטע קערפּערס פון פרויען, זקיינים און קינדער, ארויסגעגראָבענע פון אונטער דער ערד. צוזאַמען מיט די מיטגלידער פון דער מעלוכע-קאָמיסיע האָט מארק דאָנסקאָי געבלאָנקעט איבערן ריזיקן בעסוילעם, וווּ מע האָט נאָך געזען שפּורן פון בלוט. וואָס טוט מען, אז די מענטשהײַט זאָל זיך גיכער דערוויסן וועגן דעם באַגאַנגענעם פאַרברעכן? וואָס טוט מען, אז מע זאָל קיינמאָל ניט פאַרגעסן וועגן דער טראַגעדיע, וועלכע איז דאָ פאָרגעקומען? דאָנסקאָי באַשטימט: אינעם עפּיזאָד פונעם פילם „אומבייגזאַמע" וועט ער מיט א דאָקומענטאַלער פּינקטלעכקײַט „אויפשטעלן" די געשעעניש — באַווײַזן די טראַגעדיע פון באַבי יאַר.

די סאָוועטישע מיליטער-קאָמאַנדשאַפט האָט דערלויבט דעם קינאָרעזשיסער צו באַגעגענען זיך מיט די קריגסגעפאַנגענע — אָנטיילנעמער פון דער צעשיסונג. בײַזײַענדיק אַף די פאַרהערן, האָט דאָנסקאָי באַקומען אן אוניקאַלע

מעגלעכקײַט „דורכקאָנסולטירן" דעם עפּיזאָד בא די, וועלכע האָבן גוט געוווּסט, וויִאַזוי דאָס אַלץ איז געווען...

און אָט זײַנען אײַנגעשלאָסן די קינאָקאַמערעס אין באַבי יאַר, דאָרט, ווּ ס'איז פֿאָרגעקומען דער פֿאַרברעכן. די אַקטיאָרן, אָנגעטאָנענע אין אַ דײַטשישער אוניפֿאָרם, שטייען פֿאַרגליווערט אַף די פּײַער-פּאָזיציעס בא די קוילנוואַרפֿערס. עס באַוועגט זיך אַ מענטשלעכער שטראָם, וואָס וועט זיך אָט באַלד איבעררײַסן. די אָנטיילנעמער פֿון דער מאַסאָווקע זײַנען אײַנוווינער פֿון קיִעוו, וועלכע האָבן דערלעבט ביז דער באַפֿרײַונג פֿון דער שטאָט. זיי דאַרפֿן מיט זיך פֿאָרשטעלן די קרויווים, שכיינים, פֿרײַנט און באַקאַנטע, וועלכע וועלן זיך שוין קיינמאָל ניט אומקערן...

אַזוי האָט דער סאָוועטישער רעזשיסער מאַרק דאָנסקאָי, אויספֿילנדיק דעם כּיוּוו פֿון אַ קינסטלער און בירגער, געשאַפֿן דעם ערשטן דענקמאָל די קאָרבאָנעס פֿון באַבי יאַר — אַ קינעמאַטאָגראַפֿישן. הײַנט, און מאָרגן, און אין צענדליקער יאָרן אַרום וועלן מענטשן דערשיטערט ווערן, ווען אויפֿן עקראַן וועט זיך באַווײַזן אַ פֿאַשיסט, אַן אָפֿיצער מיט אַ פּאָנעם, פֿאַרגליווערט אין טעמפּער רוִיקײַט, און ער וועט אָפּגעבן די קאָמאַנדע, בײַס די „פּאַכלײַט" — די ראָצכים-אווטאָמאַטלער וועלן דערשיסן די נאָך ניט געפֿאַלענע באַם ערשטן זאַלפּ... אַזאַ איז דאָס זעונג-געשטאַלט פֿון באַבי יאַר, וואָס איז געוואָרן קינעמאַטאָגראַפֿישע קלאַסיק און שטעלט אַוועק אַלס קאָנטראַסט צו דער פֿאַשיסטישער אויפֿגאַבע פֿון איזאָליאַציע און אָנרייצונג פֿון פֿעלקער דעם נאָבעלן געפֿיל פֿון אינטערנאַציִאָנאַלער ברידערלעכקײַט. דער אַלטער טאַראַס, ריזיקירנדיק מיטן לעבן, באַהאַלט אויס בא זיך דאָס אייניקל פֿונעם דאָקטער פֿישמאַן. נאָך איר יאָגן זיך די פֿאַשיסטן — זי איז אַ יִידישקע. טאַראַס האָט ניט ווייניק געטרײַע מיטהעלפֿער. פֿונדעסטוועגן האָט עמעצער געמאַסערט: אין הויז רײַסן זיך אַרײַן די פֿאַשיסטן, אַן צערעמאָניעס באַקוקן זיי די ווינקלען. דאַכט זיך, אַז די געפֿאַר איז אַדורך... נאָר אָט האָט דער פֿאַשיסט געווענדט זײַן אויפֿמערקזאַמקײַט אַף אַן אומבאַוועגלעך יִינגעלע, וואָס איז געזעסן אַף אַ קאַסטן. מיט אַ צוגעווינטן, שאַרפֿן קלאַפּ שלײַדערט ער אַראָפּ דאָס יִינגעלע אויפֿן דיל, הייבט אויף דאָס דעקל — אינעם קאַסטן אַף עפּעס אַ געבעט פֿון קאָלדרעס ליגט אַ קליין מיידעלע, צוטוליענדיק צו זיך אַ גרויסע ליאַלקע. זי שלאָפֿט



מאַרק דאָנסקאָי מיט זײַן שילער סעמבען אוסמאַן

געשמאַק. זי ווייסט ניט, וואָס איר דראָעט. אַ בייזער, טריִומפֿירנדיקער אויסגעשריי פֿונעם סאַדיסט. גרויסע, ברייט צעעפֿנטע אויגן פֿונעם קינד און אַ פֿאַרצווייפֿלטער געשריי: „זיידעניו, זיידעניו!".. דאָס איז אויך געווען דער ביטערער עמעס, וואָס אים האָט די קונסט רעסטאַווּרירט — איינע פֿון די דערשיטערנדיקע געשיכטעס פֿון דער פֿאַריקער מילכאָמע...

די קינעמאַטאָגראַפֿיסטן האָבן זיך נאָכאַמאָל שוין אין דרײַסיק יאָר אַרום ניט צופֿעליק געווענדט צו אַן ענלעכער קאָליזיע — אינעם פֿילם פֿון דעם רעזשיסער לאַריסע שעפּיטקאָ „אַרויפֿגאַנג", וואָס אין זײַן גרונט איז געלייגט געוואָרן די דערציילונג פֿונעם ווײַסרוסישן שרײַבער וואַסיל ביקאָוו „סאָטניקאָוו". סײַ אין דער דערציילונג, סײַ אינעם פֿילם גייט אַ רייד וועגן די גײַסטיקע מעגלעכקײַטן פֿונעם מענטשן. צוויי פּאַרטיזאַנער פֿאַלן אַרײַן אין געפֿענקעניש. איינער פֿון זיי, ריבאַק, באַמיִענדיק זיך אויסמײַדן דעם טויט, ווערט אַ מאָסער און גייט דינען די דײַטשן. דער צווייטער — סאָטניקאָוו קלײַבט אויס דעם טויט און קומט אום אַף דער טליע. דער סוזשעט סײַ פֿון דער דערציילונג, סײַ פֿונעם פֿילם איז פּראָסט, ווי אַ ביבלישער מאָשל. העכסט לאַקאָניש זײַנען

געגעבן די דעטאלן, די האנדלונגען און געשעענישן, אָבער דער אווטאָר דרינגט טיף אריַין אין דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייַט. ער וויל זיך פאנאנדערקלייַבן, באזיניקן, וויאַזוי א מענטש פארוואנדלט זיך אין א פארעטער. די פיזיאָלאָגישע שטרעבונג אויסצולעבן אום יעדער פּרייַז האָט געבראכט ריבאקן צו א טהאָם, פונוואנען מע קערט זיך שוין ניט אום.

אינעם ארטיקל „וויאַזוי ס'איז געשאפן געוואָרן די דערציילונג „סאָטניקאָוו"" שרייַבט וו. ביקאָוו וועגן א מענטשן, וועלכן ער האָט געזען אין אווגוסט 1944 בא די דייַטשן צווישן די קריגסגעפאנגענע. אין א פארשוויצטן דייַטשישן קיטל מיט א דרייַקאָלירנדיקן שוואָרן אפן ארבל איז פאר אים געזעסן יענער, וועמען מ'האָט געהאלטן, אז ער איז העלדיש אומגעקומען אין הארבסט 1943 און אים צוגעייגנט נאָכן טויט א הויכע באלוינונג. ער האָט דערציילט ביקאָוון, אז אין יענער שלאכט האָט מען אים ניט דערהארגעט. ער איז אוועק צו די דייַטשן און קעדיי אין דער געפענקעניש אויסלעבן, זיך פארשריבן אין וולאסאָווס ארמיי, האָבנדיק אין זינען איבערצוכיטרעווען די דייַטשן און בא א געלונגענעם פאל איבערלויפן צו אונדזערע. נאָר אזא פאל איז צו דער רעכטער צייַט ניט געווען. און ס'איז אויסגעקומען נעמען אן אָנטייל אין די שלאכטן קעגן די אייגענע. און אָט איז ער אין געפענקעניש, איצט אין דער סאָוועטישער, און מע דארף אָפּגעבן א דין-וועכעזשבן...

איך האָב אים געהערט און געגלייבט: ער האָט געזאָגט דעם עמעס. אָן ספק, ער איז ניט צווישן די, וואָס האָבן געלעכצט צו דינען דעם סוינע, זייַן פּערזענלעכער מוט און מיליטערישע מייַסטערשאפט האָבן באשטעטיקט די הויכע באלוינונגען. זייער פּשט: געפינענדיק זיך אין דער געפענקעניש, האָט ער העכער פון אלץ געשטעלט דאָס אייגענע לעבן און באשטימט איבערכיטרעווען די פאשיסטן. און אָט איז דער קלאָגעדיקער רעזולטאט פון דער כיטרעקייַט... אזא ניט קיין זייער קאָמפּליצירטער, כאָטש ניט קיין גראָדליניקער וועג האָט מיך געבראכט צו באזיניקן די מאָראלישע אידיי, וואָס איז דער טאָך פון דער דערציילונג „סאָטניקאָוו".

אלס הויפּט-העלדן האָט דער שרייַבער גענומען צוויי פּארטיזאנער, קימאט כאווירים, נאָר ניט קיין פרייַנט, ניט קיין גוטע, ניט קיין שלעכטע — פארשיידענע. יעדערער פון זיי פּריידיקט זייַנע מאָראלע פּרינציפּן. סאָטניקאָוו איז לויט דער נאטור גאָרנישט קיין דרייסטער ריטער, און אויב ער שטארבט ערלעך, איז קוידעמקאָל דערפאר, ווייַל זייַן געוויסן האָט אים ניט דערלויבט זיך אופירן אין די געגעבנע אומשטענדן אנדערש. ריבאק איז אויך ניט קיין אויסוואורף לויט דער נאטור, בא אנדערע אומשטענדן וואָלט, מעגלעך, זיך אנטפּלעקט גאָר אן אנדער זייַט פון זייַן כאראקטער, און די מענטשן וואָלטן אים דערזען אין אן אנדער שייַן. נאָר די אומראכמאָנעסדיקע מיליטערישע אומשטענדן האָבן געצוווּנגען יעדערן מאכן זייַן אנטשיידנסטן מענטשלעכן אויסוואל — ווירדיק שטארבן אָדער נידערטרעכטיק בלייַבן לעבן. און יעדערער האָט אויסגעקליבן זייַנס.

ניט ווילנדיק, האָט איינער פון די העלדן אין סאָף פונעם פילם געהאָלפן די סאָנים אופהענגען דעם צווייטן. אזא איז די לאָגיק פונעם פאשיזם, וועלכער ווערט, „אָנכאפּנדיק דעם קאָרבן פארן מינדסטן פינגער, זיך ניט אָפּשטעלן, ביזוואנען ער וועט אים ניט אייַנשלינגען" אינגאנצן.

די אווטאָרן פונעם סצענארי יו. קלעפּיקאָוו און ל. שעפּיטקאָ האָבן געשטרעבט ניט פּאָשעט איבערפירן די דערציילונג אף דער קינאָשפּראך, נאָר געפינען פאר איר א דראמאטורגישן און קינעמאטאָגראפישן עקוויוואלענט. אינעם פילם איז סאָטניקאָוו ניט קעגנגעשטעלט ריבאקן — זיי זייַנען אף אנדערע שטאפּלען פונעם לעבן. סאָטניקאָווס אנטיפּאָד, דער הויפּט-אידייִשער קעגנער אינעם פילם, איז געוואָרן דער אויספאָרשער פון „סד" פּאָרטנאָוו. אין דער דערציילונג איז דאָס א קוים מערקבארע פיגור. די סצענאריסטן האָבן דערשריבן פּאָרטנאָוון. אין קעגנזאץ צו ריבאקן זייַנען פּאָרטנאָוון זייער גוט באוווּסט די באגריפן סייַ פון „זיטלעכקייַט", סייַ פון „אידייִשקייַט", סייַ פון „געוויסן". פּאָרטנאָוו איז ניט צופעליק געוואָרן א פארעטער. ער איז א פארעטער לויט זייַנע איבערצייַגונגען. דער מאָראלישער געפעכט צווישן פּאָרטנאָוון און סאָטניקאָוון איז דער הויפּט-אידייִשער קאָנפליקט פונעם פילם. דער רעזולטאט פונעם שטרייַט איז אלצייַנס וויכטיק סייַ פאר דעם, וועלכער פילט זיך אלס באלעבאָס פון דער לאגע, און סייַ פאר דעם, וואָס, אומקומענדיק, ווערט ער אומשטערבלעך.

געשאפן האָבן דעם פילם טאלאנטפולע מענטשן. בא לאריסע שעפּיטקאָ איז דאָס געווען לויטן סיידער דער פערטער פילם, וואָס זי האָט געשטעלט. דער פערטער — ס'איז טרויעריק וועגן דעם צו שרייַבן — און דער לעצטער. זי איז אומגעקומען אין אן אווטאָמאָביל-קאטאסטראָפע און שוין ניט געקאָנט וויסן, אז איר פילם וועט אָפּגעמערקט ווערן מיט א מעלוכע-פּרעמיע.

אין דער זעלבער אווטאָמאָביל-קאטאסטראָפע איז אומגעקומען אויך דער אָפּעראטאָר אנדריי טשוכאָוו, וועמענס מייַסטערשאפט האָט

קינסטלער געאָרגי פּאָקראָווסקי

דאַס ארטיקל וועגן מאָלער זע ז. 147

עראָפּלאַנען און פעלדזן

ד. אי. מענדעלייעוו אף א לופט־באלאָן בייס א ליקע־כאמע



א קאָסמישער טורעם

א ראַקעטאַפּלאַן אין די וואָלקנס



א ראַדיאָ־טעלעסקאָפּ פאַר איינשטעלן פאַרבינדונגען מיטן ספּוטניק

אַן אויטאָמאַטישע סטאַנציע





א מעטעאָראָלאָגישער ספוטניק

אין וועג צו די פלאַנעטן

באשטימט די שילדערונגס-סטיליסטיק פונעם פילם. עס איז איצט ניטאָ צווישן די לעבעדיקע נאָך איין שעפער פון „ארופגאנג" — דער קינסטלער יורי ראקשא.

וועגן דער ראָל פונעם אויספורעמונגס-קינסטלער אין קינאָ איז דעם ברייטן צושויער וויייניק באוווּסט. אָבער זיין בייטראָג אינעם פילם איז זייער וויכטיק. דער קינסטלער זעט דער ערשטער די אומגעבונג, ווו ס'דארפן האנדלען די פּערסאָנאַזשן, ער זעט די סוויווע, וואָס רינגלט ארום די העלדן, לעסאָף, די מאלבושים, אין וועלכע זיי באווייזן זיך אפן עקראַן. אין זיינע טאָגביכער האָט ראקשא איבערגעלאָזט אזא נאָטיץ: „היינט האָבן מיר אראָפּגענומען די שלוס-סצענע פונעם פילם „ארופגאנג": די געזעגענונג פון די העלדן פארן טויט-שטראָף. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די ארבעט פון דער קינאָקאמערע — און ס'איז געשען א נעס. די אקטיאָרן, די מאסאָווקע זיינען פארשווּנדן. ס'האָבן זיך באוויזן גויראָלעס, כאראקטערן, געשיכטע. מיר זיינען אלע געוואָרן אָנטיילנעמער פון די געשעענישן, און ווען דאָס אלץ האָט זיך פארענדיקט, האָבן מיר נאָך לאנג ניט געקאָנט ארויסגיין פון דעם צושטאנד".

פארן קינסטלער און זיינע קאָלעגן איז דער פילם ווירקלעך געוואָרן אַן „ארופגאנג", דער הויכפּונקט פון זייער לעבן אין קינאָ.

ארבעטנדיק איבער די עסקיזן פונעם קומענדיקן פילם, האָט ראקשא, ווי צונויפגעשטעלט א „ווערטערלעכן פּאָרטרעט" פון זיינע העלדן. טוט א קוק אַף ראקשאס אויסגעפילטע עסקיזן: די פּענעמער אנטשפּרעכן דאָ אַף אזויפיל פּינקטלעך די פארגעבענע כאראקטערן, אז לויט זיי, לויט די עסקיזן, האָט דער רעזשיסער אָנגעהויבן צוקלייבן אקטיאָרן פארן פילם. ווארשיינלעך, איז אזא פאל דער איינציקער אין דער געשיכטע פון קינאָ.

אָט איז דער ארטיסט פּלאָטניקאָוו, וועלכער שפּילט די ראָל פון סאָטניקאָוון, גאָסטיוכין — ריבאק, סאָלאָניצין — פּאָרטנאָוו, פּאָליאקאָווא, וואָס פילט אויס די ראָל פון דער פּראָסטער רוסישער פרוי דיאָמטשיכא, וועלכע האָט בא זיך אויסבאהאלטן דאָס ייִדישע מיידעלע באסיע און מוז איצט אינאיינעם מיט סאָטניקאָוון און דעם מיידעלע גיין צום טויט... און, ענדלעך, די יונגע אקטריסע וויקא גאָלדענטול, וועלכע שפּילט דאָס מיידעלע באסיע. אויב אין מ. דאָנסקאָיס פילם „אומבייגזאמע" איז דאָס מיידעלע, דעם דאָקטער פישמאנס אייניקל, געווען נאָר א קאָרבן פונעם פאשיסטישן גענאָציד, ווערט אינעם פילם „ארופגאנג" באסיע, געפינענדיק זיך באנאנד מיט סאָטניקאָוון, א מין אופּנעמער פון די כוואליעס, וואָס שטראלן ארויס פון זיין נעשאָמע. די ראָל פון וויקען איז קארג אַף ווערטער. וויקא, א דערצויגענע אין שול און אין דער פּיאָנערישער אָרגאניזאציע, פירט זיך אוף מיט ניט קיין קינדערישער מוטיקייט און גיט ניט אויס די מענטשן, וועלכע האָבן זיי באהאלטן. אין אירע קינדערישע יאָרן האָט זי זיך שוין דערוווּסט דעם שרעקלעכן עמעס פון פאראט. דער מענטש, וועלכער האָט זי ערשט ניט לאנג געלערנט זינגען די פּאָפּולערע פּיאָנערישע ליד, איז געוואָרן איר הענקער. ווּעמען קאָנען איבערלאָזן גלייכגילטיק די אויגן פון א קינד, וואָס איז איינגעפּרעסט אין א הארטן שטריקענעם שלייף? דער קוק איז א פאָרוווּרף די היינטצייטיקע ראסיסטן און מערדערס.

אנערער אין איין עלטער מיט באסיען איז דאָס ייִנגעלע וואליע גאנדין. ער אליין איז ארויס א לעבעדיקער פונעם פלאם פון דער מילכאָמע, נאָר די פאשיסטן האָבן אויסגעראָטן זיינע אייגענע. וועגן דעם קאָשמאר פונעם איבערגעלעבטן דערמאָנט אים יעדע מינוט דער אויסגעטאטויִרטער נומער אַף דער האנט. וואליע גאנדין איז איינער פון די העלדן פונעם פילם „פּאָדראנקי", אין וועלכן די האנדלונג וויקלט זיך פאנאנדער אין די ערשטע נאָכמילכאָמע-כאדאָשים.

„פּאָדראנאָק" איז א וואָרט פונעם יעגערשן לעקסיקאָן, וואָס באטייט א כייע אָדער א פויגל, פארוווּנדעט דורכן יעגער. מעגלעך, אז אָט דער כייע צי דעם פויגל וועט זיך איינגעבן אויסלעבן, נאָר צי וועלן זיי בלייבן פולווערטיקע וועזנס? ניקאָליי גובענקאָ, דער אווטאָר פונעם סצענארי, דער רעזשיסער און אקטיאָר אינעם פילם, האָט מיט אָט דעם וואָרט אָנגערופן די קינדער, וועלכע די מילכאָמע האָט פאריאָסעמט און וועלכע האָבן דורכגעמאכט אזא וועג, וואָס א דערוואקסענעם מענטשן איז ער איבער די קויכעס. זיי זיינען פארוווּנדעטע פייגל, און וויאזוי קאָן מען העלפן פארפעסטיקן די אונטערגעשלאָגענע פליגל?

אפן עקראַן זעען מיר אַן אלטערטימלעכן אָסאָבניאק, ערגעץ-ווו אין ראיאָן פון אָדעס אָדער ניקאָלייעוו. דאָ האָט מען באשטימט אָרגאניזירן א קינדערהיים. נאָרוואָס האָט אָפּגעדונערט די מילכאָמע. די דערציִער טוען אלץ אַף ארויסווייזן „גיכע הילף" די „פּאָדראנקעס". די דערוואקסענע מענטשן זיינען נאָך אויך ניט געקומען צו-זיך פון דער מילכאָמע: ווער ס'האָט פארלאָרן אייגענע און נאָענטע, ווער ס'האָט זיך אומגעקערט פונעם פראָנט א קאליקע. דערצו איז זיי נאָך פאָרגעשטאנען זיך לערנען די קונסט פון פּעדאגאָגיק.

דער פּראָצעס פון דערווארעמען די קינדערשע נעשאָמעס איז ניט געגאנגען גלאטיק.

דאָס לעבן אינעם קליינעם קאָלעקטיוו האָט געבוירן זײַנע קאָנפליקטן. די צענטראַלע געשעעניש, וועלכע האָט אַלץ איבערגעקערט אין די נעשאָמעס פון די קינדער און דערציִער, איז געוואָרן דער אומקום פון וואַליע גאַנדינען. ס'איז אַזוי געשען, אַז באַנאַנד מיטן אַלטן הויז, אין וועלכן ס'האָט זיך אײַנגעקוואַרטירט דער קינדערהיים, האָט זיך הינטער דעם פּלויט געפונען אַ לאַגער פון דײַטשישע קריגסגעפאַנגענע, און ער האָט צונויפגעשטעלט פּלענער פון נעקאָמע. זאַטע פּענעמער, גוטמוטיקע שפּאַסן, אומשולדיקע פאַרווײַלונגען — דאָס אַלץ האָט פאַר אים אויסגעזען אומנאַטירלעך.

יאָ, די סאָוועטישע מענטשן האָבן געוויסנהאַפט אויסגעפּילט אַפילו אין דער שווערער מילכאָמע-צײַט און אין די ניט לײַכטע נאָכמילכאָמע-יאָרן די טאַקאָנעס פון דער צווישנפעלקערלעכער קאָנווענץ וועגן קריגסגעפאַנגענע. די דײַטשישע סאָלדאַטן פלעגן אין די לאַגערן פאַר קריגסגעפאַנגענע באַקומען קליידונג און דערנערונג לויט די זעלבע נאָרמעס, וואָס די סאָוועטישע סאָלדאַטן.

צי קען מען באַשולדיקן דאָס ייִנגעלע וואַליע גאַנדין אין דעם, וואָס ער האָט ניט פאַרשטאַנען דעם הומאַניסטישן טאַך פון דער צווישנפעלקערלעכער קאָנווענץ וועגן די קריגסגעפאַנגענע? ער האָט געהאַסט די פאַשיסטן, און דאָס איז געווען נאַטירלעך. אים איז ניט אויסגעקומען צו וויסן דעם אונטערשייד צווישן דײַטשן און פאַשיסטן. די מענטשן, וועלכע האָבן גוטמוטיק פאַרבראַכט די צײַט הינטערן פּלויט פונעם לאַגער פון די קריגסגעפאַנגענע, זײַנען געווען זײַנע דאַם-סאָנים, און ער האָט געוואָלט אין זיי זיך נויקעם זײַן. באַזונדערס האָט ער געהאַסט איינעם פון זיי, און אַף אים האָט ער פאַרטראַכט צו וואַרפן די געמאַכטע גראַנאַטע — אַ בינטל פּאַקעטן פון אָפּרײַס-מאַטעריאַל.

אין לעצטן מאָמענט, ווען דער פּלאַם האָט זיך שוין באַוועגט, שיפּענדיק, איבערן שנור, האָט זיך דער פּאַקעט אינעם ייִנגעלעס הענט צעשאָטן, און דעמלט האָבן מיר דאָס ערשטע מאָל דערזען אַף דעם לײַדנדיקן פּאָנעם טרערן. טרערן פון אַ פאַרדראָס, וואָס די נעקאָמע איז ניט צו שטאַנד געקומען...

דרײַ פילמען. דרײַ קינסטלער. יעדערער האָט אַף זײַן אויפן, מיט דער הילף פון עכטער קונסט, געשילדערט די טעמע וועגן דעם, פונוואַנען עס הייבט זיך אָן דער מענטש.

א קאדר פונעם פילם „ארופשטײַג״

צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאַגע

ג. פּאָקראָווסקי

די קאָסמאָנאַווטיק און די בילדערישע קונסט

די וויסנשאַפטלעך־פֿאַנטאַסטישע בילדערישע קונסט קאָן און מוז ווערן אַ ווירקנדיק מיטל אַף צו סטימולירן די שעפֿערישע מעגלעכקײַטן פֿונעם מענטשן. נאַטירלעך, אַז אַ „וויזיאָנעריש" געשטאַלט דאַרף פֿאַרמאָגן אַן אָביעקטיוון, גערעצמעסיקן אינהאַלט. דער מאָלער־פֿאַנטאַסט וועט נאָר דאַן זײַן אַן עכטער רעאַליסט, ווען די פֿון אים געשאַפֿענע געשטאַלטן וועלן האָבן אַ אינהאַלט, וואָס איז איינשטימיק מיט די אָביעקטיווע געזעצן פֿון דער נאַטור און פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט. אויב דער דאָזיקער גרונט־קלאַל וועט ניט גענומען ווערן אין אַכט, וועט די וויסנשאַפטלעך־פֿאַנטאַסטישע מאָלערײַ אומפֿאַרמײַדלעך דעגענערירן און זיך פֿאַרוואַנדלען אין אַן אַבסטראַקציאָניסטישער, פּסעוודאָ־קינסטלערישער, וועלכע קאָן אַנטשטיין נאָר אין אַ פֿאַרדאָרבענעם, קרענקלעכן באַוווּסטזײַן.

דער פֿויעל־יוריצע פֿונעם געזאָגטן איז, אַז דער קינסטלער־פֿאַנטאַסט דאַרף זײַן אימשטאַנד צו מאָלן וויזועלע געשטאַלטן, וואָס זײַנען ווי ווײַט מעגלעך נאָענט צום רעאַלן לעבן. דער אַוטאָר פֿון דעם דאָזיקן אַרטיקל האָט אין די יונגע יאָרן געהאַט דאָס גליק צו זײַן פּערזענלעך באַקאַנט מיטן באַוווּסטן קונסט־היסטאָריקער, דעם אַקאַדעמיקער איגאָר אימאַנויִלאָוויטש גראַבאַר, אַן איבערצײַגטן רעאַליסט, וועלכער האָט, אַלס קלאַל, געמאָלט די רוסישע נאַטור און פּאָרטרעטן פֿון זײַנע מיטצײַטלער. ער האָט ניט נאָר ניט אָפּגעלייקנט די ווערט פֿון דער וויסנשאַפטלעך־פֿאַנטאַסטישער מאָלערײַ, נאָר אונטערגעשטראָכן די אומגעהייערע פּערספּעקטיוון, וועלכע עס פֿאַרמאָגט דער דאָזיקער מין מאָלערײַ. דערבײַ אָבער פֿלעגט גראַבאַר באַמערקן, אַז אָט די קונסט דאַרף האָבן איר יעסאָד אין דער הויכער מײַסטערשאַפֿט פֿון דער רעאַליסטישער מאָלערײַ. די פֿאַנטאַזיע דאַרף זײַן אַן אָפּהילך פֿון דעם, וואָס איז באַשטימט פֿאַרןווירקלעכן לעבן און דאַרף אַזוי איבערגעגעבן ווערן, אַז די מאַטעריאַלישקײַט פֿונעם געשילדערטן זאָל זײַן לײַכט צו דערקענען.

די וויסנשאַפטלעך־פֿאַנטאַסטישע מאָלערײַ איז קלאַל ניט קיין נײַע ריכטונג אין דער קונסט. לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, לעמאָשל, האָט איבערגעלאָזט אַ גרויסע צאָל געמעלן פֿון אַרכיטעקטורישע און הידראָטעכנישע קאָנסטרוקציעס, פֿון פֿלי־אַפּאַראַטן, קריגס־מאַשינעס און אַנדערע געגנשטאַנדן, וועלכע האָבן ניט עקזיסטירט אין רעאַלן לעבן, נאָר געווען נאָענט צו דעם, וואָס איז אַנטשטאַנען פֿיל שפּעטער. גראַנדיעזע אַרכיטעקטור־קאָמפּאָזיציעס האָט געשאַפֿן דער מאָלער פּיראַנעזי אין זײַנע אײַנדרוקספֿולע גראַווירן. דער דײַטשישער מאָלער דיורער האָט צום סאָף פֿון זײַן לעבן פֿיל זיך פֿאַרנומען מיט פֿאָרטיפֿיקאַציע־אײַנריכטונגען, וועלכע זײַנען אַנטשטאַנען אין זײַן צײַט אַלס פֿאַרטיידיקונגס־מיטל קעגן דער אַרטילעריע.

אין לעצטן יאָרצענדליק האָט זיך ברייט אַנטוויקלט די מאָלערישע קונסט אין שײַכעס מיטן קאָסמאָס. אין דער ערשטער ריי דאַרף מען אָפּמערקן די בילדער (געמיינזאַמע אַרבעטן) פֿונעם פֿליער־קאָסמאָנאַווט לעאָנאָוו און דעם מאָלער סאָקאָלאָוו.

אַגעוו, זײַנען אין זייערע אַרבעטן ניט גענוג בוילעט די פּרינציפּיעל נײַע וויסנשאַפטלעכע ריכטונגען. עס זײַנען ניט פֿאַראַן קיין ווײַט־אָנגעצילטע פּראָגנאָזן, וועלכע זאָלן נאָך ניט באַהאַנדלט ווערן אין דער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור. אַלס בײַשפּיל דאַרף מען אָנרופֿן די קאָסמישע ראַקעטעס פֿאַר פֿילמאָליקן געברויך מיט באַזונדערע שטאַפּלען, מיט פֿליגל פֿאַר אַ פּילאָטירטן פֿלוג, וועלכע קאָנען אויסגענוצט ווערן אַף אַראָפּזעצן זיך אַף דעם געהעריקן אַעראָדראָם. מע דאַרף אויך אָנרופֿן פֿאַרשיידענע וואַריאַנטן פֿון אָנווענדן לאַזער־שטראַלן אַף איבערצוגעבן ענערגיע אין קאָסמאָס. לויט אַלע וואַרשײַנלעכקײַטן האָט די וויסנשאַפטלעך־קינסטלערישע שאַפֿונג גרויסע פּערספּעקטיוון אין שילדערן קאָסמישע פֿאַבריקן און אַזויגערופֿענע „עפֿיר־שטעט", וועלכע ס'האָט פֿאָרויסגעזען ציאָלקאָווסקי. ס'זײַנען אויך אינטערעסאַנט די פּערספּעקטיוון פֿון שאַפֿן גרויסע דינהײַטלדיקע שפּיגלען, וואָס ווערן אײַנגעשטעלט אין קאָסמאָס אַף צו באַלײַכטן געוויסע טיילן פֿון דעם ערד־אויבערפֿלאַך, רעפֿלעקטירנדיק דאָס ליכט פֿון דער זון.

פונדעסטוועגן, דארף מען ניט מיינען, אז די וויסנשאפטלעכע פאנטאסטיק מוז זיך פארנעמען נאָר מיט גראנדיעזע און דערבײַ אויך ווײַטע פערספעקטיוון פון דער קאָסמישער טעכניק. ס׳איז גאָרניט שווער צו געפינען פיל פּאָשעטערע סוזשעטן פאר קאָסמישע בילדער און צייכענונגען. מע קאָן, צום בײַשפּיל, זיך פאָרשטעלן א סעריע בילדער פון מענטשן אף דער ערד, וועלכע ווערן באאָבאכטעט פון קאָסמאָס. אן אינטערעסאנטע טעמע איז אויך דער באנאכטיקער אויסזען, קוקנדיק „פונעם הימל", וועלכן עס האָבן שטעט און אינדוסטריעלע ראיאָנען, וואָס לויכטן מיט א שעפע פײַערלעך, דערבײַ איז מעגלעך טיילווײַז צו פארדעקן די העל־באלויכטענע זאָנע מיט וואָלקנשיכטן פון פארשיידענער געדיכטקײַט. מע קאָן פונעם קאָסמאָס מאָלן א בילד פון א גרויסער וואלדסרייפע אָדער פון א ווולקאן (מיט די זיך לויכטנדיקע שטראָמען לאווע). ווארשײַנלעך, וועלן זיך באקומען פונעם קאָסמאָס אינטערעסאנטע בילדער פון שטורעמס אף דער ערד, ווען די כמארעס ווערן באהעלט פון די בליצן אָדער בילדער פון פּאָליארע געגנטן, באקרוינטע מיט דער פּאָליאר־שײַן.

עס איז באוווסט, אז אין א ריי לענדער, באזונדערס אין פשא און אין טשעכאָסלאָוואקיע, אנטוויקלט זיך שוין פונלאנג די וויסנשאפטלעך־פאנטאסטישע מאָלערײַ, וועלכע שילדערט פייזאזשן אף פארשיידענע הימלשע קערפּערס. איצט, ווען די קאָסמישע שיפן האָבן אונדז געגעבן די מעגלעכקײַט צו זען רעאלע פייזאזשן אף דער לעוואָנע, אפן מארס און אף ווענערע, איז פאראן מאטעריאל צו שטיצן די פאנטאזיע. עס זײַנען געוויס אינטערעסאנט די טעמעס, וואָס שפיגלען אָפּ קאָלערליי בוי־ארבעטן אין אויסערערדישע באדינגונגען.

דעם צושויער ווײַזן אויס וויסט, טריב און מאָנאָטאָן די פייזאזשן פון די הימלשע קערפּערס אפן עקראן פונעם טעלעוויזאָר. אזעלכע אײַנדרוקן זײַנען, אָן ספק, ביז גאָר סוביעקטיוו. די אופגאבע פון דעם מאָלער־פאנטאסט באשטייט אין דעם, ער זאָל באשײַנען דאָס בילד מיט לעבעדיקע, מענטשלעכע עמאָציעס, אָנזעטיקן עס מיט גראנדיעזער קאָסמישער מוזיק, וועלכע איז נאָך ביז איצט, צום באדויערן, ניט געשאפן געוואָרן.

באטראכטנדיק פארשיידענע ריכטונגען פון דער וויסנשאפטלעך־פאנטאסטישער מאָלערײַ, וואָלט געווען ניט ריכטיק זיך צו באגרענעצן נאָר מיטן געביט פון קאָסמאָס. די אוויאציע־טעמאטיק איז זייער נאָענט צו דער קאָסמישער. סײַ בא אונדז, סײַ אין אויסלאנד איז דאָך די קאָסמאָנאווטיק היסטאָריש ארויסגעוואקסן פון דער אוויאציע. די הייך און די שנעלקײַט פונעם פלוג פון די מאָדערנע אעראָפּלאנען דערנעענטערן זיך צו קאָסמישע מאסשטאבן. די קאָסמישע שיפן און ראקעטנטרעגער פון פילמאָליקן געברויך, וועלכע עס איז אָנגעמערקט צו רעאליזירן אין די נאָענטסטע יאָרן, זײַנען אין פיל פּראָטים ענלעך אף אעראָפּלאנען, ווײַל זייער אומקערן זיך צוריק אף דער ערד איז פארבונדן מיט א פּילאָטירטן פלוג אין דער ארומערדישער אטמאָספער.

די אוויאציע איז א סאך עלטער פון דער קאָסמאָנאווטיק. זי פארנעמט א כאָשעווע אָרט אין טאָגטעגלעכן לעבן פונעם מענטשן פון אונדזער צײַט. ס׳איז צום שטוינען, וואָס בעשאס אזא באדײַטנדיקער אנטוויקלונג פון דער טעאָריע און פּראקטיק פון דער אוויאציע, איז דער לופט־פלי ביז הײַנטיקן טאָג ניט געוואָרן דער מאָקער פון געהעריקע לויט דער גרייס דערשײַנונגען אין דער קונסט, אין דער פּאָעזיע, אין דער בילדערישער קונסט.

בייסן פליען אין פּאסאזשיר־אעראָפּלאן אנטפּלעקן זיך אָפט אין אילומינאטאָר פארן פּאסאזשיר וווּנדער־שיינע פּייזאזשן — ריזיקע שעטאָכים פון דער ערד־אויבערפלאך מיט טײַכן, אָזערעס, יאמען און אָקעאנען, וועלכע בלישטשען אין די שטראלן פון דער זון און פון דער לעוואָנע פארברײַכע זון־אופגאנגען און שקיעס, זעלטענע אָנהויפונגען פון וואָלקנס, מערקווירדיקע לאנג־צעצויגענע פּאסן, וועלכע עס לאָזן איבער הויך אין הימל הינטער זיך די אעראָפּלאנען, ווי זילבערדיקע טראסעס פון קאָנדענסירטן דאמף.

די גיגאנטישע און פארשיידנארטיקע הימלשע פּערספּעקטיוו קאָן און מוז ווערן דער געגנשטאנד פון באגײַסטערונג פאר די מאָלער. די ארכיטעקטור פון די וואָלקנס אסאָציִירט זיך אין א געוויסער מאָס מיט מוזיק, און איר שילדערונג אף די לײַוונטן פון די מאָלער קאָן האָבן א באזונדערס שטארקן לירישן אָדער עפּישן אָפּקלאנג. ווארשײַנלעך איז אין דעם פאל באזונדערס קעדײַ אויסצונוצן נײַע מיטלען פון דער בילדערישער קונסט—פלואָרעסצירנדיקע פארבן, פארביקע דיאפּאָזיטיוון, גאָלאָגראפיע אאוו.

אגעוו, דארף מען ניט מיינען, אז אין די וויסנשאפטלעך־פאנטאסטישע סוזשעטן מוזן דאָמינירן נאָר אויסערגעוויינלעכע, סענסאציאָנעלע דערשײַנונגען. אין פיל פאלן קאָן די עסטעטישע אינטויציע אונטערזאָגן דעם מאָלער באשיידענע רויִקע און געוויינלעכע געשטאלטן, אין וועלכע עס ווערט ביז הויכער פארפולקומונג דערפירט די אנטפּלעקונג פון זייער עמאָציאָנעלן און עסטעטישן טאָך. א געוויינלעכער אעראָפּלאן, צום בײַשפּיל, וואָס אלע זײַנע טיילן, דער פיוזעליאזש, די פלאכן, דער קיל און דער עק בילדן אויס, אלע צוזאמען, אן אייגנארטיקע אעראָדינאמישע סימפאָניע, שטעלט מיט זיך פאָר ניט נאָר א סאכאקל פון קאָמפּליצירטע קאָנסטרוקציע־כעזשבוינעס, נאָר אײַנצײַטיק אויך אן עכט קונסט־ווערק, פול מיט עמאָציאָנעלער הארמאָניע און צילגעווענדטקײַט.

עס איז באוווסט, אז דער בארימטער גענעראלער אוויאקאָנסטרוקטאָר טופּאָלעוו האָט זיך ניט איין מאָל געווענדט צו מאָלער, זיי זאָלן אים באהילפיק זײַן זיך בעסער פאָרשטעלן דעם אויסזען פון א נײַער, פון אים פּראָיעקטירטער לופט־שיף.

ס׳איז אויסער יעדן ספק, אז אין דער טקופע פון שנעלער אנטוויקלונג פון דער וויסנשאפט און טעכניק איז מעגלעך צו שאפן אן עכטע קינסטלעריש־פילאָסאָפישע באזע פאר דער וויסנשאפטלעך־פאנטאסטישער מאָלערײַ. די דערגרייכונגען פון דער קאָסמאָנאווטיק האָבן שוין געגעבן און וועלן אין דער צוקונפט געבן נאָך מער מאטעריאל פאר איר קאָנקרעטער אנטפּלעקונג.

יידיש — ב ע ר ל   ר ו י ז ע ן

בארג=יידן

איינער פון די וויכטיקסטע קוואַלן פון דער געשיכטע פון די קאווקאַזער ייִדן איז דאָס בוך „קאַרטליס־צכאָווורעבא” (א זאמלונג פון גרוזינישע כראָניקעס). לויט דעם בוך, האָבן ייִדן איבערגעוואַנדערט פון יעהודע קיין גרוזיע באַלד נאָך דעם, ווי נאַווּכאַדנעצאַר האָט אומגעבראַכט דאָס יעהודישע קיניגרײַך. אויך ביז דעמלט האָבן אין דאָרעמדיקן אַזערבײַדזשאַן געלעבט ייִדן־אַראַמייער. נאָר אָנהייבנדיק פון דער ערשטער איבערוואַנדערונג פון ייִדן קיין גרוזיע אַנטהאַלטן די גרוזינישע כראָניקעס אַ ריי מיטיילונגען וועגן ייִדן, וועלכע זײַנען אַריבערגעפאָרן קיין טראַנסקאַווקאַז.

צום אָנהייב פון דער נײַער ערע איז די שטאָט מצכעט געוואָרן פאַר ייִדן אַ געוווּנטשענער מיקלעט. ס׳איז דאָרט אויסגעוואַקסן אַ קולטור־צענטער, וועלכער איז געווען פאַרבונדן מיט אַנדערע ראַיאָנען, ווו ייִדן האָבן געלעבט. די ייִדן האָבן געבראַכט אַהער די זוימען פון קריסטנטום, פיל נײַע זיטן. פון דער ייִדישער סוויווע האָבן זיך אויסגעטיילט ביכערליבהאָבער, קאָמענטאַטאָרס פון די הייליקע ספאָרים, רויפעס, סאָכרים, וועלכע האָבן פאַרבונדן דעם גרוזינישן האַנדל־פאַרקער מיטן נאָענטן מיזרעך. די רעגירער פון גרוזיע האָבן געגעבן אייניקע פּריווילעגיעס די ייִדישע סאָכרים, האַנטווערקער און גערטנער. דאָס פּאָשעטע פאָלק פון צווישן די ייִדישע איבערוואַנדערער האָט באַקומען ערד. די שטײַערן, וועלכע די ייִדישע ערדאַרבעטער האָבן געצאָלט, זײַנען געווען ניט קיין גרעסערע איידער בא די גרוזינער פּויערים.

די ייִדן האָבן געטרײַ געדינט גרוזיע, און די גרוזינער האָבן זיך מיט קאָוועד באַצויגן צו די ייִדן און צו זייער גלויבן. אַלע ייִדן פון גרוזיע האָבן גוט געקענט די גרוזינישע שפּראַך, אַפילע געדאַוונט אַף גרוזיניש. ווײַזט אויס, אַז אין גרוזיע איז געווען אַ גרויסע צאָל ייִדן, ווײַל פיל ייִשוווים רופן זיך ביז איצט אָן „אוריאַט אובאַני” (ייִשוווים פון ייִדן).

דערנאָך האָבן זיך די ייִדן פאַנאַנדערגעשפּרייט איבער אַנדערע ראַיאָנען פון טראַנסקאַווקאַז. אַ סאַך בארג־ייִדן טראָגן דעם פאַמיליע־נאָמען אוריִאַיעוו און דעם נאָמען אוריִא, וואָס עס באַטײַט אַף גרוזיניש „אַ ייִד”.

ווי ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, זײַנען צום סאָף פונעם XIX יה. פאַרבליבן אַנערעך 15 טויזנט גרוזינער ייִדן און 19 טויזנט בארג־ייִדן. אַזויאַרום, האָבן זיי אין גרוזיע פאָרגעשטעלט 0,8 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין דער באַקוער און אין דער דאַגעסטאַנער גובערניעס — 1,6 פּראָצענט, אין דער עריוואַנער גובערניע — 0,9 פּראָצענט, אין נאָוואָראָסײַסקער אויעזד — 2,9 פּראָצענט. וואַרטאַשענער ייִדן אין נוכינסקער אויעזד האָבן אָנגעצײלט 1,43 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג.

אין דער צײַט פון דער פּערסישער הערשאַפט האָט זיך בא די ייִדן אויסגעפורעמט אַן אייגנאַרטיקע שפּראַך, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ געשמעלץ פון דער פּערסישער, טאַטישער, העברעיִשער און טיורקישער שפּראַכן. באַם שרײַבן האָט מען זיך באַנוצט מיט העברעיִשער שריפט, — מיטן אַזויגערופענעם „ראַבאָנישן קורסיוו”, אַרײַנטראָגנדיק אין אים אייניקע ענדערונגען. אַף אָט דער שפּראַך (און אויסנוצנדיק די דאָזיקע שריפט) האָט זיך באַוויזן אַ פאַרשיידנאַרטיקע ליטעראַטור: אַ גײַסטלעכע (פאַר גאָט־דינסט, אַ מעטאָדישע ליטעראַטור, לערנביכער, קאָמענטאַרן צו דער ביבל (די שפּראַך פון דער דאָזיקער ליטעראַטור, לויט די באַמערקונגען פון לינגוויסטן איז אַן איראַנישע מיט אַ סעמיטישער אײַנטאָנירונג און מיט אַ טיורקישן סינטאַקסיס).

אין רעזולטאַט פון דער מיסיִאָנערישער טעטיקײַט פון די בארג־ייִדן האָבן אָנגענומען יודאַיִזם די כאַזאַרן (די קויזרים), אָנהייבנדיק פון דעם יאָר 740, אין דער צײַט, ווען בא דער מאַכט איז געשטאַנען דער קאַהאַן בולאַן. נאָך דעם קאַהאַן בולאַן האָבן זײַנע נאָכפאָלגער שוין געטראָגן ייִדישע נעמען: אָבאַדיע, כיזקיִאַו, מענאַשע, כאַנוקע, איסאַאַק, זאַבולאָן, מענאַשע II, אַאַראָן II, יאָסיף.

אין רעזולטאַט פון רעדיפעס האָט זיך אָנגעהויבן די איבערוואַנדערונג פון די בארג־ייִדן פון פּערסיע אַף צאָפן.

ווען די מאַכט אַף קאַווקאַז האָבן פאַרכאַפּט די פאַרפּיאַנער, האָט דער פּאָליטישער הויפּט בא די ייִדן — דער עקזילאַרך — פאַרנומען נאָכן קיניג און זײַנע ערשטע באַאַמטע דאָס פערטע אָרט. דאָס זעלבע איז געווען אין דער צײַט פון דער הערשאַפט פון די סאַסאַנידן, האַגאַם אין זייער צײַט האָט מען שוין אָנגעהויבן די ייִדן צו פאַרפאָלגן. דער סאַסאַנידישער קיניג איזדעגערד I האָט געהאַט אַ ייִדיש ווײַב, און בא זיי איז געבוירן געוואָרן אַ זון באַכראַם־גאָרא (זע דאָס בוך „פעכלעווישע שאַך־גאַמע”), נאָר שפּעטער, בא איזדעגערד דעם II (438—457), האָבן זיך אָנגעהויבן שטאַרקע רעדיפעס אַף די ייִדן. דער קיניג פּעראָז (459—486) האָט דערמאָרדעט דעם עקזילאַרך און אַ ריי ראַבאָנים, צוגענומען בא די ייִדן דאָס רעכט אַף מישפּעטן.

וועגן דעם לעבנסשטייגער בא די ייִדן פון דעם שיִוועט איסאַכאַר געפינען מיר אייניקע ידיִעס באַם היסטאָריקער עלדאַגאַדי גאַ־דאַני (צווייטע העלפט פון

XI יה.): זיי האָבן געלעבט אַף דער גרענעץ פון מידיע און פערסיע און זיך פאַרנומען מיט פּיצוכט.

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פאַרפאָלגונגען, זײַנען די ייִדן אַריבערגעפאָרן אַף צאָפן — קיין טאַבאַסאַראַן, דאַגעסטאַן, צאָפן־קאַווקאַז אונטער דער מאַכט פון די קויזרים. נאָך אין XI יה. איז געפאַלן דער קאַהאַנאַט. דער איסלאַם האָט זיך צעשפּרייט אַף צאָפן, און די ייִדן האָט מען אומעטום אָנגעהויבן רודעפן. אַ גרויסער טייל פון זיי האָט אָנגענומען דעם איסלאַמישן גלויבן. די ייִדיעס וועגן זייער לעבן, אָנהייבנדיק פונעם XI ביזן XVIII יה., זײַנען זייער קאַרגע.

ס'האָט זיך אופגעהיט אַ באַשרײַבונג אונטערן נאָמען „מיטיילונגען וועגן... פעלקער און ערדן, וואָס געפינען זיך אין דער מײַרעוודיקער זײַט פונעם קאַספּישן יאַם, און וועגן זייער צושטאַנד אין 1728". דער אווטאָר פון די מיטיילונגען איז הערבערט[1].

ער שרײַבט וועגן צוגאַב־שטײַערן, וועלכע מע פלעגט פאָדערן פון די ייִדן און אַרמענער, וועגן דעם, אַז מע פלעגט זיי צווינגען אויספילן די סאַמע שמוציקע אַרבעטן, וועגן די אוולעס, וועלכע עס האָט איבער זיי געקאָנט באַגיין יעדער מוסולמענער. די ייִדן, וואָס האָבן ניט אָנגענומען דעם איסלאַם, זײַנען געווען פאַנאַטיש גרייט איבערטראָגן פאַרשיידענע דערנידעריקונגען און פאַרפאָלגונגען צוליב אופהיטן זייער עמונע. איבער דעם פלעגן זיי אָפּט מוזן בײַטן די וווין־ערטער, נעמענדיק מיט זיך די הייליקײַטן.

וועגן דעם לעבן פון די ייִדן אַף קאַווקאַז קאָן מען האָבן אַ געוויסע פאָרשטעלונג לויט די אָנגאַבן פון דער שטאָט דערבענט פאַרן יאָר 1885:

די צאָל ייִדן — 1746. געשטאָרבן — 48; געבוירן — 94; כאַסענע געהאַט — 25; זיך געגעט — 4. געשטאָרבן אין עלטער פון 1—10 יאָר — 27; 10—20 יאָר — 3; 20—30 יאָר — 3; 30—40 יאָר — 2; 40—50 יאָר — 2; 50—60 יאָר — 2; 60—70 יאָר — 5; 70—80 יאָר — 4.

זייער גרויס איז געווען צווישן די ייִדן די אַנאַלפאַבעטישקײַט. אַף איין אַוול — 2—3 שריפטקענער פון דער רוסישער שפּראַך. אין דער ייִדישער סוויווע, אַכוץ אַלעמען, הערשט אַ מוירע פאַר דער אַלגעמיינער גראַמאַטנעקײַט, זי זאָל ניט ברענגען צו דער אַפּטריניקײַט פונעם גלויבן. ניט געקוקט אַף דעם, פלעגן גאַנצע מישפּאָכעס ווערן סוניטן (איבערגיין צו די לעזגינער) אָדער שײַטן (צו די אַזערבײַדזשאַנער). די אַוולן אַכטי, רוקזאַמי, אַראַקין, טשופוט טעפע, צאַריי, טשופוט גיאַור קאַלע און אַ סאַך אַנדערע זײַנען געוואָרן פּולקאָם מוסולמעניש. כאָטש זיי זײַנען געווען באַפעלקערט מיט ייִדן, וועגן וואָס עס זאָגן איידעס די נעמען פון די דאָזיקע ישוווים.

געוווסט האָבן די ייִדישע גראַמאַטע נאָר 6,26 פּראָצענט (1880), דה. איינער פון 16 מענטשן. דאָס לערנען אין העכערע בילדונגס־אַנשטאַלטן פאַר די, וואָס האָבן געקענט גראַמאַטע, האָט געדויערט פיר יאָר: דאָס ערשטע יאָר — די שטודירונג און איבערזעצונג אַף דער אייגענער שפּראַך דעם ערשטן בוך פון כומעש; דאָס צווייטע יאָר — די שטודירונג פון די אַנדערע ביכער פון טאַנאַך און מישנע; דאָס דריטע יאָר — די שטודירונג פון טאַלמוד און וועלטלעכע ביכער; דאָס פערטע יאָר — די שטודירונג פון גאָט־דינסט און שויכעט־וועזן.

אַף טאַלמעטוירעס פלעגט די קעהילע אויסטיילן זייער ווייניק הויצאָעס. ניט געקוקט אַף דעם, איז זייער אַלגעמיינע צאָל געווען פאַרהעלטנסמעסיק גרויס. אַף ראַבאָנים האָט מען זיך געלערנט אין ווילנע, וווהין מע פלעגט שיקן צוויי־דרײַ מענטשן איין מאָל אין 2—3 יאָר.

די באַרג־ייִדן גלייבן אין זעבאַרע און ניט זעבאַרע גײַסטער. פאַר זעבאַרע גײַסטער האַלטן זיי נום־נעגיד, אַזשדעגויע־מאַר, אילע־נאַווי, שעגאַדו, דעדייאַל. זיי גלייבן, אַז פאַר די זינד פון די עלטערן דערשטיקט דער גײַסט נום־נעגיד זייערע קינדער. אין דער נאַכט פון שאַבעס אַף זונטיק קאָכט מען כינגאַל. עס רעכנט זיך, אַז באַנאַכט יאַוועט זיך אילע־נאַווי. אויב מע באַגעגנט אים מיט כינגאַל, קאָן מען רײַך ווערן. אין הויז וווינט דער שטוב־גײַסט — אַ זיבן־אויגיקע שלאַנג אַזשדעגויע־מאַר. די בייזע גײַסטער פון די זעבאַרע — דער וואַסער־גײַסט סער־אָווי און שעגאַדו — פירן אַראָפּ מענטשן פונעם זינען (וואַרשײַנלעך, אַז אין דעם געשטאַלט פון שעגאַדו האָבן מיר אַ פאָרשטעלונג וועגן דעם רעליקטאָוון פּאַלעאַנטראָפּ — דעם „שניי־מענטש").

צו די ניט זעבאַרע גײַסטער געהערן טודור־באַי, נעסען־באַי, אידאַד און זעמירריי. די ערשטע צוויי שטעלן פאָר די צײַטן פון יאָר — פרילינג און הארבסט. לעקאָוועד אידאַדן פײַערט מען אַ יאָמטעוו שען־אידאַד, מע צעשענקט דאַן פרוכטן. אין דער צײַט פון אַ פאַרטריקעניש האַלט מען טאָנעס, מע גייט אָפן בעסוילעם, מע זינגט לידער לעקאָוועד דעם גײַסט זעמירריי, די קינדער טוען אָן דאָס אָנצוג אַף דער לינקער זײַט, אָפן קאָפּ ציען זיי אָן אַ זאַק.

די וויכטיקסטע יאָמטויווים — פּייסעך (ניסאַנו), פּורים (האַמונו), אַראַוואַ. מע פײַערט אַ פרילינג־יאָמטעוו, בייס וועלכן די מיידלעך גייען אין וואַלד, קלײַבן פּיאַלקעס, נעמען צונויף טרוקענע צווײַגן, צעלייגן שײַטערס, און די ייִנגלעך שפּרינגען איבער זיי (דער מינהעג רופט זיך אָן גאַוגיל).

פאַר צוויי כאַדאָשים ביז דער כאַסענע פּילט מען אויס אַ ריטואַל, וועלכער רופט זיך אָן ראַך־בורא. נאָך דעם טאָר די קאַלע זיך אין ערגעץ ניט באַווײַזן, אויך דער כאָסן טאָר אָן באַגלייטערס ווײַט ניט אַוועקגיין.

לויטן מינהעג איז דער בעסטער צימער אין שטוב פאַר די געסט. ס'זײַנען דאָ באַזונדערע צימערן פאַר מענער, פרויען און קינדער. גאַסטפרײַנטלעכקײַט, העלפן די נאָענטע אין אַ נויט — דאָס איז אַ געזעץ. אַ שידעך מאַכט מען, ווען די קינדער זײַנען נאָך קליינע. פאַר אַ יונגן באָכער ניט האָבן קיין קאַלע — איז אַ ביזאָיען, ער איז ניט ווערט צו טראָגן די פּאַפּאַכע. ווי נאָר די קינדער וואַקסן אונטער, דאַרף מען זיי באַלד כאַסענע מאַכן. נאָך דעם קנאַסמאָל און ביז דער כאַסענע טאָרן די כאָסן־קאַלע זיך אין ערגעץ ניט באַווײַזן איינעם.

[1] Ежемесячные сочинения и переводы, к пользе и увеселению служащие». 1760, октябрь, стр. 305—307.

די גאַנצע שווערקייט פון דער אַרבעט לייגט זיך אַף די אַקסלען פון דער פרוי. א סאַך מענער האָבן צוויי און דריי ווײַבער.

פאַר א דערהאַרגעטן דאַרף מען נעמען נעקאָמע. אַף דעם ווערט געגעבן א זמאַן פון דריי טעג. אויב אין משך פון אָט די טעג ווערט ניט מעקוייעם קיין בלוט־נעקאָמע, צאָלט אויס די מישפּאָכע פון דעם מערדער דער געליטענער מישפּאָכע פון 100 ביז 600 רובל, נאָך דעם ווערט אײַנגעשטעלט שאָ־לעם צווישן ביידע מישפּאָכעס (אין 1923 האָט די סאָוועטנמאַכט אין א ספּעציעלן באַשלוס פאַרבאָטן די מינהאָגים פון נעקאָמע).

שירוואַנער ייִדן

לויט די אָנגאַבן פון די פאָרשער ק. מ. קורדאָוו און א. נ. רזשאַוואַכאָוו, זײַנען די שירוואַנער ייִדן לויט זייער אַנטראָפּאָלאָגישער כאַראַקטעריסטיק מער ענלעך אַף די גרוזינער. זיי אונטערשיידן זיך פון די באַרג־ייִדן איבערהויפּט לויט די שטריכן פונעם פּאָנעם און אויך לויט דער גרייס פונעם ברוסט־קאַסטן. איינצײַטיק זײַנען זיי נאָענט צו די אַרמענער און אייסאָרן. קאָן זײַן, אַז די שירוואַנער ייִדן זײַנען אן אָפּצווײַג פון די ייִדן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער געפאַנגעניש אין באַוול און זיך ניט אומגעקערט קיין פּאַלעסטינע. דער הערשער פון אשורא האָט זיי איבערגעגעבן דעם קיניג פון אַרמעניע כראַטשע.

ווי עס טיילט מיט דער אַקאַדעמיקער מ. בראָסע אין זײַנע פאַרצייכענונגען וועגן דער געשיכטע פון גרוזיע[1], האָט דער אַרמענישער קיניג געמאַכט איינעם פון דער דאָזיקער גרופּע ייִדן, וועלכער האָט זיך גערופן שאַמבאַט, פאַר א הערשער פון דער פּראָווינץ ספּערי. צווישן שאַמבאַטס אָפּשטאַמלינגען איז געווען אויך איינער א באַגראַט, וואָס לויט זײַן נאָמען רופט מען דעם גאַנצן שטאַם — באַגראַטידן. דער דאָזיקער שטאַם איז געווען לויט זײַן באַדײַטונג און וואָג דער צווייטער נאָכן קיניגלעכן. פון די באַגראַטידן האָבן דערנאָך געשטאַמט די קיניגן פון אַרמעניע און גרוזיע (וועגן דעם דערמאָנט דער אַרמענישער היסטאָריקער מאָיסיי כערענסקי).

ווײַזט אויס, אַז שפּעטער איז א טייל ייִדן פון אַרמעניע אַריבערגעפאָרן קיין שירוואַן, פונקט ווי, אַגעוו, די אַרמענער אַליין, וועלכע האָבן פאַרלאָזט דאָס היימלאַנד אונטערן דרוק פון די פּערסישע און טערקישע דעראָבערער. דער היסטאָריקער פאַוסט וויזאַנטישער האָט געשריבן אַז די פּערסן האָבן אַרויסגעפירט אַף קאַווקאַז 75.000 ייִדישע מישפּאָכעס.

די איבערוואַנדערונג פון אשורא רופן די ייִדן אַליין אָן „כאַליוט סאָפּאַראַט" („דער אומגליק פון סאָפּאַראַט"). סאָפּאַראַט איז געווען א ראַוו, וואָס איז געשטאַנען בעראָש פון דעם אויסגאַנג פון די ייִדן פון אשורא קיין אַרמעניע. ווײַזט אויס, אַז דער באַטײַט פון „כאַליוט סאָפּאַראַט" איז: קיין פּאַלעסטינע זיך ניט אומגעקערט, און פון אשורא פאַרטריבן געוואָרן אַף צאָפן־אַרמעניע.

די שירוואַנער ייִדן לעבן אין שעמאַכער אויעזד (ראַיאָן) אינעם דאָרף מיודזשי (אין 1910 זײַנען דאָרט געווען 700 ייִדן) און אין דער שטאָט שעמאַכע (300). צום סאָף פונעם XIX יה. האָט מען אָנגעציילט 21 טויזנט ייִדן, וואָס האָבן גערעדט אַף דער טאַטישער שפּראַך, פון זיי — 1000 שירוואַנער ייִדן.

אין שעמאַכער אויעזד (ראַיאָן) וווינען אַזערבײַדזשאַנער, אַרמענער, רוסן (מאָלאָקאַנער), טאַטן, ייִדן. דאָס דאָרף מיודזשי געפינט זיך אין אַזא אָרט אין די בערג, וואָס דערגרייכן עס איז שווער. אין 1910 איז דאָס דאָרף געווען צו געדיכט באַזעצט, אַזוי אַז פאַר די ייִדן האָט מען אויסגעטיילט זייער ווייניק ערד. זיי האָבן געוווינט אין סאַקליעס. 3—5 סאַקליעס האָבן געהאַט אַן אַרויסגאַנג אין איין פאַרמאַכטן הויף מיט א שעטעך אַן ערעך 8—10 קוו. מ. דאָ האָבן זיך געפונען די קינדער, דאָס פי, די מיסט־הויפנס. די באַציונג צו די ייִדן איז אַלס קלאַל געווען ניט קיין גוטפרײַנטלעכע.

אינווייניק פלעגט מען די סאַקליע טינקעווען מיט ליים. אויפן דיל זײַנען געווען אויסגעשפּרייט פּאַלאַסן און טעפּיכער, אין די נישעס האָט מען געהאַלטן דאָס בעטגעוואַנט — די קישנס קאָלדרעס, איניינעם מיט זיי — דעם זאַפּאַס פון פּראָדוקטן. די לופט אין די סאַקליעס איז געווען א שווערע, א שטיקנדיקע.

מיט קיין ערדאַרבעט האָבן זיך דאָ די ייִדן ניט פאַרנומען, ווײַל זיי האָבן ניט געהאַט קיין ערד. אַרומפאָרנדיק איבערן אויעזד אַף פערד רײַטנדיק, פלעגן זיי זיך פאַרנעמען מיט הענדלערײַ.

א טייל פון די שירוואַנער ייִדן האָט געוווינט אין גאָטשײַער אויעזד, ווו ס'האָט זיך געפונען א גרויסער ייִדישער ייִשעוו גאָפּטאַראַן.

[1] М. Бросе. Очерки критической истории Грузии (ч. 1, гл. «История Грузии до 1469»).

וואַרטאַשענער ייִדן

די שטאָט וואָרטאשעני איז א ראיאָנצענטער אין דער אזערבײַדזשאנישער ססר. אין דער שטאָט וווינען אין פיר מאַגאלן (סעקטאָרן) 4 נאציאָנאלע גרופּעס: אודינער, ארמענער, ייִדן, אזערבײַדזשאנער (דאָס צעטל איז געגעבן אין דער אָרדענונג, ווער ס'האָט זיך דאָ פריִער באזעצט). אין דער איצטיקער צײַט געפינען זיך דאָ עטוואָס מער פון 200 מישפּאָכעס. פיל ייִדן זײַנען ארויסגעפאָרן קיין קיראָוואבאד, יעוולאך, טביליסי, באקו, ווי אויך קיין אוזבעקיסטאן.

אין אָנהייב פונעם XX יה. זײַנען דאָ געווען צוויי באָטעמעדראָשים. אין 1932 האָט אין איינעם פון זיי דער פארדינסטפולער לערער פון דער אזערבײַדזשאנער ססר עזראָ בענציאָנאָוויטש דאווידאָוו געעפנט א שול פאר די אָרטיקע ייִדישע קינדער (די לערנביכער זײַנען געדרוקט געווען אף דער טאטישער שפראך, וועלכע איז קרויווש מיט דער שפראך פון די וואָרטאשענער ייִדן, די שריפט פון די ביכער איז געווען א לאטײַנישע).

די ערשטע געמיינשאפטן פאר געמיינזאמער באארבעטונג פון ערד (אף רוסיש — Тозы) זײַנען דאָ אופגעקומען אין 1928, דעם ערשטן קאָלווירט האָט מען אָנגערופן „קאָמינטערן". די ערשטע טראקטאָריסטן זײַנען געווען פיר ייִדישע ייִנגלעך. אין 1931 האָבן באנדיטן זיי דערהארגעט מיט ריידלען.

ביז דער מילכאָמע איז אין באקו אף דער טאטישער שפראך דערשינען די צײַטונג „די פאָן פון מי".

די ערשטע ייִדן האָבן זיך באזעצט אין וואָרטאשעני אין דער צווייטער העלפט פון XVII יה. — סאכאקל 60 מישפּאָכעס. צום 1894 זײַנען שוין דאָ געווען 304 מישפּאָכעס. די שפראך זייערע — פארסיש, וועלכע איז קרויוויש מיט דער טאטישער, נאָר אונטערשיידט זיך פון איר, עס פילט זיך קימאט ניט דער טיורקישער אײַנפלוס. מעגלעך, אז די וואָרטאשענער ייִדן זײַנען געקומען קיין טראנסקאווקאז פון איראן אין XVII—XVIII יה. זייערע לעגענדעס זײַנען מיט גאָרנישט ניט ענלעך אף די לעגענדעס פון די בארג־ייִדן און אנטהאלטן א סאך שפאנישע מאָטיוון. דאָס איז, ווײַזט אויס, א רעזולטאט פון דער ווירקונג פון די ייִדישע מיסיאָנערן פון שפאניע אף די פארסישע ייִדן.

דער שטייגער פון די וואָרטאשענער ייִדן אין XIX — XX יה.

הײַזער האָט מען דאָ געבויט צווייִשטאָקיקע. אונטן האָט זיך געפונען דאָס פי. אפן צווייטן שטאָק — 1—2, אָפטער 3 צימערן און א באלקאָן. דער דאך איז געווען באדעקט מיט טשערעפּיצע.

געלעבט האָט מען אין גרויסער ענגשאפט (די טעריטאָריע, וואָס די ייִדן האָבן פארנומען אין וואָרטאשעני, האָט געהאט א שעטעך פון 0,5 קוו. ווערסט). די באשעפטיקונגען זייערע: מארק־האנדל, פעדלערײַ. מע פלעג זיך אויך פארנעמען מיט פלאנצן און באארבעטן טאבעק. ערד און טאבעק־פלאנצן האָבן די ייִדן באקומען בא די קריסטן און מוסולמענער. די גערעטעניש פלעגט מען טיילן אף דער העלפט. עס זײַנען געווען בא די ייִדן אויך וווּכערניקעס. די צאָל גראמאָטנע בא די ייִדן איז געווען א גאנץ גרויסע. אין בעסמעדרעש זײַנען געגאנגען בלויז מאנצבלען. אייניקע האָבן געהאט צו צוויי ווײַבער, נאָר די מערהײַט — איין ווײַב. צוליב האנדל־איניאָנים פלעגט מען ארויספאָרן און אָפּשטעלן זיך בא די מוסולמענער. בא זיך אין דער היים פלעגן די ייִדן אויך גאסטפרײַנטלעך אופנעמען די מוסולמענער. די פרויען האָבן ניט געהאט קיין רעכט צו ריידן מיט מענטשן פון אן אנדער גלויבן, באגריסן זיך מיט זיי, עסן בא איין טיש מיט די מאנצבלען.

דאָס עסנווארג: מע קאָכט קרויטוויקעלעך (דאָלמא), פלאָוו (גאפרושונדא אש), פרוט־טשורוק (א זופּ פון מילך, פארפראוועט מיט ציבעלעס). ווײַן און בראנפן טרינקט מען נאָר פון אייגענער צוגרייטונג.

די קליידונג פון א פרוי: א קורץ העמד, ברייטע שאלווארן, א קלייד ביז די קני פון זײַד אָדער פון ציץ, זילבערנע קנעפלעך און א ברייטער פאס, אויך פון זילבער. אפן קאָפּ — א זײַדן טיכל, אף די פיס — אָרטיק שוכווארג, וואָס הייסט קאָשי. אָפּט גייען די פרויען באָרוועס. אף די פינגער — רינגען פון גאָלד אָדער זילבער, אף דער ברוסט — קארעלן. די הענט פארבט מען מיט כנאָי.

מאנצבלשע מאלבושים: א קורץ העמד, א לאנגע קאפּאָטע פון לאסטיק, שמאָלע שאלווארן, א קורץ אויבערהעמדל, א ציצענער גארטל אָדער א זילבערן פאסיקל. אפן קאָפּ — א שפּיצארטיקע פּאפּאכע, אונטער איר — א יארמלקע. פון די אייבערשטע קליידער טראָגט מען א טשאָכא (א מין טשערקעסקע פון געוואנט מיט א שטייענדיקן קאָלנער און קורצע ארבל). ווינטער טוט מען אָן א טולופּ אָדער א פּעלץ. אף די פיס — לאפּטיעס אָדער אָרטיק שוכווארג (טשוסטי, קאָשי).

, אפן דיל אין הויז — טעפּיכער. אלע דאָנערשטיק טינקעוועט מען די ווענט מיט קאלך.

די פּיַערונג פון טראַדיציאָנעלע יאָמטויווים

פּייסעך. מיט באַקן מאַצע פאַרנעמען זיך די מאַנצ־בלען. טוווּע פאַר איר קליַיבט מען אָפּ אַפּן טויק אזעלכע, וועלכע איז ניט געווען אונטערן רעגן, מע היט זי אוף אין גרויסע קרוגן. די מיל רעמאָנטירט מען אונטערן אופזיכט פון דעם ראָוו. מע מאָלט און מע פירט איבער דאָס מעל, ווען ס׳איז ניטאָ די זון, קעדיי דאָס מעל זאָל ניט זויער ווערן. מע פאַרמישט עס אַף פון נעכטן אָנגענומענער אָפּגעזעצטער וואַ־סער, מיט קליינע פאָרציעס, אַן ערעך א קילאָגראַם מעל. דאָס געפּעס קאַשערט מען: מע זידט עס דורך צוויי מאָל און מע וואַשט עס.

אַף פּייסעך באַנוצט מען א באַזונדער מין ביטער גראָז, מע צעשטויסט עס אין א שטייסל איניינעם מיט פרוכטן, ווי ס׳איז געזאָגט אין דער ביבל וועגן דער שפּיַיז פון די ייִדן אין מיצראַיִם. מע עסט ביטער גראָז, צונויפגעמישט מיט געמאָלטע שטעכלקעס. מע נעמט א צעבראָכן שערבעלע, אין וועלכן מע שיט אריַין אַש, אייער־שאָלעכץ, צען מאָל באַגיסט מען דעם געמיש מיט וויַין אין אָנדענק פון די צען שטראָפן, וועלכע „גאָט האָט אָנגעשיקט אַף די מיצ־ראַיִמער", און דאָס אַלץ וואַרפט מען ארויס הינטערן דאָרף. מע טרינקט פיר גלעזער וויַין. אַכט טעג עסט מען מאַצע. מע טאָר נישט עסן ניט קיין זיסקייַטן, ניט קיין געטריקנטע פיש.

פורים. ערשטער טאָג — „עסטערס טאָנעס". אָפּ־דערנאַכט לייענט מען טפילעס. אַפן אַנדערן טאָג שניַיצן די קינדער אויס מיט א מעסער די פיגור פון האָמענען, דערנאָך צעקלאַפּט מען זי מיט שטיינער און מיט העמערלעך, מע קלאַפּט זי מיט שטעקנס און מע טאָפּטשעט זי אריַין אין דער ערד. אָפּדער־נאַכט לייענען די אַלטע לײַט די מעגילע וועגן עס־טער און מאָרדכע, די יוגנט פירט דורך דזשיגיטאָוו־קעס.

שאָמוני אַסריט — „דער טאָג פון פאַרענדיקן די טוירע". מע טראָגט ארויס די טוירע און מע גייט ארום איר זיבן מאָל מיט ליכט אין די הענט, מע טרינקט וויַין, מע זינגט.

שאַראַנאַ ראַבע (האָשאַנע ראַבאָ) — דער 21־טער טאָג פון טישרי. מע גייט אַף קייווער־אָוועס, מע לייענט טפילעס א גאַנצע נאַכט ביז פרימאָרגן, דער־נאָך מאַכט מען בינטלעך פון ווערבע־צוויַיגלעך און דער ראָוו שמיַיסט די, וואָס זיַינען זיך מיסוואַדע אין זייערע זינד, 40 שמיץ מיט א ביַיטש פון אייזל־פעל. פריער פאַר דעם טייוולט מען זיך אין דער מיקווע.

קיפּר (יאָם־קיפּור) — „דער טאָג פון טשווּע און אָפּלאָזן זינד". מע עסט אָפּ ווערטשערע, און אין מע־שעך פון זעקס שאָ דאַוונט מען. מע בענטשט דעם וויַין, און דעם גאַנצן פאָלגנדיקן טאָג פאַסט מען, זיצנדיק אין א ביַידל. אָפּדערנאַכט ברענגט מען א קאָרבן פאַר גאָט. א גאַנצע קומענדיקע נאַכט פאַר־ברענגט מען אין בעסמעדרעש. דאָרט ברענט א ליכט, וואָס וועגט איין פוד און צוואַנציק פונט, און פופציק ליכט צו 0,25 פונט. אָפּדערנאַכט שפּילט מען אַף א פּיַיפל לעקאָוועד דער „אָפּרייניקונג פון זינד".

סאָקוט (סוקעס). אַפן פינפטן טאָג נאָך יאָם־קיפּור באַזעצט מען זיך אין א ביַידל, ווו מע געפינט זיך אין מעשעך פון זיבן טעג. אָנדערהאַלבן שאָ דאַוונט מען אין בעסמעדרעש, דריַי שאָ — אין ביַידל. אַלע טעג ברענגט מען פאַר גאָט קאָרבאָנעס.

שאָוט (שווּעס). פון אָוונט ביז פרימאָרגן דאַוונט מען, מע לייענט אויסצוגן פון דער טוירע און פון נעוויִים, מע טרינקט וויַין און טיי. גאַנצפרי טייוולט מען זיך אין דער מיקווע און מע לייענט ווידעראַמאָל וועגן די 613 מיצוועס און 365 כאַטאָיִם, 248 געזעצ־לעכע פאָדערונגען (פון דער האַלאָכע).

גאַרילֿ. דעם 9 אווגוסט איז א טרויער־טאָג. מע וויינט, מע שלאָגט זיך אַלכעט, מע זיצט אין אַש, דעם קאָפּ באַשיט מען מיט אַש, מע גייט באָרוועס, מע באַזוכט דעם בעסוילעם, מע קליַיבט געלט צוליב העלפן אָרעמעליַיט. קיין פלייש עסט מען ניט. מע פּראַוועט ניט קיין סימכעס און קיין כאַסענעס.

רוש אַשאַנאַ (ראָשעשאָנע) — מע שעכט הינדע־לעך, א שאָף־באָק, מע קאָכט כאַש, קירבעס, פיש, מע עסט טייטלען, טרוקענע פרוכטן, האָניק, עפּל, מערן, מע טרינקט וויַין. צוויי טעג טאָר מען ניט שלאָפן. ביז נאָכן יאָמטעוו פאַסט מען צו איין טאָג. מע זינגט, מע שפּילט אַף פויקן, מע פאָרט ריַיטנ־דיק, מע פרייט זיך.

לעגענדעס פון די וואַרטאַשענער ייִדן

פאַרוואָס טאָר מען ניט האָבן מער פון איין וויַיב

געלעבט האָט אַמאָל א ייִדישער געלערנטער ראָוו גיורשום. ער איז געווען אַזוי קלוג, אַז אַפילע דער מעלעך פלעגט זיך מיט אים אָן אייצע האַלטן. באַם ראָוו איז געווען אַן אַלט וויַיב און איין־און־איינציִ־קער זון. ער האָט דעריבער מוירע געהאַט בליַיבן אָן קינדער, אויב זיַין זון וועט, כאָלילע, שטאַרבן. צוליב קינדער האָט ער כאַסענע געהאַט א צווייט מאָל מיט א יונגער פרוי. זי איז געווען זייער שיין, און דער ראָוו האָט זי ליב באַקומען שטאַרקער, איידער דאָס אַלטע וויַיב. איינמאָל איז גיורשום געווען צוגאַסט באַם מעלעך און האָט אים דערציילט וועגן דעם וווּנדערלעכן קרוינשטול פון שלוימע האַמעלעך, אַף וועלכן עס האָט געקאָנט זיצן נאָר זיַין באַלעבאָס. אויב אָבער ס׳האָט געפּרווּט זיך אַוועקזעצן אַפן שטול א זיַיטיקער מענטש, פלעגט ער באַלד שטאַרבן. געמאַכט איז געווען דער קרוינשטול פון גאָלד און זילבער, באַצירט מיט ווערטפולע שטיי־נער, מיט געמעלן און פיגורן פון פאַרשיידענע כיַיעס. אויב עמעצער האָט געפּרווּט דעם מעלעך א ליגן

זאָגן, פלעגן די כּיַעס ריטשען און רעווען. דעם קרוינשטול האָט געמאַכט עראָן, וועלכער איז דערנאָך געוואָרן דער קיניג פון שור.

ווי נאָר דער מעלעך, צו וועלכן ס׳איז געקומען צוגאַסט גיורשום, האָט דערהערט וועגן אַזאַ ווּנדער, האָט ער אָנגעהויבן בעטן דעם געלערנטן ראָוו, ער זאָל אים מאַכן פונקט אַזאַ קרוינשטול. דער ראָוו האָט זיך אָפּגעזאָגט, נאָר דער מעלעך האָט אים אײַנגערעדט, געגעבן אים די שליסלען פון זײַנע רײַכטימער, און דער ראָוו איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. אָבער די הויכגעשטעלטע לײַט, פול מיט קינע צום ראָוו, האָבן אים אָנגעהויבן האַסן. זיי האָבן געטריבן רעכילעס, אַז דער ראָוו אײַגנט זיך קלוימערשט צו ווערטפולע זאַכן. דער מעלעך האָט ניט געגלייבט אין דעם, אָבער די ייִכעס־לײַט זײַנען באַשטאַנען אַף זייערס. דערווײַזן עפּעס אַף געוויס קעגן דעם ראָוו האָבן זיי ניט געקאָנט, ווײַל קיינער האָט אים ניט געגעבן דאָס גאָלד און זילבער אַף דער וואָג און אַף דער צאָל, און פאָדערן פון אים אַ באַריכט האָט מען ניט געקאָנט. דערצו נאָך איז דער קרוינשטול געווען פון אַזאַ גרויסן פאַרנעם, אַז ס׳איז ניט געווען קיין וואָג אַף אָפּוועגן אים. די הויכגעשטעלטע לײַט האָבן אָנגעהויבן זוכן אַ מיטל, וויאַזוי צו באַשולדיקן דעם ראָוו.

דערווײַל האָט געטראָפן אַזוי, אַז איינער אַ יונגער מיניסטער, וואָס האָט נאָכגעשפּירט נאָכן שעפער פון דעם קרוינשטול, האָט דערזען זײַן יונג ווײַב און זיך פאַרליבט אין איר. זי האָט אים אויך ליב באַקומען. האָט דער דאָזיקער מיניסטער, פאַרשטייט זיך, מער פון אַלע זיך באַמיט אומברענגען דעם ראָוו. ער האָט אונטערגערעדט דאָס יונגע ווײַב, זי זאָל זיך דערוויסן איר מאַנס סאָד, און צוגעזאָגט כאַסענע האָבן מיט איר. זי האָט זיך געסטאַרעט ניט צולאָזן דעם ראָוו צו זיך, ביז ער, אַן אויסגעמאַטערטער פון גלוסט און טײַווע, איז געווען געצוווּנגען איר דערציילן, וויאַזוי מע קאָן אָפּוועגן דעם קרוינשטול. צוליב דעם דאַרף מען אים אוועקשטעלן אַף אַ שיף, די שיף וועט זיך זעצן, און דעמלט דאַרף מען מיט פאַרב אָפּמערקן אַף אַ זײַט פון דער שיף, ווי טיף זי איז אַרײַן אין וואַסער. דערנאָך נעמט מען דעם קרוינשטול אַראָפּ, און מיט דער הילף פון געוויכטן זעצט מען ווידעראַמאָל אַראָפּ די שיף ביז דער אָפּמערקונג. אַזוי אַרום וועט ווערן קלאָר, וויפל עס וועגט דער קרוינשטול. אַזוי ווי די ווערטן זײַנען גענומען געוואָרן פון פולע קיילים, קאָן מען דורכקאָנטראָלירן, וויפל גאָלד עס איז אויסגעבראַכט געוואָרן. אַפן אַנדערן טאָג האָט די יונגע פרוי דאָס אַלץ דערציילט דעם מיניסטער. די הויכגעשעצטע האָבן זיך דערשלאָגן באַם קיניג דאָס רעכט אַף אַ קאָנטראָל, און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס פעלט אויס עטלעכע פונט גאָלד און זילבער. דער ראָוו האָט דערוויזן, אַז דאָס זײַנען אומפאַרמײַדלעכע פאַרלוסטן באַם צעזעגן און באַאַרבעטן די ווערטפולע מעטאַלן, אָבער די מיניסטאָרן האָבן אים באַשולדיקט אין גנייווע.

קעדיי צו פאַרטיידיקן דעם ראָוו, האָט דער קיניג געזאָגט, אַז יענער האָט ניט גענומען קיין געלט פאַר זײַן אַרבעט. נאָר די מיניסטאָרן האָבן דערוויזן, אַז ער האָט גענומען אין צוויי מאָל מער, וויפל עס קומט אים פאַר זײַן אַרבעט. דעם ראָוו האָט מען געמישפּעט, פאַרורטיילט אַף הונגער־טויט און פאַרשפּאַרט אין אַ טורעם. צוערשט האָט דער ראָוו זיך פאַרלאָרן, נאָר אַפן אַנדערן טאָג האָט ער צוגעטראַכט, וויאַזוי זיך ראַטעווען. ווען צו אים זײַנען געקומען ביידע ווײַבער, האָט ער פון דער הייך פונעם טורעם געזאָגט, אַז מאָרגן זאָל צו אים קומען נאָר דאָס אַלטע ווײַב און זי זאָל אים ברענגען אַ זשוק — וואָלפרעסער, פעדעם, אַ שטריק און וואָל. ווען דאָס אַלטע ווײַב האָט דאָס אַלץ געבראַכט, האָט דער ראָוו איר געהייסן צובינדן צו דעם זשוק אַ שטעקעלע און אַף איין עק פון דעם שטעקעלע — אַ שטיקעלע וואָל, אַזוי אַז עס זאָל זײַן פונפאָרנט פון דעם זשוק, דערנאָך צובינדן צו דעם זשוק אַ פאָדעם און לאָזן דעם זשוק פויזען אַרוף דער וואַנט. דער זשוק האָט זיך געצויגן נאָך דעם שטיקעלע וואָל, וואָס איז די גאַנצע צײַט געווען העכער פון אים, און אַזוי אַרום דערשלעפּט ביז צום ראָוו דעם עק פון דעם פאָדעם. צום אַנדערן עק האָט דאָס ווײַב צוגעבונדן אַ שטריק, שפּײַז און וואַסער, און דער ראָוו האָט דאָס אַלץ באַקומען. דערנאָך האָט ער געהייסן, אַז צו אים זאָל קומען דאָס יונגע ווײַב. זי איז געקומען, האָט אים געבראַכט עסן און טרינקען, און ער האָט זי אופגעהויבן צו זיך, איר געזאָגט, אַז ער מוז זיך אַראָפּלאָזן, קעדיי צונויפשטעלן אַ צוואָוע אַף איר נאָמען. דאָס יונגע ווײַב האָט זיך דערפרייט. דער ראָוו האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, אַ צי געטאָן צו זיך דעם שטריק און איר געזאָגט, אַז דאָס האָט זי פאַרדינט דעם טויט. ער איז אוועק אַהיים, און באַנאַכט איז ער מיטן אַלטן ווײַב און מיטן זון געהיים אוועק אין אַ שכיינעסדיק קיניגרײַך.

אין צוויי וואָכן אַרום זײַנען דער קיניג מיט זײַנע מיניסטאָרן געקומען אַ קוק טאָן אַפן טויטן ראָוו, נאָר געפונען האָבן זיי אַ טויטע פרוי. דער קיניג איז געווען דערשטוינט, צעשיקט איבער אַלע שכײנישע קיניגרײַכן אַ בריוו, אַז ער איז מויכל דעם ראָוו און בעט אים זיך אומקערן. דער ראָוו האָט זיך אומגעקערט, דערציילט דעם קיניג, וויאַזוי ער האָט באַשטראָפט די פאַרעטערן, און וועגן דער פאַרקויפטקײַט פון זײַנע מיניסטאָרן.

דער קיניג האָט געמאַכט דעם ראָוו פאַר זײַן וויזיר.

א בייזע פרוי

בײַ איינעם אַ מאַן איז געווען זייער אַ בייז ווײַב. וואָס ער זאָל ניט טאָן, איז זי שטענדיק געווען ניט צופרידן. פלעגט ער אָנטראָגן וואַסער, האָט דאָס ווײַב באַלד קלוימערשט „פאַרלאָרן" אין דעם וואַסער פאַרב אָדער מיסט, און דער מאַן איז געצווּנגען ווידער אָנפילן די קיילים. בעט ער בײַ איר טיי, טראָגט זי אים אונטער וואַסער אָדער פלייש; בעט ער עסן, טראָגט זי אים צו דאָס אומריינע געפעס; וויל ער שלאָפן, הייבט זי אָן קלאַפּן און פּילדערן. דער אומגליקלעכער האָט עס ניט אויסגעהאַלטן און האָט סאָפּקאָלסאָף אָפּגעגעבן גאָט די נעשאָמע. ווען דער געשטאָרבענער האָט זיך געיאַוועט אַף גאָטס

מישפּעט, האָבן אײניקע מאַלאָכים געזאָגט: „ער איז שוין דעם גענעם דורכגעגאַנגען, טאָ לאָמיר אים שיקן אין גאַנײדן". נאָר אײן מאַלעך האָט דערװי־דערט: „ער איז אַלײן שולדיק, מאַכמעס ער האָט צעלאָזט דאָס װײַב. זאָל ער דערפאַר גײן אין גענעם אַרײַן".

האָט גאָט באַשלאָסן איבערלאָזן דערװײַל דעם געשטאָרבענעם ניט אין גענעם, ניט אין גאַנײדן און דעם מאַלעך אַװעקשיקן, ער זאָל פּרוּװן כאָטש א כוידעש לעבן מיט דער בײזער פרוי.

איז דערגאַנגען צו די ייִדן א קלאַנג, אז עס פאָרט צו זײ א װוּנדערלעכער מענטש: אַף אַלע פראַגעס קאָן ער געבן אַן ענטפער, אַלע זײַנע אײ־צעס גײען צו נוץ. און אָט איז דער דאָזיקער מענטש געקומען.

אין פאַרשטאָט האָט געלעבט א גוטער מאַן. צו אים האָט מען אָנגעקלאַפּט, און לױט די מינהאָגים פון גאַסטפרײַנטלעכקײט האָט ער אופגענומען דעם אָנגעקומענעם און איבערגעלאָזט אים בא זיך. גע־װוינט האָט דער אוירעך אין גאַסטצימער, אַרומגע־רינגלט מיט גרויס קאָװעד. מענטשן האָבן זיך װעגן אים דערװוּסט, מע פלעג גײן צו אים, װער מיט א פראַגע, װער נאָך אַן אײצע, און יעדערער פלעגט אַװעקגײן א צופרידענער. דער באַלעבאָס האָט אים ניט אָפּגעלאָזט, און דערנאָך האָט ער אים פאָרגע־לײגט פאַרבלײַבן ביכלאַל אין דער שטאָט אַף שטענ־דיק און כאַסענע האָבן. דאַן האָט דער גאַסט גע־בעטן, מע זאָל פאַר אים אויסגעבן די אַלמאָנע פון דעם ניט לאַנג פאַרשטאָרבענעם. דער באַלעבאָס און אַלע אײַנװוינער פון דער שטאָט האָבן זיך באַמיט אים אָפּרײדן פון אַזא אויסװאַל, װאָרענענדיק אים, אז דאָס איז זײער א בײזע פרוי. נאָר דער גאַסט איז פעסט געשטאַנען אַף זײַנעם. האַקלאַל, מע האָט אײַנגיכן געפּראַװעט א כאַסענע. די פרוי האָט, װי געװײנלעך, אָנגעהױבן פּײַניקן דעם נײַעם מאַן. האַ־גאַם ער איז געװען א מאַלעך און האָט זיך זײער געסטאַרעט, האָט ער אַפילע קײן כוידעש ניט גע־קאָנט אויסהאַלטן, איז ער געקומען צום גאַסטפרײַנט־לעכן באַלעבאָס און אים געזאָגט, אז ער מוז פאַר־לאָזן די שטאָט, און אײדער ער פאָרט אַװעק, װיל ער דעם באַלעבאָס באַדאַנקען: זאָל ער גײן אַף א לאָנקע, אָנרײַסן און אויסטריקענען פאַרשײדענע גראָזן און אָנהײבן הײלן קראַנקע. אויב מע װעט אים אַרױסרופן צו א קראַנקן — זאָל ער זיך שטעלן באַם כוילע צוקאָפּנס און זאָגן א טפילע. אויב בא די פיס פון דעם קראַנקן װעט זיך יאַװען דער שאָטן פון א מאַלעך — מעג ער געבן א באַליביק גראָז, און דער קראַנקער װעט געזונט װערן. נאָר אויב דער שאָטן װעט זיך ניט באַװײַזן — הײסט עס, אז דער קראַנקער איז פאַרורטײלט פון גאָט, און דעמלט זאָל ער, דער רויפע, זיך אָפּזאָגן פון הײלן. דערבײַ האָט ער די רעכט צו זײַן א רויפע נאָר בא זיך אין שטאָט, װײַל אין קעגנפאַל װעט דער רום זײַנער װערן העכער פון גאָטס שעם, און אויב ער װעט ברעכן דעם טנײַ — װעט ער באַלד מוזן שטאַרבן.

דער מאַלעך איז פאַרשװוּנדן. דער מענטש האָט געטאָן אַזוי, װי גאָטס שאַליעך האָט אים געײצעט.

אינגיכן אָבער האָט דער רום װעגן דעם װוּנ־דערלעכן רויפע זיך צעשפּרײט איבער דער גאָרער װעלט. האָט זיך געטראָפן, אז בא דעם קיניג פון א שכײנישן לאַנד איז קראַנק געװאָרן דער זון. מע האָט אַרױסגערופן דעם רויפע, נאָר ער האָט גע־ענטפערט, אז מע זאָל דעם כוילע ברענגען צו אים, װעט ער אים דאָ אויסהײלן. דעם קיניגס שעלוכים האָבן אים זײער געבעטן, ער זאָל פאָרן מיט זײ, נאָר דער רעפּועגעבער האָט זיך אָפּגעזאָגט, װײַל ער האָט גוט געדענקט דעם אָנזאָג פון זײַן גאַסט. די שעלוכים זײַנען אַװעקגעפאָרן, אָבער ברענגען דעם בען־מעלעך האָבן זײ ניט געקאָנט — ער האָט שוין געהאַלטן באַם שטאַרבן. האָט דער קיניג װידעראַמאָל געשיקט נאָך דעם רויפע און צוגעזאָגט פאַר דער הײלונג א העלפט פון זײַנע רײַכטימער. דער רויפע האָט זיך באַטראַכט: „אויב איך װעל געזונט מאַכן דעם בען־מעלעך, װעל איך באַקומען א סאַך געלט — כאָטש איך װעל שטאַרבן, װעל איך פאַרזיכערן די קינדער און די אײניקלעך".

און ער האָט זיך געלאָזט אין װעג. געקומען, זיך געשטעלט באַם בען־מעלעך צוקאָפּנס און דערזען, אז בא די פיס פון דעם גויסעס האָט זיך באַװיזן דער שאָטן פון זײַן געװעזענעם גאַסט. דער רויפע האָט געגעבן דעם בען־מעלעך גראָז, יענער איז געזונט געװאָרן, און דער קיניג האָט אָפּגעצײלט דעם רויפע א העלפט פון זײַן געלט.

װי נאָר דער רויפע איז אַרױס אין גאַס, האָט זיך באַלד געיאַװעט פאַר זײַנע אויגן דער גאַסט. ער האָט געזאָגט: „דו האָסט געבראָכן דעם געבאָט, און דו מוזט שטאַרבן". האָט דער רויפע געענט־פערט: „גוט, אָבער דערלויב מיר איבערגעבן דאָס געלט די קינדער. דער גאַסט איז מאַסקים געװען. דאַן האָט דער רויפע א זאָג געטאָן: „קום אַפן מאַרק, דאָרט איז דײַן געװעזן װײַב, דורך איר װעל איך איבער־געבן דאָס געלט אַהײם". דערהערט עס, האָט זיך דער גאַסט שטאַרק דערשראָקן, און ער האָט באַ־שלאָסן אַנטלױפן: זאָל בעסער דער, װאָס האָט אױ־װער געװען דעם געבאָט, בלײַבן לעבן, אײדער װי־דעראַמאָל זיך באַגעגענען מיט אָט דער פרוי.

פּ. קאַליקאַ, יו. יושװאַיעװ

■ ■ ■

בלעטערנדיק זשורנאַלן און צײַטונגען

דעם 7—17 דעקאַבער פאַריקס יאָר איז אין ירושלאַים פאָרגעקומען דער 30־טער ציוניסטישער קאָנגרעס. מיר דרוקן איבער, עטוואָס געקירצט, פון דער פראַנצויזישער צײַטונג „מאָנד" און פון דער ישׂראלדיקער קאָמוניסטישער צײַטונג „דער וועג" אַרטיקלען וועגן אָט דער פראַגע.

ס׳האָט זיך געטאָן אַף טיש און אַף בענק...

דער 30-טער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער קאָנגרעס האָט זיך פאַרענדיקט פרײַטיק דעם 17-טן דעקאַבער אין אַן אומגעבונג פון דער גרעסטער צעטומלטקייט. „אַ כאַרפּע!", „סקאַנדאַליע!" — אָט די ווערטער האָבן אָפט איבערגעכאַזערט אַף די זיצונגען אַ סאַך דעלעגאַטן, וועלכע זײַנען געווען אויפגעבראַכט פונעם ספּעקטאַקל, וואָס עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דער קאָנגרעס. מיט די דאָזיקע ווערטער פאַרענדיקן זיך אויך די מערהײַט פון די קאָמענטאַרן אין דער ישׂראלדיקער פּרעסע.

שוין פיל יאָרן איז אין דער ציוניסטישער באַוועגונג געווען אַן אומנאָרמאַלע לאַגע. וועגן דעם האָבן אַלע געוווּסט, אָבער די אָנפירער האָבן קיינמאָל ניט געוואַגט אָנצונעמען אַ באַשלוס וועגן מאַכן אַ געהעריקן אַנאַליז, ווי דאָס האָבן אַ סאַך געפאָדערט. צוליב וואָס איז נייטיק אַ ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, ווען עס עקזיסטירט די מדינה ישׂראל און זי בינדט אָן אירע מיינונגען דורך אירע פאָרשטייער, וועלכע האַלטן אָפט, אַז די דעלעגאַטן פון די „גאָלעס"-לענדער דאַרפן פּאַשעט אָננעמען זייער פּאָזיציע, בייס די אַליאַ האָט זיך קימאַט אָפּגעשטעלט אָדער זי באַגרענעצט זיך אַצינד מיט אַ ריין סימבאָלישן ניוואָ?

באַם עפענען דעם קאָנגרעס האָבן פיל נאָך געהאָפט אַף אַן ענדערונג פון דער סיטואַציע, נאָר קיין ענדערונגען זײַנען דאָס מאָל אויך ניט פאָרגעקומען. נאָך מער, די פּאָליטישע שפּאַלטונג — דאָס זעלבע, ווי אין ישׂראל גופא, — איז געוואָרן אַ סאַך שאַרפער.

דער קאָנגרעס האָט געפּאַטערט 9 טעג אַף הייסע דעבאַטן און אינערלעכע רײַסערײַען, און צוויי מאָל האָבן זײַנע אָנטיילנעמער זיך פּאַשעט געשלאָגן.

די פּאָליטישע שטרײַטן צווישן דער מערהײַט און דער אָפּאָזיציע זײַנען אין ישׂראל אַזוי שאַרף, אַז זיי זײַנען די גאַנצע צײַט געשטאַנען אין צענטער פון דער אויפמערקזאַמקייט פונעם קאָנגרעס — אַלעמאָל איז פאָרגעקומען אַ קריגערײַ צווישן די פאָרשטייער פון ליקוד, בעראָש פון וועלכן עס שטייט בעגין, און די פאָרשטייער פון דער אַרבעטס-פּאַרטיי. ביידע צדדים האָבן אומופהערלעך איבערגעשלאָגן די אָראַטאָרס מיט געשרייען און זידלערײַען. ווען די דאָזיקע סומאַטאָכע האָט זיך אַ ביסל גענומען אײַנשטילן, האָט זי זיך ווידעראַמאָל באַנײַט איבער די אויסגעשרייען פון די גרופּעס, וועלכע האָבן זיך אָנגענומען די קריוודע פון די ספּאַרדים, וועמען די אשקענאַזים דיסקרימינירן (אַזעלכע טײַנעס הערט מען אין ישׂראל שוין פונלאַנג) — מע שטערט די ספּאַרדים צו פאַרנעמען פּאָסטנס אינעם אויספירקאָם, וועלכער קאָנטראָלירט די אַלוועלטלעכע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, און אינעם אַלמעכטיקן אַדמיניסטראַטיוון אַפּאַראַט פון דער ייִדישער אַגענץ...

עטלעכע טעג האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אויסצוויילן דעם אויספירקאָם איבער די דאָזיקע שטרײַטן, און בלויז אינעם לעצטן מאָמענט, אין דער נאַכט פונעם 16-טן אַפן 17-טן דעקאַבער, האָט ליקוד, נאָך זייער שווערע אונטערהאַנדלונגען, באַקומען זעקס ערטער, און די אַרבעטס-פּאַרטיי — פינף ערטער, בייס די באַוועגונג „טאַמי" (די ספּאַרדים), וועלכע האָבן געדראָעט אַרויסטרעטן פון דער קאָאַליציע, וואָס בעראָש פון איר שטייט בעגין, האָט זיך דערשלאָגן אַ צוזאָג, אַז מע וועט איר געבן איין אָרט.

פאַר דעם איז דער פאָרזיצער פונעם אויספירקאָם דולצין (ליקוד) אויך געצוווּנגען געווען

צו וואָרענען, אז ער וועט אָנגעבן אין דעמיסיע איבער דעם, וואָס עס גיט זיך ניט איַין צו דערגרייכן אן אויסגלייַך, און א קאָמפּראָמיס איז געשלאָסן געוואָרן ערשט צו 5 אזייגער אינדערפרי. דולצין איז נאָכאַמאָל אויסגעוויילט געוואָרן אף די קומענדיקע פיר יאָר.

אזויארום האָט ניט געקלעקט קיין צייַט פאר דיסקוסיעס, וועלכע זיַינען געווען פאָרויסגעזען אינעם טאָג-סיידער (ארום אים זיַינען אויך געווען קריגערייַען). אין שייַכעס מיטן אנטיסעמיטיזם און אנטיציִעניזם, אף וועלכע ס'האָבן זיך געקלאָגט די אָנטיילנעמער פונעם קאָנגרעס, איז דער פּרעזידענט פון מעדינאַס יִיסראָעל נאַוואָן ארויסגעטראָטן מיט א דערקלערונג. אין דער פאָרם פון א וואָרענונג האָט ער קריטיקירט די פּאָזיציע פון אייניקע זייַנע מיטבירגער, דערונטער אָפיציִעלע טוער, וועלכע זאָגן זיך אומבאטראכט ארויס, לויט זייַן מיינונג, אז „די גאנצע וועלט איז קעגן אונדז". נאַוואָן האָט פארורטיילט אזא פּאָזיציע, ווייַל זי „איז געריכטעט דערוף, מיר זאָלן זיך אויסדרייען פון דער פאַראַנטוואָרטלעכקייַט פאר אונדזערע טאַטן".

בעגין און די מיטגלידער פון דער רעגירונג האָבן געקאָנט דערפילן, אז דאָס מיינט מען זיי. דער פאָרזיצער פון דער ארבעטס-פּארטיי פּערעס האָט קריטיקירט די אנעקסיע-פּאָליטיק פונעם פּרעמיער-מיניסטער, אונטערשטרייַכנדיק, אז עס איז פאראן א דעמאָגראפישע געפאר: די יִידן קאָנען ווען-ניט-איז זיך ארויסווייַזן אין דער מינדערהייַט בענעגייע די אראבער אין די גרענעצן פון „גרויס-יִיסראָעל" צו וועלכן עס שטרעבט בעגין.

בעגין, פון זייַן זייַט, האָט אין דער ענטפער-רעדע קאטעגאָריש אָפּגעלייקנט אזא געפאר, דערקלערנדיק, אז די סטאטיסטיקער זייַנען זיך אָפט טויע אין זייערע פּראָגנאָזן, ניט נעמענדיק אין אכט, אז די פּאלעסטינער עמיגרירן אלץ מער אין די לענדער פונעם פּערסישן אייַנגוס אָדער אין אנדערע ערטער.

פונדאַנען איז ביזן געדאנק וועגן דעם, אז די פּאָליטיק פונעם פּרעמיער-מיניסטער פון יִיסראָעל אף די אָקופּירטע טעריטאָריעס איז באגרינדעט אף מאָסמיטלען צו צעשפּרייטן די פּאלעסטינער, בלויז איין שפּאן, וועלכן ס'האָבן טאקע געמאכט אייניקע פון די אָנוועזנדע.

די מיטגלידער פון דער ארבעטס-פּארטיי האָבן געפּרוּווט זיך דערשלאָגן, מע זאָל אָנעמען א רעזאָליוציע, וועלכע פארורטיילט די איצטיקע טעטיקייַט פון דער רעגירונג אפן מייַרעוו-ברעג פונעם יארדן און אין דער גאזאזאָנע און דריקט אויס א ווּנטש, אז די היפּשע פינאנציִעלע באמיִונגען זאָלן אָנגעווענדט ווערן אף צו אנטוויקלען גאליליי.

די פאָרשטייער פון די ספּארדים האָבן ארייַנגעטראָגן אן אנאלאָגישן פאָרשלאָג, פאָדערנדיק, אז די קרעדיטן, וועלכע מע טיילט אויס פאר די אָקופּירטע טעריטאָריעס, זאָלן בעסער באשטימט ווערן פאר באנייַען די אָרעמע קווארטאלן פון די גרעסערע יִיסראָעלדיקע שטעט; אזא איז געווען, אגעוו, בעגינס א פּראָיעקט, וועלכן ער האָט ארויסגערוקט מיט פינף יאָר צוריק, נאָר די פארווירקלעכונג פון דעם דאָזיקן פּראָיעקט געפינט זיך נאָך אין עמבריִאָנעלן צושטאנד.

נאָך לאנגע אונטערהאנדלונגען זיַינען די דאָזיקע רעזאָליוציעס סאָפּקאָלסאָף געוואָרן „ווייכער", קעדיי עס זאָל אָפּגעהיט ווערן די קלוימערשטע אכדעס און ס'זאָל ניט פאלן נאָך א גרעסערער שאָטן אפן קאָנגרעס.

עמעס, דער 30-טער ציִעניסטישער קאָנגרעס איז שוין ארייַנגעפאלן אין א לעכערלעכער לאגע דאן, ווען אים האָבן, לעמאָשל, געראטעוועט פון אן אלגעמיינעם געשלעג די פרויען פון דער באוועגונג האדאס, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו זינגען דעם מעלוכישן הימן, קעדיי צו צווינגען די מאצבלען ארויסווייַזן מער אייַנגעהאלטנקייַט.

האקלאל, אף דעם קאָנגרעס האָט זיך געטאָן אף טיש און אף בענק! ס'האָט אפילע געטראָפן אזוי, אז אין רעזולטאט פון א טאָעס, וואָס מע האָט דערלאָזט. בייס מע האָט געביטן די קאסעטעס אין דער אינערלעכער טעלעוויזיע, איז דעמאָנסטרירט געוואָרן א פּאָרנאָגראפישער פילם אָנשטאָט צו באווייַזן א דאָקומענטאלן פילם וועגן די יִידישע יִישוּווים אפן מייַרעוו-ברעג פונעם יארדן אין דער גאזא-זאָנע...

(„מאָנד", פּאריזש)

א קאָנגרעס פון באנקראָט

דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען אפן 30-טן ציִעניסטישן קאָנגרעס, איז ווערט יעדע נעגאטיווע באצייכענונג. אָנהייבנדיק פון דער אלגעמיינער אומאָרדענונג בעשאס דער עפּענונג-צערעמאָניע, פון די גוואלדטאטן מיצאד די לייַט פונעם רעכטן לאגער נאָך פאָרן אָנהייב פון דעם קאָנגרעס און אפן קאָנגרעס גופע, פונעם פולשטענדיקן פעלן פון דעמאָקראטישע נאָרמעס באם אויסוויילן די דעלעגאטן און בא דער צעטיילונג פון די אָנפירנדיקע אָרגאנען (אָנשטאָט זיי זאָלן אויסגעוויילט ווערן לויט די קויכעס-פארהעלטענישן, זיַינען זיי באשטימט

געוואָרן מיט דער הילף פון א דרוק, (פון דראָונגען און בויקאָטן) — אַלץ איז אן איידעס וועגן דעם, אז עס איז אפילו ניט געווען קיין קאַריקאַטור פון דעמאָקראַטיע. ס'איז דערגאַנגען דערצו, אז מע האָט ניט געגעבן קיין וואָרט אפן קאָנגרעס אפילו פאַר קיין איין פאַרשטייער פון דער ציִוניסטישער ארבעטס-פּאַרטיי (שפּעטער, נאָך אן אינטערווענץ איז פּערעסן דערלויבט געוואָרן צו רעדן), און איבער אַלעם — א ווילדער קאַמף פאַר די בענקלעך, ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אז אָט דאָס איז דער איקער אפן דאָזיקן קאָנגרעס.

לאָמיר ציטירן דאָס ארטיקל פונעם שעף-רעדאַקטאָר פון דער צייַטונג „מאַאַריוו" שמואל שניצער, וועלכער האָט געשריבן אף מאָרגן נאָך דער עפענונג פונעם קאָנגרעס („א צערעמאָניע פון צאַר און אנטוישונג", 8 דעקאַבער 1982):

„איך האַלט ניט, אז א גרויס גליק האָט אונדז געטראָפן, וואָס מיר האָבן באַוויזן צו דערגרייכן צו דעם טרויעריקן מאַצעוו פון דער זיך אראָפּקייַקלענדיקער ציִוניסטישער באַוועגונג... מיר זייַנען געקומען צו דער פּאַרקריפּלטער פאָרם פון צונויפשטעלן די דעלעגאַציעס אָן וואַלן, אָדער דורך פעלשן די וואַלן, צו דער דינגעניש וועגן בענקלעך און כיבודים; צום צושטימען שווייַגנדיק מיט דעם, אז מיט יעדן איינעם, וואָס האָט א דעלעגאַטן-קאַרטע, דאַרף מען זיך רעכענען, פּונקט ווי ער וואָלט בעעמעס באַפולמעכטיקט געוואָרן צו רעפּרעזענטירן עמעצן".

אַן אנדער רעדאַקטאָר פון „האַאַרעץ", פּאַלעס האָט באַצייכנט דעם קאָנגרעס, ווי אָן „אונטערנעמונג פאַר מאַסן-טוריסטיק" פון ייִדן, וועלכע קומען קיין ייִסראָעל פון פאַרשיידענע לענדער".

ווער איז א ציִוניסט?

דער גאַנצער פאַרלויף פונעם 30-טן קאָנגרעס דריקט אויס דעם קריזיס פונעם ציִוניזם, וואָס ער האָט זיך אָנגעהויבן ניט מיטן איצטיקן קאָנגרעס, נאָר דאָ איז ער געקומען צום אויסדרוק מיט מער שאַרפקייַט — א קריזיס סיי פון דער ציִוניסטישער פּראַקטיק און סיי פון דער אידעאָלאָגיע. נאַטירלעכערווייַז איז א סאַך לייַכטער צו פילן דעם קריזיס אין דער פּראַקטיק. טאַקע וועגן דעם האָבן גערעדט די מערהייַט באַזוכער אפן קאָנגרעס און עס האָט אויך געשריבן די פּרעסע.

דער בולעטסטער צייכן פון דעם איז דאָס קימאַט פולשטענדיקע אָפּשטעלן זיך פון דער אַליִא (עמיגראַציע) פון ייִדן קיין ייִסראָעל, פון איין זייַט, און דאָס פאַרלאָזן ייִסראָעל מיצאַד פיל ייִדן, ביז ס'האָט זיך אין די לעצטע יאָרן געשאַפן א נעגאַטיווער עמיגראַציע-באַלאַנס. וואָס, אויב ניט דאָס אָפּשטעלן זיך פון דער אַליִא, דריקט אויס אָט דעם קריזיס? אין די לעצטע יאָרן קומען קיין ייִסראָעל פון די לענדער פון דער „פרייַער וועלט" בא 10 טויזנט ייִדן א יאָר. דאָס געשעט אין דער צייַט, ווען, לויט די געגעבענע פון דער ציִוניסטישער אָרגאַניזאַציע, זייַנען פאַראַן 1,4 מיליאָן אָפּיציעל רעגיסטרירטע ציִוניסטן אף דער וועלט. לעגאַבע זיי קאָן מען דאָך ניט טייַנען, אז עמעצער שטערט זיי צו קומען קיין ייִסראָעל, נאָר זיי ווילן ניט קומען קיין ייִסראָעל. ס'זייַנען פאַראַן פיל סיבעס דערצו, און איינע פון זיי, איז די אנטוישונג אין מעדינאַס ייִסראָעל, וואָס איז די העכסטע פאַרווירקלעכונג פון די ציִוניסטישע צילן אין די אויגן פון אירע אידעאָלאָגן.

ס'איז פאַראַן אן אנטוישונג אין דער רעגירנדיקער פּאָליטיק מיט דער קעסיידערדיקער לאַגע פון מילכאָמעס און אגרעסיע לעגאַבע די שכייניסדיקע אראַבישע לענדער, מיט אָקופּאַציעס און אנעקסיעס, מיט דער קעסיידערדיקער אומזיכערקייַט אין דעם מאָרגנדיקן טאָג; אָן אנטוישונג אין דער דויערנדיקער מיליטערישער דינסט, אין דער קאַטאַסטראָפאַלער עקאָנאָמישער לאַגע און אין דעם נידעריקן לעבנסניוואָ, וואָס איז א רעזולטאַט פון דעם אַלעמען.

צוליב דעם איז זינט צענדליקער יאָרן ניט מעגלעך צו קומען צו א העסקעם אין דער ציִוניסטישער באַוועגונג וועגן דער באַזישער פּאַשעטער פראַגע: ווער זשע איז א ציִוניסט? לויט דער הייַנטיקער הערשנדיקער אופפאַסונג אין ייִסראָעל און אינעם ציִוניסטישן אפּאַראַט אין די מייַרעוו-לענדער איז א גוטער ציִוניסט דער, וועלכער באַשטייַערט זיך מיט געלט פאַר די ציִוניסטישע צילן; ווער ס'קומט אַמאָל פאַרברענגען א זומער-אורלויב אין ייִסראָעל, אָבער ער דאַרף זיך ניט באַזעצן אין ייִסראָעל. מע זאָגט, אז די מערהייַט אָנפירער מיט די געלט-קאַמפּאַניעס פאַר די פאַרייניקטע ציִוניסטישע פאָנדן און זייערע אקטיוויסטן זייַנען ביכלאַל ניט קיין ציִוניסטן און זיי וועלן זיכער ניט קומען קיין ייִסראָעל.

וואָס איז די ציִוניסטישע באַוועגונג?

וועגן דער נידעריקער לאַגע אין דער הייַנטצייַטיקער ציִוניסטישער באַוועגונג און וועגן פעלן פון א פּערספּעקטיוו קאָן מען ציטירן אריִע דולצינען, דעם פּאָרזיצער פון דער אָנפירונג מיט דער ציִוניסטישער וועלט-אָרגאַניזאַציע. אין אן אינטערוויו, וואָס ער האָט געגעבן ערעוו דעם קאָנגרעס פאַר דער צייַטונג „יעדיאָט אכראָנאָט" האָט ער געפּרוּווט באַרעכ-

טיקן אייניקע אָרגאַניזאַציאָנעלע שוואַכקייטן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, אָנערקענענדיק די באַזישע צעטרייסלונג פונעם ציוניזם. אָט זײַנען עטלעכע שטעלן פונעם אינטערוויו:

„אין דער ציוניסטישער באַוועגונג איז פאַראַן א סתירה: עליה קיין ישׂראל איז דער גרעסטער גבאַט פון דער באַוועגונג, זי האָט אָבער קיינמאָל ניט געפאָדערט א פּערזענלעכע פאַרווירקלעכונג"...

„...די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיך אַף אַזוי ווײַט אָפּגעשוואַכט, אַז אין פיל קהילות געפינט זי זיך אַפן ראַנד פונעם יידישן לעבן. די דאָזיקע לאַגע דרינגט אַרויס דערפון, וואָס די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז נאָך געבויט אַזוי, ווי מיט 50-60 יאָר צוריק, ווי ס'וואָלט גאָרניט געשען אין דעם יידישן לעבן און אַף דער גרויסער וועלט. די רעגירנדיקע פּאַרטייען אין דער ציוניסטישער באַוועגונג געהערן צו דער פאַרגאַנגענהייט און האָבן ניט קיין שום אָנהאַלט אין דער איצטיקער יידישער ווירקלעכקייט"...

אין זײַן אינטערוויו האָט א. דולצין פאָרגעלייגט אופצושטעלן א געייניקטע ציוניסטישע באַוועגונג אָן פּאָליטישע ריכטונגען אין איר. א. דולצין, ווייסט, ווײַזט אויס, אַז ס'איז ניטאָ קיין שום אויסזיכט אַרויסצוציִען די ציוניסטישע באַוועגונג פון דער בלאָטע, אין וועלכער זי זינקט. מיט זײַן פאָרשלאָג צילט ער, ווײַזט אויס, צו העלפן דעם ליקוד פולשטענדיק צו באַהערשן די ציוניסטישע באַוועגונג, אָפּשאַפנדיק די אַנדערע פּאָליטיש-אידעאָלאָגישע ריכטונגען. מע קאָן, יעדנפאַלס, ניט איגנאָרירן די ווichtיקייט פון זײַנע פעסטשטעלונגען, וואָס זײַנען דער בעסטער איידעס וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אין דער באַוועגונג, בעראָש פון וועלכער ער שטייט.

וואָס איז ציוניזם?

באַ עמעצן קאָן זיך שאַפן דער אײַנדרוק, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט א שוואַכער אָרגאַניזאַציע, מיט א מין טיגער פון פּאַפּיר, וואָס קאָן שוין א סאַך ניט שעדיקן, און דעריבער דאַרף מען זיך ניט פאַרנעמען מיט איר.

ניט געקוקט אַף אַלע פאַראַנענע אָרגאַניזאַציאָנעלע שוואַכקייטן פון דער באַוועגונג, איז נאָך דער ציוניסטישער אַפּאַראַט שטאַרק. ער באַזיצט קאָלאָסאַלע געלט-פאָנדן, האָט א גרויסן אײַנפלוס אַף די רעגירונגס-קרײַזן אין לאַנד און אין פשא און זעצט פאָר די טראַדיציאָנעלע ציוניסטישע פּאָליטיק. די דאָזיקע פּאָליטיק באַשטייט דעריקער אין שטיצן די אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק, ספּעציעל פון פשא, לעגאַבע דער גאַנצער וועלט אין אַלגעמיין און לעגאַבע דעם מיטעלן מיזרעך באַזונדערס. אין דינסט פון דער דאָזיקער פּאָליטיק ווערן אָנגעווענדט אַלע אינסטיטוציעס און אָרגאַניזאַציעס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

איינע פון די וויכטיקסטע יסודיעס פון דער דאָזיקער פּאָליטיק באַשטייט אין פירן אַן אונטערגראָבערישע פּראָפּאַגאַנדע קעגן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד און קעגן די אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער.

אויך אַפן איצטיקן קאָנגרעס זײַנען געהאַלטן געוואָרן ניט ווייניק אַנטיסאָוועטישע רעדעס, רעדעס, פול מיט ליגנס.

אין ישׂראל שטאַרקט די פּאָליטיק פון דער ציוניסטישער באַוועגונג די פּאָליטיק פון דער רעגירונג, און אירע אינסטיטוציעס שטיצן דאָס אויספירן די דאָזיקע פּאָליטיק. די גרויסע מערהײַט פון די קאָלאָניזאַציעס אַף די אָקופּירטע שטעטאַכים איז אופגעשטעלט געוואָרן מיט דער פינאַנציעלער הילף און פּלאַנירונג פון דער סאָכנות, דאָס הייסט פון די פאָנדן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

א בוי-אונטערנעמער, וואָס שטעלט אויף מיליטאַריזירטע יישובים אַפן מײַרעוודיקן ברעג פונעם יאַרדן האָט אין א געשפּרעך מיט א קאָרעספּאָנדענט פון דער טעלעוויזיע געזאָגט, אַז דאָס איז דער „גלאַנץ פונעם הײַנטצײַטיקן מאָדערנעם ציוניזם". דאָס איז טאַקע די ציוניסטישע פּאָליטיק, וועלכע ווערט הײַנט-צו-טאָג רעאַליזירט: באַרויבן דאָס פּאַלעסטינער פאָלק פון זײַן באָדן און פון זײַן לאַנד.

אַקטועלע אויספירן

אין אָנבליק פון דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אַפן ציוניסטישן קאָנגרעס, איז נייטיק נאָך א באַמערקונג און אַן אויספיר.

די קאָמוניסטן פון ישׂראל האָבן זיך ניט איין מאָל אָנגעשטויסן אַפן אָפּזאָג מיצד ציוניסטישע פּאַרטייען, פּערזענלעכקייטן און גרופּעס זיך צו קאָאָפּערירן אין ביז גאָר וויכטיקע פראַגעס (שלום, דעמאָקראַטיע און אַנדערע), מיטן מאָטיוו, אַז די קאָמוניסטן זײַנען ניט קיין ציוניסטן אָדער אַז זיי זײַנען אַנטיציוניסטן.

ווײַזט אויס, אַז דער איצטיקער ציוניסטישער קאָנגרעס מיט אַלע נעגאַטיווע אויסווירקונגען שטעלט צו א פּאַסיקע געלעגנהײַט פאַר די יעניקע ציוניסטן, צו וועלכע ס'איז געווענדט די באַמערקונג, אַז זיי זאָלן זיך פאַרטראַכטן וועגן דעם אויבנדערמאָנטן צוזאַנג; דאָס איז וויכטיק און דרינגענד, ווײַל — ניט איבערטרײַבנדיק — די רייד גייט דאָ וועגן די לעבנסוויכטיקסטע פראַגעס פונעם פאָלק און וועגן דער צוקונפט פון דער מדינה.

(יעהודע אונגער, „דער וועג")

עס ווערט פאָרגעזעצט
דער שמועס, וואָס «סאָוועטיש היימלאַנד» האָט אָנגעהויבן

„לעשעם פּינקטלעכקײַט..."

„סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 6, 1982

מיר דרוקן איבער צוויי מאַטעריאַלן פון דער ייִסראָעלדיקער צײַטונג „ייִסראָעל־שטימע", אָרגאַן פון דער פּאַרטיי „מאַפּאַם", אין וועלכע עס גייט א רייד וועגן דער טעמע פונעם אַרטיקל, צו וועלכן מיר קערן זיך אום.

צו וואָס זײַט איר אהין געגאַנגען?

די פראַגע איז געווענדט צו דער קנעסעט־דעפּוטאַטקע אָרא נאַמיר (פון „האַוואַדאַ") און צו דער באַקאַנטער מאַפּאַם־טוערן כײַקע גראָסמאַן. ביידע זײַנען געווען באַטייליקט אין דער 5־פּערזאָניקער דעלעגאַציע, וואָס האָט באַזוכט דעם ראַטנפאַרבאַנד אין דעקאַבער 1981 אַף דער אײַנלאַדונג פון דעם סאָוועטישן שאָלעם־קאָמיטעט.

ווערט איר אוואַדע, ליבע לייענער, פרעגן: וואָס עפּעס קערן מיר זיך אום צו א געשעעניש, וועלכע איז פאָרגעקומען מיט כאַדאָשים צוריק? איז אויך דאָ מיסטאַמע ריכטיק דער באַקאַנטער ייִדישער זאָג: בעסער שפּעטער, איידער קיינמאָל ניט. ווען איר וועט זיך באַקאַנען מיט די ווײַטערדיקע שורעס, וועט איר אוואַדע מאַסקים זײַן, אַז אונדזער געזעלשאַפטלעכקײַט אין ייִסראָעל (און ניט נאָר אין ייִסראָעל) דאַרף עס וויסן.

אין יאַנ־נומער (6) פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן 1982 יאָר ברענגט די רעדאַקציע אַן אַרטיקל „לעשעם פּינקטלעכקייט..." — א פאַרנאָטירונג פון דעם שמועס, וועלכער איז פאָרגעקומען אין רעדאַקציע מיט דער ייִסראָעל־דעלעגאַציע. אויב אַלץ איז ריכטיק און פּינקטלעך איבערגעגעבן, האָבן מיר רעכט צו פרעגן די צוויי באַקאַנטע געזעלשאַפטלעכע טוערנס און מאָנען בא זיי אַן ענטפער אַף דער פראַגע: צו וואָס זײַט איר אהין געגאַנגען?

אין „לעשעם פּינקטלעכקײַט" איז די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" צופרידן פון דעם פּאָזיטיוון אײַנדרוק, וועלכן די דעלעגאַציע האָט געמאַכט אַף דער פּרעסע־קאָנפערענץ אין מאָסקווע פאַרן אָפּפאָרן פון דאָרט. וואָלט דאָך געקאָנט זײַן גוט — איז אָבער די זאַך אין דעם, וואָס כײַקע גראָסמאַן האָט אין אַן אינטערוויו אין „ייִסראָעל־שטימע" (19.1.1982) אויסגעדריקט איר אומצופרידנקײַט מיטן באַזוך אין „סאָוועטיש היימלאַנד" און איר קריטיק. טאַקע אַדאַנק דעם באַקומען מיר דעם פּינקטלעכן דיאַלאָג, וועלכער איז געפירט געוואָרן אַרום ייִדיש, ייִדישער שפּראַך, ליטעראַטור, קולטור צווישן די רעדאַקציע־מיטגלידער און די געסט פון ייִסראָעל, ווי אויך אַרום דער פראַגע פון קעגנזײַטיקע קאָנטאַקטן.

„אָרא נאַמיר: איך בין געבוירן אין ייִסראָעל, דה. איך בין א סאַברע. ביז א געוויסער צײַט האָב איך ביכלאַל וועגן אײַך ניט געוווּסט. מײַן מאַן, דער ייִסראָעל־אַמבאַסאַדאָר, האָט מיר דערציילט וועגן זײַנע שמועסן מיט ווערגעליסן, און דאָס האָט אָנגעשטויסן, איך זאָל הײַנט קומען אהער אויפקלערן אייניקע וויכטיקע פּאָר מיר פראַגן: פּסיכאָלאָגיש זע איך די זאַך אַזוי: איר זײַט קאָנסערוואַטיוו בענעגייע ייִסראָעל, ווײַל דער געקומענער פון מיזרעך־אייראָפּע דאָר איז שוין אָפּגעגאַנגען בא אונדז, און מיר, די נײַע ייִסראָעלים, פירן שוין מער פון דרײַ צענדליק יאָר מילכאָמעס. איר וואָלט בעסער פאַרשטאַנען אונדזערע שטרעבונגען און געפילן, ווען איר זאָלט לייענען און איבערדרוקן די ווערק פון אונדזער ליטעראַטור אַף איווריט. וואָס שײַעך דער ייִדישער צײַטשריפט די „גאָלדענע קייט", וועט זי אײַך גאָרנישט ניט זאָגן".

„י. שוסטער, רעדאַקציע־מיטגליד, האָט טײַנעס, פאַרוואָס די „גאָלדענע קייט" פירט ניט קיין אויסטויש פון אירע נומערן מיט „סאָוועטיש היימלאַנד".

„אָרא נאַמיר: די „גאָלדענע קייט" לייען איך ניט"...

„ב. מאָגילנער, רעדאקציע־מיטגליד: אנטשולדיקט פאר א שארף וואָרט, נאָר ס׳באקומט זיך, אז ניט „סאָוועטיש היימלאנד“, ניט די „גאָלדענע קייט“, ניט די ווערק, וואָס זײַנען בא אײַך און בא אונדז אָנגעשריבן אף ייִדיש, לייענט איר ניט. וויִאזוי זשע קאָנט איר אורטיילן וועגן דער ייִדישער ליטעראטור, וועגן ייִדישער קולטור? ווי ס׳איז צו זען פון אונדזער שמועס, רעדט איר גוט אף ייִדיש, און איך וועל זיך ניט כידעשן, אויב מאָרגן וועט איר צוליב פאַר־טײַטשע צוועקן ווערן א ייִדישיסטקע...“

„כײַקע גראָסמאַן: מיט קיין שארפן טאָן וועט איר אונדז ניט אראָפּשלאָגן פון דער פאנטאליק. איך קען סוצקעווערן נאָך פון ווילנע, אָבער דאָס ברענגט ניט ארײַן קיין קאָרעקטיוו אין מײַן שטעלונג. איווריט איז נייטיק, קעדיי דאָס פאָלק אין פארשיידענע לענ־דער זאָל זײַן אייגהײַטלעך, און ייִדיש קאָן ניט זײַן קיין אלגעמיינע אומגאנג־שפּראך. אזעלכע קוי־כעס האָט בלויז העברעיִש. נאָך אין 1946, ווען איך האָב באזוכט אמעריקע און דאָרט האָבן נאָך געלעבט אזעלכע גדוילים, ווי לייוויק, האָב איך שוין אין די ניו־יאָרקער קרײַזן דערפילט, אז ייִדיש איז אונ־טערגעגאנגען...“(!)

„אָרא נאמיר: ס׳איז פּאָשעט א כידעש, פארוואָס איר האלט זיך מיט אזעלכע צוואנגען פאר אָט דעם ייִדיש, וואָס שטארבט אינגאנצן אָפּ“..

„כ.ביידער, רעד. קאָלעגיום: האקלאל, איר ביי־דע זאָגט ארויס ארגומענטן פאר דער טעאָריע פון אן אייגהײַטלעך קלאסנלאָז ייִדיש וועלט־פאָלק אין פראט פון ליטעראטור. פונקט ווי אין לעבן, איז אײַער פּאָזיציע גרונטלאָז“.

„כײַקע גראָסמאן: יעדערער שטייט אף זײַן פּאָ־זיציע. איך דארף דאָ דערמאָנען, אז מאפּאם האָט אָנגעהויבן ווי א מארקסיסטישע פארטיי“.

„א. ווערגעליס דערמאָנט, אז אין א פריִערדיקער דעלעגאציע פון ייִסראָעל, ווו ס׳איז געווען באטיי־ליקט דער דעפּוטאט נאפּטאָלע פעדער, אויך א מאַ־פּאמניק, האָט ער זיך אינגאנצן אנדערש באצויגן צו די פראגן. דערפאר טאקע, — זאָגט ווערגעליס, — האָט מען אים שפּעטער אין ייִסראָעל גוט ארײַנגעַ־לייגט אין קאָלנער...“

„אָרא נאמיר: איך ווייס ניט וועגן דעם..“

„כײַקע גראָסמאן: ניין, עפּעס איז טאקע געשען. אָבער בא אונדז איז דעמאָקראטיע. פעדער האָט אזא מיינונג, און אן אנדערן געפעלט עס ניט“.

„ווערגעליס רעדט וועגן א. סוצקעווערן ווי וועגן איינעם פון די בעסטע ייִסראָעל־פּאָעטן און זאָגט ווײַטער, אז לעצטנס האָט „סאָוועטיש היימלאנד“ פארעפנטלעכט פּאפּערניקאָווס גוטע לידער“.

„אָרא נאמיר: פּאפּערניקאָוו? אזא פּאָעט געדענק איך קוים...“

„ב. מאָגילנער: דאָ האָט מען אונדז געזאָגט, אז איר זײַט די פּאָרזיצערן פון דער קאָמיסיע פאר ביל־דונג און קולטור אין קנעסעט. און אויב איר ווייסט ניט די ייִדישע שרײַבער...“

„כײַקע גראָסמאן: מע קאָן פאָרלייגן, ס׳זאָל אין אונדזער אנערקענונג, אז מיר ווייסן ניט דאָס שאפן פון די שרײַבער אף ייִדיש, געזאָגט ווערן דאָס וואָרט לײַדער...“

„כ. ביידער: דאָס איז שוין א דערגרייכונג!“

„א. ווערגעליס לויבט שטארק די פריִדענקערישע און סאָציִאלע מאָטיוון פון פּאפּערניקאָווס לידער און פרעגט: „האָט איר, דאָס הייסט די מאכטהאָבנדיקע קאָמיסיע פון טעל־אוויוו, אים סאָפּקאָלסאָף אראָפּגע־פירט פונעם געדונגענעם בוידעם־צימערל, ווו, לויט אונדזערע באגריפן, איז נישט מעגלעך ניט צו לעבן, ניט צו שאפן פּאָעזיע?“

„אָרא נאמיר: איך פארשטיי ניט, וואָס איר רעדט דאָ...“

„כײַקע גראָסמאן: וועגן פּאפּערניקאָוון וועל איך איר שפּעטער דערציילן. בעסער זאָגט אונדז גענויער וועגן די שפּעערישע קאָנטאקטן. איז די פראגע אופ־געשטאנען בלויז אין דער לעצטער צײַט, צי אויך פריִער?..“

ווי ס׳איז צו זען, האָט דאָ כײַקע גראָסמאן זיך דערפילט א ביסל אומבאקוועם אין א סיטואציע, ווען זיי (די קנעסעט־דעפּוטאטן) האָבן עפּשער פארבלאָנד־זשעט אהין, וווהין זיי האָבן ניט באדארפט.

מ׳דארף צוגעבן, אז דערבײַ זײַנען אָנוועזנד געווען אויך צוויי מיטגלידער פונעם צק פון דער ראקאך־פארטיי: ר. כינין און סאלאם דזשובראן, וועלכע האָבן באם סאָף געזאָגט עטלעכע ווערטער, וואָס האָבן צו אונדזער רעפּליקע ניט קיין שײַכעס.

מיר ווייסן ניט, צי אונדזערע ווערטער וועלן דערגיין צו דער קנעסעט־דעפּוטאטקע אָרא נאמיר, דאקעגן גלייבן מיר, אז זיי וועלן יאָ דערגיין צו כײַקע גראָסמאן, ווען אירע כאוויירים וועלן זי אין דעם פארינטערעסירן.

וואָס שײַעך דעם נעוויִישן אויג פון כײַקע גראָס־מאן, וועלכע האָט שוין אין ניו־יאָרק אין 1946 גע־זען, אז ייִדיש איז טויט, דארף מען דאָס טאקע לאָזן וויסן אין אלע שויפרעס ייִסראָעל, — זאָלן ייִדן אין דער וועלט און אין מעדינע ייִסראָעל וויסן די נע־וויִעס פון דער אזוי קאָמפּעטענטנער מאפּאם־טוערן כײַקע גראָסמאן.

בלײַבט צו פרעגן: ווי האָט דאָס כײַקע גראָסמאן דערלאָזט, אז בעערעך אָנדערהאלבן צענדליק יאָר נאָך איר אורטייל אף ייִדיש אין ניו־יאָרק זאָל אין טעל־אוויוו געשאפן ווערן א ייִדישע אָפּטיילונג באם צק פון מאפּאם מיט א סטאבילער צײַטשריפט — „ייִסראָעל־שטימע“ און מיט א פארלאג „ייִסראָעל־בוך“? און ווי זאָל מען זיך באציִען צו די מאפּאם־כאוויירים, וועלכע זײַנען מיט איבערגעגעבנקײַט ארײַנגעטאָן אין דער ייִדיש־ארבעט?

וועגן אָרא נאמיר, דער פּאָרזיצערן פון דער קולטור־ און דערציִונגס־קאָמיסיע פון דער קנעסעט, בלײַבט אן אומאָנגענעמער און פײַנלעכער געפיל פון קולטורעלער אומטאקטישקײַט און אומוויסן, וואָס זי האָט דעמאָנסטרירט אינעם מאָסקווער דיִאלאָג.

בלײַבט ווידעראמאָל די אלטע קאשע: צו וואָס זײַט איר אהין געגאנגען — פארשעמען זיך און אויך אײַערע פארטיי־כאוויירים?

כ א י ם ב א ב י ט ש

„ייִסראָעל־שטימע“, טעל־אוויוו

א דערינערונג און א... שמייכל

אין דער „ייִסראָעל־שטימע" האָב איך געלייענט, אַז ווען מע האָט געפרעגט די כאַווערטע כײַקע גראָסמאַן, נאָכן צוריקקערן זיך פון איר באַזוך אין ראַטנפאַרבאַנד, צי זי האָט דאָרט געזען שמייכלענדיקע מענטשן, זאָל זי האָבן געענטפערט: „וואָס ווילט איר, אַז בײַ אַ 19־גראַדוסדיקן פראָסט זאָלן מענטשן שמייכלען?"

איך בין זיך מודה, אַז דער זאָג האָט בײַ מיר אַרויסגערופן סײַ אַ דערמאָנונג און סײַ אַ שמייכל.

לעבנדיק אין דער צײַט פון דער מילכאָמע אין סיבירער טייל פון קאַזאַכסטאַן, ווי אַן עוואַקויִרטער, איז מיר אָפט אויסגעקומען צו פאָרן מיט אָקסן, אײַנגעשפּאַנט אין אַ שליטן. און אָט, אין טעג, ווען דער פראָסט איז געווען אַ סאַך, אַ סאַך שטאַרקער ווי 19 גראַדוס, פלעג איך לויפן פאָרויס און זיך קעסיידער צוריקקערן צו זיי... און דאָך האָט דאָס מיר ניט געשטערט צו שמייכלען, ווײַל ס'איז געווען בײַ מיר גאָר אַ סאַך צײַט פאַר קלערן און פאַר דערמאָנונגען. ניט איין מאָל האָב איך זיך דערמאָנט זאַכן, וועלכע האָבן אַרויסגערופן בײַ מיר אַ שמייכל, און איך האָב גאָר ניט געפילט, אַז דער שמייכל זאָל פאַרפרוירן ווערן...

זעט אויס, אַז ניט יעדערער רעאַגירט גלײַך אויף די רוסישע פרעסט.

א. ערנסטער
„ייִסראָעל־שטימע", טעל־אוויוו

כראָניק

געווידמעט דער געגנט

די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט גרייט זיך אָפּצומערקן איר גאָלדענעם יובילײַ — 50 יאָר פון איר עקזיסטענץ. לעקאָוועד דער מערקווירדיקער דאַטע זײַנען אין פיל ביבליאָטעקן פון דער געגנט געעפנט ביכער־אויסשטעלונגען.

„די ערד — אַ באַנײַטע דורך מענטשלעכער מי" — אַזוי האָט מען אָנגערופן די ביכער־אויסשטעלונג אינעם פיליאַל נומ. 1 פון דער ביראָבידזשאַנער שטאָטישער ביבליאָטעק.

דאָ איז פאָרגעשטעלט די דאָקומענטאַלע ליטעראַטור, וועלכע באַווײַזט די אַנטוויקלונג פון דער געגנט אין די יאָרן פון איר עקזיסטענץ; דער פאָטאָ־אַלבאָם „די ייִדישע אויטאָנאָמע געגנט", די זאַמלונג „אויף די ברעגן פון דער בירע און בידזשאַן" א. אַנד.

ביראָבידזשאַן איז רײַך מיט זײַנע וווּנדערבאַרע מענטשן, וועלכע זעצן פאָר די טראַדיציע פון די ערשטע בויער. מיט זיי קאָן מען זיך באַקאַנען, לייענענדיק די זאַמלונגען „אין דער אײַנהײַטלעכער פרײַנטלעכער מישפּאָכע", „עס דערציילן די דעלעגאַטן פונעם XXVI צוזאַמענפאָר פון קפּסס", „אַ היים אין וואַלד", „די גליקלעכע ערד פון וואַלדהיים".

פּאָפּולער זײַנען בײַ די לייענער די ביכער „אַ פאָרפּאָסט פון העלדן", „דער עכאָ פון די פאַרטיזאַנישע סאָפּקעס".

אייניקע ביכער אויף דער אויסשטעלונג זײַנען געווידמעט דעם העראָיִזם פון די טוישווים פון דעם ווײַטן מיזרעך אין די יאָרן פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקײַט ציט צו די זאַמלונג „זייערע העלדנטאַטן זײַנען אומשטערבלעך" — וועגן די העלדן פון סאָוועטנפאַרבאַנד י. בומאַגין, פ. קאַגיקין, וו. קאַשטשייעווא, ג. לאָפּאַטין, וו. פּעלער, א. פּאַנאָוו).

אויף די פאָטאָ־בילדער אינעם זאַמלבוך „דער קאָמיוג פון כאַבאַראָווסקער קאַנט" זעט מען דעם אָנפירער פון די ביראָבידזשאַנער קאָמיוגיסטן אין די יאָרן פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, יעפים בערענזאָן, וועלכער איז אומגעקומען אין אַ ברענענדיקן טאַנק, דעם סעקרעטאַר פון געגנטקאָם פון קאָמיוג באָריס שעפּעטאָווסקי, וועלכער האָט אָפּגעגעבן דאָס לעבן, פאַרטיידנדיק לענינגראַד.

דער זיקאָרן זאָגט אונטער

שרײַבן בריוו אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ איז געוואָרן בײַ א גרויסער צאָל לייענער א באַדערפֿעניש. דער בריוו־אויסטויש צווישן אָט די ענטוזיאַסטן פֿונעם יידישן וואָרט מיט דער רעדאַקציע ברענגט, אויסער דעם פֿאַרגעניגן פון „אָפּריידן זיך פֿונעם האַרצן“, אויך א פּראַקטישע נוץ. מע קאָן אָנווײַזן אַ פּיל פֿאַלן, וועלכע זאָגן איידעס וועגן דעם, וויאַזוי די לייענער העלפֿן מיט זייערע בריוו דער רעדאַקציע פֿונעם זשורנאַל אין איר טעטיקײַט, טראָגן אַרײַן קאָרעקטיוון אין אירע פּלענער.

לאָמיר נעמען כאָטש איין פֿאַקט. אינעם נײַנטן נומער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד“ פֿאַרן פֿאָריקן יאָר איז געווען פֿאַרעפֿנטלעכט א בריוו־איבערזיכט, געווידמעט דעם זעכציקסטן יוביליי־יאָר פֿון פֿססר. פּובליקירנדיק אויסצוגן פֿון בריוו, וועלכע עס האָבן צוגעשיקט לייענער פֿון לענינגראַד, קאָראָסטען, סאַמאַרקאַנד און אַנדערע ייִשוּווים, האָט די רעדאַקציע ניט פֿאַרויסגעזען צו אילוסטרירן זיי מיט פֿאָטאָמאַטעריאַלן. די לייענערן פֿון דער שטאָט מינוסינסק אין כאַקאַסיע אַסיע גאַרבער האָט גלײַך רעאַגירט אַף דעם מיט א בריוו, אין וועלכן זי האָט געשריבן: „אינעם סענטיאַבער־ביכל פֿון אונדזער זשורנאַל דערציילט די רובריק „פּאָטשט פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד“ וועגן דעם, ווי די סאָוועטישע מענטשן לעבן אין אן איינהײַטלעכער מישפּאָכע — וויאַזוי זיי האָבן איבערגעלעבט די מילכאָמע און איצט טוען זיי אַלץ, אַז דאָס היימלאַנד זאָל ווערן מעכטיקער און שענער. א דאַנק דער רעדאַקציע, וואָס זי דרוקט אַזעלכע מאַטעריאַלן. אָבער איך, אַלס געזעלשאַפֿטלעכע פֿאַרשפּרייטערן פֿונעם זשורנאַל, האָב א טײַנע: ווינציק איז דער איבערזיכט אילוסטרירט. ס'וואָלט גוט געווען, אויב עס איז מעגלעך, פֿאַריכטן דעם איניען“..

די רעדאַקציע האָט זיך געווענדעט צו אירע קאָרעספּאָנדענטן מיט א באַקאָשע, זיי זאָלן צושיקן פֿאָטאָגראַפֿיעס. פֿרידע צאַלקינע, וועלכע האָט מילכאָמע־צײַט אָפּגעלעבט נײַן הונדערט טעג אינעם בלאָקירטן לענינגראַד, האָט זיך די ערשטע אָפּגערופֿן אַף דער באַקאָשע. זי שרײַבט: „פֿונעם בלאָקאַדע־פּעריאָד זײַנען בײַ מיר קיין פֿאָטאָגראַפֿיעס ניט פֿאַרבליבן. איך שיק אײַך א פֿאַרמילכאָמעדיקע פֿאָטאָ. אָט אַזאַ בין איך געווען ערעוו דעם קריג. קעדײַ איר זאָלט האָבן א פֿאַרשטעלונג וועגן מיר אין דער צײַט פֿון דער מילכאָמע, דאַרפֿט איר וויסן, אַז מײַן וואָג איז דאַן דערגאַנגען ביז דרײַסיק קילאָ — הויט און ביינער. איך האָב באַקומען די ערשטע אינוואַלידן־גרופּע, א סאַך יאָרן געווען צוגעשמידט צום בעט. די מעדיצין האָט מיך שוין אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, נאָר איך האָב זיך, אַפּצולאָכעס אַלע מאַלעכאַמאָוועסן, געשטעלט אַף די פֿיס — מײַן אויסגעפֿורעמט אין די בלאָקאַדע־טעג אַקשאָנעס, מײַן אָפּטימיזם האָבן מיך געראַטעוועט“.

א סאַך לייענער בעטן, מיר זאָלן אָפּדרוקן גאַבריעל מולאָקאַנדאָווס פֿאָטאָגראַפֿיע. וועגן דעם זינגער און פּראָפֿעסער פֿון פֿאָלקס־מוזיק, וועמען זײַנע פֿאַרערער האָבן געקרוינט מיט דעם העכסטן פֿאַר אַן אַרטיסט־וואָקאַליסט ניט אָפֿיציעלן טיטל — סאָלאָוויי, דערציילט אין זײַן בריוו אַבדוסאַלאַם סאַידזשאַנאָוו פֿון סאַמאַרקאַנד. מיר האָבן דעם בריוו ציטירט אינעם פֿאָריקן בריוו־איבערזיכט („סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 9 פֿאַרן 1982), פֿאַרופֿנדיק זיך אַף אים, ווי אַף נאָך איין באַווײַז, וויאַזוי האַנט־בײַ־האַנט, אין אַן אײנהײַטלעכער מישפּאָכע, לעבן פֿאַרשיידענע פֿעל־

פֿרידע צאַלקינע

קער פון אונדזער לאַנד. אינעם ייִדישן שטראָם פון דער אוזבעקיש־טאַדזשיקישער קולטור איז גאַבריִעל מולאָקאַנדאָוו געווען אַקטיוו טעטיק. מיר האָפן, אַז די לייענער וועלן מיט פאַרגעניגן אויפנעמען ג. מולאָקאַנדאָווס פאָטאָגראַפיע און די צייכענונג, וואָס עס האָט מיט פיל יאָרן צוריק געמאַכט דער באַוווּסטער ייִדישער סאָוועטישער קינסטלער אַרן העפטער.

קימאַט יעדן טאָג, אין משך פון קימאַט צוויי און צוואַנציק יאָר, זינט עס דערשיינט דער זשורנאַל, באַקומט די רעדאַקציע, צווישן אַנדערע, בריוו וועגן די קאָרבאָנעס און מאַרטירער פונעם היטלעריזם. הונדערטער אויסצוגן פון אַזעלכע מענטשלעכע דאָקומענטן זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אויף די שפּאַלטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד", אָבער זייער צופֿלוס איז אומויסשעפּלעך. די ווּנדן וועלן קיינמאָל ניט אויפהערן ווי טאָן. דער מענטשלעכער זיכּרון דאַרף האָבן א דייע אין דער הײַנטצײַטיקייט, מוז באַוואָרענען די צוקונפט. פאַר די העכער זעקס יאָרצענדליקער האָבן די פעלקער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד איבערגעלעבט א סך, און דאָס האָט פאַרהאַרטעוועט זייער אייניקייט.

דער וועטעראַן פונעם קריג און פון דער מי ראובֿן יאַלאָנעצקי, וועלכער וווינט אין קעשענעוו, האָט צוגעשיקט א רירנדיקן בריוו. יאַלאָנעצקיס פאָטער האָט פאַר דער מלחמה געלעבט מיט זײַן ווײַב און קינדער אין דעם דאָרף וועליקאַיאַ קאָסניצאַ, יאַמפּאָלער ראַיאָן, ווינניצער געגנט. די משפּחה, כּולל טאַטע־מאַמע, איז באַשטאַנען פון נײַן ברידער און דרײַ שוועסטער, אַלע קאָלווירטלער, אַלע עכטע האָרעפּאַשניקעס. דרײַ פון זיי זײַנען געווען ניט קיין חתונה געהאַטע, בעסוכעם דער אוטאָר פונעם בריוו. אין דער משפּחה האָט געהערשט אַן עמעסע פרײַנטשאַפט. אַלץ אײַנײַנעם: געטיילט פרייד און צאָרעס. אין די יאָמטויוויִם — בײַ אַן אַלגעמיינעם טיש, געהאָלפן איינער דעם אַנדערן אַרויסצוקריכן פון די שווערינקײַטן, געלעבט ווויל, געלעבט שיין, פונדערווײַטנס, רעטראָספּעקטיוו א קוק טאָן — געלעבט גליקלעך.

אָפּט הייבן מיר אָן שעצן, ווי עס דאַרף צו זײַן, דאָס גליק דאַן, ווען מיר פאַרלירן עס. די מלחמה האָט צעשטערט דאָס גליקלעכע לעבן פון דער צעצווײַגטער ייִדישער פויערשער דינאַסטיע. אַלע באַנים האָבן זיך געשטעלט אונטער דער ביקס, דאָס דאָרף וועליקאַיאַ קאָסניצאַ האָבן אײַנגיכן פאַרכאַפּט היטלערס פאַרבינדעטע — די רומענישע פאַשיסטן. זייער אָקופּאַציע איז געווען ניט קיין גרינגערע, איידער די דײַטשישע, אָבער טאַטע־מאַמע האָבן זיך אַלפינעס אַרויסגעכאַפּט פונעם פײַער. אומגעקומען זײַנען אַכט זין. פון די נײַן איז געבליבן איינער — אונדזער קאָרעספּאָנדענט. צו זײַן בריוו האָט ער

די פאָלקס־אַרטיסטן פון אוזבעקיסטאַן, די בוכאַרער ייִדן (פון רעכטס אויף לינקס): גאַווריִעל טאַלמאַסאָוו, גאַווריִעל מולאַקאַנדאָוו, מיכאַיִל מולייקאַנדאָוו. צייכענונג פון א. העפטער

צוגעלייגט א נומערירט טרויער־צעטל מיט אַן אויפשריפט:

זיי האָבן אַזוי געוואָלט לעבן, אַקערן די ערד, דערציִען קינדער! זיי זײַנען אָבער געפאַלן און געבראַכט געוואָרן צו קווּרע אין פאַרשיידענע ערטער פון דער פּלאַנעטע:

1. יאַלאָנעצקי איסאַק יאַקאָוולעוויטש — אומגעקומען הינטער סמאָלענסק, 18 אווגוסט, 1943.
2. יאַלאָנעצקי דאַוויד יאַקאָוולעוויטש — אומגעקומען בײַס זײַן טייל איז אָפּגעטראָטן, נאָיאַבער 1941.
3. יאַלאָנעצקי אַבראַם יאַקאָוולעוויטש — געפאַלן אין יאַנוואַר 1942 הינטער קאַמענקע, מאָלדאַווישע ססר.
4. יאַלאָנעצקי אַראָן יאַקאָוולעוויטש — אומגעקומען אין דער אַרומרינגלונג הינטער טשערניגאָוו, 1943.
5. יאַלאָנעצקי מאָרדכע יאַקאָוולעוויטש — געפאַלן בײַסן שטורעמען די שטאָט טואַפּסע, 1943.
6. יאַלאָנעצקי יאָסיף יאַקאָוולעוויטש — געווען שווער פאַרוווּנדעט הינטער דער שטאָט פּעטראָזאַוואָדסק, געשטאָרבן פון די ווּנדן אין 1944.
7. יאַלאָנעצקי מאָיסיי יאַקאָוולעוויטש — געפאַלן בײַס דער יאַסי־קעשענעווער אָפּעראַציע, אווגוסט, 1944.
8. יאַלאָנעצקי שעפּסל יאַקאָוולעוויטש — אומגעקומען אין דײַטשלאַנד אין טאָג פונעם זיג, דעם 9 מײַ 1945, געבראַכט געוואָרן צו קווּרע אין דער שטאָט ראָטעבורג, איצט דפר.

אַכט זין אָפּן מיזבייעך פונעם פאָטערלאַנד — א שווערע לאַסט פאַר טאַטע־מאַמעס הערצער. און דאָס איז נאָך ניט אַלץ — בלויז פאַרלוסטן אין די שלאַכטן. די היטלעראָווצעס האָבן דערשאָסן די טאָכטער ריווע מיט אירע פיר קינדער און די שנור

גאַווריִעל מולאַקאַנדאָוו

פייגע. די שנור עסטער מיט אירע צוויי קינדער האָבן די רומענישע פאַשיסטן לעבעדיקערהייט באַגראָבן אין דער ערד.

טויזנטער און טויזנטער קוואָרים, אָן מאַצייוועס און מיט מאַצייוועס, זײַנען צעזייט און צעשפּרייט אף די ראַכוועסן, ווו עס האָבן געטאָפּטשעט אונדזער סאָוועטישע ערד די אָקופּאַנטן. די לעבנגעבליבענע וועלן ניט פאַרגעסן יענע, וואָס זײַנען אומגעקומען און אומגעבראַכט געוואָרן. און דאָס קומט פאָר ניט נאָר לעשעם די אוועקגעגאַנגענע, נאָר אויך צוליב די קומענדיקע דורעס.

אין רעדאַקציע איז אָנגעקומען א קאָלעקטיווער בריוו — עס שרײַבן פינף געוועזענע פראָנטאָוויקעס: יאָסיף בערנשטיין, א זעניטלער, אן אָנטיילנעמער אין די שלאַכטן פאַר סטאַלינגראַד; גריגאָרי ביי־געלמאַן, אן ארטילעריסט, האָט פאַרטיידיקט מאָסקווע; מייער סאַנקעס, אויך אן ארטילעריסט, האָט פאַרטיידיקט סטאַלינגראַד; סרול ווײַנער, א סאַפּיאָר אפן צווייטן אוקראַיִנישן פראָנט; איסאַק כאַזיניוק — א פּאַטאַ־קאַרעספּאָנדענט אף פאַרשיידענע פראָנטן.

אלע זײַנען זיי געבוירן געוואָרן אינעם שטעטל יאַנאָוו, קאַלינאָווסקער ראַיאָן, וויניצער געגנט. אין 1941, ווען די פאַשיסטן זײַנען אַרײַן אין שטעטל, איז די ייִדישע באַפעלקערונג פאַרשפּאַרט געוואָרן אין געטאָ. דעם 30 מײַ 1942, שאַבעס קאַיאַר, האָט מען די אויסגעמאַטערטע פון הונגער און קרענק מאַנצבלען, פרויען און קינדער אַרויסגעטריבן פון די פערד־שטאַלן אין דער געטאָ און אוועקגעפירט צום יאַר לעם דער אײַזנבאַן־סטאַנציע, ווו עס זײַנען געווען צוגעגרייט גריבער־קאַנאַוועס. העכער טויזנט מענטשן זײַנען דערמאָרדעט געוואָרן אין יענעם טאָג. אייניקע האָבן געפּרוווט זיך קעגנשטעלן די טאַליאָנים. יאַנקל כלעבאָפּראַס, אשטייגער, באַוועמען ס'האָט זיך פאַרהיט א כאַלעף, איז אָנגעפאַלן אף א פאַשיסטישן אָפיצער און אים איבערגעשניטן דעם גאַרגל. עטלעכע יונגעלײַט זײַנען אַנטלאָפן פון דער קאַלאָנע, א שטיק צײַט זיך אויסבאַהאַלטן בא אוקראַיִנישע באַקאַנטע, נאָר די פאַשיסטן האָבן זיי אויסגעזוכט און אויך דערהארגעט.

יעדן יאָר, דעם 30 מײַ, פאָרן זיך צונויף קיין יאַנאָוו אף קייווער־אָוועס די געוועזענע דאָרטיקע טושעווים. אין 1982 האָבן זיי אָפּגעמערקט דעם פערציקסטן יאָרטאָג פון דער שכיטע אינעם שטעטל. דער יאַנאָווער טוישעוו ב. בלעכערמאַן האָט פאַרפאַסט א ליד, געווידמעט זײַן אומגעבראַכטער היים: „ניטאָ מײַן שטעטעלע יאַנאָוו״...

בײַ דער פאַשיסטישער אינוואַזיִע זײַנען צוויי טויזנט ייִדן פון פּיריאַטין, פּאָלטאַווער געגנט, אומגעבראַכט געוואָרן. יאָר־יערלעך, דעם 18 מײַ, קומען צו פאָרן אף קייווער־אָוועס די קרויווים און פרײַנט פון די פאַרמוטשעטע. אף די מיטינגען, וועלכע ווערן אײַנגעאָרדנט אין אָט דעם טאָג, טרעטן אַרויס מיט רעדעס, אויסער די אייגענע פון די קדושים, אויך די אָנפירער פון צוויי שכײַנעסדיקע ראַיאָנען. וועגן

אף קייווער־אָוועס אין יאַנאָוו

מ. קאַפּלון באַם דענקמאָל אין פּערוואָמײַסק

דעם האָט אונדז אָנגעשריבן דער כאָווער אי. טענ־צער. „די סטעזשקע צום מאָנומענט ווערט ניט פאַר־וואַקסן" — שרײַבט ער אין זײַן בריוו.

אין דער שטאָט פּערוואָמײַסק, ניקאָלײַעווער געגנט, איז אויפגעשטעלט געוואָרן א דענקמאָל אין אָנדענק פון די אומגעבראַכטע בעשאַס דער היטלער־רישער אָקופּאַציע. די איניציאַטיוו האָט אַף זיך גע־נומען א גרופּע מילכאָמע־וועטעראַנען בעראָש מיטן כאַווער מיכאַיל קאַפּלון. אַלעמאָל, ווען די לעבעדי־קע זאַמלען זיך צונויף בא די קוואָרים פון די גע־פאַלענע, בלײַבט מען שטיין אין שטילשווײַגן בא דער ערנוואַך פון סאָוועטישע סאָלדאַטן. אָט דער שטילשווײַגן רופט, שרײַט, פאָדערט. מע טאָר ניט דערלאָזן, עס זאָל אויסברעכן א נײַע מילכאָמע! דער פרידן אַף דער וועלט מוז פאַרהיט ווערן!

גרויס איז געווען דער ווײ און דער בראָך פון אונדזער פילנאַציאָנאַל סאָוועטיש פאָלק בייס דער פאָטערלענדישער מילכאָמע, אָבער ניט ווײניקער האָט זיך אַנטפּלעקט זײַן מוט. דער שטראָם פון בריוו אין רעדאַקציע טראָגט אין זיך אַלץ נײַע און נײַע פאַקטן פון גוורע און מענטשלעכער סאָלידאַריטעט, פון גוטהאַרציקײַט און פעלקער־פרײַנטשאַפט.

טאַטיאַנע באַכטינאַ וווינט אינעם יישעוו פּער־שאָטראַוונעווי, אָווורוטשער ראַיאָן, זשיטאָמירער געגנט. „איך האָב געלייענט אײַער זשורנאַל, — שרײַבט זי אונדז, — ווו עס גייט א רייד וועגן א ייִדיש מיידל, וועמען די אַנדערע מענטשן האָבן אין די יאָרן פון דער פאַשיסטישער אָקופּאַציע געראַטעוועט דאָס לעבן. מיר האָט זיך אויך פאַרגלוסט אײַך דערציילן, וויאַזוי איך בין אין די צײַטן פון דער קאַטאַסטראָפע ניצל געוואָרן. נאָר כ'האָב זיך לאַנג אָפּגעהאַלטן דאָס צו טאָן, און ניט דערפאַר ווײַל איך בין א שטאַרק שעמעוודיקע, איך האָב פּאָשעט געטראַכט, אַז בלויז מײַן ערנוואָרט איז קאַרג, קעדיי די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימ־לאַנד" זאָל אָן א ספּעציעלער אויספאָרשונג, אָן פאַרפינקט־לעכן די פאַקטן, ארײַנשטעלן מײַן גוויִעס־איידעס אין זשור־נאַל. איצט, ווען אין אונדזער ראַיאָנער צײַטונג איז אָפּגע־דרוקט אַן ארטיקל וועגן מיר, מיין איך, אַז די לאַגע האָט זיך געענדערט. איך וואָלט געקאָנט דעם מאַטעריאַל פּאָר־נעם ארטיקל פאַרברייטערן, קאָנקרעטיזירן, כ'וואָלט גע־בראַכט צוגאָב־פאַקטן, וואָס וואָלטן נאָך מער באַשטעטיקט דעם עכטן עמעס וועגן דעם, וויאַזוי איך, אין די פינצטערע כאַדאָשים פון דער פאַשיס־טישער קנעכטשאַפט, אין די סאַמע קאָמפּליצירטע און גע־פאַרלעכע אומשטענדן, האָב אַף יעדן שריט און טריט גע־פילט די שטיצע פון מײַנע אוקראַיִנישע און רוסישע ברידער און שוועסטער. נאָר מיר דאַכט זיך, אַז שוין אַליין דער דערשײַנענער אין נאָיאַבער 1982 אין אונדזער אָווורוטשער אוקראַיִני־שער צײַטונג אַטשערק וועגן מיר, א ייִדישער פרוי, איז אָן און פאַר זיך א מערקווירדיקע דערשײַנונג, וועלכע עס וואָלט געווען ווינטשנסווערט אָפּצומערקן אין „סאָוועטיש היימלאַנד". דעריבער שיק איך אײַך די צײַטונג מיט דער פאַרצייכענונג פון מ. כאַ־דאַקאָווסקי אָן צוגאָב־מאַטעריאַלן. אויב איר קאָנט, נוצט אויס אָט די פּובליקאַציע".

אַוואַדע איז געוויכטיק דער אוקראַיִנישער לערער מ. כאַדאַקאָווסקי, ווען ער הייבט אָן דעם פאַר־טרויִלעכן שמועס וועגן טאַטיאַנע באַכטינאַ, זײַן קאָ־לעגע, מיט א צווייישורעדיקן עפּיגראַף, וועלכן מע קאָן פאַרטײַטשן אזוי: דער גרויסער שיקזאַל פון מײַן פאָטערלאַנד איז געוואָרן יעדן איינעמס פּערז־זענלעכער גורל. אונדזער לײַבלעך סאָציאַליסטיש היימלאַנד איז אומבאַזיגבאַר מיט דער פעלקער־פרײַנטשאַפט, וואָס עס האָט אויסגעכאָוועט און אויסגעפעסטעט די לענינישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי. דאָס האָט זיך באַזונדערס בוילעט אַרויסגעוויזן אין די היסטאָרישע שלאַכטן פון דער גרויסער פאָטער־לענדישער מילכאָמע.

אין יענע יאָרן האָבן זיך אין די רייען פון דער זשיטאָמירער פּאַרטיזאַנישער פאַרייניקונג אַקסל צו אַקסל געראַנגלט זין און טעכטער פון 38 נאַציאָנאַ־ליטעטן — סאָוועטישע בירגער און אויסלענדער, צווישן זיי אויך דער קריגער פונעם אָטריאַד אַף באַזשענקאַס נאָמען טײַבל סלאָבאָדיעצקאַיאַ.

ערעוו דעם קריג איז זי געווען א לערערן, א פריילעכע, לעבנסלוסטיקע. אונטערריכטנדיק אין א דערפל לעבן אָווורוטש, האָט זי זיך אויסגעלערנט אקערן און זייען, שנײַדן און סקירדעווען די טווע, האָדעווען און מעלקן די באַהיימעס. די יונגע לע־רערן האָט דעמלט קיין אַנונג ניט געהאַט, אַז דאָס אַלץ, צוזאַמען גענומען, רופט מען גליק. זי האָט עס

פארשטאנען שפעטער, ווען די פאשיסטן האָבן פאר־שפארט אין זשיטאָמירער געטאָ די ייִדן, און צוזא־מען מיט אלעמען — זי מיט אירע עלטערן און קרובֿים.

טײַבל האָט דערפילט דעם קויעך פון ווידער־שטאנד, ווען מע האָט געגומען אָפּשיקן די געטאָ־אסירים אין דעם באַגונער קאָנצלאגער. איר טאטע און די מאמע זײַנען אומגעבראכט געוואָרן פאר אירע אויגן. עמעצער אין האמוין האָט אויסגעשריגן: „ראטעוועט זיך!״ זי האָט אופגעוואכט. און כאָטש ס׳האָט געגומען שיסן א קוילנוואָרפער, האָט זי אל־פּי־נעס אויסגעמיטן דעם בלוטיקן מאבל.

נאָך לאנגע וואָגלענישן, אויסבאהאלטנדיק זיך אין וועלדער און אַף בײַסוילעמס, א הונגעריקע, אויסגעצערטע, קומט זי סאָפּקאָלסאָף אָן אין אנדרו־שעווסקער ראיאָן. זי נארט אָפּ די פּאָליצײַען, טראכט צו א לעגענדע: זי איז קלוימערשט א דערצויגלינג פון א קינדערהויז, אין די דאָזיקע קאנטן זוכט זי איר מומע. מע גלייבט איר ניט. אין דער טשער־וואָנענסקער פּאָליצײַ־אופּראווע שטעלט מען זי אַף א קרײַץ־פארהער. טײַבלס פּאָנעם פארמאָגט ניט קיין אויסגעשפּראָכענע ייִדישע שטריכן, און דאָס האָט זי אויסגעלייזט. דער בורגאָמיסטער שיקט זי אוועק פאר א דינסט צו זײַן מוטער. ברוטאל באציט מען זיך דאָרט צו איר.

די וואזע מיט שאָלעם־אלייכעמס פּאָרטרעט

טאטיאנע באכטינע

נאָר עס מישן זיך ארײַן סאָוועטישע פּאטריאָטן. זיי העלפן טײַבלען זיך ארויסרײַסן פון געגעם. עמעס, אפן נײַעם אָרט דראָעט איר ווידער א געפאר: די היטלעראָווצעס קלײַבן זיך זי אָפּשיקן אַף קאָ־טאָרגע קיין דײַטשלאנד.

א גליקלעכער צופאל פירט זי צונויף מיט איר בען־איר, דעם סאָוועטישן אָפיצער־אוויאָדעסאנטלער פ. סערגייטשוק. ער איז געשיקט געוואָרן ספּעציעל אין פאשיסטישן הינטערלאנד, קעדיי זיך פארבינדן מיט די זשיטאָמירער פּארטיזאנער. סערגייטשוק און זײַנע כאווײרים העלפן טײַבלען אנטלויפן קיין נאָ־רינסק, און פונדאָרטן איז שוין דער וועג צו די פּארטיזאנער א גלײַכער.

דער פּארטיזאנישער קאָמאנדיר מיקאָלא פּארכאָ־מענקאָ באפוילט דעם סאניטארישן אינסטרוקטאָר וואָס גיכער שטעלן אַף די פיס טײַבלען, היילן זי, האָדעווען — גאָרניט זשאלעווען צוליב דעם.

אין פּארטיזאנישן אָטריאד איז טײַבל געוואָרן א קעכן, א סאניטארקע. דערנאָך פלעג מען זי נע־מען אַף ספּעציעלע פארגעבונגען — מינירן בריקן און די אײַזנבאַן. זי האָט ניט געוווּסט קיין שרעק אינעם קאמף קעגן סוינע. באזונדערס האָט זי זיך אויסגעצייכנט באם באפרײַען די שטאָט אָווּרוטש.

נאָך דעם קריג איז זי ווידער א לערערן. זי האָט כאסענע מיט איר רוסישן קאָלעגע נ. אי. באכטין. לערערנס זײַנען אויך אירע טעכטער לאריסע און כאנע.

מיר פארענדיקן דעם הײַנטיקן איבערזיכט מיט א רעפּראָדוקציע פון א וואזע, וועגן וועלכער עס האָט דערציילט אין זײַן בריוו ס. בענציאַנאָוו פון פּאָלאָנע. די דאָזיקע וואזע מיט שאָלעם־אלייכעמס פּאָרטרעט האָבן געשענקט דעם פּערעיאסלעוו־כמעל־ניצקער ליטעראַרישן מוזיי אפן שרײַבערס נאָמען די ארבעטער פון דעם פּאָלאָנער פּאָרצעלײַ־זאוואָד.

ארבעטער אפן „דאלעסעלמאש”: שלאָסער־מאָנטאזשניקעס פון קאָמבײַנען (פון רעכטס א לינקס) באָריס בריסקמאַן, אלעקסאנדער קיריטשענקאָ, איוואן שליינינג.

אין דער ביראָבידזשאנער נײַ־פאבריק — צוויי כאווערטעס: ליובאָוו קאָזלאָווא (סעקרעטאר פון דער צעכאָווער קאָמיוגישער אָרגאניזאציע) און דאָרע מײַמינע (פארזיצער פון דער גרופּע פון פאָלקס־קאָנטראָל).

א בריגאַדע שלײַפֿערס אין דאַלסעלמאַש (פֿון רעכטס אױף לינקס) א. אַפֿאַנאַסקין, דער אָנפֿירער פֿון דער בריגאַדע יע. פֿאַליער, ג. קוראַטש, װ. שעבאַלין.



א יוגנטלעכע בריגאַדע פֿון עלעקטראָשװײסער אױפֿן זאַװאָד פֿון הראַפּט־טראַנספֿאָרמאַטאָרס (פֿון רעכטס אױף לינקס) ל. ראָזענבערג, ד. דרוקער, יו. באָלדאַטשעװ, װ. רוסאַקאָװ.

אױף דער בױונג פֿון א נײַעם מיקראָ־ראַיאָן אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן (פֿון רעכטס אױף לינקס): די בױער ל. גורעװיטש, װ. פּיליאָװ, או. גאַבדולין, א. װאַזשנין און ס. שוסטעראָװ.




מאטעריאלן פאר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

קאַמענעצקי יוסף
(1876 — ?)

— פּעדאַגאָג, איבערזעצער. געבוירן אין פּינסק, ווײַסרוסלאַנד. צו 14 יאָר אָנגעקומען זיך לערנען אין ווילנער ייִדישן לערער־אינסטיטוט. אין 1896 געוואָרן א לערער אין נעוועל, וויטעבסקער גובערניע, זיך אָנגעשלאָסן אין דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג, אָרגאַניזירט דעם ערשטן שטרײַק פון די דאָרטיקע בערשטער. אין 1902 זיך באַזעצט אין ווילנע און געאַרבעט אַלס לערער פון נאַטורוויסנשאַפט און געשיכטע אין רוסיש־ייִדישע מיטלשולן. געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער ייִדישער סעקציע פונעם אַלרוסלענדישן לערער־פאַריין. אין די יאָרן 1908—1915 זיך באַטייליקט אין דער ליטעראַריש־מוזיקאַלישער געזעלשאַפט, איבערגעזעצט אַף ייִדיש לידער און איינאַקטערס פאַר קינדער, געדרוקט אַרטיקלען איבער פראַגן פון ייִדישער פּעדאַגאָגיק. שפּעטער געאַרבעט אין די ייִדישע שולן פון ניזשעגאָראָדער גובערניע, אין טולע, ריאַזאַן, וולאַדימיר, טאַמבאָוו, וואָראָניעזש, סאַראַטאָוו. פאַר די ייִדישע שולן אָנגעשריבן עטלעכע פּיעסן, אײַנסצענירט שאָלעם־אַלייכעמס „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס", איבערגעזעצט אַף ייִדיש די ווערק פון וו. זשוקאָווסקי, מ. לערמאָנטאָוו, נ. נעקראַסאָוו, פ. טיוטשעוו און אַנד. זינט 1922 — אין מאָסקווע, געאַרבעט אַלס לערער פון געאָגראַפיע אין אַן אַרבפאַק, צונויפגעשטעלט א געאָגראַפישע כרעסטאָמאַטיע מיט אָריגינעלע באַשרײַבונגען (צוליב דעם באַזוכט קאַווקאַז, דאָנבאַס, מורמאַנסקער געגנט, שטעט אַף דער וואָלגע, לעניניגראַד), געדרוקט פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע און געאָגראַפישע אַרטיקלען און רעצענזיעס אין דער צײַטונג „דער עמעס", אינעם זשורנאַל „אַף די וועגן פון דער נײַער שול".

ווערק: די ערד — א ווערקשטוב פאַרן מענטשן, כרעסטאָמאַטיע פון פיזישער געאָגראַפיע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פּראָדוקציע. ערשטער טייל, 1־טע העפט, מאָסקווע, צענטרפאַרלאַג, 1925; ערשטער טייל, 2־טע העפט, דאָרטן; צווייטער טייל: אונטערערדישע קויכעס, אויצרעס פון דער ערד און מעסיקע לענדער, דאָרטן, 1928; דריטער טייל: הייסע און קאַלטע לענדער, דאָרטן.

ביבליאָגראַפיע: ז. רייזען, לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע, דריטער באַנד, ווילנע, 1929, ז. 452 — 454.

קאַנטאָר יאַנקל
(1886 — ?)

— פּובליציסט, געזעלשאַפטלעכער טוער. געבוירן אין מינסק, ווײַסרוסלאַנד. זיך אָנגעהויבן דרוקן אין 1906. נאָך דער רעוואָליוציע פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אַף פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און בילדונגס־טעמעס. זינט 1925 — מיטגליד פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן באַם וווציק, פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פונעם אוקראַיִנישן „קאָמערד". אין די יאָרן 1928—1937 געווען א מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פונעם פּעדאַגאָגישן כוידעש־זשורנאַל „ראַטנבילדונג".

ווערק: וואָס דאַרף וויסן יעדער בירגער צו די וואַלן אין די ראַטן, כאַרקאָוו, מעלוכע־פאַרלאַג, 1926; (צוזאַמען מיט מ. מײַדאַנסקי) לעניניס רוף, לערנבוך פאַר ווייניק־אייווערדיקע, צווייטער טייל. קיִעוו, „קולטור־ליגע", 1926; צוהילף דעם שטעטלדיקן לערער, זאַמלונג. קיִעוו, „קולטור־ליגע", 1926; צוהילף דעם איבערוואַנדערער. קיִעוו, „קולטור־ליגע", 1926 צווייטע אויסגעבעסערטע און פאַרברייטערטע אויפלאַגע. כאַרקאָוו, „געזערד", 1928); צען יאָר נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פון דער ראַטנמאַכט. כאַרקאָוו, צענטרפאַרלאַג, 1927; וואָס דאַרפן מיר וויסן וועגן די ראַטן. כאַרקאָוו, צענטרפאַרלאַג, 1929; ראַטנבויונג אין דער ייִדישער סוויווע. קיִעוו, „קולטור־ליגע", 1928; די ייִדישע באַפעלקערונג אין אוקראַיִנע. כאַרקאָוו, מעלוכע־פאַרלאַג, 1929; די ייִדישע באַפעלקערונג אין אוקראַיִנע (לויט דער פאָלקס־ציילונג פון 1926 יאָר). כאַרקאָוו, מעלוכע־פאַרלאַג, 1929; ראַטנבויונג צווישן די ייִדישע מאַסן, מאָסקווע, „עמעס", 1932; די ייִדישע ערד־אײַנאָרדענונג אַף אוקראַיִנע, מאָסקווע „געזערד", 1929; צו דער האַרבסטיקער פאַרזיי־קאַמפּאַניע. כאַרקאָוו, צענטרפאַרלאַג, 1929; די קאָלעקטיוויזירונג פון די ייִדישע פּויערים אין אוקראַיִנע. מאָסקווע־כאַרקאָוו־מינסק, 1930; (צוזאַמען מיט א. טשעמערינסקי, א. מערעזשין) דאָס פערטע יאָר ייִדישע ערד־אײַנאָרדענונג (רעדעס אַפן צוזאַמענפאָר פון 1931 יאָר). מאָסקווע — כאַרקאָוו — מינסק, צענטרפאַרלאַג, אַלוקראַיִנישע אָפּטיילונג, 1931.

ביבליאָגראַפיע: ז. רייזען, לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראַטור, פּרעסע און פילאָלאָגיע, דריטער באַנד, ווילנע, 1929, ז. 460־462; ח. שמרוק. פרסומים יהודיים בברית המועצות; כ. פ.־ל, וועגן י. קאַנטאָרס „צוהילף דעם איבערוואַנדערער", זשורנאַל „רויטע וועלט" (כאַרקאָוו), נומ. 1. 1927.

ДЛЯ ИЗУЧАЮЩИХ ИДИШ — פאַר די, וואָס לערנען יידיש

Окончание урока XIX — סאָף פונעם לימעד XIX

אופגאַבע 9*: שרײַבט ארויס די נײַע ווערטער, לייענט און זעצט איבער די פראַגמענטן פון שאָלעם־אַליכעמס ווערק:

נײַע ווערטער: 1) אופהייבן; 2) דער אײַנבינדער, ־; 3) אײַנטונקען; 4) אר׳ויספאַלן; 5) אר׳ויסשפּרינגען; 6) אר׳ײַנגיין; 7)ביידע; 8) גענ׳וג; 9) די זײַט, ־ן; 10) טרייסלען; 11) ניסן; 12) „ס׳שרײַבט!“; 13) דער עמער, ־; 14) דאָס פּאַפּ׳יר, ־ן; 15) די פאַס, פעסער; 16) די פלאַש, פלעשער; 17) די קאַווענע, ־ס; 18) דאָס קערעלע, ־עך; 19) רעכט; 20) די שטוב, שטי־בער.

1) поднимать; 2) переплётчик, -и; 3) обмакнуть (перо...); 4) выпадать; 5) выпрыгнуть; 6) входить; 7) оба, обе; 8) довольно, достаточно; 9) страница; сторона; бок, -а; 10) трясти; 11) чихать; 12) «Пишет!»; 13) ведро, -а; 14) бумага, -и; 15) бочка, -и; 16) бутылка, -и; 17) арбуз, -ы; 18) семечко, -и; ядрышко, -и; 19) порядочно; сильно; 20) дом; хата; изба.

טעקסט: 1) „א גוטע קאַווענע, אַז מע טוט א רעכטן טרייסל, טוען די קערעלעך א פאַל אר׳ויס — און דעמלט עסט, וויפל איר ווילט“. 2) די מאַמע גייט אוועק קויפן פלעשער, און מיר נעמען גיסן וואַסער אין פאַס אר׳ײַן. 3) נאָך יעדן עמער טוט ער (מײַן ברודער עליע) א הייב אוף די האַנט און א זאָג: „גענ׳וג!“. 4) נאָכדעם טוט ער א טונק אײַן די פען אין פאַס און א שרייב אר׳ײַן אין ווײַסן פּאַפּ׳יר אר׳ײַן און א זאָג צו זיך אל׳יין: — „ס׳שרײַבט!“ 5) „דער אײַנבינדער גייט אר׳ײַן צו אונדז אין שטוב אר׳ײַן און שפּרינגט אר׳ויס צור׳יק... 6) ער כאַפּט זיך מיט ביידע הענט בא די זײַטן און ניסט געשמ׳אַק. 7) נאָך יעדן ניס טוט ער א שפּרינג אונטער... און טוט א ניס, און ווידער א שפּרינג אונטער און ווידער א ניס און אַז׳וי ווײַטער...“ (שאָלעם־אַליכעם).

Ключ к заданию 9: 1) У хорошего арбуза, если его как следует потрясти, семечки сразу выпадают, и тогда... 2) Мама уходит покупать бутылки, а мы принимаемся заливать воду в бочку. 3) после каждого ведра он (мой брат Эле) рывком вскидывает руку вверх и изрекает — «хватит!» 4) Затем он быстро обмакивает перо в бочку, чиркает что-то по белой бумаге и сказанет, обращаясь к себе самому: — «Пишет!». 5) «Переплетчик входит к нам в дом и выскакивает обратно... 6) Он хватается обеими руками за бока и чихает всласть. 7) После каждого чихания он подпрыгивает, снова чихнет, опять подпрыгнет и вновь чихнет и так далее...»

Урок XX — לימעד XX

אינהאַלט: I. גראַמאַטיק: מאָמענטאַלע ווערבן (פאַרגאַנגענהײַט, צוקונפט)
II. איבונגען אין פראַגמענטן צום לייענען און איבערזעצן.

§ 36и. **Форма прошедшего времени** однократно-мгновенного действия состоит из **формы прошедшего времени** вспомогательного глагола [тон] или [гебн], артикля [а] и слова, обозначающего действие, например:

Прошедшее время — פאַרגאַנגענהײַט

Единств. число — אײנצאָל

1. Я прыгнул — 1. איך האָב א שפּרונג געט׳אָן
2. Ты прыгнул — 2. דו האָסט א שפּרונג געט׳אָן
3. Он прыгнул — 3. ער האָט א שפּרונג געט׳אָן

Множеств. число — מערצאָל

1. Мы прыгнули — 1. מיר האָבן א שפּרונג געט׳אָן
2. Вы прыгнули — 2. איר האָט א שפּרונג געט׳אָן
3. Они прыгнули — 3. זיי האָבן א שפּרונג געט׳אָן

Или же: — אָדער:

Вместо прошедшего времени вспомогательного глагола [тон] употребляется прошедшее время вспомогательного глагола [гебн].

1. איך האָב א שפּרונג געגעבן
2. דו האָסט א שפּרונג געגעבן און אַזוי ווײַטער...

(**Примечание:** В образце спряжения слова, выделенные шрифтом, — [hоб гетон] или [hоб гегебн], — это сложные формы прошедшего времени соответствующих вспомогательных глаголов — [тон] или [гебн]).

Задание 1. Выучите вышеприведенный образец спряжения наизусть.

Задание 2*. Перепишите нижеследующие предложения, употребляя словосочетания мгновенного действия, — (они выделены шрифтом), — в форме прошедшего времени:

1) די מאמע טוט א קלאַפּ מיט דער טיר. 2) רוווּן טוט א קוק, 3) א בוים טוט א סקריפּ און א פאַל. 4) דער וואַגאָן גיט א ציטער. 5) דער ברודער עליע טוט א זאָג: — „ס׳שרייַבט!“ 6) דער איַינבינדער גיט א שפּרונג אונטער און טוט א ניס. 7) אנטאָשע טוט א זונג.

שליסל צו דער אופגאבע 2: 1) די מאמע האָט א קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר. 2) רוווּן האָט א קוק געטאָן. 3) א בוים האָט א סקריפּ און א פאַל געטאָן. 4) דער וואַגאָן האָט א ציטער געגעבן. 5) דער ברודער עליע האָט א זאָג געטאָן: — „ס׳שרייַבט!“ 6) דער איַינבינדער האָט געג׳עבן א שפּרונג אונטער און האָט א ניס געטאָן. 7) אנטאָשע האָט א זונג געטאָן.

Задание 3. Предложения ключа к заданию 2 переведите на русский язык. Обращайте внимание на время глагола. Перевод слов смотри в уроке XIX.

אופגאבע 4*: שרייַבט ארויס די ניַיע ווערטער, לייענט און זעצט איבער די פאָלגנדיקע פראַגמ׳ענטן:

ניַיע ווערטער: 1) אויסטרינקען; 2) אונטערזינגען; 3) אופרייַסן (זיך); 4) אָן; 5) אָפּווישן; 6) אָפּשליַידערן; 7) באָנים (איינצאָל — דער בען); 8) דער בויגן, ־ס; 9) בלענדן; 10) דער בעז; 11) דאָס ברויט, ־ן; 12) גלעזערן; 13) געג׳ומען; 14) די דאַמבע, ־ס; 15) דרייען (זיך); 16) האַלב; 17) דער האַרבסט, ־ן; 18) ווויל; 19) דער ווייטעק, ־ן; 20) זעצן; 21) א זעץ טאָן; 22) די טרובע, ־ס; 23) ליב; 24) די ליפּ, ־ן; 25) דאָס לייַב, ־ער; 26) מוירעדיק; 27) מעכטיק; 28) דער מעל׳אַמעד, מעל׳אַמדים; 29) נאַכמען; 30) פאַרבייַסן; 31) פלינק; 32) דער פרילינג, ־ן; 33) צאַרט; 34) צוטראָגן; 35) דער רועך, רוכעס; 36) די שאַפע, ־ס; 37) די שוועגערן, ־ס; 38) שווער; 39) דאָס שטיק, ־ער; 40) דאָס שטיקל, ־עך; 41) שלייַדערן; 42) שמעקן.

1) выпить; 2) подпевать; 3) взрывать(ся); 4) I — без; II — о, об, обо (например, «споткнуться, удариться, опереться **обо** что-то); 5) стереть; 6) отбросить, отшвырнуть; 7) «сынки» (мн. число от «сынок»; с пренебрежительным оттенком); 8) I — лист (бумаги, газеты и т. п.); II — лук (для стрел); 9) ослеплять; 10) сирень; 11) хлеб, -а; 12) стеклянный, со стеклами (например, шкаф); 13) взят, занят; 14) дамба,-ы; 15) вертеть(ся), крутить(ся), кружить(ся); 16) половина, наполовину; 17) осень, -и; 18) мило, дорого, любо; 19) боль, -и; 20) I — сажать; II — садануть, ударять; 21) ударить, стукнуть; 22) труба, горн; 23) любо, любимый, мило, приятно; 24) губа, -ы; 25) тело; 26) страшно, ужасно; 27) могучий, мощный; 28) «меламед» — учитель в религиозной начальной школе (хедере); 29) Наум (имя); 30) закусить; 31) быстро, ловко; 32) весна; 33) нежно; 34) (при)подносить; 35) злой дух, дьявол; 36) шкаф; 37) невестка (жена брата); 38) тяжело, трудно; 39) штука, кусок; 40) кусочек; 41) швырять, отбрасывать; 41) I — пахнуть; II — нюхать.

טעקסט: (1) „נאַכמען דער סטאָליער איז געקומען מיט זייַנע צוויי באָנים, אויך סטאָליערס, און מע האָט געג׳עבן א נעם אונדזער גלעזערנע שאַפע, טאַקע ווי דער רועך דעם מעל׳אַמעד“. (2) אז דאָס פּעסל איז געוואָרן אָנגעפּילט העכער האַלב, (3) האָט מייַן ברודער עליע א זאָג געטאָן: „גענוג!“ (4) ער האָט אייַנגעטונקען די פּען אין פאַס און געג׳עבן עפּעס א שרייַב אָפן ווייַסן בויגן פאַפּ׳יר. (5) דאָס אָנגעשריבענע האָט ער צוגעטראָגן דער מאַמען, נאָכדעם צו מייַן שוועגערן בראָכע. (6) דיביידע האָבן געגעבן א קוק אר׳ייַן און א זאָג צו אים: — „ס׳שרייַבט!“ (שאָלעם-אַלייכעם). (7) „ווי ווויל, ווי ליב, ווי צאַרט עס האָט א קלונג געטאָן — „געג׳ומען ב׳יעזשין!“ (8) עס האָט אין האַרבסט א שמעק געטאָן מיט קיעווער פרילינג, מיט קיעווער בעזן“ (ע. פינינבערג). (9) „פלוצלינג האָט א בלענד געטאָן פאַר די אויגן א שטיק פייַער, אָפּגעשלייַדערט אין א זייַט און א זעץ געטאָן אָן דער ערד — ניט ווייַט האָט זיך אופגעריסן א דייַטשישע באָמבע“ (נאָטע לוריע). (10) „ער האָט א כאַפּ געטאָן די טרובע, א שלייַדער געטאָן אָפּן דיל און געג׳ומען שרייַען ניט מיט זייַן קאָל“. (11) „זי האָט א כאַפּ געטאָן שאָלעמקען פאַר דער האַנט, געג׳ומען זיך דרייען מיט אים איבערן צימער און אונטערגעזונגען“. (12) קאַמסקי האָט פלינק אויסגעטרונקען, אָפּגעווישט די ליפּן, א שמעק געטאָן א שטיקל ברויט און געג׳ומען פאַרב׳ייַסן“. (13) דער באַלעב׳אָס האָט אים א רוף געטאָן, ער זאָל זיך גיכער שטעלן ארבעטן“. (14) „ער האָט זיך א דריי געטאָן און דער׳פילט א מוירעדיקן ווייטעק אין גאַנצן לייַב“ (אי. דרוקער).

דאָצענט — שימען סאַנדלער

Lightning flassed in the dark, a storm burst overhead,
And they were welcomed with a thunder-shower of lead.

This is what the poet has to say about the fighting spirit of the rehels in the Warsaw Ghetto:

Hundreds of unexpected barricades. House basements
And cellars were made into fortified emplacements.
Each house let fly a bullet at the enemy,
Each gateway spurted fire—a fearful sight to see.

The fascists had blundered:

They truly thought that they would find here when they came
Mere humble slaves bowed down beneath a yoke of shame,
Who could not even see a ray of light ahead.
But Moscow's spirit reigned. The Ghetto rose instead!

Prose in our current issue is represented by the beginning of Part II of Kievan Grigory Polyanker's novel, "The Fate of an Artist" (like Part I, it traces the life and work of a highly gifted member of the contemporary Soviet intelligentsia). We are also publishing the continuation of the late Mira Khenkina's novel, "In Petlyura's Patrimony"; new short stories by Boris Sandler of Kishinev and Moishe Pens of Makhachkala; a creative essay by Yuri Dokuchayev of Moscow about the cosmonaut Boris Volynov; and the memoirs of Chaim Tamarkin of Moscow about the years of struggle for Soviet power in the Ukraine and the contribution made to that struggle by the young Soviet Jewish literature.

For the seventieth birthday of well-known Jewish prose writer and dramatist, Buzi Miller of Birobijan, we are publishing a selection of his latest stories about the people of the Jewish Autonomous Region.

There are new verse cycles by Grigory Reles of Minsk (for his seventieth birthday) and Lev Berinsky of Moscow.

Critic Moishe Margolin of Moscsow has contributed an article about the novel "A History of a Certain Love" by Note Lury'e. There is an essay, "The Memory of the Screen", by Boris Cheinin and Maria Sementsova of Moscow, and a research study, "Designing for Stage Productions Based on Jewish Themes", by historiographer Israel Kovelman of Moscow.

There are also the traditional features: "Praders' Letters Answered", "Returning to the Printed Word", "Review of Readers' Letters", "Material for a Lexicon of Soviet Jewish Literature" and "An Aid to those learning Yiddish".

Supplement: Konstantin Dolgov
"The Moral Culture of Developed Socialism"

RÉSUMÉ

«Sovietish Heimland» («The Soviet Homeland»)
No. 4, April, 1983

"With the aid of a computer, Swiss scientist Jean-Jacques Babel has estimated that in the last 6,000 years alone, there have been 14,513 wars in which 3,640 million human beings were killed. Certain politicians in Europe and America today are evidently lacking in imagination, otherwise the ghosts of these thousands of millions slain by the sword, fire and lead would rise before the indifferent eyes of the "accountants of death". It never occurs to them that we walk over the graves of our remote forbears and those of them who fell in one of those wars are asking silently, but with pain and reproach: "How long? How long will you of the present time allow the barbarians, those who thirst for war, to burn, kill and trample peoples down into the ground again? How long will you let your vigilance be lulled by the myth of "limited" wars? And what war, with the technology of murder available today, can remain "limited"? And can a man care about the name applied to a war in which he must perish anyway?""

Such are the questions put by leading Soviet writer Alexander Chakovsky in his article, "Literature and the Fate of the World" ("Pravda", 31 July 1982), and readers seek the answer in the literary works being created today. "Sovietish Heimland" is opening its April issue with a Yiddish translation of this article.

Very urgent and timely are the following lines in it:

"The Soviet people and the Soviet government do not want war. This is not only proved by facts from the sphere of politics; it is confirmed by our literature. The great Russian critic, Belinsky, once said: "...literature is the consciousness of the people, the flowe and fruit of its spiritual life". Who can refute the fact that Soviet literature is inspired by strictly peaceful aims? In the many tens of our country's languages, works are being written that are imbued with a feeling for internationalism and the fraternal unity of people. The message of our books is the struggle for peace, the desire to understand people of good will in other countries".

Certain events of the not-so-distant past reveberate in the memory, echoing an alarm about the destinies of peoples which lends particular force to the appeals and demands that contemporary literature should actively speak out for the preservation of peace on Earth. One such event was the Warsaw Ghetto uprising against the fascist murderers; its fortieth anniversary is being commemorated in April this year. On connection with this occasion, "Sovietish Heimland" is printing, in abridged form, "Ghosts of the Warsaw Ghetto" by Itsik Fefer, one of the founders of Soviet Jewish poetry.

The ruthless fascists thought that they would hear once more
The cringing words of meekness: "We were slaves before..."

ланд» печатает с сокращениями поэму одного из основоположников советской еврейской поэзии Ицика Фефера «Тени Варшавского гетто». В этой поэме мы читаем:

Фашисты наглые пришли услышать снова
Слова покорности: «Рабами были мы...»
Сверкнула молния средь непроглядной тьмы —
Их буря встретила, их встретил дождь свинцовый.[1]

О боевоем духе бойцов Варшавского гетто в поэме сказано:

Здесь, что ни шаг, встают преград внезапных сотни,
Здесь превратились в дот и погреб и подвал.
И пулю каждый дом врагу вдогонку слал,
И веяло огнем из каждой подворотни.

Фашисты просчитались:

Покорных и тупых, не видящих просвета
Рабов, согнувшихся под бременем стыда,
Надеялись они застать, придя сюда.
Царил здесь дух Москвы. Здесь подымалось гетто!

Проза в этом номере «Советиш геймланд» представлена началом второй части романа Григория Полянкера (Киев) «Судьба художника» (как и в первой части, опубликованной в 3—5 номерах журнала за 1982 год, прослеживается здесь жизненный и творческий путь щедро одаренного человека, современного советского интеллигента); продолжением романа ныне покойной Миры Хенкиной «В вотчине Петлюры»; новыми рассказами Бориса Сандлера (Кишинев) и Моисея Пенса (Махачкала); художественным очерком Юрия Докучаева (Москва) о космонавте Борисе Волынове; воспоминаниями Хаима Тамаркина (Москва), о годах борьбы за советскую власть на Украине и вкладе в эту борьбу молодой советской еврейской литературы.

По случаю семидесятилетия известного еврейского прозаика и драматурга Бузи Миллера (Биробиджан) публикуется подборка его новых новелл о людях Еврейской Автономной области.

С новыми стихотворными циклами выступают Григорий Релес (Минск) — в связи с семидесятилетием поэта и Лев Беринский (Москва).

Критик Моисей Марголин (Москва) печатает статью о романе Нотэ Лурье «История одной любви»; Борис Шейнин и Мария Семенцова (Москва) — искусствоведческий очерк «Память экрана», историограф Израиль Ковельман (Москва) — исследование «Художественное оформление спектаклей с еврейскими сюжетами».

Читатель найдет в этом номере традиционные рубрики: «Отвечаем на вопросы читателей», «Возвращаясь к напечатанному», «Обзор писем читателей», «Материалы для лексикона советской еврейской литературы», «В помощь изучающим идиш».

[1] Здесь и дальше — перевод *В. Бугаевского.*

Приложение к номеру: Константин Долгов
«Нравственная культура развитого социализма»

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 4, апрель, 1983 г.

«Швейцарский ученый Жан-Жак Бабель, используя ЭВМ, подсчитал, что только за последние 6.000 лет люди пережили 14.513 войн, в которых погибло 3.640 миллионов человек! Некоторые современные политические деятели Европы и Америки, видимо, лишены воображения, иначе призраки этих миллиардов людей, погибших от меча, огня или пули, встали бы перед равнодушными глазами «бухгалтеров смерти». Им не приходит в голову мысль, что все мы ходим по могилам наших далеких предков, и те из них, кто пал в одной из войн, безмолвно, но с болью и укоризной спрашивают: «Доколе?! Доколе вы, нынешние, будете позволять варварам, жаждущим войны, снова убивать, сжигать и втаптывать людей в землю? Доколе будете позволять усыплять свою бдительность сказочками об «ограниченных» войнах? Да и какая война при современной технике убийства может остаться «ограниченной»? И не все ли равно человеку, как будет называться та война, в которой ему предстоит погибнуть?».

На вопросы, поставленные выдающимся советским писателем Александром Чаковским в его статье «Литература и судьба мира» (Газета «Правда» от 31 июля 1982 года), читатели ищут ответ в произведениях, которые мастера современной литературы создают в наши дни. «Советиш геймланд» открывает свой апрельский номер за 1983 год этой статьей в переводе на идиш.

Весьма актуальны и своевременны следующие строки в статье Александра Чаковского:

«Советский народ, Советское правительство не хотят войны. И об этом свидетельствуют не только факты из сферы политики. Это подтверждает наша литература. Некогда великий русский критик Белинский сказал, что «...литература есть сознание народа, цвет и плод его духовной жизни». Кто сможет опровергнуть факт, что советская литература воодушевлена сугубо мирными целями? На многих десятках языков нашей Родины создаются произведения, пронизанные чувством интернационализма, братского единения людей. Пафос наших книг — в борьбе за мир, в стремлении понять людей доброй воли в других странах».

Есть события недалекого прошлого, которые обращены непосредственно к нашей памяти, перекликаясь с той тревогой о судьбах народов, которая придает особую силу призывам и требованиям, чтобы современная литература активно выступала за сохранение мира на земле. Одним из этих событий является восстание Варшавского гетто против немецко-фашистских народоубийц, сороколетие которого отмечается в апреле текущего года. В связи с этой датой «Советиш гейм-

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР
Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер,
Г. Полянкер, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:

главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан

Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 28.01.1983. Подписано к печати 18.03.1983 г. Формат 70×108¹/₁₆. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 80 коп. Зак. 1858.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1983 г.

Цена 80 коп.
70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

А. Чаковский. Литература и судьба мира.
Рассказы Б. Миллера, Б. Сандлера, М. Пенса.
Г. Полянкер. Судьба художника (роман, продолжение).
Стихи Г. Релеса, Л. Беринского.
К 40-летию восстания в Варшавском гетто. И. Фефер. Тени Варшавского гетто (отрывки из поэмы).
Из творческого наследия. Неопубликованные очерки Н. Забары, М. Талалаевского, М. Грубиана.
Наш космический уголок. Ю. Докучаев. Покоритель мустангов.
Найденные рукописи. М. Хенкина. В вотчине Петлюры (роман, окончание первой части).
Литературная критика. Вопросы искусства. Библиография.
М. Марголин. О романе Нотэ Лурье «История одной любви». И. Ковельман. Художественное оформление спектаклей на еврейские сюжеты. Б. Шейнин, М. Семенцова. Память экрана. Г. Покровский. Космонавтика и изобразительное искусство.
Этнография. П. Калика, Ю. Юшваев. Горские евреи.
Листая журналы и газеты. По следам выступлений «Советиш геймланд». Почта журнала. Хроника. В помощь изучающим идиш. Материалы для лексикона еврейской советской литературы.
Резюме на русском и английском языках.

1983
№ 4